STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03668

# BILDER UN HUMORESKIN

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# געזאמלטע שריפטן

צווייטער באַנד

*

פאַרלאַג „קולטור־ליגע" ווארשע

שלום אש

# בילדער און הומאַרעסקען

*

פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע" וואַרשע

קויפֿן און פֿאַרקויפֿן דאָס בוך אין אַמעריקע פֿאַרבאָטן

:: געדרוקט פֿון פֿריִער־צוגעגרייטע מאַטריצן ::
:: :: װאַרשע 1925 אין 1000 עקזעמפּלאַרן :: ::

COPYRIGHT BY SCHOLOM ASCH
NEW YORK 1921

דרוקערײַ „פֿעניקס“ װאַרשע, גראַניטשנע 14

SZ. ASZ — SZRIFTEN
WYD. „KULTUR-LIGA" WARSZAWA 1925

Druk. „Feniks" Warszawa, Graniczna № 14

# בילדער און הומאַרעסקען

# אלטע לייט

בלומעלע איז היינט געשטאַנען ביי די „פישלעך“.

נו, איז אין פיש־מאַרק געווען אַ לעבען, ווער מיר גוטס גינט. מתתיהו חרון, איהר אַלטער, האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיט׳ן שותף און מחותן צום „ליטוואַק“ מאַכען די כוסה — פיהרט דאָ בלומעלע דאָס רעדעל. גאַנצע קופּקעלעך פישלעך אויף צו האַקען גיט זי אַוועק צו צוועלף גראָשען און לעגט נאָך צו אַ קליין העכטעל. זי וויל דאָך דאָ ווייזען, די פּריצ׳טע, וואָס פאַר אַ ברייטע האַנד זי האָט, אַז זי טראָגט דעם שירץ מיט די קעשענעס.

ביים צווייטען טישעל שטעהט די שותפ׳טע און די מחותנת׳טע שרה פייגעלע — פּלאַצט איהר דאָס אַ ביסעל די גאַלכעלע: — ס׳אַרא בלומעלע! פאַר איהר רייכען האַלז, בדיל און דל וועט מען דאָ ווערען.

זי האָט שוין געוואָלט עטליכע מאָל צוגעהן צו בלומעלע׳ן ניט לאָזען פערקויפען, — וועט דאָך ווייטער אַרויסקומען אַ חתונה. נור אַט קומען שוין אָן די אַלטע שכורים מיט די פּיפּקעלעך אין מויל.

— קופּיעץ (סוחר) מיינער, וואו האָסטו דיך אַוועקגעלעגט? — טענה׳ט יענע.

מתתיהו חרון געהט צו זיינער צו, אַביסעל שכור׳ערהייד קלאַפּט ער בלומעלע׳ן אין רוקען: „הע, רודערסט היינט אין די כלים אַרום?“ בלומעלע ענטפערט ניט.

— ווייבער, צו צוועלף גראָשען אַ קופּקעלע, ווייבער, פיש אויף שבת! — קלימפּערט בלומעלע מיט די ברייטע קעשענעס פון שירץ.

שרה פייגעלע האַלט עס שוין ניט אויס; קלאַפּט זי מיט די פויסטען אין טיש: געוואַלד, בדיל הדל וועט מען דאָך ווערען!...

---

יעדער פון די שותפים האָבען אין געשעפט אַריינגעלעגט צו זעכצעהן גילדען, שוין מיט אַ יאָהר 38 צוריק, און פון די זעכצעהן

גילדען האלט זיך נאך דאס געשעפט ביז היינטיגען טאג. נאר ניט שטענדיג לעבט מען גוט. אז עס קומט אמאל א שבת־צו־נאכט און מען מאכט דעם חשבון, קומט טיילמאל ארויס א מחלוקת, — נור מעסערס צו נעהמען, אבער דאס שותפות האקט מען ניט אב. ווי אזוי? אז מען האט שעפער בשותפות׳דיגע, קאמערס בשותפות׳דיגע, און היינט חזקות בשותפות׳דיגע, בלייבט מחלוקת ביי מחלוקת און דאס געשעפט געהט ווייטער.

נאר די ווייבער, די ווייבער — זאל גאט דער איינציגער אבהיטען. מען האט איינע די צווייטע פיינד אויף טויט און לעבען און מען רעדט אוים איינע אויף די צווייטע, וואס אין דער קארט שטעהט ניט, און קומט א שותף נאך מיטאג צו גאסט צום צווייטען אריין, איז איהם די שותפ׳טע מכבד מיט א גלעזעל יום־טוב׳דיגען ווישניק, און גיט א מאך אזוי היגטען ארום צו שטעכען די שותפ׳טע:

— זאל דער מהותן פערזוכען. אין דער היים האט ער דאס דאך ניט. ווי האט די מחותנת׳טע צייט ווישניק צו מאכען?

נאר דאך טרעפט זיך אמאל, אז די מהותנת׳טעס און די שותפ׳־טעס מאכען צווישען זיך שלום. דאס טרעפט זיך ביי צוויי סבות: ביי א שמחה, אדער (אלעם ניט געדאכט!) ביי א צרה; קומט אן אייניקעל צו, אדער (זאל גאט אבהיטען) קומט אן אייניקעל אב, בעטען זיך די מחותנת׳טעס איבער. יא, נאך איינמאל אין יאהר, דאס איז ערב יום־כפור ביי ליכט בענשען, פון דער הוילער הויט פאלט אריין איין אידענע צו דער צווייטער און צוואוויינט זיך און מען צוקושט זיך. אבער עס קומט נור מוצאי יום־כפור, קלאפט איין אידענע אן דער צווייטער אין לאדען:

— עס בלייבט ביים אלטען...

---

אין גאמבינער׳ס הויז וואוינט דאס פאאר־פאלק — מתתיהו חרון מיט דער אידענע.

באלד נאך דער חתונה האט מען זיך אין דער שטוב אריינגעצוי־גען און אזוי האלט מען זיך אן איהר ביז׳ן היינטיגען טאג. אט אין דער שטוב האבען זיך די קינדער ערצויגען, אויסגעהאדעוועט און דער־נאך אין דער וועלט געגאנגען: קיין אמעריקא, קיין קאנאדא, קיין טראנסוואאל, וואו איינעם האט זיין מזל געטראגען. דריי באלקען האט

די שטוב; דער מיטעלסטער, דער דיקסטער איז די „רבי'צין", און די צווי דינערע פוןביידע זייטען זיינען די „דין'טעס". אויפ'ן נאגעל, אין דעם מיטעלסטען באלקען הענגט אן אלט הענגלייכטער'ל בעקליידעט מיט א פאפירענעם קליידעל, וואס מען טהוט עס אן יעדען ערב פסח. א גאנץ יאהר וואוינען אין די „בלומען" פון קליידעל די פליעגען און מעהרען זיך דארט און פרוכפערען זיך, און נעהמען איין דאס שטי־בעלע מיט זייער זשומען, און דאס קליינע הענגלייכטער'ל קוקט זיך צו אלץ צו, וואס עס טהוט זיך אב אין שטיבעל, און שווייגט, ווי א שטומע מוהמע. עס ווייסט פון אלץ, הערט אלץ און רופט זיך מיט קיין ווארט ניט אן... אין מיטען שטוב שטעהט א פיערקאנטיגער טיש, אין דעם טיש זיינען אויסגעקריצט פערשידענע „היינגעלעך", „ציעגען־וואלף",— א זכר פון די שפיעלען אין חנוכה־נעכט. און א סוד וועל איך אייך איינרוימען, אז א שפארינע איז דא אין טיש אין שופלאד אריין, וואס מענדעל לעבען (דער יונגער זוהן) האט געמאכט אין איהם, בעהאלטע־נערהייד, כדי פון שופלאד געלד ארויסצו'גנב'ענען יעדען פרייטאג צו נאכט, ווען טאטע־מאמע שלאפען... אין א ווינקעל שטעהט אן אלטער אויווען, וואס פערנעהמט א דריי־פערטעל שטוב. דער אלטער „פעטער" איז שוין לאנג אויסגעקיהלט געווארען אויף דער עלטער, נאר די בעלי־בהים געדענקען נאך זיינע גוטע יאהרען. ווען מען האט איהם אין א פרייטאג־צו־נאכט איינגעהייצט, האט ער אזא ווארעמקייט פון זיך ארויסגעלאזען, נור דערשטיקט צו ווערען. און ניט איינמאל האט זיך געטראפען, אז מתתיהו חרון מיט בלומעלע'ן האבען גע'חלש'ט הינטער די דעקען פאר הייסקייט. צווישען דעם אויווען און דעם אלמער ליעגען עפעס פערשיעדענע חפצים אנגעלעגט: אלטע זעלנערשע מונדירען, באנדעס, פאסקעס און נאך אזעלכע „חפצים", וואס מען קען קיינמאל ניט דערגרונטעווען. צווישען די חפצים שטייגט ארויס אן אלטע נעה־מאשין פון תרח'ס צייטען מיט א „קאליער" נאך. די מאשין איז אן איבערבלייבעניש נאך פון מתתיהו חרון'ס שניידעריי, מיט וועלכער ער האט גענעהט פויערשע מאנטלען אויף די מערק (דאס איז נאך געווען איידער די קינדער זיינען אוועק קיין אמעריקא און האבען פון דארטען צעהן דאלאר יעדען חודש געשיקט). נאר די מאשין האט אין זיך אזא מאשינעריע, אז מען דארף אויף איהר ארבייטען מיט די פיס, און דרעהען מיט די הענד, און זי כארבעלט אזוי, ווי מען וואלט אן אקס

געשאָכטען... ביי ביידע ווענד שטעהען צוויי בעטען, און די בעטען זיינען אויפגעבעט מיט פערינעס, — נים מיט קיין פערינעס, נור מיט איין פערינע, וועלכע האָט געגרייכט ביז צום באַלקען, און וועלכע האָט אין זיך געהאַט אַלע פעדערן פון די אַלע געגז און קאַטשקעס, וואָס די אידענע האָט נור געשאָכטען פון צייט איהר חתונה אָן. דאָס איז געווען אַ פערינע, פון וועלכער מען האָט אַרויסגעפּומפּט אויף אויסשטייער בעט־געוואַנד פאַר קינדער און אייניקלעך — און די פערינע בלייבט אַלץ פערינע. אַט אין די בעטען זיינען געבוירען געוואָרען די צוקינפּ־טיגע בירגער פאַר אַמעריקא, קאַנאַדאַ, אַפריקא און וואו די וועלט האָט נור אַן עק...

ביי אַ פוס פון איין בעט איז צוגעבונדען אַן אַלטע קאַץ שוין זיבעצעהן יאהר. מען וואָלט שוין געמעגט די קאַץ אויפבינדען, וואָלט זי אויך שוין ניט אַנטלאָפען, נור אַזוי קומט עס — אַ קאַץ דאַרף זיין צוגעבונדען ביי אַ פוס פון בעט. איבער די בעטען הענגען צוויי בילדער, געגעראַלען, משונה'דיגע „נאַפּאַלעאָנען". אין דעם שפּיגעלע ביי אַ וואַנד שטעהען אַריינגעשטעקט די פאָטאָגראַפיעס: מתתיהו חרון זיצט אויף אַ שטוהל און קוקט אין אַ ספר אַריין, און בלומעלע שטעהט נעבען איהם (די קינדער אין אַמעריקא האָבען פערלאַנגט דורכאויס, אַז טאַטע־מאַמע זאָלען זיך אָבפאָטאָגראַפירען), און אין דער צווייטער זייט שפּיגעלע שטעהט אַריינגעשטעקט די אייניקלעכ'ס פאָטאָגראַפיעס פון אַמעריקא: דריי אינגעלעך שטעהען אָהן היטלען און האַלטען ביכער אין האַנד. ביי דער טהיר שטעהט דער שראַנק, אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי ציעגעל, און די שויבען־אַלמערלעך האַלב אויסגעקלעפּט מיט פּאַפּיער. עס זעהט זיך אַרוים פון שראַנק אַ זילבערנער בעכער מיט אַן אַלטער בשמים־פּושקע (די ירושה פון עלטערן...) און אויפ'ן אַלמעריל — אַ פּאָאַר נאַקעטע ספרים, און איינס אין מיטען מיט גרויסע אותיות אויפ'ן רוקען „מחזור". אויפ'ן שראַנק צווישען די ספרים זעהט זיך אַ גרויסע פלאַש, אַרומגעשטעלט מיט אַ גרויען בויגען פּאַפּיער, דאָרט שטעהט ווישניק. בלומעלע איז אַן אויסברענגעריין און וויל זיך דורכ־אויס פיהרען, ווי די נגידים, און שטעלט אויך אָן ווישניק. קומט אַ שבת נאָכ'ן שלאָף, ווען דער אַלטער טהוט זיך אָן די ברילען און נעהמט זיך פאַר'ן גרויסען ברכי נפשי און עס קומט אַריין דער מחותן, האָט זי אַ הנאה צו דערלאַנגען צום טיש אַ גלעזעל ווישניק. דורכ'ן גאַנצען

יאהר שטעהט דער ווישניק און מען פערגינט זיך ניט צוצוריהרען צו איהם. עס קומט פאר פסח, האט מען מורא, אז ער זאל ניט איבער־בלייבען אין יום טוב, נעהמט מען זיך איהם אויסטרינקען. די אלטע קענען זיך דאך ניט פערגינען אין א גלאטען וואכענטאג ווישניק צו טרינקען, בלייבט איבער א רעכט ביסעל צום ביעור־חמץ. קומט ערב פסח און בלומעלע זעהט ווי אנטעק דער סטרוזש האלט די פלאש מיט'ן ווישניק און זופט פון איהם מיט'ן גאנצען מויל, פלאצט איהר שיער ניט די גאל פאר ענמת נפש: געה, ארבייט פאר עשיו'ן...

אין געסעל וואו די פענסטער געהען ארויס, שטעהט א פלומפ, צו דעם פלומפ קומען אן די וואסערטרעגער יעדען פארנאכט מיט די קענדלעך נאך וואסער. אויף דער עלטער, אז די קינדער פון אמעריקא שיקען די אלטע א פאאר דאלאר וועכענטליך, האט דער אלטער די שניידעריי אוועקגעווארפען, און זיצט א גאנצען טאג פאר'ן פענסטער און קוקט אין גאס אריין צום פלומפעל. די אלטע ביים אויוען שטריקט א זאק. איהר פערדריסט עס, וואס דער מאן געהט ארום לעדיג, כאטש זי ווייסט, ער האט ניט וואס צו טהון. נאך די פישלעך פאהרט מענדעל, נור זי האט שוין א מנהג צו מורמלען, פרעטענזיעס צו האבען אזוי גלאט איך־דער־וועלט־אריין. דער אלטער ווייסט פון דעם מנהג און מאכט זיך גאר ניט וויסענדיג.

— מאנסבילען זיצען זיך ביים פענסטער מיט לעדיגע הענד. — פאלט זי אין מיטען העלען טאג אן אויפ'ן מאן.

דער אלטער ענטפערט ניט.

— מישען זיך אין אלץ אריין, וואס געהט עס דיך אן? — קומט זי ארויף אויף אנאנדער ענין.

דער אלטער רופט זיך גאר נישט אן.

דאס קען זי שוין ניט פערטראגען.

— מאמע, מאמע, האסט מיר א מאן געגעבען — וואס האט ער מיר דעם קאפ פערדרעהט, ליעבער וואלט איך איבערגעבליעבען אן אלטע מויד אין טאטען'ס שטוב.

דעם אלטען נעהמט א געלעכטער אן: זי האט זיך דערמאהנט א מעשה פון 62 יאהר צוריק — האסט דו געהערט?

— ווילסט אפשר אהיים לויפען צו טאטע־מאמע קיין לענטשיץ?

קאנסט עס, איך וועל דיר אסור חזיר נאכלויפען. — וויצעלט זיך דער אלטער.

— אלטער גזלן, רוצח, וואס ביזט דו מיר געקומען מיין לעבען אוועקנעהמען?

דער אלטער זעהט, אז עס געהט אין די גדולות אריין, טהוט ער זיך אן דעם אויסגעריבענעם פוטער און געהט אין בית־המדרש אריין.

אז ער קומט אהיים, געפינט ער שוין דעם טיש געדעקט מיט'ן אלטען שניפּטיכעל, און דאס יאיכעל קאכט זיך אין קיך (ער האט עס געוואוסט, זי זאגט נור אזוי, אבער אין אמת'ן איז זי נישט אזוי שלעכט ווי זי מאכט זיך).

ווייסט, האבען זיך היינט חצקל און בערעל אין בית־המדרש געקריגט! — הויבט ער אן, דער אלטער, דערצעהלען א מעשה אין דער וועלט אריין.

— אזוי, פאר ארענטליכע מענשען פאסט עס, — שאקעלט זי צו מיט'ן קאפּ — וואס דען האבען זיי צו טהון?

און דאס אלטע פּאר־פאלק זיצען זיך ביים קליינעם אלטען טישעל, ביי דער קליינער אלטער לאמפּ, און מען עסט זיך דאס קליינע אלטע יאיכעל — און מען פערגעסט פון אלע גליקען פון פריהער...

---

זיי האבען געהאט א זוהנ'עלע, האט מען איהם גערופען מענדעללעבען — איז דאס געווען א בחור'ל פון דער „סאמאראדנער" חברה. דער טאטע האט איהם ארויסגעווארפען, די מאמע האט איהם אבער בשתיקה אריינגעשטעקט א פּאאר גראשען, א העמד און דערגלייכען. די גאנצע שטאדט האט איהם געהאלטען שוין פאר א פערפאלענעם, האט מען אבער מענדלען פאר א זעלנער גענומען. ער האט אבגעדיענט פיער יאהר, און וואס זאגט איהר דערצו? מענדעל איז געווארען א ליים ביי פּאניען, אוועקגעווארפען די ווייסע חברה און געהט יעדען שבת מיט'ן טאטען אין דער חברה פישער דאווענען און קריעגט טהילמאל אן עליה אויך, און מען הייבט שוין אן מענדלען שדוכים צו רעדען.

אמאל זיינען די שותפים געפאהרען צום טייך נאך פיש, די אלטע האבען זיך געזעצט ביים ברעג, און אויפ'ן שיפעל איז געפאהרען מענדעל מיט צוויי גוים די נעצען אריינגעלאזען אין וואסער. געוועזען איז עס אין א זומער־טאג, מנחה־צייט. א לייכט ווינטעל בלאזט און דאווענט

איבער'ן וואסער. דאָס וואסער, אביסעל צווויעגט אין זיין דאָס, יאָגט איין כוואַליע אין די צווייטע אריין. מענדעל ציהט מיט די מענשען דאָס נעץ פון וואסער און ווארפט די פישלעך אין טון אריין, זיצען די אַלטע און רעדען צווישען זיך אזוי:

— ווייסט, דיין מענדעל איז געוואָרען אַ גאַנץ אָרענטליכער מענש, — רופט זיך אָן נאָטע וואָלף.

— ניט ווערטה קיין דרייער, — מאַכט מיט די הענד דער פאטער — דער אייגענער וואָס געוועזן.

— נו, נו, אַ גוטער יונג, וויל אַ גראַשען פערדיענען — ווארפט נאָטע וואָלף אַ בליק צו מענדלען, ווי ער ציהט דאָס נעץ פון וואסער.

— ווייסט, דיין גיטעל איז אַן אָרענטליך קינד, אין דער מאַמען געראָטען. — רופט זיך אָן מתתיהו חרון.

— אַ, נישט ווערטה קיין דרייער, אזוי ווי די מאַמע, אזוי די טאָכטער.

— נו, נו, אַ גוטע מויד, ארבייט אַ גאַנצען טאָג, ווי אַן עזעל, און שבת — אַ פערגניגען אויף איהר צו קוקען.

די אַלטע שווייגען אַ מינוט און קוקען אין וואסער.

דאָס שיפעל שווימט צו צום ברעג מיט אַ פולען נעץ פיש לכבוד שבת. מען ציהט דאָס נעץ פון שיפעל און מען לעגט די פיש אין די פעסער אריין.

דערווייל ווערט נאַכט. אַ נאַכט אויפ'ן דאָרף, נאַכט צווישען בוימער, פעלדער און וואסער... ביים עק דאָרף שטעהט אַ קרעטשמע; געהען די אַלטע דאָס האַרץ זיך דערכאַפּען. מען דערלאַנגט בראַנפען צום טיש מיט אַ צוויי זעמעל. מענדעל שטעהט אין אַ ווינקעל ביים אויוון, נאָטע וואָלף גיט אַ ווינק צו איהם:

— מאַך, מענדעל, די ברכה!

מענדעל נעהמט דאָס גלעזעל אין האַנד אריין און קלערט אַ מינוט. ער וויל זאָגען „לחיים", שעמט ער זיך, עפּעס אַן אָרענטליכער מענש... נישט זאָגען — פּאַסט דאָך אויך ניט. די אַלטע פערשטעהען.

— נו, לחיים, מענדעל, אם ירצה השם חול המועד! — קלאַפּט איהם נאָטע וואָלף איבער די פּלייצעס.

דערנאָך, אז מענדעל איז ארויס צו די פערד, מאַכט נאָטע וואָלף אזוי צו מתתיהו חרון:

— הער, גוטער ברודער!

— וואָס אַזוינס?

— עך, שטעל אַ ניינציגער, מיר זיינען דאָך עפּעס ניט פון היינט. וואָס געווען איז געוועז. האָרך, גוטער ברודער, דיין בחור געפעלט מיר, געפעלט מיר, ווי איך בין אַ איד. אַ יונג וויל פּערדיענען אַ גראָשען, אַ יונג מיט ביינער, ער געפעלט מיר. מען זאָגט מענדעל חזיר, — כאַפּט זיי די כאָלעריע, ווער איז בעסער געוועזן אין זיינע יאָהרען? מיר אודאי נישט (מתתיהו חרון שמייכעלט). נישט אַזוי? שבת אויפ׳ן זשאַכלינער וועג... געדענקסט, ברודער? — קיצעלט נאָמע וואָלף מתתיהו חרונ׳ען.

— כ׳געדענק, כ׳געדענק. און וואָס ווילסטו?

— וואָס איך וויל? גאָר נישט וויל איך. דיין בחור וויל איך. אַ מויד האָב איך, ווי זי איז, איז זי, אָבער מיין קינד איז זי, און ווער איך בין — ווייסט דו אויך. נישט קיין רב, נישט קיין דין, נור — אַ פישער. און אַ פישער ביזט דו אויך, און ווי די פישערס פיהרען זיך, פיהרען זיי זיך, און אונזערע קינדער וועלען אויך פישערס זיין מיט גאָטס הילף, און ווער עס וויל נישט, זאָל זיך אויפהענגען. גיב אַהער די האַנד.

— האָסט דו די האַנד.

און צוויי גרויע בערד האָבען זיך צוקושט.

---

אויף מאָרגענס, אז בלומעלע האָט זיך געטראָפען מיט שרה פייגע׳ן אויפ׳ן פיש־מאַרק, זיינען זיי איינע אויף די צווייטע אַרויפגעפאַלען, האָבען זיך צוקושט און האָבען אָנגעהויבען צו וויינען, און דערמאָהנט די אבות. נאָמע וואָלף און מתתיהו חרון זיינען געקומען צוגעהן פון נאָס, און האָבען גערעדט אַביסעל פון וועג...

און נאָך דעם שבת איז מענדעל מיט גיטלען איבער׳ן געסעל געגאַנגען שפּאַציערען, און „די שונאים האָבען געזעהן און די גאַל האָט זיי געפּלאַצט פאַר עגמת־נפש“...

---

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָהר, און אויפ׳ן פיש־מאַרק איז צוגעקומען נאָך אַ שטעל. מתתיהו חרון האָט אַביסעל אָבגעלאָזט פון זיינע קונים, נאָמע וואָלף פון זיינע קונים, און אַ טישעל איז געוועזן אַ טישעל.

אז מענדעל האט חתונה געהאט, איז ער געווארען באמת אן ארענטליכער מענש. קומט פריה דאווענען אין חברה, זאגט „גוט מארגען" אלטע מענשען אין גאס, און שעמט זיך שוין ניט זאגען „לחיים" ביי א גלעזעל בראנפען.

און א סוד וועל איך אייך איינרוימען: ער כאפט זיך טיילמאל אין א וואכען־טאג אין די חברה צום „ברעטעל" אויך צו...

ביים ווארקער מלמד איז די חברה קצבים און פישערס. פרייטאג־צו־נאכט צו דאווענען קומט מען נאך אין די וואכעדיגע קליידער — עס פאסט ניט פאר א קצב פרייטאג־צו־נאכט אנצוטהאן זיך אין שבת'־דיגען — און מען שמועסט פון דעם היינטיגען מארק. מענדעל אבער זיצט שוין צווישען די עלטערע בעלי־בתים און מען שמועסט וועגען שטאדטישע ענינים. קומט צו א יונג און רוימט מענדלען אין אויער אריין: „פינף און צוואנציג קאפיקעס א פונט פישלעך"... מענדעל מאכט זיך ניט הערען. הויבט דער חזן אן צו דאווענען, קוקט מענדעל אין סדור אריין און זאגט ווארט ביי ווארט. די יונגען, זיינע גוטע ברי־דער פון פריהער, מאכען דאס א געלעכטער פון איהם: „קוקט מיר אן מיין ארענטליכען מענש!"...

פאר'ן עמוד שטעהט מרדכי קצב, אן אלטער גראבער יונג, וואס קומט תמיד פריהער פון אלע, און כאפט זיך צו צום ברעטעל. מענדעל איז איהם שטארק מקנא, נאר ער ווייסט, אז מרדכי וועט איהם ניט לאזען צו דער עברי, לאזט ער זיך בעגנוגענען מיט דעם, וואס שבת נאכ'ן עסען ביי זיך אין דער היים נעהמט ער דעם סדור אין האנד אריין און זאגט גיטלען „שטיקעלעך", ווי דער חזן זאגט „הלל" אדער א „קדושה" און מאכט נאך דעם חזן'ס טרעלען. הינטער'ן פענסטער גנב'ענען זיך אונטער חברה, און אז מענדעל האלט אין רעכטען מיטען, גיט מען א געה אין שטוב אריין: „נו, נו, זאג ווייטער"...

מענדעל פערשעמט זיך, שאקעלט מיט'ן קאפ: גוט שבת.

מען ווייסט ניט, ווי ארום דאס איז געווארען, און מענדעל שטעהט שוין פאר'ן עמוד פראנק און פריי און איז מקבל שבת. קיינער לאכט שוין ניט פון איהם, ביי קיינעם איז שוין קיין חידוש ניט; א איד איז א איד. נאר, אז דער אלטער מתתיהו חרון הארכט זיך איין צו זיין קדיש זאגען ביים דאווענען, פערטראכט ער זיך א מינוט: ווער האט

עס איהם אויסגעלערענט דאָס? — זיין מענדעל שטעהט פאר גאָט און רעדט עברי ווי אידיש־דייטש...

דער אַלטער דערמאָנט זיך אַן טויט, ווי זיין מענדעל שטעהט דערנאָך און זאָגט קדיש נאָכ׳ן פאָטער, און גאָט האָרכט איהם אויס און פיהרט דעם אַלטען גלייך אין גן־עדן — זיין מענדעל!...

און דער אַלטער איז געשטאָרבען.

וואָס איז דאָרט געוואָרען מיט איהם אויף יענער וועלט נאָך מענדעל׳ס קדיש־זאָגען, ווייס איך ניט. איך ווייס נור, וואָס עס איז געוואָרען דאָ אויף דער וועלט מיט דער אַלמנה, וואָס דער אַלטער מתתיהו חרון האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

זי האָט זיך איבערגעצויגען צום זוהן, צו מענדל׳ען — געוואָלט אויף דער עלטער די אייניקלעך האָדעווען, — איז זי דאָרט געווען אַ גאַנצען טאָג. עס איז געקומען נאכט, האָט זי זיך פערביינקט אהיים צו איהר אין שטוב, וואו זי האָט אָבגעוואוינט 62 יאָהר, נאָך דעם אויווען, וואָס זי האָט אין שטוב איבערגעלאָזט, נאָך דעם פלומפ, וואָס איז פאר׳ן פענסטער, און די נארישע אידענע האָט אַ גאַנצע נאכט ניט געקענט איינשלאָפען: די ווענד זיינען איהר פרעמד.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מענדעל געמוזט נעהמען דעם אַלטען שראַנק מיט׳ן טיש און די אַלטע מאַשין מיט׳ן קאַסטען און צוריק עס אוועקטראָגען אין איהר שטוב אריין, וואו זי איז אָבגעזעסען נאָך 18 יאָהר, און האָט געקוקט דורכ׳ן פענסטער׳ל צום פלומפ, וואו מען שעפט וואסער. זי האָט זיך אַליין תבריכים אויפגענעהט און זיי פון צייט צו צייט זיך אָנגעמאָסטען און געקוקט אין שפיגעל אריין, ווי זי זעהט אויס אין זיי.

געלעבט האָט זי פון די 10 דאָלאר, וואָס די קינדער האָבען איהר פון „הינטען“ אהער געשיקט יעדען חודש, נאר דאָך, אַ שותפ׳טע צו די פישלעך איז זי נאָך ביז היינטיגען טאָג.

זי לעגט יעדע וואָך אין געשעפט אריין 3—2 גילדען. אמאָל פער־דיענט זי אַ צעהנער׳ל, אַ מאָל לעגט זי צו אַ זעקסער׳ל.

און אַז מען פרעגט זי: „וואָס דארפט איהר נאָך מיט די פישלעך האַנדלען? אייערע קינדער שיקען דאָך אייך געלד פון אַמעריקאַ?...“ ענטפערט זי: „גיט׳ס נור אַ קוק — אָבלאָזען דאָס געשעפט פרעמדע — עס איז אונזער פרנסה פון דור־דורות“...

# מענשען און געטער

גאָלדע די פישערין האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַנטאָניע יאַכטאָוונע אין דעם קליין־חורבה'דיגען הייזעל, וואָס איז אויף יענער זייט טייכעל, וואו די ווייבער וואַשען די וועש. איינע ווי די אַנדערע זיינען זיי שוין לאַנג אלמנות פון די מאַנען און פערלאָזטע פון די קינדער זייערע, וואָס זיינען זיך צופאָהרען אין דער וועלט.

גאָלדע'ס עלטערער זוהן, חיים קאַמאַשניק, איז אַמאָל אַהיים געקומען אויף חול־המועד פון לאָדז, וואו ער האָט דאָרט געאַרבייט איבער'ן זמן, און האָט זיך אין דער שטיל אָנגעהויבען צו סוד'ען מיט אַנטאָניע'ס זוהן, אַנטעק דעם סטאָליאַר. עס קומט נאָך יום־טוב, און דער יונג מאַכט זיך נאָך אַלץ ניט אין וועג צום מייסטער. נור ער דרעהט זיך שטוב־איין שטוב־אויס. די מוטער האָט שוין פערשלאָסען דאָס ברויט אין קאַסטען און קריעגט זיך מיט איהם. ערשט אין אַ שעהנער נאַכט זיינען די צוויי בחורים, חיים און אַנטעק, פערפאַלען געוואָרען. מען זוכט אַהין, מען זוכט אַהער — ניטאָ די בחורים. אין ים אריין. די אידענע קריעגט זיך מיט דער גוי'ע, די גוי'ע מיט דער אידענע. די זאָגט: דיין זוהן האָט מיינעם אָנגערעדט; די צווייטע טענה'ט פערקעהרט. אַזוי איז עס געווען ביז אין אַ שעהנעם זומער־פריהמאָרגען. גאָלדע און אַנטאָניע שטעהען אַזוי פאַר דער מהיר פון הייזעל, און שלאָגען אָן מיט אַ פערטעל מעהל דעם באָרשטש אויף אָנבייסען, און ריידען זיך איינע פאַר דער צווייטער דאָס האַרץ אויס:

— וואו קענען זיי איצט זיין?

— אין ים אודאי דערטרונקען געוואָרען.

— האָרעווע אויף קינדער פאַר די פיש'ס צייהן!

— און אפשר לעבען זיי? פּרואווט די אידענע מוטה צו האָבען.

— און אפשר לעבען זיי! — העלפט די גוי'ע אונטער.

— און אפשר זיינען זיי בעגליקט געוואָרען?

— און אפשר האָבען זיי שוין זייערע אייגענע פעלדער און הייזער?

— און נאָך דער אָרעמער מאמע׳ן אויף דער עלטער העלפען?

מיט אמאָל קומט צו געהן חנה׳לע, די בריעף־טרעגערין:

— גאָלדעלע, גאָלדעלע, גוטע בשורות זאָלען אייך ווערען אָנגע־זאָגט, עס איז דאָ א בריעף פאַר אייך!

— פון וואַנען א בריעף?

— א בריעף מיט א שיפעל, פון יענער זייט ים.

און זי האָט איהר איבערגעגעבען א בריעף־פּאַקעט. פאַר דער גוי׳ע איז אויך געווען א בריעף.

זיי האָבען אויפגעריסען די בריעף, ערשט זיי נעהמען ארויס צוויי פאָטאָגראפיעס. צוויי פריצים מיט קאפעלושען, האלטען שטעקעלעך אין איין האנד און גיבען זיך אָב שלום־עליכם מיט דער צווייטער האנד.

די ווייבער קוקען אָן די פאָטאָגראפיעס. זיינען עס יא זיי, זיינען עס ניט זיי? — דאכט זיך, עפּעס גאָר פערשטעלטע.

— מיין חיים, — כליפּעט די אידענע ארויס א געוויין.

— מיין בלוט, מיין פלייש, — וויינט די גוי׳ע.

אז די ערשטע איבערראשונג איז אריבער, האָט מען גענומען בעטראכטען די צוריק געפונענע קינדער.

— מיין חיים האָט זיך גאָרנישט פערענדערט, — זאָגט די אידענע.

מיין אנטעק אויך נישט.

— קוק נור אָן די קייט אויף דער וועסט, מיט די הענדשקעס. ווי ער וואָלט זיין זונדעל׳ס א קינד.

— און זעהסטו, ווי מיינער טראָגט א צילינדער, ווי דער גראף פּאָטאָצקי?

— הע, אידיש בלוט, צום שלעכטען האָט „דיינעם“ מיינער אָנגע־רעדט?

— אז נישט חיים, וואָס פאַר אן עצה וואָלט ער זיך געגעבען, — זאָגט די אידענע צו דער גוי׳ע.

— איך ווייס נאָך ניט דאָס גליק, וואָס איז מיט איהם: ציערט זיך אין גאָלדענע קייטען, און אָן דער אַלטער מאמע׳ן פערגעסען.

— מען דאַרף צו משה לעהרער געהן, ער זאָל די בריעף איבער־לייענען.

ביידע ווייבער האָבען זיך אין די פּאטשיילעס איינגעוויקעלט

און צו משה לעהרער געגאַנגען מיט די בריעף. משה לעהרער האָט זיי פאַרגעלייענט, ווי די קינדער לאָזען הערען „פון זייער ליעבען געזונד, און דאָס נעמליכע ווינשען זיי צו הערען פון זייערע ליעבע עלטערען". דערנאָך שרייבען זיי, אַז זיי האָבען אָן די אַלטע מוטערס ניט פערגעסען. זיי האָבען גרויסע צרות איבערגעליטען, ביז זיי זיינען געקומען אויף אַ שטיקעל מדרגה. און זיי ביידע אַרבייטען אין איין וואַרשטאַט, און פערדיענען 15 דאָלאַר אַ וואָך, נור ניט שטענדיג איז פאַרהאַן אַרבייט, און זיי שיקען די מוטערס צו אַ פונט, און וועלען ווייטער אויך אָן זיי ניט פערגעסען. זיי ענדיגען די בריעף, אַז זיי זיצען אַ גאַנצע נאַכט און שרייבען די בריעף, נור אַט געהט שוין די לאָמפּ אויס, מוזען זיי די בריעף ענדיגען.

אין די בריעף זיינען געלעגען צוויי בלאָע שטיקלעך פּאַפּיער, פאַר וועלכע לייבוש שפּילטער האָט נאָך גרויס מיה אויסגעצאָהלט צו ?? רובעל מיט 50 גראָשען.

די ווייבער זיינען נאָך יענעם טאָג אויפ'ן בית־עולם געגאַנגען אָנזאָגען זייערע מאַנען, אַז די קינדער זייערע האָבען זיך צוריק געפונען, און האָבען אָן די אַלטע מאַמעס ניט פערגעסען.

---

אזוי האָבען געלעבט די צוויי ווייבער אין שכנות אַ צייט מיט יאָהרען נאָך די מאַנען'ס טויט און אַ צייט מיט יאָהרען פאַר די מאַנען'ס טויט אין דעם קליינעם חורבה'דיגען הייזעל, וואָס שטעהט אויף יענער זייט טייכעל, וואו די ווייבער וואַשען די וועש. דאָס קליינע הייזעל איז אַריינגעקומען אין שותפות צו דעם איד און צו דעם גוי, איין גאָט וויים עס נור ווי אזוי אַרום. געהערט, זאָגט מען, האָט עס צו אַ גלח, וועלכער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך זעקס „קעפּ", און אַז די „קעפּ" האָבען זיך צוטהיילט, איז עפּעס דעם אידען ביי אַ גוי געלד געקומען, האָט ער עפּעס אָבגענומען איין חלק פון אַ „קאָפּ", — גענוג, עס איז אויסגעקומען, אַז אַ האַלב הייזעל געהערט צום אידען. דאָס הייזעל האָט געדאַרפט אַ פייער־וואַנד, וואָרום דער רעגען, וואָס האָט זיך אַראָבגעגאָסען פון פייערשטיין'ס שפּיכלער, האָט גלייך אַראָבגעגאָסען אויפ'ן הייזעל'ס דעכעל, און דער רעגען האָט געבויגען די דינע ווענדטלעך אונטער זיך. דער גוי האָט שטענדיג געטענה'ט מיט'ן אידען, אַז דער איד זאָל קויפען מאַטעריאַל, וועט ער דערפאַר אַליין אונטערמויערען

דאָס וועגדטעל. האָט דער איד „פּונקט“ קיין געלד נישט געהאַט. און אַזוי האָט זיך עס אָבגעשלעפּט פון יאָהר צו יאָהר. דעם אידענ׳ס חלק הייזעל האָט שוין אויסגעצאָהלט נדן זיינע צוויי טעכטער, וואָס זיינען דערנאָך אוועק מיט זייערע מאַנען, איינע קיין אַפריקאַ, די צווייטע אַזש קיין קאַנאַדאַ, — און דאָס הייזעל איז אַלץ געבליבען אָהן אַ פּייער־וואַנד.

דער גוי אָבער האָט זיך גענומען צייט און וואו ער האָט אין גאַס אַן איבעריגען ציגעל, אַן איבעריגען שטיין געפונען, האָט ער געבראַכט אַהיים צו שלעפּען. אַז עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ רעכט ביסעל ציגעל, האָט ער זיך אַליין גענומען פּערמויערען זיין חלק פּייער־וואַנד און האָט אָבגענויגט די רינע פון פייערשטיין׳ס שפּייכלער אויף דעם אידענ׳ס חלק דאַך, אַזוי, אַז עס איז געוועזען אַ רעגען, האָבען זיך די רינע וועגדטלעך פון דעם אידענ׳ס שטוב געשאָקעלט, און פון דאַך האָט אַזוי גערונען, אַז מען האָט געמוזט אויף די בעטען, אויפ׳ן טיש און שאַנק טעפּ, טעלער, בעקענס און שיסלען אונטערשטעלען, עס זאָל אין זיי דאָס וואַסער אַריינרינען.

נור אַזוי בכלל האָבען דער איד און דער גוי צווישען זיך געלעבט אין שלום, געקריעגט זיך אין שלום. זיך געזידעלט און דערנאָך צוריק ווייטער חבר געוואָרען. אין שלום האָבען אויך געלעבט די גוי׳ע מיט דער אידענע. פלעגט די גוי׳ע געהן צו דער ארבייט און האָט איבער־געלאָזט איהר קליינעם אַנטעק אין וויעג, און דער קליינער גוי האָט גע־מאַכט געוואַלדען דעם הימעל נור צו שפּאַלטען, איז אַריין צו איהם די אידישע שכנה, וועלכע האָט דענסטמאָל געזויגען איהר חיים׳ען, און האָט איהם אויף די הענד גענומען און איהם געגעבען פון איהר ברוסט. דער קליינער חיים, וואָס זיצט אויף דער מוטער׳ס צווייטער האַנד, ווערט אייפערזיכטיג, און דער קליינער איד מיט דעם קליינעם גוי הויבען אָן צו קוקען איינער אויפ׳ן אַנדערען; אפשר האָבען זיי זיך שוין דענסטמאָל אָבגעשמועסט צוזאַמען די רייזע נאָך אַמעריקאַ צו מאַכען... איז פּאַר אַ יום־טוב געקומען, פּאַר אַ פּסח, למשל, אַז גאָלדע די פישערין האָט זיך פון שטוב אין הויף אַריינגעצויגען, און די קינדער, ווי די אינדיקעס, האָבען זיך צווישען די באַליעס אַרומגעוואַלגערט מיט אַ געוויין, מיט אַ געוואַלד, — האָט די גוי׳ע דער אידענע׳ס אַ קינד צו זיך אין שטוב אַריינגעכאַפּט און געגעבען עס צו עסען פון איהר מיטאָג.

די אידענע פלעגט דערנאָך דעם קינד'ס מויל שייערן, רייבען און כשר'ן מיט הייסע שטיינדלעך, און דער יונג פלעגט דערביי מאַכען געוואַלדען ביז צום הימעל... איז ביי איינער דאָס קינד קראַנק געוואָרען, האָט עס די צווייטע אָבגעהיט, געלאָפען צום פעלדשער, רפואות געבראַכט. אין נויט האָט איינע דער אַנדערער אַ גראָשען געלד, אַ לעבעל ברויט און אַ טראָפּען מילך געבאָרגט.

נור די געטער פון די צוויי שכנים האָבען ניט געקענט לעבען צווישען זיך אין שלום און האָבען אָנגעמאַכט גרויסע מחלוקת'ן צווישען די שכנים.

איז געקומען אַ יום־טוב פון איין גאָט, האָט עס דער צווייטער גאָט ניט געקענט דערליידען. למשל, אַזוי אַ גאַנץ יאָהר, גאָרנישט, לעבט מען זיך אין שלום; קומט אָבער ביי דער גוי'ע אַ יום־טוב, די קריסטוס־נאַכט, און פון דעם גוי'ס שטוב איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון זייערע ניין געריכטען, האָט די אידענע געדרעהט מיט דער נאָז... און אַז דער גלח איז געקומען מיט'ן היילינגען וואַסער „בעשווענצען" די „פּלאַצקעס", האָט די אידענע די קינדער פערשלאָסען צו זיך אין שטוב און זיי ניט אַרויסגעלאָזט. אַז די אידענע האָט דערזעהן דאָס אָבגעפּרעגעלטע חזיר'ל, וואָס פון די אויגען־לעכער האָט גרינס אַרויס־געשטאַרט, האָט איהר אָנגעהויבען צו נודיען, און זי שפּייט אַ גאַנצען טאָג.

— אַ, אַ יום־טוב ביי זיי! אַזאַ שוואַרץ יאָהר זאָלען זיי מיר האָבען — פלעגט די אידענע זאָגען און אַ גאַנצען יום־טוב ניט ווייזען זיך דער גוי'ע פאַר די אויגען.

איז ווייטער געקומען אַ אידישער יום־טוב, אַ פּסח, און די אידענע האָט די פיש געקאָכט, האָט די גוי'ע די טהיר פערהאַקט ביי זיך אין שטוב:

— זשידאָווסקי פּאַרשיווואַ סוויענטאַ, סעגניאַ זאַסמאַהטשילי..

און אַז מען האָט געבראַכט די מצות, — האָט די גוי'ע איהרע קינדער אַריינגעכאַפּט אין שטוב און די טהיר פערשלאָסען.

און שבת אויף דער נאַכט, אַז די אידענע האָט די פיש אויפ'ן טיש אַרויפגעשטעלט און די שבת־ליכט האָבען זיך געברענט, און איהר ברוך האָט זמירות געזונגען, האָט די אידענע דורכ'ן פענסטער אַרויס־

געקוקט, און דערזעהענדיג, ווי דער „גוי“ שלעפּט די טאַשקע מיט זאַמד און אין זאַק ארומגעוויקעלט, פלעגט זי זיך אָנרופען צום מאַן:

— עס איז עפּעס טאַקע ביי זיי קיין שבת ניט. אַ אומה עפּעס!...

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. די שכנות האָבען זיך פערעלטערט. די קינדער זייערע אין אַמעריקאַ, חיים און אַנטעק, זיינען ווייטער ערגעץ־וואו פערפאַלען געוואָרען און האָבען אויפגעהערט צו שרייבען בריעף, צו שיקען פאָטאָגראַפיעס און שטיקלעך פּאַפּיר, פאַר וועלכע דער שפּילעטער זאָל אויסצאָהלען זיעבען רובעל מיט פופציג גראָשען די גוי׳ע, אַזוי ווי די אידענע, האָבען ווייטער איינע דער צווייטער פאַר־געוואָרפען. די זאָגט: „דיינער“ האָט מיינעם אָבגערעדט, און די צווייטע טענה׳ט פערקעהרט.

נור דער אידענע׳ס טייל הייזעל איז אינגאַנצען איינגעלעגט געוואָ־רען אונטער דער רינע פון פייערשטיינ׳ס שפּייכלער. דאָס דעכעל איז געפאַלען אויף די פיער ווענדטלעך, וועלכע האָבען זיך געטרייסעלט און געשאָקעלט זיך צום איינפאַלען ביי דער לייכטעסטער בעוועגונג. דער קוימען פון אויוועז איז אין גאַנצען צובראָכען געוואָרען, און דער רויך פון דעם אויוועז פלעגט אָנפילען די גאַנצע שטוב. פון דעם האַלבען רובעל אַ וואָך, וואָס דער שותף און דער מחותן, ר׳ מתתיהו חרון, צאָהלט איהר אויס איהר טהייל ריוח (אַזוי איז שוין ביי זיי, ביי די פישערס, אַ מנהג, אַז מען צאָהלט דער אלמנה אַ טייל ריוח, כאָטש זי האָט אין געשעפט קיין געלד ניט אריינגעלעגט, נור פאַר חזקה), קען זי קוים אויסקומען מיט ברויט און מילך, מיט אַ שטיקעל פלייש אויף שבת, און דערפון צאָהלט זי נאָך צוואַנציג גראָשען אַ וואָך חנה׳לען דער קרעמע־רין פאַר לייוועגט אויף תכריכים, אויף נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר... מילא, זומער האָט זי געלעבט אין איהר טייל שטוב, ווי ווייט זי האָט געקענט. עס איז אָבער געקומען ווינטער. דאָס פּרעסטעל נעהמט. זאָל זי זיך אפשר אריינציהען צום שותף און מחותן ר׳ מתתיהו חרון, אַז בלומעלע די מחותנת׳טע (אַ אידענע פון אַכציג יאָהר) זאָל פון איהר נקמה דערלעבען? — געמוזט אָנקומען צו מיין טיש! — איז איהר ניט געבליבען קיין אַנדער עצה נור איבערצוווינטערען ביי דער גוי׳ע אין אַ ווינקעל שטוב. כאָטש אַ גוי׳ע, „נור אַ גוטער שכן איז פיעל בעסער, ווי אַ ווייטער קרוב“.

די גוי׳ע האָט זי צוגענומען מיט׳ן גרעסטען כבוד, און האָט איהר

אַבגעגעבען דאָס ווינקעל ביים אויוזען. קיין סך פון איהר שטיבעל האָט זי ניט געהאַט וואָס איבערצוטראָגען. די ווינטערדיגע קאָלדרע, די צוויי שבת־לייכטערלעך, דאָס עלמעריל, די טערקישע שאַל מיט דער שבת'־דיגער הויב און דאָס „קעסטעלע".

האָט די אידענע געוואוינט אין ווינקעל שטוב ביים אויוון. אין צווייטען ווינקעל ביים פענסטער, איבער דער גוי'עס בעט, איז געהאַנ־גען אַ „הייליג בילד", פאַר וועלכען עס האָט זיך אַ לעמפעל געברענט.

די אידענע האָט מורא געהאַט אהין צו קוקען אין דעם ווינקעל, וואו עס הענגט דאָס בילד. זי זינדיגט מיט די אויגען... אָט ווערט זי שוין בלינד... און דער קריסטוס־קאָפּ, וועלכער איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שטעכענדיגען צווייגען־קראַנץ, האָט זיך איהר געדאַכט, שטעכט פון דער־ווייטען... דאָס אַלטע יום־כפּור'דיגע מחזור, אַ ירושה פון איהר מאַמען, וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט, האָט זי אין טערקישען טוך איינגעוויקעלט, אַז די גוי'ע זאָל עס ניט זעהן, און אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט, צום קריאת־שמע לייענען, האָט זי פאַר איהר ווינקעל דאָס קעסטעלע אַניעדערגעשטעלט — אַ מין מחיצה געמאַכט, אַז דאָס קריסטוס־בילד זאָל ניט הערען איהר תפילה...

מיט דער גוי'ע איז אויך דאָס זעלבע. עס איז געקומען אויף דער נאַכט און זי האָט געדאַרפט איהר געבעט מאַכען, האָט זי אַבגעוואַרט ביז די אידענע וועט שוין איינשלאָפען, און האָט פערשטעלט איהר טייל ווינקעל, אַז די אידענע מיט איהר גאָט, וואָס זי האָט דאָרט אין קעס־טעלע, (דאָס מחזור, וואָס איז אַרומגעוויקעלט אין טערקישען שאַל) זאָל חלילה ניט דערהערען אַ וואָרט.

עס איז געקומען דער ערשטער פרייטאָג־צו־נאַכט. די אידענע האָט זיך גענומען אַנגרייטען צום ליכט־בענשען אין איהר ווינקעל. זי האָט אַ טישטוכעל אויסגעשפּרייט איבער'ן קעסטעלע, — האָט אויס־געשטעלט איהרע צוויי לייכטערלעך, ליכט אַריינגעשטעלט, האָט זיך אָנגעטהון אין די שבת'דיגע הויב, און האָט זיך גענומען זאָגען די תחינה. דער גוי'ע האָט עס אין האַרצען שוין פערדראָסען, — ביי איהר אין שטוב מאַכט מען אַ אידישען יום־טוב. דאָך אַרויסווייזען וועט זי דאָס ניט. נאָר זעהענדיג, אַז די אידענע דאַווענט פאַר איהר גאָט האָט זי זיך פאַר'ן „הייליגען בילד" אַניעדערגעקניעט און האָט אָנגעהויבען זיך צו „מאָדליען" פאַר איהר גאָט און אין האַרצען זיך געשלאָגען... די

אידענע האָט עס ניט געקענט איבערטראָגען: פונקט ווען זי בענשט איבער די ליכט.

נאָכ'ן ליכט־בענשען האָט די אידענע זיך א חלה אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש, מיט א טעלערל פישלעך, וואָס א שכנה שיקט איהר אריין אויף יעדען שבת.

די גוי'ע האָט זיך שוין נעהאט אויפגעהויבען פון היילינען בילד און איז צוגעגאַנגען צו דער אידענע'ס טישעל. די אידענע האָט זי מיט פישלעך מכבד געווען, האָבען זיי ביידע געגעסען און געשמועסט פון פערשיעדענע זאַכען.

אין שטוב איז געגאַנגען ווארעם געווען. די גוי'ע האָט שטארק דעם אויוון געהייצט אויף שבת פון דער אידענע'ס וועגען; די ליכט האָבען געברענט אויפ'ן טישעל, און אין צווייטען ווינקעל איז דאָס לעמפעל פאר'ן „היילינען בילד" פערלאָרען געוואָרען אין האַלבען שאָטען. די ווייבער זיינען געזעסען, האָבען פאַמעלעך די פישלעך געגעסען, אז זיי זאָלען קיין ביינדעל ניט אראָבשלינגען, און האָבען פאַמעלעך געבאַלבעט וועגען פערשיעדענע זאַכען, לשון־הרע אויסגערעדט אויף שכנות, ביז עס איז צוריק געקומען וועגען זייערע קינדער דאָרט ווייט. האָבען געקלערט, וואו זיי זיינען אהינגעקומען, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי.

— וואו קענען זיי איצט זיין? — פרעגט די גוי'ע.

— אין ים אודאי דערטרונקען געוואָרען — ענטפערט די אידענע.

— האָדעווע אויף קינדער פאר די פיש'ס צייהן — וויינט די גוי'ע.

— און אפשר לעבען זיי? — פערלירט די אידענע דעם מוטה ניט.

— און אפשר לעבען זיי? — העלפט די גוי'ע אונטער.

— און אפשר זיינען זיי בעגליקט געוואָרען? — וויל האָפען די אידענע.

— און אפשר האָבען זיי שוין זייערע אייגענע פעלדער און הייזער — נעהט די גוי'ע ווייטער.

— גאָט וועט העלפען — איז מבטיח די אידענע.

— גאָט וועט ניט פערלאָזען — העלפט אונטער די גוי'ע.

און זיי פערגעסען איין מינוט, וועלכער גאָט, צי דער דאָ ביי די שבת־ליכטלעך, צי יענער דאָרט אין פערנעבעלטען ווינקעל, און זיי ווערען איינגעשלאָפען מיט גאָט'ס נאָמען אויף די ליפען און מיט

בטחון אין הארצען אויף דעם קליינעם קעסטעלע, וואָס איז פערשאָטען מיט ביינדלעך פון פיש און ברעקלעך פון דער חלה...

אין דעם קליינעם שטיבעל האָבען צוויי געטער געצאָנקט — די קליינע שבת־ליכטלעך ביים. טישעל און דאָס קלייִנע לעמפעל פאַר דעם „הייליגען בילד”, און זיי זיינען אין דער־ שטיל, אין דער שטיל אויסגעגאַנגען... אלעס איז געגאַנגען זיך שלאָפען לעגען, און איז איינגעשלאָפען אין דער טונקעלער ווארעמער נאַכט פון פרייטאָג־צו־נאַכט...

# אַ היים

1.

זבולון מאיר גערענקט נאָך פון דער היים דער באָבע׳ס קאַסטען, וואָס שטעהט צווישען דעם טאַטענ׳ס און דער מאַמע׳ס בעט. דאָרט פלעגט זיך זבולון מאיר בעהאַלטען, ווען דער פאָטער האָט איהם געוואָלט שלאָגען. מיט שרעק פלעגט ער ארויסקוקען פון דאָרט אויף דעם שפּינבעוועבטען באַלקען און אויף דאָס קליינע פּיערעקעדיג פענסטערל מיט די צובראָכענע שויבען, וועלכע זיינען מיט אַן אַלט טוך פערדעקט — ער גערענקט, ווי די טראַלטען פון דער טוך זיינען ווינטער פער־פרוירען אין דעם אייז, וואָס ליעגט ארום די ראַהמען. אויף דעם טוך ליעגט דאָס לאָקשען־ברעט, כדי דער ווינד זאָל דאָס טוך ניט אוועק־שאַרען.

די מאַמע איז קיינמאָל אין דער היים ניט געווען — אַ וועשין איז זי, פלעגט זי תמיד פריה אוועקגעהן צו דער ארבייט, איידער זבולון מאיר האָט נאָך די אויגען געעפענט, און אויף דער נאַכט קומט זי תמיד אהיים זעהר מיעד, זיפצט אויפ׳ן בעט און עטהעמט שווער. זבולון מאיר פלעגט זיך צו איהר צורוקען, גלעטען זי, ציהען ביי דער שירץ, און שטום קוקען אויף איהר. טיילמאָל ענטפערט איהם די מוטער מיט אַ ליעבליכען בליק אָב, זי גיט איהם צוריק אַ גלעט מיט דער האַנד אויף זיין באַק; טיילמאָל אָבער אז זי איז שלעכט אויפגעלעגט שטופּט זי איהם פון זיך אוועק, און לעגט זיך שלאָפען.

געקאָכט האָט די באָבע, און מיט איהר קריעגט ער זיך תמיד. זי פער׳מסר׳ט איהם פאַר דעם פאָטער, אז ער וויל איהר קיין וואַסער ניט ברענגען, אַ בינטעל האָלץ צוהאַקען אָדער אַזוי אין אַ שליחות געהן.

ביז אַכט יאָהר איז זבולון מאיר ביי׳ם פאָטער געווען און האָט צוליעב גענומען דעם פאָטער׳ס קלעפּ, די באָבע׳ס שילטען פאַר דעם

ברוים מיט די קאַרטאָפלעס, וואָס ער פלעגט, אין דער שטיל, ווי אַ הונד, אַוועק'גנב'ענען.

הויבט די זונן אָן צו שיקען דורך דאָס קליינע פענסטער'ל איהרע וואַרעמע שטראַהלען נאָך דעם לאַנגען, טרויעריגען און וויסטען ווינטער, ווייסט אויך זבולון מאיר, אַז דער זומער איז געקומען, לאָזט ער זיך אין דער שטיל פון שטוב אַרויס און קומט אין גאַס אַריין. ער זעהט זיך מיט ווָלוועל באָק, לייביל פשאָרעק, וועלכע פלעגען נאָכ־לויפען נאָך פוהרען קויהלען און אַראָבכאַפּען שטיקער קויהל. לייביל פשאָרעק האָט געהאַט אַן אונטערגעשלאָגען אויג פון אַ שטאַרקען שמיץ, וואָס אַ פוהרמאַן האָט איהם געגעבען מיט דער בייטש.

זיי האָבען זיך מיט איהם שטאַרק געפרעהט. זיי האָבען איהם געקענט נאָך פון דעם פאַר־אַ־יאָהריגען זומער, האָבען זיי איהם מיט־גענומען און אַרומגעשלעפּט מיט זיך אַ האַלבען טאָג. עס האָט איהם זיך אויך איינגעגעבען אַראָבצוכאַפּען אַ שטיק קויהל, — ער האָט דאָס צוגעלעגט צו זייערע שטיקער קויהלען, וועלכע זיי האָבען בעהאַל־טען הינטער דער בריק, וואָס איז אויף דעם קראַשעגוויצער וועג. זבולון מאיר'ן האָבען זיי איבערגעלאָזט, אַז ער זאָל אַכטונג געבען אויף די קויהלען — דערפאַר האָבען זיי איהם צוגעזאָגט אַ חלק אין פערקויף — און זיי האָבען זיך ווייטער נאָך די פוהרען נאָכגעלאָזט.

דערנאָך זיינען זיי די קויהלען געגאַנגען פערקויפען, קריגען זיי דריי גילדען, זבולון מאיר בעקומט צעהן קאָפּיקעס פאַר זיין טייל און איז גליקליך.

קומט ער אַהיים. די באָבע פאַלט אויף איהם אָן:

— שמד'ניק, אַ קרענק זאָל דיך כאַפּען, וואו ביזטו געווען אַ גאַנצען טאָג?

— עסען גיב מיר, — ענטפערט ער איהר אָב.

— קרענק וועל איך דיר געבען, — בעקומט ער אַן ענטפער.

און זבולון מאיר לאָזט זיך צום שענקעל און כאַפּט זיך צום ברויט, די אַלטע וויל עס איהם אַרויסרייסען, ער גיט איהר אַ שטופּ, זי פאַלט אום, און הויבט אָן שרייען.

— אויף טויזענד שאָק כפרות דאַרף איך אייך שוין — האָט זבולון מאיר אַ געשריי געטהאָן אַרויסלויפענדיג פון שטוב.

אין גאס איז פרעהליך, די ליכטיגע זונן שיינט — צעהן קאָפּיקעס האָט ער אין קעשענע און איהם איז גוט.

עס קומט אָבער פאר־נאכט, אַ קאַלטער ווינד בלאָזט.

— וואוהין געהט מען נעכטיגען? — טראכט ער זיך, — אהיים בשום אופן ניט.

נאָר באַלד טרעפט ער לייביל'ן מיט וועלוועל'ן, ער דערצעהלט זיי זיין זאָרג.

— אַ געשעפט האָסטו, וועסט מיט מיר נעכטיגען אין בית־המדרש, — זאָגט צו איהם וועלוועל. — דער גאַנצער קאסטען „שמות" אין מיין.

אין בית־המדרש האָט זיך זבולון מאיר'ן ניט געגלוסט צו נעכטיגען. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט דער פאָטער איהם דאָרט זוכען.

מיטגענומען האָט איהם מיט זיך לייביל אין ר' ישכר בעקער קצב'ס שטאַל אריין. ביי־נאכט איז עס געווען. זיי האָבען זיך דורך דעם טרו־קענעם רינשטאָק הינטער'ן פּליט ארונטערגעלאָזט, דערנאָך האָבען זיי ביידע ארויפגעקלעטערט אויף דעם קליינעם פּליטעל, וואָס שטעהט ביי'ם שטאַל; פון דאָרט האָבען זיי זיך אריינגעכאַפּט אין אַ בוידעם־לאָך.

— האַלט דיך אָן אָן דראָנג און לאָז דיך אראָב, — שרייט צו איהם לייביל. זבולון מאיר איז אָבער ניט גוט גענייט געווען, איז ער אראָבגעפאַלען און האָט זיך צוקלאַפּט.

דאָך האָט ער גאָר ניט געשריען און איז געבליבען רוהיג ליעגען.

— האָסט דיר אַ שטאַרקען קלאַפּ געגעבען, זבולון מאיר? — פרעגט איהם לייביל.

— דאַכט זיך אַ ביסל — ענטפערט אין דער שטיל זבולון מאיר.

— וואַרט, איך וועל דיר איהם איינקוועטשען, — זאָגט לייביל, און שפּאַרט ארויף אויף איהם זיין האַנד און קוועטשט זבולון מאיר'ן דעם שטערען.

— שוין גענוג, עס טהוט וועה — ענטפערט יענער.

— נאַ דיר אַ בינטעל היי, לעג דיך אויף יענער זייט, קאָרטשע איין די פיס, אַז דער אָקס זאָל דיר קיין דריק נישט געבען, — וואָרענט איהם זיין חבר.

זבולון מאיר איז געלעגען אויפ'ן בינטעל היי, וואָרעמער איז איהם געווען אין שטאַל, ווי אין דער היים אין קעלער, און געקלערט

האָט ער ביי זיך, פאַר וואָס ער איז שוין לאַנג אויף דעם פּראָיעקט ניט געפאַלען.

אויף מאָרגען פריה האָט איהם אויפגעוועקט אַן עמער קאַלט וואַסער, וואָס ישכר קצב האָט אויף זבולון מאיר'ן אַרויפגעגאָסען, ווען ער האָט איהם געפונען אין זיין שטאַל.

זבולון מאיר כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אום, ווייסט ניט וואו ער איז. נאָר באַלד איז ער צו זיך געקומען, האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַנטלאָפען.

אזוי האָט זיך זבולון מאיר אַרויסגעכאַפּט פון טאַטענ'ס רשות און איז געוואָרען אַ גאַסען־יונג.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס וועט נאָך איהם קיינער ניט בענקען, און אַז איצט איז ער איינער אַליין. אַריינטרעטענדיג אין לעבען, האָט זבולון מאיר אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אַ תכלית אויף שפּעטער. נאָכלויפענדיג נאָך די פוהרען קויהלען — קלערט ביי זיך זבולון מאיר, אַז דאָס איז קיין געשעפט ניט, אַז מען מוז וועגען עפּעס אַנדערש קלערען.

און געפאַלען איז ער אויף אַ געדאַנק: ער וועט אַראָב צו דער באַהן און ווערען אַ פּעקעל־טרעגער.

אויף די שמיץ פון די בעלי־עגלות בייטשען און די קלעפּ פון דעם זשאַנדאַר'ס שווערד האָט ער ניט געקוקט — צו קלעפּ איז ער געוועהנט געוואָרען פון זיין קינדהייט אָן.

און זבולון מאיר קומט אַראָב צום באַהנהויף. די בעלי־עגלות זיינען איהם מכבד מיט דער בייטש — זבולון מאיר שטעהט אָבער און וויל ניט אָבטרעטען, ער רייסט אויס דאָס פּעקעל פון פּאַסאַזשיר'ס האַנד און לויפט פאָראויס אַהיים.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, די אַלטע פּעקעל־טרעגערס זיינען מיט איהם געוועהנט געוואָרען, מיין זבולון מאיר האָט שוין אָנגעהויבען אַליין אוועקיאָגען פרישע, וואָס זיינען אַראָבגעקומען צום באַהנהויף.

און זבולון מאיר האָט זיך געפיהלט גאַנץ צופריעדען — טאַקע דאָס פּערדיענסט איז ניט זעהר גרויס — אַ גילדען אַ טאָג, נאָר אויף ברויט איז עס גענוג, און מען דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען.

נאָר קוקענדיג אויף די חברה שמייסערס — מיט זייערע לאַנגע שטיוועל, ווי זיי זיצען פון פאָרענט, האַלטען די בייטשען און שמייסען

די פערד — האָט זיך זבולון מאיר'ן דורכאויס פערגלוסט צו ווערען א שמייסער.

„א שמייסער — טראַכט ער ביי זיך — איז עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך. איך פאָהר מיר, מען כאַפּט א פּאַרשווינדעל אונטערוועגס, מען פערדיענט א פערציגער, א צוויי גילדענעם אָהן בעל־הבית וויסען — עס איז גאָר אַן אַנדער לעבען."

ווי אזוי אָבער?

און זבולון מאיר כאַפּט זיך דערווייל צו צו נאָטע זשאַכלינער'ס וואָגען. גלייך ווי נאָטע קומט נור צופאָהרען, זבולון מאיר איז שוין דאָ, העלפט די פערד אויסשפּאַנען, לויפט נאָך אַן עמער וואַסער, נאָך א בינטעל היי, שיט אַן פאַר די פערד האָבער און ליעגט אויפ'ן וואָגען ביז צו דעם צווייטען צוג.

די שמייסערס ווייסען זיין מיין, פרואווען זיי איהם פעריאָגען מיט דער בייטש. עס העלפט אָבער גאָר נישט, זבולון מאיר נעהמט אַלעם צוליעב.

נאָטע פלעגט איהם דערפאַר ערלויבען מיט די פערד געהן צום וואַסער, באָדען זיי, אַמאָל איהם לאָזען אַליין צו דער באהן אראָב־פאָהרען...

אָבער ניט דאָס מיינט זבולון מאיר.

דערווייל רוקט זיך אָבער צו דער ווינטער, דער הימעל איז פער־כמאַרעט, עס זיינען נאָכאַנאַנד קאַלטע ווינדטען, און די קעלט בלאָזט איהם אריין דורך די לייכטע צוריסענע מלבושים. די שטיינער זיינען געפרוירען און די נאַקעטע פיס קענען אויף זיי ניט שטעהן. אמת, די הויט פון די פיס איז זעהר דורכ'ן זומער פערגרעבט און פערשטיינערט געוואָרען אזוי, אַז ניט אזוי גרינג וואָלט אפילו א משוואָק פון דער וואַנד אָדער א שפּיציגער שטיין פון דער ערד זי דורכגעלעכערט אָדער פערוואונדעט, אָבער דאָך איז עס מענשען־פלייש און די שטיינער זיינען געפרוירען.

שטעהט ער אויף דער גאַס, איין פוס האַלטענדיג אויף דעם צווייטען, און ציטערט פון קעלט.

אהיים אָבער וויל ער בשום אופן ניט געהן.

נאָר אַז עס איז געקומען דער ערשטער שנעע, און ער האָט געזעהן, אַז עס איז קיין ברירה ניטאָ, איז ער אוועק אהיים.

דער פּאָטער זיינער איז אָבער שוין געווען גענוועהנט געוועהנט געוועזען אָהן איהם,

זבולון מאיר קען זיך זיין ברויט שוין אַליין פערדיענען, האָט ער איהם ווייטער אין גאַס געשיקט, נאָר אויף דער נאַכט, ווען די מוטער איז אַהיים געקומען און האָט איהם געפונען ליגען אין פאַרהויז און וויינען — האָט זי איהם אין שטוב אַריינגענומען, אויסגעבעט איהם ביים אויוון, און געגעבען איהם עסען.

א גאַנצע נאַכט האָט זי זיך מיט דעם מאַן געקריעגט איבער איהם.

זבולון מאיר אָבער האָט שוין ניט געקענט אַריבערטראָגען דאָס אונטערטהעניגקייט... מען דאַרף זיך איבער איהם קריעגען... ניין, האָט ער ביי זיך בעשטימט.

אויף מאָרגען איז זבולון מאיר אַראָב אין שנעע צו דער באַהן. דערזעהענדיג נאָטע'ן, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם.

— ר' נאָטע — האָט ער אָנגעהויבען — נעהמט מיך מיט אין אייער שטעהטעל בחינם, נור בלויז פאַר עסען און נאַכטלעגער.

— איך וויים ניט, אויב דו ביזט עס ווערטה, — האָט נאָטע איהם געענטפערט.

זבולון מאיר האָט אויף איהם געקוקט.

— נאָר איך וויים — האָט אויסגעלאָזט נאָטע —קראַצענדיג זיך אין קאָפּ, — איך וועל פּרואווען, פּאָהר מיט.

זבולון מאיר האָט איהם גאָר נישט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף איהם. געקוקט אויף די פערד און געשמייכעלט.

פּאַר'ן אָוועקפאָהרען איז ער אַריין אין קעלער זיך געזעגענען.

קומט ער אַריין און געפינט קיינעם ניט און אויף א צוואָק, אויפ'ן וואַנד, הענגט א פּאָאַר שטיוועל.

זבולון מאיר קלערט עפּעס, און מיט האַרצקלאַפּונג כאַפּט ער די שטיוועל און לויפט אַרויס, מיטנעהמענדיג מיט זיך אויך דאָס אָנגע־הויבענע ברויט, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש.

אין דער טהיר האָט ער געטראָפען די באָבע'ן, יענע האָט עפּעס פערשטאַנען און אָנגעהויבען שרייען. נאָר זבולון מאיר איז שוין לאַנג ניט געווען.

אויפ'ן וועג איז ער אַריין אין זונדעל דעם גביר'ס קיך, וואו די מאַמע זיינע וואַשט דאָרט. נאָר דערזעהענדיג איהם, האָט די מוטער

איהם פון דאָרט מיט אַ שטיק האַלץ אַרויסגעיאָגט. — ווייניג האָב איך איך, בענקערטעס, אין דער היים, דאַרף איך אייך דאָ נאָך ביי דער אַרבייט, — האָט זי געשריען.

און ער, שטעהענדיג הינטער דער טהיר, האָט אַריינגעשריען אין קיך אַריין:

— מאַמע, בלייב געזונד, איך פאָהר אַוועק.

די מוטער האָט געמיינט, אַז ער זאָגט דאָס זי צו רייצען, האָט זי איהם געענטפערט:

— פאָהר און צוברעך הענד און פיס.

שפּעטער, אַז די מוטער האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטער און געזעהען, ווי דער שניי דרעהט, האָט זי זיך עפּיס דערמאַהנט, און געקרעכצט:

— האָטש איהם אַ טיכעל מיטגעגעבען, אַזעלכע וועטער'ן.

---

אַרויספאַהרענדיג פון דער שטאָדט, וואַרפט זבולון מאיר אַ בליק אויף דאָס לעצטע הייזעל, וואָס שטעהט הינטער דער שטאָט — און גע־קוקט האָט ער, אַזוי ווי געוואָלט זאָגען: בלייב געזונד.

ביי נאַכט איז ער אַריינגעקומען אין שטעדטיל. נאָטע'ס ווייב האָט איהם עסען געגעבען — און געגאַנגען נעכטיגען איז ער אין שטאַל.

ליגענדיג אַזוי אין שטאַל אויף דער היי — האָט זבולון מאיר נישט געקענט איינשלאָפען — (אויף אַ ניי געלעגער גלוסט זיך נישט צו שלאָ־פען). עפּיס האָט איהם דאָס האַרץ געקלעמט נישט ווויסענדיג אַליין פאַר וואָס.

פון אַ שפּאַלט שיינט אַריין אַ בלאַסער שיין פון אַ נאַכט־לאָמ־טערנע. פּלוצים הויבט ער זיך אויף, געהט צו צו די פערד, ער דערלאַנגט אַ גלעט מיט דער האַנד אויפ'ן פערד'ס האַלז. דאָס פערד הויבט אויף דעם קאָפּ, גיט זיך אַ שאָקעל און צוהירזשעט זיך אויף אַ קול — בר־ר־ר.

דערנאָך איז ער צוריק צו צום בינטעל היי — און מיט דעם געדאַנק, אַז גאַנץ לאַנג, גאַנץ לאַנג וועט איהם די שטאַל זיין פאַר אַ היים, און די פערד פאַר ברידער, האָט ער דאָס בינטעל היי צו זיין האַרץ צוגעדריקט און איז איינגעשלאָפען.

.2

זבולון מאיר איז ביי נאָטע'ן שוין אַ גאַנצער פּריץ. ער קריגט צו עסען, צו טרינקען, אויף אַלע פּסח אַ זומערדיגען קאָסטיום מיט אַ פּאָאַר קאַמאַשען, און אויף סכות אַ ווינטערדיגען קאָסטיום מיט אַ פּאָאַר שטיוועל, מיט לאַנגע כאַליאַוועס.

זבולון מאיר איז צופריעדען, דערהויפּט איז ער צופריעדען מיט זיין קניפּעל, וואָס ער מאַכט פון די פּאַסאַזשירען, וועלכע ער נעהמט אויף אויפ'ן וואָגען הינטער דער שטאָדט אָהן דעם בעל־הבית וויסען.

אין דעם שטעדטעל איז ער געוואָרען אַ גאַנצער הײמישער, אַ וואוילער־יונג, אַלע שבת קומט ער זיך צוזאַמען מיט נאָך בחורים און דיענסט־מיידלעך, און מען טאַנצט, און מען לעבט.

ווער ווייסט, צי זבולון מאיר וואָלט נאָך אַמאָל געדענקט עפּעס פון דער היים, ווען עס מאַכט זיך ניט אַמאָל אַזאַ מעשה:

אַמאָל, ווען זבולון מאיר איז געווען אין ק. אויפ'ן יאַריד, געהט ער אַזוי אויפ'ן פערד־מאַרק, בעקוקט זיך אַ שימעל פאַר זיין אַלטען, גיט ער אַ קוק, זעהט ער, עס שטעהט עפּעס אַ איד און דינגט עפּעס וואָס ביי אַ פּויער.

געהט ער צו נעהנטער, קוקט, — דאַכט זיך, זיין טאַטע.

יאַ, אַזוי פערעלטערט געוואָרען — די גאַנצע באָרד איז שוין ווייס.

— גוט מאָרגען, טאַטע, וואָס מאַכסטו עפּעס?

דער פאָטער קוקט זיך אום: זבולון מאיר!

— זבולון מאיר, וואו ביזטו? וואָס מאַכסטו? ווי קומסטו דאָ אַהער? שרייבסט גאָר קיין בריוועל ניט צום טאַטע'ן אַהיים? צו דער מאַמע'ן?

— וואָס מאַכט איהר? וואָס הערט מען? קום נאָר אין שענק אַריין, דאָרט וועט מען זיך שוין וועגען אַלץ דורכשמועסען.

געהען זיי אין שענק אַריין און זעצען זיך אַנידער ביי אַ טישעל.

— ביער, — שרייט דער פאָטער; — אָקעוויט, שפּירט — שרייט זבולון מאיר.

— וואָס הערט מען ביי דיר? וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט די מאַמע? ביי מיר איז אַלץ גוט, געלויבט צו גאָט, זעהסט דאָך, איך בין נאָך ביי נאָטע'ן, אַ פּאָאַר גילדען אויך דאָ.

— נו, שרייבט מען אמאל א בריוועל אהיים, בעריש שרייבט פון אמעריקא, אז ער פערדיענט 20 דאלאר א חודש, שיקט ער עפעס אויך. ברוך איז אוועק צו מיליטער, — שרייבט ער מיר, — איז א חורבן נאך די יאהרען.

— און די מאמע, וואס מאכט עפעס?

— אך, די מאמע, זי וואשט היינט שוין טאקע נים. א ביסעל האט זי שוין קיין כח נים צו דעם. א ביסעל לאז איך נים. און אנשטאט איהר פערדיענסט שיקט א ביסעל בעריש פון אמעריקא.

— ווייסטו וואס, זבולון מאיר, — זאגט צו איהם דער פאטער, נאך א לאנגען זיפץ — קום אהיים אויף פסח. איך ווייס, עס געהט אזא הול - המועד, זאג איך דיר, איז דיר דבורה דעם פעטער'ס טאכטער אויסגעוואקסען, א רויז, זאג איך דיר, פאר וואס נישט? לאז די מאמע אויך א שטיקעל נחת האבען...

— ווייס איך, האב איך א זארג פאר א כלה, דארף איך זיי אויף טויזענד כפרות. נאר אויב דו ווילסט, קום איך — און ווייטער פטור.

דער טאטע מיט'ן זוהן האבען זיך שטארק געפרעהט — און עס איז געקומען ביים בעצאהלען, קריעגען זיי זיך.

— אוועק — שרייט דער פאטער, — דו סמארק איינער, איך בין א טאטע, ווילסטו בעצאהלען.

— ניין, טאטע, ניין — שרייט ער — אין לעבען זאל עס מיר געהן...

און זבולון מאיר האט געקויפט א פאטשיילעכיל פאר די מוטער, א שירץ פאר די באבע'ן. ער האט עס מיטגעגעבען מיט דעם פאטער און זיי האבען זיך ביידע היים געזעגענט.

---

זבולון מאיר האט געוואלט אויף יום־טוב אהיים קומען ווי א לייט, זאלען זיי זעהן אין דער היים, אז מען איז עפעס א שטיקעל מענש.

און א גאנצען ווינטער האט ער וועגען דעם געקלערט, אין יעדען שטעדטעל, וואוהין ער איז געקומען, האט ער עפעס זיך געקויפט אויף פסח. דא א קראוואט, דא א פאאר קראגענס. פלעגט ער וואס קויפען, פלעגט ער דאס ברענגען ביי זיך אהיים, אין שטאל. דארט אויפ'ן בעט האט ער געהאט ליעגען זיין קעסטעל, און אין איהם פלעגט ער אלץ אריינלעגען איינגעוויקעלט נאך מיט דעם שטיקעל פאפיער — בעהאל-

טען אויף יום־טוב. אזוי האָט ער צו ביסלעכווייז געקויפט א שירעם, אַ פּאָאר קאַלאָשען, א זיידען טיכעל, אַ פּאָאר אויערינגלעך: פאר א מתנה, — און וואָס ער קויפט לעגט ער אַלץ אריין אין קעסטעל.

ער פאָהרט אין וועג, ער פייפט זיך צו, קוקט זיך ארום און קלערט: איך וועל אהיים קומען אין גאַנצען פּאראַד, א נייעם קאָסטיום, אַ פּאָאר נייע שטיוועל — אויסגעציערט, ווי זונדעל'ס קינדער — געה איך מיר, אזוי נאָכ'ן עסען אין גאַס. אַלע קוקען — לאָזען זיי קוקען — און גאָר נישט.

באַלד דערמאָנט ער זיך אָן דבורה'ן, דעם פעטער זכריה'ס טאָכ־טער. א שעהן מיידעל, א בעל־בתיש קינד, פאר איהר אויך עפּעס א מתנה... אַ פּאָאר אויערינגלעך, אַ בראַנזעלעט, געה איך מיט איהר שפּאַציערען, קוקען אַלע, קריגען די פּאַפּלעקציע — ווער איך מיר א חתן....

דאָ הערט ער אויף קלערען, ער האָט מורא, טאָמער וועט ער דער־מיט שאַדען — פייפט ער — גיט א שמייס די פערדלעך: נאָ! נאָ!

---

ערב פּסח.

זבולון מאיר איז אַהיים געקומען. אויסגעקליידט איז ער געווען פון קאָפּ ביז די פיס. א נייער קאָסטיום, מיט אַ נייעם פּאַלטאָ — א נייע היטעל און אַ פּאָאר נייע קאַמאַשען. די קעשענעס פול מיט מתנות פאר אַלעמען. פאר'ן קומען האָט ער נאָך אַ פּאָאר פונט פליש און פיש געקויפט אויף יום־טוב.

אנטקעגען איז איהם געגאַנגען דער פאָטער צו דער באַהן, — גענומען איהם דאָס נייע קעסטעל פון דער האנד, און דער פאָטער איז מיט איהם געגאַנגען אַהיים איבער דעם גרויסען מאַרק.

עס איז געווען אַ שעהנער זומער־טאָג — דאָך איז זבולון מאיר געגאַנגען מיט אַ פּאָאר קאַלאָשען און מיט אַ שירעם אין דער האנד.

די גאַנצע גאַס האָט זיי נאָכגעקוקט.

— איי, זבולון מאיר, דער קויהלען־כאַפּער, איז גאָר אַ גאַנצער שררה געוואָרען, וואָס דאָס פרעמד מאַכט אַלץ! — זאָגען די ווייבער נאָכקוקענדיג זיי.

— וואָס דען? דאָ ביי אונז ווערען קינדער ליים! — ענטפערט אָב אַ אידענע — גנבים ציהט מען אויף, און ווייטער גאָר נישט.

די מוטער איז איהם ארויס אנטקעגען אין הויף, מיט א גרויסע גדולה. זבולון מאיר האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן: — קושען? ע, עס איז איהם עפעס ניט געווען צום הארצען.

און די באבע איז איהם אנטקעגען געגאנגען און זיך געווישט די אויגען מיט דעם שירץ: — מיין קינד, מיין גאלדען אייניקעל!

מען האט דעם גאסט אין שטוב אריינגעבראכט — דער קעלער איז געווען אויסגעווייסט ריין, גאר איהם ניט צו דערקענען, א נייעם פארהענגעל איז געהאנגען אויפ'ן פענסטער — און די פאדלאגע איז געווען מיט זאמד בעשיט, אין שטוב איז געווען א יום־טוב'דיגער ריח, פון בארשטש און מצות.

— לאז מען אויפשטעלען בראנפען — האט דער פאטער קאמאנדירט.

און זבולון מאיר האט זיך דאס היטעל ארויפגעשארט, ארויסגענומען פון קעשענע די מתנות און יעדען איינגעטהיילט.

די מוטער האלט די אויערינגלעך און בעקוקט זיי, קוקט אויפ'ן זוהן, די באבע קומט צו, בעקוקט זיי אויך — „ריין זילבער" — קרעכצט זי.

— וויפיעל האסטו בעצאהלט פאר די שמאכטעס? — פרעגט דער פאטער דעם זוהן, איינגיסענדיג בראנפען.

— א געשעפט האסטו, — ענטפערט זבולון מאיר מיט א מאן פון א נגיד — א דריי רובעל'דיגען.

---

דעם ערשטען טאג יום־טוב נאכ'ן עסען זיינען דער פאטער, די מוטער און זבולון מאיר אריבער צום פעטער זכריה.

געטראפען פונקט ביי דעם יום־טוב'דיגען קוגעל, די געסט האבען זיך אנידערגעזעצט — און זבולון מאיר האט געווארפען אויגען אויף דבורה'ן.

דבורה איז געזעסען, — א רויט מיידעל, אבגעוואשען און אויפגעקעמט. פון די האאר האבען נאך טראפען וואסער גערונען, און אנגעטהאן איז זי געווען אין א ניי גרין קליידעל.

— דערצעהל אונז עפעס נייעס, זבולון מאיר — האט זיך דער פעטער אנגערופען.

— וואס פאר א נייעס — האט זבולון מאיר געענטפערט וואזשנע.

— דבורה, וואו איז דיין פיין־קוכען? — רופט זיך אן דער פאטער.

די מוהמע שרה האָט באַלד אויפגעשטעלט אַ פּיין־קוכען, דער עולם האָט געגעסען.

נאָכ׳ן עסען האָט זבולון מאיר אַרויסגענומען אַ בראָנזלעטעל און עס איבערגעגעבען דבורה׳ן, ניט ריידענדיג אַ וואָרט.

— אַ שעהנעם דאַנק — האָט דבורה געענטפערט רויט ווערענדיג — ווען מען וועט האָבען — וועלענדיג איהם וויזען, אַז כאָטש זי איז אַ קליין שטעדטעלדיגע, דאָך ווייס זי ווי צווישען מענשען זיך אויפצופיהרען.

נאָכ׳ן עסען איז זבולון מאיר מיט דבורה׳ן אַרויס אויף׳ן גאַס שפּאַצירען.

— דער פעטער זכריה און דער פאָטער האָבען זיי נאָכגעקוקט.

— אַ יונג, אַ לייט! — זאָגט דער פעטער.

אַ גאַנצען וועג זיינען זיי געגאַנגען, ניט ריידענדיג אַ וואָרט איינער צום צווייטען.

די גאַנצע גאַס האָט אויף זיי געקוקט.

פּלוצים איז זבולון מאיר אָבגעשטעלט געוואָרען.

— וואָס מאַכסטו, גוטער ברודער? — זאָגט צו איהם לייב פּשאַ־רעק, אויסשטרעקענדיג אַ בעשמוצטע האַנד.

— איי, גאָר נישט, — האָט זבולון מאיר געענטפערט, רויט ווערענדיג, און איז ווייטער געגאַנגען.

— אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין, אַ גאַנצער שררה מיר געוואָרען, ער שעמט זיך שוין אויך — האָט לייביל איהם נאָכגעשריען, קוקענדיג ממזר׳דיג מיט איין אויג.

# דער זעלנער

(אַ בילד)

פרייטאג אין דער פריה, ווען שרה רחל די שניידערין איז ארוים מיט די חלות צו דער בעקערין, האָט זי דערזעהן, ווי דער מארק איז פול מיט זעלנער. ביי־נאַכט איז עפּעס פון הימעל אַ חיל אראבגעפאַלען; מיט אַזוי פיעל פּעקלעך, אין אַזעלכע קרומע היטעלעך מיט ביקסען און שווערדען — און דער געזונדטער, געשמאַקער ריח פון דזיעגאַכטס געהט אויף און פילט אָן די גאַס. זשענזע סטראַזשניק שטעהט און טענה'ט עפּעס מיט זיי, — האָט זי באַלד פערשטאַנען, אז דאָס מיינט מען די זעלנער אויף די קוואַטירען איינצושטעלען — האָט זי זיך באַלד געגעבען אַ דרעה אוים מיט די חלות און צוריק אין שטוב אריין.

— מענדעל! אין בעט אריין! — האָט די שניידערין געגעבען אַ געשריי.

— וואָס איז? — פרעגט דער ערשראָקענער מאַן.

— זעלנער זיינען געקומען, מען צושטעלט זיי אין די קוואַרטירען.

דער שניידער האָט זיך אויסגעטהאָן, ארונטערגעקראָכען אונטער די שווערע דעק, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַלע פעדערען, פון די אַלע גענז, וואָס די שניידערין פלעגט נור פון צייט נאָך איהר חתונה שעכטען. זי האָט דעם שניידער דעם קאָפּ מיט אַ טיכעל פערבונדען. און ער קרעכצט.

און זי אַליין האָט זיך ביים בעט אַניעדערגעשטעלט, און גענומען די הענד ברעכען:

— מיין מאַן, מיין ברויט־געבער!

עס האָט זיך אין דער טהיר געוויעזען זשענזע סטראַזשניק, הינטער איהם האָט זיך נאַכגעשלעפּט אַ זעלנער מיט אַ קעסטעלע.

— גוט מאָרגען, פּאַני קראַוועץ — גיט איהם אָב זשענזע דאָס זייניגע.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר, פאַני זשענזע לעבען. זעה, אַ בראָך צו מיר, מיין מאַן, מיין ברויט-געבער, איז מיר ביי-נאַכט אוועקגעפאַלען, וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען? — ברעכט די אידענע די הענד.

— אוי, אוי, אוי! — קרעכצט דער שניידער אונטער דער שווערער דעק.

— זשאַלקאָ, זשאַלקאָ, — ברומט זשענזע, דרעהענדיג זיך איין וואָנצע — אָט האָט מיך דער פאַני נאַטשאַלניק געשיקט צו דיר, זאָלסט איהם קומען אַ מאָס נעהמען אויף אַ פראַק. ביזט קראַנק — מוז איך מיר געהן צו קאַבאַנסקען — זאָגט זשענזע, גרייטענדיג זיך ארויסצוגעהן.

— וואָס האָסטו מיך קראַנק געמאַכט! אַ בייזע נאַכט אויף מיינע שונאים'ס קעפּ — זאָגט דער שניידער. — פאַני זשענזע, פאַני זשענזע! — רופט דער שניידער פון בעט ארויסקריכענדיג.

— זשיד מאַשעניק! — רופט זשענזע לאַכענדיג — (צום זעלנער): דאָ איז דיין קוואַרטיר — און זשענזע איז שוין ניטאָ.

דער זעלנער נעהמט זיך קאַלטבלוטיג זיין פּאַק, טראָגט עס זיך אין אַ ווינקעל אריין, מאַכט זיך היימיש אין שטיבעל.

און ביים טיש קריעגט מען זיך איבער איהם — דער שניידער מיט דער שניידערין. זי שילט איהם אָן, פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָבנאַרען, ער ענטפערט איהר מיט טויטע קללות — און דער זעלנער אין ווינקעל, ווי עס וואָלט גאָר ניט איבער איהם געווען — פּאַקט זיך אויס זיינע „וויעשצעס“, נעהמט זיך ארויס דאָס ראָזוואָנע ברויט, צושניידט זיך צו שטיקלעך מיט דעם קליינעם, זעלנערישען מעסער'ל — און דער זעלנערישער דזיעגעכטס-געשמאַק טראָגט זיך איבער דער שטוב, און נעהמט דאָס גאַנצע שטיבעל איין...

— ווי ער האָט זיך צולעגט, ווי ער האָט זיך צולעגט! —ברומט די אידענע ביי דער קיך.

דער זעלנער טהוט זיך דאָס זייניגע.

— געה זאָג איהם, — רופט די אידענע, נעהמענדיג זיך האָלץ צו האַקען.

— געה זאָג דו איהם — רופט דער שניידער פון טישעל אַהער.

דער זעלנער, זעהענדיג ווי די אידענע ארבייט ביים שטיקעל האָלץ צוהאַקען, האָט זיין זעלנערישע נאַטור עס ניט געקענט ליידען — און

פאר לאנגווייליגקייט הויבט ער זיך אויף, נעהמט פון דער שניידערינ׳ס האנד דאס שטיק האלץ, און צוהאקט עס.

די שניידערין גיט איהם אוועק, מיט א צוגעוואָרפענעם געבייזער, עס הייסט: ווילסט עס דוקא, נא דיר!

דער זעלנער נעהמט די האק און צוהאקט, וואו נור א שטיקעל האלץ, וואס עס געפינט זיך אין שטוב צוהאקט ער — און זוכט נאך — און די האק איז ביי איהם נאך גרייט אין דער האנד נאך צו האקען.

אז ער האט דאס האלץ צוהאקט, געהט די שניידערין און שניידט אב א שטיק ברויט און דערלאנגט איהם מיט דעם פאריגען, צוגעוואָרפענעם געבייזער. אז דער זעלנער האט דאס ברויט צוגענומען, נעהמט ער זיך דאס קענדעל, און פרעגט ניט, אויב עס איז יא דא וואסער, אויב ניט — געהט נאך וואסער, ברענגט און גיסט אן אלע כלים, אלע טעפ, אלע שאפען, אזוי ווי ער וואלט זיי געוואלט בעזאָרגען מיט וואסער אויפ׳ן גאנצען לעבען, און די האנד האלט נאך דאס קענדעל, און איז נאך גרייט וואסער צו ברענגען.

די שניידערין זאגט צום שניידער פון הינטער׳ן קוימען ארויס פון וואנען זי איז בעשעפטיגט מיט׳ן שבת מאכען:

— ווייסט, גאר ניט קיין שלעכטער זעלנער.

— איך האב עס באלד געוואוסט — ענטפערט איהר דער שניידער.

— ער האט עס באלד געוואוסט! — זאגט די שניידערין מיט איראָניע.

אין דער שטוב, אהן ווערטער, בעט מען זיך איבער איינער מיט׳ן צווייטען, ביז דער זעלנער ווערט אין שטיבעל א גאנצער היימישער...

פרייטאג־צו־נאכטס. די אידענע האט אין איהר שטיבעל שבת גע־מאכט, צוגערוימט, די וואכעדיגע מאשין הינטער׳ן אויווען ארונטער געררוקט און זי מיט א חלה־צוועלעכיל (טישטוך) בעדעקט. איבער׳ן ברייטען שניידערשען טיש א טיש־טוך פערשפרייט, חלות און מעשענע לייכטער ארויפגעשטעלט.. דעם אויוען האט די אידענע פרייטאג־צו־נאכטס גוט אונטערגעהייצט, אז עס זאל ווארעם זיין א גאנצען שבת. דער אויווען האט געבריהט צוויי איילען פון דערווייטען, און היים איז אין שטוב געווען, אז פון די שויבען האט אנגעהויבען טראָפענס צו קאפען, אין די טראפענס האבען זיך אבגעשפיעגעלט די שבת־ליכט, וואס האבען געברענט אין א צווייטען פענסטער געגענאיבער. אין דער

שטוב האָט אַלעם מיט שבת געשמעקט. דער שניידער איז פון דער חברה אהיים געקומען, צום טיש זיך געזעצט און גענאַנגען קידוש מאַכען.

אין א ווינקעל זיצט דער זעלנער, ביים זעלנערישען ראַנעץ, און פּאַקט זיך איבער די זאַכען: א פּאָאר שטיוועל, הויזען, העמדער... נאָדעל מיט פאָדעם. דערנאָך נעהמט ער זיך ארויס דאָס ראָזעוואַנע ברויט, נעהמט א טעפעל וואַסער און הויבט זיך אָן צו עסען.

די אַלטע זיצען ביים טיש און עסען די שבת'דיגע פיש מיט די שבת'דיגע חלה. אַלץ איז אין דער שטוב שבת'דיג, נור דאָרט אין ווינקעל זיצט עפּעס דער וואָכעדיגער זעלנער, מיט דעם וואָכעדיגען זעלנערישען ברויט. די אידענע ארט דאָס זעלנערישע ברויט; עפּעס א שטיק וואָכעדיגעס אין שבת'דיגען — שניידט זי אָב א „מוציא" חלה און איז איהם מכבד: לאָז דער זעלנער אויך טועם זיין פון דער שבת'דיגער חלה.

דער זעלנער נעהמט עס צו גלייכגילטיג, און עסט זיך די חלה מיט דער זעלבער גלייכגילטיגער מינע.

אָבגעגעסען, אָבגעבענשט, רוימט די אידענע פון טיש אראָב. עס קומט אריין א שכן מיט א שכנ'טע, יואל שוסטער מיט'ן ווייב, נאָך עפּעס א אידענע, מען זעצט זיך ביים טישעל. דאָס קליינע לעמפּעל לייכט זיך שבת'דיג, די ליכט צאַנקען אין די לייכטער און דער חלב־ריח שמעקט און שטינקט אין דעם חדר. דער שוסטער הויבט אָן צו דערצעהלען א מעשה, מען האָרכט איהם אויס, שרה־רחל נעהמט ארויס פון שירץ זוימען (סעמעטשקעס) און שיט עס אויס אויפ'ן טיש, די געסט מכבד צו זיין. באַלד ווערט די פּאָדלאָגע פערפלייצט אין שאָלעכץ. דער זעלנער זיצט אין ווינקעל, זעהט סעמעטשקעס אויפ'ן טיש — שטעקט ער אויך די האנד אריין און נעהמט זיך גלייכגילטיג די סעמעטשקעס, — ווי עפּעס א שמעק־טאַבאַק, ווען די טאַבאַק־פּושקעלע איז אָפען, — הויבט אָן מיטצוקנאַקען מיט די געסט, און פערשפּרייט שאָלעכץ מעהר פון זיי. דענסטמאָל איז דער שניידער מיט דעם זעלנער מעהר היימישער געוואָרען, געהט ער צו צום זעלנער און קלאַפּט איהם אויפ'ן רוקען:

— נו, בודיעט וואָינא? — פרעגט ער דעם זעלנער.

— בודיעט, בודיעט — מאַכט דער זעלנער מיט דער האַנד. קנאַקענדיג די סעמעטשקעס מיט'ן מויל.

# אויף אַ מאַמע

(געווידמעט מאַטילדען.)

פיער־עקעדיג איז דער מאַרק, אַרומגערינגעלט פון אַלע פיער זייטען מיט ניעדריגע, קליינע אָבגעווייסטע הייזלעך. פון דעם איינ־שטאָקיגען הויז, וואָס שטעהט קעגענאיבער דעם ברונעם, דאָרט וואו דער בעקער וואוינט, געהט פון דעם קוימען אַ געדיכטער רויך ארויס און ער צולעגט זיך האַרט איבער דעם מאַרק. אונטער דעם רויך פליהען ווייסע טויבען אהין און צוריק, און אַ הויכער יונג שטעהט ביי דעם איינ־שטאָקיגען הויז און פייפט אויף די טויבען.

קעגענאיבער דעם ברונעם שטעהען „שטעלען", טהירען אויפגע־לעגט אויף צוויי שטוהלען, אויף די טהירען ליעגען פערשיעדענע פרוכ־טען און גרינס, און ווייבער מיט אָבגעברענטע מיעדע פנים'ער, ארומ־געוויקעלט מיט טיכלעך אין די גרעסטע היצען, שטעהען פאַר די „שטעלען" און קריעגען זיך.

— אודאי, עס לוינט זיך מיר באַלד מיט אַזאַ שנאָרערין צו קריעגען, פערמאָגסט מיין מיסט? דו שלעפּערקע.

יענטע, אַ אידענע פון אַ יאָהר עטליכע־און־פערציג,—וואָס פון איהרע ליפּען האָבען די ווערטער זיך געלאָזט הערען, — טראָגט אַ ברייטען שמוציגען פאַרטוך, און איהר דיק אָבגעברענט פּנים, וואָס קוקט רוהיג ארויס פון אונטער דער טיכעל, האָט מסכים געווען אויף איהרע ווערטער.

— וואָס מיינסטו, האָסט שוין גאָט פאַר'ן באָרד געכאַפּט? ער געהערט מיר אַזוי גוט ווי דיר אָן — האָט איהר טויבע אָבגעענטפערט, אראָבּרוקענדיג דאָס טיכעל איבער די האַלבע אויערען און מיט כעס זיך די האָאר ארונטערגעשאַרט.

אַ קונה'טע איז צוגעקומען צו יענטע'ס „שטעל". און טויבע, וואָס

איז ליידיג געשטאנען, האט דערווייל זי אנגעשאלטען מיט טויטע קללות.

— וואס טויג מיר דיין געלד, פריצ'טע! ווערסט שטארבען און אפילו א הונד וועט נאך דיר קיין קדיש ניט זאגען... — האט די אידענע געשריען.

טויבע האט דערמיט איהר שכנ'טע געוואלט געבען אנצו־הערען פון איהר זוהן יצחק'ל, נאר זי האט זיך דערמאנט, אז עס פאסט ניט זיך אליין צו ריהמען, איז זי אין מיטען ריידען שטיל געווא־רען.

יענטע, אבמעסטענדיג די קונה'טע א קווארט בארען, האט איהר אבגעענטפערט:

— אודאי, ווען דו וואלסט א שטיקעל לייט געווען, וואלט דאך דיין מאן איבער דיר ניט געשטארבען, און דיין קינד וואלט זיך דאך מיט דיר ניט געשעמט. ער שעמט זיך דאך מיט דיר.

טויבע איז געווארען אין כעס און ארויס מיט א קול:

— חצופה! מיין קינד שעמט זיך מיט מיר! א כפרה מעגסטו זיין פאר זיין מינדסטען נאגעל, ביזט אפילו ניט ווערטה מיין קינד'ס נאמען צו דערמאנען.

זי האט געוואלט ארויס מיט א געוויין, וואס מען זאגט, אז איבער איהר איז איהר מאן געשטארבען, און איהר קינד, איהר יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר, נאר ניט צו דערפרעהען יענטע'ן מיט איהרע טרעהרען, האט זי זיך מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען ניט צו וויינען.

די זונן האט זיך וואס אמאל מעהר ארונטערגעלאזט אונטער יענער זייט שטעדטעל. אידען האבען זיך געאיילט איבער דעם מארק און אלע זיינען אוועק אין דער בית־המדרש געסעל מנחה דאווענען. ביי דעם ברונעם, אין מיטען מארק, האבען זיך אנגעהויבען צוזאמענקלייבען חדר־איינגלעך, וואס זיינען ערשט פריי פון דעם חדר געגאנגען.

טויבע האט צוזאמענגענומען איהרע פאאר קוישלעך אויף די הענד (די טהיר מיט די שטוהלען האט זי אין מארק געלאזט: עס וועט קיינער ניט גנב'ענען), און איבערלאזענדיג די גראבע יענטע א פאאר קללות, איז זי שטיל פון דעם מארק אוועק.

ווען זי איז זיך מיט די קוישלעך אויף די גראבע יענטע א פאאר גאנגען האט זי וועגען איהר יצחק'ל געקלערט

יענטע'ס שטעכעדיגע ווערטער קען איהר פון זינען ניט ארויס. מילא, דאס וואס זי זאגט: איבער איהר איז דער מאן געשטארבען, ארט עס איהר ניט; אלע ווייסען וואס זי האט אוועקגעארבייט ביי איהר מאן'ס קריינק, נאר וואס זי זאגט, אז איהר יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר, דאס קרענקט איהר ביז אין ריפּ. טאקע, דאכט זיך איהר, אז ער קומט אהיים אויף דער נאכט נעכטיגען, וויל ער ביי איהר קיין זאך ניט פערזוכען...

און קלערענדיג דאס, האט זי אנגעהויבען שילטען יענטע'ן.

— ניט דערלעבען זאל זי דאס, רבונו של עולם! טאטע איינער!

עפּעס האט זיך איהר געדאכט, אז דאס וואס זי מיינט, אז יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר, האט זי קיינעם ניט צו פערדאנקען נאר יענטע'ן, אלע האט זי, די מכשפה'טע אנגעמאכט.

— מיין קינד, מיין יצחק'ל, וואס פאר א געשעפטען האט איהר צו איהם? ! — און זי איז ארויס מיט א קול:

— רבונו של עולם, דו זאלסט זיך אנגעהמען מיין קריוודע, ביזט דאך א טאטע פאר יתומים, דו זאלסט עס איהר ניט שווייגען.

— וועמען איז דאס? וועמען שילט איהר אזוי, טויבע?—האט זיך צו איהר אנגערופען נעחע די נגידית'טע, וואס איז געשטאנען אין טהיר פון איהר שניט־קראם, און האט געהערט ווי טויבע שילט אזוי צו זיך אליין, אהיים געהענדיג.

— וועמען דען, בעל־הבית'טע, אז ניט די חצופה, די ימח־שמה'ניצע? — האט זי אויסגערופען ווייזענדיג מיט דעם פינגער אין מארק אריין, און ניט אפילו דעם קאפּ אויפהויבענדיג צו זעהן וועד עס רעדט צו איהר, איז זי זיך ווייטער געגאנגען.

און טויבע, ווייטער געהענדיג, האט זיך דערמאנט, אז היינט איז דער פריה, ווען זי איז צו נעחע'ן מיט א הוהן אין קיך אריין, האט זי פון דער צווייטער שטוב געהערט יצחק'לס קול ווי ער שפּארט זיך מיט נעחע'ס בחורים'לעך אין לערנען, זי האט געוואוסט, אז מיטוואך עסט איהר יצחק'ל ביי נעחע'ן, און טאקע מיט א כיון אהין צוגעגאנגען מיט דער הוהן, כדי איהר יצחק'ל זאל א גוטע יויך האבען, ער איז דאך, נעבעך, אזוי שוואך.

און הערענדיג פון דער צווייטער שטוב איהר זוהנ'ס קול, האט זי טאקע די קיך געוואלט פערלאזען, נאר דאך איז זי ניט אוועק, איהר

יצחק׳ל שפּאַרט זיך מיט נעחע׳ס קינדער אין לערנען. זיי קענען עפּעס דען? זיי קומען פּעפּעס צו זיין פּאַרשוועס? „ער וועט זיך פערשעמען“, האָט זי זיך געשראָקען, „ווען ער וועט מיך דאָ טרעפען מיט דער הוהן אין דער האנד“... „זיין מאַמע איז אַ מאַרק־אידענע, אַ שעהנער יחוס“... און דאָך האָט זי די קיך ניט פערלאָזט. „אַ קינד ניט קיין גראָשען אָב־געקאָסט, און וויפיעל קאָסטען נעחע׳ס קינדער אָב?“ וואָלט זי היינט געהאַט וואָס איהר יצחק׳ל וואָלט געדאַרפט אָבקאָסטען, וואָלט זי דאָך אַ נגידה׳סטע געווען... און איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו זיין קול.

„אוי! ע ר האָט בעדאַרפט לעבען, און זעהן יצחק׳לען, ער וואָלט דאָך באַלד געזונד געוואָרען.“

באַלד האָט זיך געעפענט די טהיר, עס האָבען זיך בעוויזען נעחע׳ס בחורים׳לעך, אין דערמיט איהר יצחק׳ל, די בעקלעך האָבען איהם געפלאַמט.

— גוט מאָרגען! — האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט, און באַלד דורך די טהיר אַרויס. זי האָט געוואוסט, זי האָט איהם עגמת נפש אָנגעטהאָן, ער איז פערשעמט געוואָרען פאַר זיי, פאַר נעחע׳ס בחורים׳לעך.

און זי פיהלט אין האַרץ: איהר קינד, איהר יצחק׳ל, איהר מילך געזויגען, וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט נעחע צו איהם; און אויסגיסענדיג איהר ביטער האַרץ אויף יענטע׳ס קאָפּ, אויף פאַר דאָס וואָס איהר זוהן האָט גאָר נישט אָבגעקאָסט און קען בעסער פאַר נעחע׳ס בחורים׳לעך, האָט זי הויך מיט אַ קול געשאָלטען:

— רבונו של עולם, דו זאָלסט זיך מיין קריוודע אָננעהמען, דו זאָלסט איהר דערפאַר בעצאָהלען, זי זאָל די היינטיגע נאַכט ניט איבער־לעבען!

די פערבייגעהער זעהענדיג ווי אַ אידענע געהט אַליין און שילט, האָבען געלאַכט.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, און פינסטער אין אין שטעדטעל געוואָרען.

טויבע איז מיט די קוישעלעך אהיים געגאַנגען, האָט זיי אַרויפ־געשלעפּט אויף די טרעפּ פון איהר הויז און געעפענט די טהיר.

— די מאַמע, די מאַמע! — זיינען איהר קולות אַנטקעגען געקומען. די שטוב איז געווען רוהיג, אין מיטען דער שטוב האָבען זיך די־

קינדער ארומגעשטעלט נעבען טויבע'ן און נים אויפגעהערט צו שרייען „מאמע". איין קינד'ס קול איז געווען א וויינענדיגער: „וואו ביזט דו דאס געווען א גאנצען טאג?" א צווייטענס קול איז געווען א פרעהליכער: „ווי גוט איז מאמע, אז דו ביזט געקומען". און די אלע קולות האבען זיך אין איינעם אויסגעמישט.

— שווייגט! לאזט מיך כאטש דעם אטהעם כאפען, שרייט די אידענע אניעדערשטעלענדיג די קוישלעך.

זי איז צו צום קוימען, עפעס געזוכט, און באלד איז דאס קליינע שטיבעל פון א קליין פעררויכערט לעמפעל בעלויכטען געווארען.

דער שוואכער שיין האט נור בעלויכטען דאס ארט ארום דער קיך וואו טויבע איז געשטאנען און דארטען צווי העלצלעך אונטערגעהייצט; בעלויכטען אן אלט־פערשטויבטע מאשין וואס איז געשטאנען נעבען א בעט (א סימן פון א געוועזענעם שניידער), און א האלב בעט וואס איז קעגענאיבער דעם לעמפעל געשטאנען. אויף דעם בעט איז געווען אויסגעשפרייט שטרוי, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען פערשיעדענע אויבס, און זייער ריח האט זיך געטראגען איבער דער שטוב, דאס איבריגע טהייל שטיבעל מיט די בעטען זיינען פערלוירען געווארען אין דעם שאטען.

ערשט אנדערטהאלבען יאהר ווי איהר מאן, לייזער שניידער, איז געשטארבען. נאך ביי זיין לעבען, צום סוף ווען דער הוסט האט זיך איהם געשטארקט און ער האט נים געקענט זיין וויב און קינדער מפרנס זיין, האט זיך טויבע אוועקגעלאזט עפעס צו פערדיענען, און וואס מעהר די קרענק האט זיך געשטארקט, האט זי געמוזט מעהר הארעווען, און אז זי איז געווארען אן אלמנה, איז זי שוין געוועהנט געווען צו ארבייטען פאר'ן גאנצען הויזגעזינד.

דאס עלטסטע אינגעל, יצחק'ל, האט געהאט א גוט קעפעל, ער איז געווען דער איינציגער טרייסט אין לייזער שניידער'ס פינסטערען לעבען, און ליעגענדיג אויף דעם טויטען־בעט האט ער זיך געטרייסט, ער לאזט כאטש איבער א גוטען קדיש נאך זיך.

ווען לייזער איז געשטארבען, האבען די בעלי־בתים רחמנות געהאט אויף דער וויסטער אלמנה, צוזאמענגעמאכט א פאאר רובעל, אז זי זאל האבען מיט וואס צו האנדלען. און זעהענדיג אז יצחק'ל האט א

גוטען קאָפּ האָבען זיי איהם אַריינגעגעבען אין בית־המדרש, געשאַפּט איהם טעג אין די רייכע הייזער, און איהם אוועקגעגעבען לערנען.

טויבע זעהענדיג, אַז יצחק׳ל עסט ביי די נגידים, האָט עס איהר אין האַרצען הנאה געטהאָן: געבעך אַ שוואַך קינד, וואָס קען זי איהם געבען עסען? דאָרט, ביי די נגידים האָט ער פון אַלעם בעסטען. דאָך אָבער אין דער שטיל האָט זי דערפון עגמת־נפש געהאַט, וואָס יצחק׳ל עסט אין פרעמדע רייכע הייזער. זי האָט אַליין ניט געוואוסט, אויב מען האָט איהר מיט דעם אַ טובה געטהאָן אָדער אַ רעה...

איינמאָל אַזוי זיצענדיג פאַר איהר „שטעל“, זעהט זי ווי איהר יצחק׳ל געהט אַרויס פון דעם שול־געסעל מיט דעם תפילין־זעקעל אונטער דער אָרעם און געהט גלייך אין זונדעל דעם גביר׳ס הויז אַריין פרישטיק עסען, האָט עס איהר אין האַרצען געשטאָכען. זי איז דענסטמאָל נאָך גוט געוועזען מיט יענטע׳ן, ווייל באַלד נאָך דעם מאַנ׳ס טוידט האָבען אַלע אויף איהר רחמנות געהאַט, האָט זי צו איהר געזאָגט:

— גלויבט מיר, יענטע, איך ווייס אַליין נישט, זעהט, וואָס האָב איך דאַכט זיך פרעטענזיעס צו די בעלי־בתים, זיי האָבען דאָך גוטס געטהאָן מיט מיר און מיט מיין קינד: געשאַפט איהם עסען אין רייכע ערטער, בעהאַנדעלט איהם, זאָג איך אייך, ניט ווי ער וואָלט זיין אַ מאַרק־אידענעס אַ קינד, נור ווי אַ גביר׳ס, דאָך יעדעס מאָל ווען איך גיב די קינדער מיטאָג, פערגעס איך און שטעל אַנידער אַ טעלער פאַר מיין יצחק׳ל אויך, און אַז איך דערמאָן מיך אַז ער עסט ניט ביי מיר, וויין איך פשוט ווי אַ קליין קינד.

— געהט, איהר זייט אַ נאַרישע אידענע, — ענטפערט איהר יענטע אָב — וואָס דען, ביי אייך וואָלט ער אַ לייט געוואָרען. וואָס קען נעבעך אַן אָרימאַן אַ קינד געבען צו עסען? מישטיינס געזאָגט!

— איהר זייט גערעכט, יענטע, — זאָגט טויבע, — אָבער דאָך, ווען איך צוטהייל דעם מיטאָג, שניידט מיר אין האַרץ.

און איצט זיצענדיג ביי דער קיך, אָבקאָכען עסען פאַר די קינדער, האָט די אידענע דאָס זעלבע געקלערט. עפעס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז מען רויבט ביי איהר יצחק׳לען אוועק.

ווען די קינדער האָבען אָבגעגעסען און זיך שלאָפען געלעגט, האָט זי דאָס לעמפעל אויף דעם טיש אַנידערגעשטעלט, און גענומען פערריכטען אַ העמד פאַר יצחק׳לען.

באלד האָט זיך די טהיר געעפענט, און יצחק'ל איז אריינגעקומען.

יצחק'ל איז אַ אינגעל פון אַ יאָהר פערצעהן, הויך און דאַר, זיין ווייס פּנים שיינט ברוגז'דיג ארויס פון דער שווארצער קאַפּאָטקעלע און פון דעם שווארצען היטעל.

— גוטען אָוועַנד, האָט ער שטיל געזאָגט.

די מוטער האָט איהם אָבגעטרעטען איהר אָרט. אין האַרץ האָט זי געפיהלט, אַז זי דאַרף פאַר איהר קינד דרך־ארץ האָבען, ניט וויסענ־דיג אליין פאַרוואָס, און באלד האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי מיט איהר אָרעמקייט זיינען פאַר איהר יצחק'ל אַן אומגליק.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און ארויסגענומען פון דעם ספרים־שאַפּקעלע אַ ספר און אריינגעקוקט.

די מוטער האָט ארויסגעדרעהט דאָס קנויטעל פון לעמפּעל, אויס־געווישט מיט דעם פאַרטוך דאָס גלעזעל און דאָס לעמפּעל צו איהם נעהענטער צוגערוקט.

— ווּעסט טרינקען אַ גלאָז טהעע, יצחק'ל ? — פרעגט איהם די מוטער אין דער שטיל, וועלענדיג איהר קינד מיט עפּעס דיענען.

— ניין, איך האָב ערשט געטרונקען.

— אפשר אַן עפּעלע ?

ער האָט געשוויגען.

די מוטער האָט ריין געמאַכט אַ טעלעריל, ארויפגעלעגט אַ פּאָאר עפּעלעך מיט אַ מעסער און אַנידערגעשטעלט אויף דעם טיש נעבען איהם.

ער האָט זיך בנעימות'דיג, ווי אַ גרויסער, אָבגעשיילט אַן עפּעלע, אויף אַ ברכה געמאַכט און געגעסען.

ווען יצחק'ל האָט געגעסען דאָס עפּעלע, האָט טויבע זיך צו איהם מעהר מאַמע'דיגער געפיהלט און האָט זיך נעהנטער צוגערוקט צו איהם.

און אָבשיילענדיג בנעימות'דיג דאָס צווייטע עפּעלע, האָט יצחק'ל נאָך ליעבליכער גערעדט :

— איך האָב היינט מיט דעם דיין געשמועסט וועגען דער נסיעה, דאָ אין היגען בית־המדרש איז נישטאָ וואָס צו טהון, נישטאָ דאָ ביי וועמען צו לערנען, און וואו צו לערנען. ער האָט מיר אַן עצה געגעבען נאָך מאַקעווע אין דער ישיבה צו פאָהרען, ער וועט מיר מיטגעבען אַ בריעף צו ר' חיים דעם ראש הישיבה, ער זאָל מיך מקרב זיין.

טויבע הערענדיג, אז איהר יצחק'ל וויל זי איבערלאָזען, איז זי שטארק דערשראָקען געוואָרען, נור די ווערטער „דין", „ראש הישיבה", „מקרב זיין" — די הויכע לשון קודש ווערטער וואָס זי האָט ניט פערשטאַנען, האָבען געוואָרפען אויף איהר עפּעס אַן אימה און זי האָט געפיהלט, אַז זי דאַרף דרך־ארץ האָבען.. באַלד האָבען זי די ווערטער בערוהיגט: יצחק'ל האַלט זיך מיט איהר אַן עצה, מיט איהר, זיין מאַמע...

— מילא, אַז דער דין הייסט, האָט זי אָבגעענטפערט מיט אַ פרומע מינע.

— יאָ, — זאָגט ווייטער יצחק'ל, דאָרט לערנט מען „שעור" מיט אַלע מפרשים. ר' חיים, דער מחבר פון „אור תורה", איז אַ למדן מופלג, דאָרט קען מען אויסוואַקסען אַ לייט.

די ווערטער האָבען זי אין גאַנצען בערוהיגט, זי האָט זיך געפיהלט עפּעס גליקליך, עפּעס דערהויבט. דאָס איז איהר קינד — זי איז די מאַמע פון אַזאַ קינד, און ווען ניט זי, וואָלט דאָך יצחק'ל ניט געוועזען... נאָר דאָס האַרץ האָט איהר געריסען און זי איז טרויעריג געוואָרען...

דערנאָך האָט זי זיך דערמאָהנט אַן איהר מאַן און איז אַרויס מיט אַ געוויין:

— וואָלט ער כאָטש געלעבט, וואָלט ער כאָטש דעם נחת דערלעבט. — האָט זי געזיפצט.

יצחק'ל האָט אין ספר אַריינגעקוקט.

דאָס וואָס יצחק'ל קלויבט זיך אָוועקפאָהרען, האָט זי ביי נאַכט ניט געלאָזט שלאָפען, דאָס האַרץ האָט איהר געריסען.

און ביינאַכט ליעגענדיג אויף איהר געלעגער, האָט זיך איהר גע־חלום'ט, ווי עפּעס גרויסע רבנים מיט טיעפע שטריימלעך און לאַנגע פאות קומען אַן, און נעהמען פון איהר איהר יצחק'ל אַוועק. איהר יצחק'ל טראָגט אויך אַ שטריימעל מיט לאַנגע פאות און האַלט אַ גראָב ספר אין האַנד, און ער געהט ווייט אַוועק מיט די רבנים. זי שטעהט און קוקט נאָך און זי ווייסט אַליין ניט, אויב זי זאָל זיך פרעהען, אָדער וויינען גאָר..

אין דער פריה האָט זי זיך שפּעט אויפגעכאַפּט, יצחק'ל איז שוין ניט געוועזען. זי האָט אויף גיך די קינדער אָבגעפערטיגט און געאיילט זיך אין מאַרק אַריין, און זיצענדיג ביי איהר שטעל האָט זי זיך פער־

קלערט, און עס האָט זיך איהר געדאכט, אז זי זיצט ביי איהר זה״ז; ער איז א רב אין א גרויסער שטאדט. אָט זיצט ער אָנגעטהאָן אין שיך און זאָקען, א גרויס שטריימעל אויף דעם קאָפּ און האלט א גראָב ספר אין דער האנד און קוקט אריין. זי זיצט ביי זיין רעכט האנד און שטריקט א זאָק. די מהיר עפענט זיך, עס קומט אריין יענטע מיט א טעלעריל אין דער האנד פרעגען איהר זוהן א שאלה.

א קונה האָט זי אויפגעוועקט פון איהרע זיסע געדאנקען.

גאנצע נעכט איז טויבע געזעסען ביי דעם טישעל און ביי דער שיין פון דעם קליינעם פעררויכערטען לעמפעל האָט זי צורעכט געמאכט די העמדער פאר יצחק׳ל אין וועג אריין; ביי יעדען שטאָך האָט זי געקלערט, אז זי נעהט עס פאר יצחק׳לען, ער וועט אויספאָהרען אין דער ישיבה אריין, זיצען און לערנען און אלע פרייטאג אָנטהון א העמד, וואָס די מאמע האָט פאר איהם צורעכט געמאכט.

יצחק׳ל איז שטענדיג געזעסען אויף דער צווייטער זייט טיש און האָט אין א ספר׳ל אריינגעקוקט. די מוטער האָט איהם געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט ניט געוואוסט וואָס...

---

טויבע מיט יצחק׳לען זיינען פארטאָג אויפגעשטאנען.

יצחק׳ל האָט געקושט די ברידערלעך אין שלאָף. די פערשלאָפענע שוועסטערלעך האָט ער געזאָגט בלויז: „בלייבט געזונד“. איין שוועסטער׳ל, גאָלדע, האָט זיך אויפגעכאפט און אנגעהויבען צו וויינען, אז זי וויל אויך מיטגעהן בעגלייטען דעם ברודער. די מוטער האָט זי אין דער שטיל איינגענומען, און טראָגענדיג יצחק׳לס קעסטעל זיינען זיי ביידע פון דער שטוב ארויס.

די גאס האָט נאָך געשלאָפען, די לאָדען זיינען נאָך געווען פערמאכט, פון אונטער דעם שפּיץ פון דער קירכע האָט דער מאָרגענשטערען אפּירגעשיינט און קאלט בעגילדעט די קאלטע פריהמאָרגענדיגע ראָסע וואָס איז געלעגען איבער די דעכער; און איבער דעם שטעדטעל און גאס האָט געדוהט א שטילקייט. — נאָר אין מיטען מארק איז א פויערשע פוהר געשטאנען מיט אויבס, ארום די פוהר — ווייבער, און פון דערווייטען האָט זיך געהערט יענטע׳ס קול:

— פינף גילדען מיט צעהן גראָשען, דאָס גאנצע אויבס נעהם איך.

און טויבע, נאָכטראָגענדיג יצחק׳לען דאָס קעסטעל, איז דורכ־

געגאנגען דעם מארק און דערזעהענדיג יענטע'ן, האט זי אויף איהר געקוקט מיט שטאָלץ...

זיי זיינען ארויס אונטער דעם שטעדטעל, אויף דעם וועג, און אבגעוואַרט א געלעגענהייט נאָך לענטשיץ, אז פון דאַרט זאָל יצחק'ל ווייטער פאָהרען קיין קוטנא.

דער הימעל איז געווען גרוי און קאַלט. דאַרט ווייט האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דעם רויכערדיגען טהוי־וואָלקען וואָס האָט פון די פעלדער אויפ'ן הימעל אויפגעשטייגט, אָדער פון הימעל אויף די פעלדער אראָבגענידערט און האָבען זיך אינאיינעם צוזאמענגעגאָסען... און דער וועג האָט שטילשוויינענד ווייט זיך אוועקגעצויגען.

זיי האָבען זיך ביידע ביים שלאָבען אנידערגעשטעלט און געוואַרט אויף א געלעגענהייט.

און די מוטער האָט ארויסגעקראַצט א פּאָאר פּערצינגערס פון דער קעשענע און איהם איינגעבונדען אין העמד, אויפ'ן הארץ.

באַלד איז א פוהר דורכגעפאָהרען פול מיט פּארשוינען. זי האָט פאר יצחק'לען אויסגעדונגען אָן אָרט פאר פערציג גראָשען, און האָט דאָס קעסטעל אויף דעם וואָגען ארויפגעלעגט.

— פּאָהר געזונדערהייט! פערגעס ניט אָן דער מאמען! — האָט זי וויינענדיג אויסגערעדט.

יצחק'ל האָט געשוויגען.

זי האָט געוואָלט איהר קינד קושען, נור זי האָט געוואוסט אז דאָס פּאַסט ניט פאר א דערוואַקסען אינגעל, און האָט זיך איינגעהאַלטען.

יצחק'ל איז ארויף אויף דער פוהר. די פּאסאזשירען האָבען פאר איהם צווישען זיך אָן אָרט געמאַכט.

— בלייב געזונד, מאמע. — האָט ער געזאָגט, ווען די פוהר האָט זיך פון אָרט גערוהרט.

— פּאָהר געזונדערהייט, מיין קינד! זייַ און לערען דאָרט און פערגעס ניט אָן דער מאמען — האָט טויבע דער פוהר נאָכגעשריען.

די פוהר האָט זיך וואָס אמאָל דערווייטערט ארויף אויף דעם בארג, וואָס האָט זיך געזעהען פון דערווייטענס.

טויבע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און נאָכגעקוקט דער פוהר. ווען די פוהר איז פון דערווייטען אין קאָרזש פערלוירען געוואָרען, האָט זיך טויבע אומגעדרעהט און צוריק אין דער שטאָדט אריין.

זי האָט אָנגעלענט דעם וועג כדי עס זאָל איהר אויסקומען פאַרביי־נעהן דעם „בית עולם“.

ניט קיין הויכער פּאַרקען פון ברעטער האָט דעם בית עולם אַרומ־געריננעלט און די מצבות האָבען זיך אַרויסגעוויזען און געקוקט אין הימעל אַריין.

זי איז צוגעגאַנגען און אַרויפגעקלעטערט אביסעל אויף דעם פּאַרקען און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין „פעלד“ אַריין, און זי האָט צווישען די מצבות עפּעס מיט די אויגען געזוכט, און אַז זי האָט דערזעהן אַ בעקאַנטע קליינע מצבה, האָט זי מיט דעם קאָפּ אהין געשאָקעלט:

— ברוך, ברוך! דיין זוהן יצחק׳ל איז אין דער ישיבה געפאָהרען תורה לערנען.

באַלד אָבער האָט זי זיך דערמאָהנט אָן דעם מאַרק. יענטע האָט אודאי דאָס גאַנצע אויבס אָבגעקויפט! פאַר איהר וועט גאָר ניט איבערבלייבען, און זי האָט זיך אין שטאָדט געאיילט.

זי איז גיכער געגאַנגען, און זעהר צופריערען מיט זיך געוועזען. עפּעס האָט זי געפיהלט, אַז זי האָט אַ גרויסע זאַך געטהאָן, און טראַכ־טענדיג דאָס, האָט זי פערגעסען אָן דעם עגמת־נפש פון דעם, וואָס יענטע האָט דאָס גאַנצע אויבס אָבגעקויפט.

---

אין צוויי וואָכען אַרום האָט זי פון יצחק׳לען אַ בריוועלע ערהאַל־טען. אַליין לעזען קען זי ניט, איז זי אַוועקגעגאַנגען מיט דעם בריוועל צו ר׳ יוחנן מלמד, ער זאָל עס איהר איבערלייענען.

ר׳ יוחנן האָט די ברילען אָנגעטהאָן, גוט אָבגעהוסט און האָט אָנגעהויבען פון בריוועל אַרויסצולעזען:

„לאמי אהובתי הצנועה...

— וואָס איז דער טייטש? — האָט טויבע געפרעגט.

— אַ טיטעל איז דאָס צו דער מוטער, זאָגט ר׳ יוחנן און לייענט ווייטער.

טויבע׳ס געזיכט איז ליכטיגער געוואָרען. זי האָט גענומען איהר פאַרטוך צו די אויגען און אָנגעהויבען וויינען.

ר׳ יוחנן האָט דאָס בעמערקט און געלייענט ווייטער לשון־קודש ווערטער.

— וואָס איז דער טייטש? דער טייטש? — פרעגט אַלץ די אידענע.

— גאָר נישט, ניט פאַר אייך, איהר וועט עס ניט פערשטעהען, עס איז אַ פּשט'ל.

זי האָט געשוויגען, די לשון־קודש'דיגע ווערטער האָבען אויף איהר אַ שרעק געוואָרפען, און זי האָט מיט דרך־ארץ אויסגעהערט.

„איך גערים אמי אהובתי, מיט אחותי, און שרה'ן און גאָלדע'ן און יעקב, לאָז ער זיך גוט לערנען, איך האָב אַלע טעג... און שלאָף ביי ר' חיים'ען." האָט פלוצים ר' יוחנן געלייענט.

טויבע האָט זיך געלאָזט בענוגענען מיט די פּאָאר ווערטער. זי האָט צוגענומען דעם בריעף, איהם געלעגט אין קעשענע אריין און געגאַנגען מיט גרויס פרייד אין מאַרק אריין.

„אויף דער נאַכט," — האָט זי זיך געטראַכט — „וועל איך ארונטער צום דין, לאָז ער לעזען דאָס בריוועל."

אויף דער נאַכט, ווען זי איז אהיים געקומען, האָט זי אויף גיך מיטאָג אָבגעקאָכט, געגעבען די קינדער עסען, און געלאָפען צום דין מיט'ן בריוועל.

זי איז אין שטוב אריין. לאַנגע פּאָליצעס מיט ספרים בעדעקען די ווענד, און אַ איד מיט אַ ווייסע באָרד זיצט אויבענאָן, און קוקט אין אַ ספר אריין.

— וואָס, אַ שאלה? — פרעגט דער דין פון דערווייטען.

— ניין.

— וואָס דען?

— אַ בריוועל פון מיין יצחק'לען.

דער דין האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען, זי אָנגעקוקט און האָט צוגענומען פון איהר דאָס בריוועל, און אָנגעהויבען לייענען, אין דער שטיל, פאַר זיך.

— וואויל, אויסגעצייכענט, גוט... דער קליינער פערשטעהט...— רעדט דער דין צו זיך.

טויבע'ן גיסען זיך טרעהרען פון די אויגען...

— וואָלט ער כאָטש געלעבט! וואָלט ער כאָטש געלעבט!

— שחיטת חוץ... רמב"ם... תוספות איז גערעכט... — רעדט דער דין ווייטער צו זיך.

„איהר יצחק'ל, טויבע דער מארק־אידענע'ס א אינגעל." — טראכט זי מיט שטאלץ.

— נאט אייך דאס בריוועל, — זאגט דער דין צום סוף — איך האב עס שוין דורכגעלעזען.

— נו, וואס? — פרעגט די אידענע.

— וואס ווילט איהר דען?

— וואס שטעהט אין בריוועל? — פרעגט די אידענע אין דער שטיל.

— עס איז ניט פאר אייך, איהר וועט עס ניט פערשטעהן. — זאגט דער דין מיט א שמייכעל.

---

יצחק'ל שרייבט אהיים בריוולעך, וואס אמאל ווערען די אידישע ווערטער ווינציגער, די לשון־קודש ווערטער מעהר, אמאל נור א גערוס צו דער מאמען — און זי קומט צו ר' יוחנן; ר' יוחנן לייענט איהר דורך די אידישע ווערטער און זי לאזט זיך דערמיט בענוגענען. לשון־קודש ווערטער זיינען פאר דעם דין," טראכט זי זיך.

אמאל קריעגט זי א בריוועל פון יצחק'לען.

זי געהט אריין צו ר' יוחנן, ער זאל עס דורכלייענען.

ר' יוחנן לייענט עס דורך.

— גאר נישטא צו אייך. — זאגט ער.

— ווי הייסט?

— גארנישט. — ענטפערט ער אב קורץ.

— לייענט־זשע מיר כאטש דאס, וואס איז דא.

עס איז דאך לשון קודש, תורה, איהר וועט דאך ניט פערשטעהן.

— וועל איך ניט פערשטעהן.

— געהט אייך געזונדערהייט און פערדרעהט מיר ניט דעם קאפ.

טויבע איז ארויס מיט דעם געדאנק, אויף דער נאכט צו געהן צום דין.

— רבי, זייט מוחל, פערטייטשט מיר דעם בריעף אויף אידיש. — זאגט זי צום דין, איהם דער בריעף איבערגעבענדיג.

דער דין נעהמט דעם בריעף און לייענט איהם איבער.

— גאר נישטא פאר אייך! — זאגט ער איהר.

— רבי, — זאָגט טויבע פערשעמט — פערטייטשט מיר, זייט מוחל, דאָס לשון־קודש'דיגע.

— עס איז דאָך תורה, איהר וועט ניט פערשטעהן.

— נו, לייענט באָטש דעם בריעף אויף לשון קודש, הויך, הויך, איך זאָל איהם הערען.

— איהר וועט דאָך אָבער ניט פערשטעהן, עס איז דאָך לשון־קודש.

— שמייכעלט דער דין.

— נו, וועל איך ניט פערשטעהן, — זאָגט די אידענע — עס איז דאָך מיין קינד'ס תורה, מיין קינד'ס.

דער דין האָט עפּעס געקלערט, און אָנגעהויבען לייענען הויך.

— שחיטת חוץ שנתערבה בקודש... רמב"ם בהלכות... מ"א...

באַלד אָבער קוקט ער אויף די אידענע און דערמאָנט זיך אָן עפּעס: ער זאָגט גאָר תורה פאַר אַ אידענע.

— נאַט אייך דעם בריעף, עס איז גאָר נישטאָ פאַר אייך. — האָט ער געזאָגט רחמנות'דיג און צוריק זיך געזעצט אויף זיין אָרט.

— עס איז דאָך מיין קינד'ס תורה, מיין יצחק'לס בריעף, פאַר וואָס זאָל איך ניט הערען? לאָם איך ניט פערשטעהן, עס איז דאָך מיין קינד.

---

דערנאָך ווען טויבע איז אַהיים געקומען, האָט זי זיך ביים טישעל אַנידערגעזעצט, אַראָבגענומען דאָס לעמפּעל פון צוואָק, און ביי דער שיין פון דעם פערדרויכערטען לעמפּעל, האָט זי שטום אויף דעם בריוועל געקוקט.

זי האָט דעם בריעף געקושט, נאָר באַלד האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי איז מטמא דעם בריעף מיט איהרע ליפּען, זי איז אַ זינדיגע אידענע...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אַרויסגענומען פון ספרים־שאַפּקעלע דעם מאַנ'ס סדור און צווישען די בלעטער אַריינגעלעגט דעם בריעף.

מיט ציטערדיגע ליפּען האָט זי געקושט די טאָוולען פון דעם סדור, און עס צוריק אַריינגעשטעלט אין ספרים־שאַפּקעלע.

# מאָטעלע

צוזאַמען האָבען מיר מיט מאָטעלען געלערנט ביי ר' יוחנן דעם דרדק'ער.

פון קינדוויַיז אָן איז ער געווען אַ טרויעריגער, שטענדיג געווען פער'חושכ'ט, פערקלערט. ער פלעגט זיך אָפּט אָבשטעלען און קוקען פערטראַכט, ער קוקט און ווייס אַליין נישט וואָס. ער הערט מיט אָפענע אויערען. און וואָס, ווען? ער אַליין ווייס נישט.

געזעסען זיינען מיר קינדער ביים טיש, אין חדר, און מיר האָבען געלערנט.

דער רבי איז געשטאַנען פאַר אונז און אַכטונג געגעבען, אַז מען זאָל פון דער גמרא ניט אַרויסקוקען.

— מאָטעלע, — פרעגט דער רבי פּלוצלונג אין מיטען לערנען — מאָטעלע, וואו האַלטסט דו?

מאָטעלע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, רופט אויס מיט בליצענדיגע אויגען פאַר פרייד, וויַיזענדיג צום הימעל:

— פייגעלעך פליהען, אַ חתונה... די צוויי וואָס פליהען פאָראויס זיינען חתן כלה, די איבריגע אודאי כלי־זמרים...

הערענדיג דאָס, ווערט אַ גרויס געלעכטער צווישען אונז, מיר לערנען: צוויי קריגען זיך איבער אַ טלית, און ער דערצעהלט אַ מעשה פון פייגעלעך, וואָס מאַכען אַ חתונה.

מאָטעלע פלעגט זיך אָפטמאָל אַרויס'גנב'ענען פון חדר און פער־קריכען אויפ'ן גאַנצען טאָג אין וועלדעל אַריין, וואָס שטעהט אונטער דעם שטעדטעל. ער געהט אַרום צווישען די ביימער און רעדט מיט זיך אַליין; ער זעצט זיך אויף אַ בערגעל, וואָס שטעהט נאָהענט ביים וואַסער און קוקט אין וואַסער אַריין; ער קוקט אויפ'ן הימעל און זעהט ווי די ווייסע וואָלקענס ציהען זיך — ער פערלאַנגט עפּעס, ער בעט עפּעס פון די גרויע הימלען — און ער ווערט שטאַרק טרויעריג...

און איהם דאַכט זיך, אַז אַלץ איז טרויעריג. דעם גאַנצען אויבער־

שטענס בעשעפעניש איז ערנסט און טרויעריג. אלץ וויינט אין דער שטיל און קיינער הערט ניט. ווי טרויעריג עס קוקען די הימלען פון דער הויך, ווי טרויעריג עס קוקען די לעצטע שטראהלען פון דער זון אראב פון די בוימער, ווי טרויעריג עס שאקלען זיך די בוימער און צווייגען. אלץ איז איבערגעצויגען מיט א זיסער טרויעריגקייט. און ער, טראכטענדיג דאס, ווערט ערנסט, איהם פערגלוסט זיך צו וויינען, און די טרערען רינען איהם אויף זיינע באקען.

און ביינאכט ווען ער פלעגט שטעהן, זעהענדיג די לבנה שיינען, האט ער ביי זיך געהאט אן איינרעדעניש — אז די לבנה שפיעלט מיט איהם אין בעהעלטעניש. זי גנב'עט זיך ארונטער אונטער א וואלקען און בעהאלט זיך פאר איהם — זי פערשטעלט זיך פאר איהם, אז ער זאל זי ניט געפינען. אט שפאלט זי דורך דעם וואלקען און ווינקט צו איהם ממזר'יש, אט נעהמט זי א שטערן און ווארפט איהם — און ער עפענט אויף די האנד, ווי ער וואלט איהם וועלען כאפען.

שבת פארנאכט. די שטערן האבען זיך נאך ניט בעוויזען און אין שטוב איז נאך קיין ליכט ניט אנגעצונדען. עס איז טונקעל, לאנגע שרעקליכע שאטענס בעוועגען זיך אהין און אהער אויף די ווענד, אויף דער פאדלאגע. מאטעלע שטעהט ביים פענסטער און קוקט אויף די שפיץ בוימער, וואס ווייזען זיך שוואך ארויס פון דעם גרויען פלעק, וואס האט איינגעהילט דאס וועלדיל. די מוטער זיצט אין ווינקעל, און ברומט „גאט פון אברהם“. פלוצלונג פערוויל̇ט זיך איהם עפעס. ער ווערט שטארק רויט, ער וויל פרובען זיין ווילען צו פעריאגען, אבער ער קען נישט, עס ציהט איהם שטארק פאר דאס הארץ, ער קען זיך ניט איינהאלטען, ער מוז זאגען. ער געהט צו צו דער מוטער, דאס הארץ קלאפט איהם, די אויגען פינקלען איהם, ער שעהמט זיך, די מוטער וועט איהם אויסלאכען — טראכט ער ביי זיך — אבער פער־פאלען: „מאמע, זאגט ער מיט א שטילען שעמעדיגען טאן, מאמע, איך בעט דיך, בייזער דיך נישט... לאך נישט...“ און איז שטיל געבליעבען.

— וואס ווילסטו, מיין קינד? — פרעגט איהם די מוטער מיט צערטליכקייט.

דאס האט נאך מעהר זיין ווילען פערגרעסערט.

— מאַמע, — זאָגט ער שטיל און וויל זיך צוריקכאַפּען — מאַמע, איך וויל דיך קושען !...

— פע, נאַרעלע ! פע, עס פּאַסט ניט פאַר א דערוואַקסען אינגעל.

— ניין, מאַמע, איך וועל שוין מעהר ניט, — האָט מאַטעלע אויס־געגרופען פערשעהמט, און טרערען האָבען זיך איהם בעוויזען אין די אויגען — איך בעט דיך, דערצעהל ניט פאַר קיינעם. — און געטראַכט האָט מאַטעלע ביי זיך : „וואָס בין איך שולדיג, אז מיין יצר הרע איז אזוי גרויס ?“

— געה בעסער דאַווענען, — האָט איהם די מוטער געזאָגט — דאַווען פרום.

און מאַטעלע איז געגאַנגען דאַווענען. ער האָט פרום געדאַוועגט און פון דעם אויבערשטען געבעטען, אז ער זאָל זיין יצר הרע אָב־שוואַכען.

א יתום איז מאַטעלע געווען. דער פאָטער זיינער איז איהם פאַר איינינע יאָהר געשטאָרבען. דאָס איז געווען זיין גליק, דאָס האָט אָבגע־האַלטען דעם רבי'ן פון שלאָגען איהם, אונז פון חוזק מאַכען אויס איהם — ער האָט א געשטאָרבענעם טאַטען, ער וועט זיך פאַר איהם אָננעהמען.

און אז עס איז געקומען „תשעה באב“, איז ער געווען אונזער גאַנצער פיהרער אויפ'ן „גוטען אָרט“. ער האָט אונז ארומגעפיהרט ווי א פריץ אין זיינע גיטער ; ער איז דאָך דאָ א היימישער : ער האָט דאָך דאָ ליענען א טאַטען.

מאַטעלעס מוטער, חוה די שוואַרצע — אזוי האָט זי געהייסען — איז געווען א הויכע אידענע, א דאַרע, דאָס פּנים אויסגעצויגען, געל ווי וואַקס, די באַקען איינגעשרומפּען, צוזאַמענגעקנייטשט, די ליפּען איינ־געטריקענט, געשפּאָלטען, א האַלז א שוואַרצער, מיט גראָבע, בלויע אָדערען.

געהאַנדעלט האָט זי מיט היהנער, אייער, פּוטער, געפראָרען איז זי א גאַנצען טאָג פאַר קעלט, געגאַנגען אָבגעריסען, געגעסען טרוקען ברויט און געהאָרעוועט ווי אַן עזעל.

איהר גאַנץ ביסעל גוטס אויף דער וועלט איז געווען מאַטעלע. זי האָט געצאָהלט פאַר איהם שכר לימוד־געלד, געזעהן ער זאָל האָבען

א גאַנץ קאַפּאָטקעלע, מיט גאַנצע שטיוועלעך, אַ וואַרעם קאַפּטיל אויף ווינטער, ער זאָל זיך חלילה ניט פּערקיהלען.

שבת נאָכ'ן שלאָף פלעגט זי זיך אָנטהון די נייע יאַקע מיט דער נייער הויב, נעהמען דאָס אינגעל פאַר דער האַנד און פיהרען איהם צום דין פערהערען.

אַז זי האָט געהערט איהר מאָטעלע'ן זאָגענדיג דעם „שעור", איז זי שטאָלץ און גרויס געוואָרען ביי זיך. זי האָט געהאַלטען די וועלט פאַר קליין און נידעריג. איהר וואַכעדיג פינסטערעס לעבען איז ליכטיג און העל געוואָרען. זי האָט געוואָלט מאָטעלע'ן אויסקושען אַלע ביינ־דעלעך. אַבער עס פּאַסט דאָך ניט פאַר אַ מאַמען צו קושען אַ דער־וואַקסענעם אינגעל.

און אַז מאָטעלע איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר צוועלף, איז ער ווייטער געוואָרען אַ יתום.

נאָך אַ קאַלטען ווינטער־טאָג, איז חוה די שוואַרצע אהיים געקומען אַ דערפרוירענע, מאַט און קראַנק — אַ ציטערקייט האָט זי דורך און דורך גענומען, זי האָט געשיקט מאָטעלען נאָך דער מוהמען. די מוהמע איז געקומען, מען האָט געמאַכט אין דער האַלב־צעבראָכענער קיך פייער, די שטוב איז פול געוואָרען מיט רויך. אין אַ פּאָאָר טעג אַרום, ווען דער רופא מיט'ן אַפּטייקער האָבען צוגענומען די לעצטע פּאָאָר גילדען, און לוי דער מלוה די גאָלדענע אויערדרינגלעך — וואָס זי האָט געקריגען אַ מתנה כלה־ווייז פון איהר „טרויעריגען" — און אַ קישעלע, איז די אידענע געשטאָרבען. און מאָטעלע איז געוואָרען אַ יתום.

די שטאָדט האָט גענומען פאַר איהם זאָרגען, געשאַפט איהם טעג ביי די רייכע, — אין „בית המדרש" האָט ער געלערנט — דאָס ביסעל „בעל־בתישקייט" האָט מען פערקויפט און דאָס געלד האָט מען געגעבען צו האַלטען אַ „בעל הבית" אין שטאָדט.

דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען מיט איהם צופריעדען. אַ רוהיגער און שטילער, געהט זיך זיין אָקסען־שריט, נור שטענדיג פער־טראַכט. אַלע פאַרנאַכט, ווען די זון געהט אונטער, פלעגט ער שטעהן און גלאָצען מיט די אויגען, ווייזענדיג אהין מיט'ן פינגער צו מערב־זייט: „ווי שעהן איז דאָרט! ווי שעהן איז דאָרט!" פלעגט ער אויסרופען צו די פאַרבייגעהענדע.

מען פלעגט איהם דערפאר שנעלען אין נאָז, אָדער וואַרפען קנוילען שנעע אין קאָפּ אריין אין א ווינטער־נאַכט.

די שטאדט האָט געזאָגט, אז ער איז קראַנק, ער איז א פער־חוש'טער. נור טהייל האָבען געזאָגט, אז דאָס האָט ער נור אין זומער טעג, ווען גרויסע היצען זיינען; טהייל האָבען געזאָגט, אז ער האָט עס א גאַנץ יאהר.

ער וואָלט שוין געהיים א חתן געוואָרען. — די מוהמע האָט שוין פאַר איהם געזאַמעלט פעדערן אויף בעטגעוואַנד—, ווען ניט די טרויעריגע מעשה, וואָס ס'האָט זיך געטראָפען מיט איהם ביי ר' משה חיים'ן.

* * *

ר' משה חיים א איד א חסיד, א חלוש, ליעגט שטענדיג אין בעט, און איז זיך מפרנס פון וויב'ס קרעמיל, און א מיידעלע האָט ער געהאַט. רייזעלע האָט זי געהייסען, מיט בלויע אויגען און בלאָנדע לאַנגע האָאר.

מאָטעלע פלעגט אָפט אריינקומען צו ר' משה חיים'ן. דאָס אריינקומען האָט געהייסען גלאַט אזוי, אָדער משמש צו זיין ר' משה חיים'ן. אין אמת'ן מיינט ער טאַקע גאָרנישט, נור משמש צו זיין ר' משה חיים'ן. זי, רייזעלע, איז איהם בקעקע תורא, ווי א ווייסע גאַנז, ווי גאָר נישט.

ער וויל נור האָבען, אז ער זאָל זי טרעפען זיצען ביים ווינקעל פון קיך'ל, וואָס איז פערהאַנגען מיט'ן רויטען פאָרהענגעל, דאָרטען, וואוהין ער פלעגט אָפט וואַרפען פערשעהמענדיג זיין בליק, דאָרטען, פון וואַנען איהרע בליקען גנב'נען זיך אהין צו איהם.

און איהרע בליקען זיינען עפּעס אזוי דייטענדיג: זיי רעדען, לאַכט זיך, פריינדליך, ליעבליך, מיט טהיילנעהמונג. די אויגען קוקען שעהמעדיג...

שטענדיג, ווען ער זעהט זיי, ווערט ער ערנסט, גוט און רחמנות'דיג; זיין הארץ צוגיסט זיך איהם ווי וואַסער. עס גלוסט איהם צו וויינען.

לאַכט זיך, איהר בליק איז איהם נים פרעמד. ער האָט אמאָל געזעהען אזעלכע גוטע אויגען. יא, ער האָט אמאָל אזעלכע אויגען געזעהען. און שוין לאַנג, לאַנג זעהט ער זיי נים...

זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען.. לאַכט זיך, צייט דער מאַמע'ס טוידט...

יאַ... נור די מאַמע אַליין האָט אַזוי געקוקט. און זי קוקט אויך אַזוי. איהר בליק זאָגט די ווערטער: „מאַטעלע, וואָס ביזט דו אַזוי טרויעריג?“ „וואָס מאַכסטו מאַטעלע? ביזט דו געזונד? פרעגען איהרע אויגען מיט אַ וואַרימקייט און ליעבע.

און ער וויל עפּעס, און ער ווערט שטאַרק רויט, ער האָט מורא מען זאָל פון זיין פּנים ניט אָרָאָבלייענען, וואָס ער האָט אין זינען.

ער וויל איהר זאָגען נור איין וואָרט: „רייזעלע“ — נור בלויז דאָס, און ניט קוקען. דענסטמאָל ווען ער וואָלט זי געזעהען, וואָלט ער ניט געקענט זיינע אויגען דערהויבען אין דער הויך.

און ווען ער זיצט ביי ר׳ משה חיים׳ס בעט, און גנב׳עט אַהין אַ בליק צו איהר, שפּירט ער, ווי אַ זיס ציטערקייט נעהמט איהם אַן. אַ מתיקה׳דיגע אימה.

און ער פיהלט, ווי זי קוקט אויף איהם; דענסטמאָל שפּירט ער, ווי אַ וואַרעמקייט געהט אַדורך דורך איהם.

און דעמאָלט האָט ער מורא די אויגען אויפצוהויבען אין דער הויך, טאָמער וועלען זיך די בליקען בעגעגנען.

און גאַנצע נעכט פלעגט ער ליעגען אויף זיין געלעגער און קלערען. און איהם דאַכט זיך, אַז ער זיצט אויבענאַן ביי אַ געדעקטען טיש, פון אויבענאַן זיצט דער רב, אויף דער צווייטער זייט ר׳ משה חיים, אַ גרויסער עולם זיצט אַרום, מען צובּרעכט טעלער, מען זאָגט „מזל טוב“. ער ווערט שטאַרק רויט... ער שעהמט זיך...

און די קאָלדרע פאַלט איהם אַראָב פון זיין געלעגער. דאָס ווינטעל, וואָס בלאָזט אַריין פון פענסטער, בלאָזט אויף איהם, און ער שפּירט ניט, און פיהלט ניט...

און איהם דאַכט זיך:

נאָך דער חתונה... רייזעלע געהט אָנגעטהאָן אַ הייבעל... זי קוקט פאַרשעהמט, זיי האָבען ניט גערעדט נאָך צווישען זיך איין וואָרט... ער ווייס גאָר נישט, ווי מען קען רעדען... ווי קען מען קוקען איהר גלייך אין די אויגען אַריין...

אין דער פריה, ווען ער דערמאָהנט זיך, וואָס ער האָט ביינאַכט געטראַכט, ווערט ער רויט, ער שעהמט זיך פאַר זיך זעלבסט. ער האָט מורא מען זאָל איהם דאָס פון פּנים ניט אָראָבלייענען... אַמאָל האָט

ער איהר א בריוועל געשריבען. אין בריוועל שרייבט ער איהר אזוי:
„קום, רייזעלע, היינט פאר נאכט ביי דעם ברונען אונטער דעם שטעד־טעל, איך דארף דיר א סוד זאגען...“

און זי איז געקומען...

אבער ער האט ניט גערעדט און ניט געקוקט אויף איהר... ער האט ניט געקענט...

און זי איז אוועקגעגאנגען פערשעהמט, אראבגעלאזט דעם קאפ צו דער ערד...

* * *

אין א שבת נאכ'ן עסען איז דאס געווען.

מאטעלע איז געווען ביי ר' משה חיים'ן אין שטוב.

אין שטוב ביי ר' משה חיים'ן איז געווען א קליין „גן־עדן“. אויס־געקעהרט, אויפגערוימט, אלעס שיינט, אלעס גלאנצט, א ווייס טישטוך אויפ'ן טיש.

אין אויך אפילו שפירט מען די הייליגקייט פון שבת.

ר' משה חיים ליעגט אין שלאף. די קאלדרע, מיט וועלכער ער ליעגט צוגעדעקט, בעוועגט זיך פון דעם אטהעמען פון זיין הארץ. די האאר פון בארד בעוועגען זיך אויך.

רייזעלע ליעגט אנגעשפארט דעם קאפ אויפ'ן טיש און שלאפט...

די זון גנב'עט זיך אריין דורכ'ן פארהענגעל און בעגאלדעט איהרע האאר.

און איהרע האאר, דאכט זיך מאטעלען, האבען א שייכות מיט זיין הארץ — זיי ציהען זיך און ציהען זיך און קניפען צוזאמען זיין הארץ צו איהרע האר.

איהרע אויגען זיינען פערמאכט און איהר פנים איז אזוי שעהן, און עס זאגט אזוי: קום! קום! נעהנטער!... מאטעלע שעהמט דיך נישט. האב ניט קיין מורא... איצט איז קיינער נישטא... קיינער זעהט ניט... קיינער ווייסט ניט...

אבער די שטראהלען פון דער זון — ?

פערשפרייט האט ער דאס פארהענגעל פאר'ן פענסטער, טונ־קעלער איז געווארען אין חדר —

און זיי בעטען דאך — איהרע צוגעמאכטע אויגען זאגען: קום

אהער, מאַטעלע! — נעהנטער — נעהנטער — און אַלעס איז מסכים — דאָס ארויף און אראַבגעהן פון ר׳ משה חיים׳ס הארץ איז אויך מסכים — אַלעס הייסט —

אָבער דער אויבערשטער ווייסט און זעהט אַלעס, וואָס דער מענש דענקט צו טהון —

אָבגערוקט האָט ער זיך —

אָבער די צוגעמאַכטע אויגען שלעפּען איהם מיט געוואלט. דאָס פּנים ציהט — די האָאר — און גענעהנט האָט ער זיך —

דאָס הארץ קלאַפּט — די אויגען שווינדלען —

איהרע האָאר — ניין — אויף איהר פּנים, אויף איהרע האָאר ליעגט אַ הייליגקייט — און דאָס לאָזט ניט — דאָס הייסט ניט — קושען — ניין — ליפּען טמא, מטמא מאַכען איהרע האָאר. צוועקשעכטען די הייליגקייט פון פּנים.

ניין — ניין —

יאַ — יאַ — קום — קולות זאָגען, דאָס הארץ ציהט — די האָאר נאָך שטאַרקער — דאָס פּנים איהר׳ס רעדט — די אויגען נעהמען מיט געוואַלד — און קיינער איז נישטאָ — קיינער זעהט ניט — און אַלעס הייסט — אַלעס איז מסכים — און גענעהנט האָט ער זיך שוין ווידער — — שוין ריהרען אָן זיינע ליפּען איהרע האָאר —

און די טהיר האָט זיך פלוצים אויפגעעפענט און שפּרינצע ר׳ משה חיים׳ס איז אריינגעקומען —

— אַ, וועה איז מיר! — אַ בראָך איז מיר!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און ער איז געבליבען שטעהן ווי פריהער, גלאָצט מיט די אויגען. גאָר ניט גערעדט, גאָר זיך ניט פערענטפערט...

* * *

אין אַ צייט אַרום —

מאַטעלע זיצט אין וואַלד אַליין —

עס איז אַ שטילע זומער-נאַכט.

אַלעס שלאָפט ארום, די בוימער שטעהען שטיל און שלאָפען. דער הימעל האָט זיך אָנגעטהאָן זיין בלוי שלאָפקלייד און שלאָפט, נור די איינציגע צנועה׳דיגע לבנה גלאָצט אראָב מיט איהרע אויגען. טהייל-מאָל בעהאַלט זי זיך אונטער דעם הימעל׳ס שלאָפּרעק, כאַפּט אויף אַ

ווײלע אַ דרימעל און לאָזט דערוויל וואַכען איהר קאַמערדיענער, דעם שטערן, וואָס בעגלייט זי.

נאָר איך אַליין בין אויף — טראַכט ער זיך — זיץ דאָ אַליין צווישען די בוימער פון וואַלד, איינזאַם, טרויעריג — און צו וואָס בין איך דען אַהער געקומען? פרעגט ער זיך אַליין. ווער האָט מיך אַהער געפיהרט? אסור אויב איך ווייס. איך געה און געה, ביז איך פערקריך מיך, און קום דאָ אין וואַלד און זעץ מיך אַנידער אונטער דעם גרויסען בוים מיט די גרויסע צווייגען, וואָס איהם האָב איך אַלץ פערטרויט — אַלץ געזאָגט, קיין זאַך ניט בעהאַלטען און איך האָב מיך נאָר ניט געשעהמט—

אַליין זיץ איך דאָ און שווייג.

טויזענדער שאָטענס, מיט טויזענדער בילדער און געשטאַלטען פאַר מיינע אויגען — און טויזענדער געדאַנקען און געפיהלען טאַנצען אין מיין קאָפּ און מיין האַרץ—

און פּלוצלונג האָט ער פון אַלעס פערגעסען—

איהם דאַכט זיך ,ער זיצט אין וואַלד מיט איהר—

ער האָט דאָך איהר אַ בריוועל געשריבען, אַז זי זאָל קומען, און אַזוי קומט זי שוין שטענדיג אַלע נאַכט. זי קריכט אַלע נאַכט אַרויס פון איהר קבר, מאַכט זיך אָב דעם זאַמד פון די תכריכים, צולאָזט זיך די האָאר, קומט אין וואַלד אַריין און זעצט זיך אַנידער נעבען איהם— ער פרעגט זי: „רויזעלע, דו ביזט דאָך שוין אַ ווייבעל, דו האָסט דאָך חתונה געהאַט פאַר ר׳ מרדכי דעם למדן, און ר׳ מרדכי למדן׳ס ווייב נעהמט אין די אייגענע האָאר, פע! רייזעלע, עס פּאַסט ניט, טהו אָן דיין הייבעל!“

און איהם דאַכט זיך אַז זי ענטפערט איהם:

— ר׳ מרדכי למדן׳ס ווייב איז געשטאָרבען, און איך בין ר׳ משה חיים׳ס טאָכטער, נאָך אַ מיידעל—

און ער פערגעסט, אַז זי איז געשטאָרבען. איהם דאַכט זיך אַז זי לעבט, און זי איז וויעדער דיזעלביגע ווי זי איז געוועזן, איידער זי האָט נאָך חתונה געהאַט— דענסטמאָל נאָך ווען ער פלעגט אַריינקומען צו ר׳ משה חיים׳ען.

דענסטמאָל— דענסטמאָל-

ער געדענקט אַלץ—

און יעצט זיצט ער דאָך מיט איהר אין וואַלד אַליין —

און די בוימער בעהאַלטען זיי און זיינען איינגעשלאָפען— דאָס גאַנצע לעבען שלאָפט—

די לבנה האָט זיך אַרונטערגעכאַפּט אונטער דעם הימעל'ס דאַך און שלאָפט ; אויך דאָס ליכטעל פון וועכטער'ס הייזעל איז אויסגעגאַנגען, א סימן— ער שלאָפט אויך.

נאָר יענער שטערן, דער לבנה'ס וועכטער, איז נאָך אויף, און נור די זשאַבע אין וואַסער קוואַטשעט — קוואַטשעט ביטערדיג.

נאָך א רגע, זי האָט אויפגעהערט קוואַטשען —

און דער שטערען קוקט מיט א ליעבליכען שמייכעל אויף די גאַנצע וועלט— ער גריסט און קושט—

און דער שטערען קוקט אויף זיי און לאַכט — ער הערט זייערע סודות, וואָס זיי זאָגען זיך אין זייערע הערצער. נישט מיט ווערטער, ער ווייסט אַלץ און לאַכט—

און מאָטעלע'ן דאַכט זיך אַזוי ווי דער שטערען וואָלט געזאָגט צו זיי : — האָט ניט קיין מורא, ליעבע קינדערלעך, איך וועל פאַר קיינעם די סודות ניט אויסזאָגען.

און ער קושט זיי מיט א שטראַהל — און בעלייכט איהרע ווייסע תכריכים.

און זיי ביידע — דאַכט זיך מאָטעלען — זיצען צוזאַמען האַרט נעבען אַנאַנדער, איינער קוקט ניט אויפ'ן צווייטען. ער קוקט אַרויף אין דער הויך צום הימעל, און זי טיעף אין וואַלד אריין—

און פּלוצלונג, דאַכט זיך איהם :

— מאָטעלע— !

— רייזעלע— !

ווייטער איז שטיל — אַראָבגעלאָזט די קעפּ צו דער ערד און רויט ווערען די פּנים'ער.

א טרער, דאַכט זיך איהם, קייקעלט זיך אַראָב פון איהר אויג אויף איהר באַק—

און שטיל איז אומעטום— אַלץ שלאָפט געשמאַק— קיינער געהט ניט—

געקוקט, דאַכט זיך איהם, האָט זי אויף איהם מיט פיעל רחמנות, מיט פיעל דערבאַרעמיגקייט.

— און ווייטער שטיל —

אראַבּבעלאַזט פערשעהמט האָבען זיי ביידע די קעפּ— און דער שטערן, דאכט זיך איהם, האָט געזעהן און געלאכט.

— רייזעלע. — האָט ער קויב הערענדיג אויסגערופען.

— מאַטעלע — דאכט זיך איהם האָט זי געענטפערט, מיט אזא ווייכקייט, מיט אזא ליעבליכקייט, אז זיין הארץ איז צוגאַסען געוואָרען.

— רייזעלע, זאָל איך דיך קושען? — האָט ער פלינק א פרעג געטהאָן. און עס האָט איהם שוין באנג געטהאָן, און פלינק האָט ער געוואָלט זיין וואָרט צוריקנעהמען—

און גאָר נישט, דאכט זיך איהם, האָט זי איהם געענטפערט, נור בעהאַלטען האָט זי איהר פּנים צווישען איהרע קליינע הענדלעך און זי האָט געוויינט.

נור נאכהער, דאכט זיך איהם, האָט זי איהם איינגערוימט ווייזענ־דיג אויף יענעם שטערן: „דער שטערן זעהט אַלץ— און פאַר איהם שעהם איך מיך“.

און זיי האָבען זיך פערבוקט אונטער די גראָבע בוימער און זיך בעהאַלטען פון דעם שטערן—

— — אָבער דער שטערן, דאכט זיך איהם, האָט אַלץ געזעהען און געלאכט—

— — — — — — — — — — — — — — — —

באַלד האָט זי, דאכט זיך איהם, א פּאָאר פליגעל פערשפּרייט און איז אוועקגעפלויגען. איהרע ווייסע תכריכים האָבען זיך איהר נאָכ־געשלעפּט — — —

ער איז געבליעבען אליין זיצען — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין שטעדטעל האַלט מען איהם פאַר א מרה־שחורה׳דיגען.

# אַ דאָרף-צדיק

(פאָלקס־לעגענדע)

---

אין אַ טהוי־בעדעקטען ים פון גרינעם גראָז ליעגט ער בעהאַלטען, און פּאַשעט זיינע שעפּעלעך, וואָס דער פאָטער האָט זיי איהם איבער־געגעבען.

מען רופט איהם „יאַשעק". ווי ער הייסט אין „אידישען" ווייס ער אַליין אויך ניט. מען האָט איהם קיין מאָל נאָך צו קיין „עליה" ניט אויפגערופען.

אַלע ווייסען, אַז ער איז אַ פּויער, אַ גראָבער יונג. דער פאָטער זיינער, יצחק מילכינער, איז זיך אין גאַנצען פון איהם מיאש; ער וועט נאָך איהם אפילו קיין קדיש ניט קענען זאָגען. און נור יוצא צו זיין האָט ער איהם אַראָבגעבראַכט אַ מלמד פון שטאָדט.

דער מלמד אַרבייט מיט איהם מיט אַלע כחות. הונדערט מאָל, הונדערט מאָל זאָגט ער איבער יעדעס וואָרט, און ער, אַזוי ווי ניט איהם וואָלט מען געמיינט — קמץ אלף זאָל דיר זיין „גוט וואָך"!

— געה האָב צו טהון מיט אַן עזעל־קאָפּ, זאָגט דער מלמד און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און די מוטער קוקט אויף איהר זוהן, און קרעכצט.

מען הייסט איהם אפילו ניט קיין סידור נעהמען. דאַווענען? ער, „יאַשעק", וועט דאַווענען? וואו קומט ער צו גאָט? אַ חרפה פאַר זיין ליעבען נאָמען, ער זאָל קריאת־שמע זאָגען!

און דאָך פערשטעהט יאַשעק גאָט לויט זיין פערשטאַנד און פיהלט איהם אין זיין הארץ.

און ער זעהט גאָט אומעטום, אומעטום וואו ער טהוט אַ קוק מיט זיינע אויגען: ער זעהט איהם דאָרט, וואו דאָס וואַסערעל גיסט זיך אין דער שטיל און דערצעהלט סודי־סודות דעם שטילען רוהיגען בעגראָזטען ברעג; און פון דאָרט ווייט קומט דער וואָלקען, און ציהט

זיך איבער'ן הימעל מיט א טרויעריגע דונקעלהייט, דעמאָלט שפירט ער עפּעס, וויל ער עפּעס, בענקט ער נאָך עפּעס...

ווען עס גערט א גרויסער וואָלקען, עס שלאָגט א דונער, עס בליצט... צו א רעגען גיסט... אָדער א שווערער געפּיהל הילט איין דאָס דאָרף, ווי אמאָל, ווען מען האָט דעם אַלטען מאַטשעק אפּירגענומען פון אונטער דער שנייד־מאַשין און פון אונטערגעהאַקטען פוס האָט בלוט געראָנען... דאָס דאָרף טרויערט... דעמאָלט, דערשפּירט ער גאָט! און ניט אין הימעל וואוינט גאָט, און ניט אויפהייבען דעם קאָפּ צום הימעל דארף מען, מען זאָל איהם זעהען; ניין, איהם דאכט זיך, אז גאָט וואוינט ערגעץ ווייט, ווייט, אין א גרויסער שטאָדט, דאָרט, וואו דער גרויסער שררה פון דאָרף וואוינט, און וואו אלע גרויסע שררות און גרויסע לייט וואוינען. און די אלע גרויסע שררות, און גרויסע לייט זיינען ניט מעהר, ווי גאָט'ס „פּאַראָבקעס“, אזוי ווי סטאַך און וואָיטעק זיינען פּאַראָבקעס ביים „פּריץ“ פון דאָרף.

אָבער ער, ווי קומט ער צו גאָט? אפילו ניט צו זיין זיינס א פּאַסטוך! א פּאַסטוך ביי גאָט, טראַכט ער ביי זיך, מוז אויך זיין א גרויסער „פּאַן“, א פּריץ א גרויסער! און ווער ווייסט צו דער פּריץ פון זייער דאָרף איז כאָטש א קוטשער ביי גאָט'ס פערד? וועט מען איהם, יאַשעק'ען, צולאָזען?

נור טהיילמאָל, ווען דער הימעל איז ריין און העל, און רוהט פער־חלום'ט, אין א בלויען פליסענדיגען שלייער, און די גרעזער וואַקסען זיך אונטער במנוחה, און אריינגעוואָרצעלט איז דאָס גרעזעל אין דער ערד, און קוקט זיך שטיל אין הימעל אריין, און דאָרט קעגענאיבער שטעהט דער אַלטער וואַלד — דער גרינער זיידע פון דאָרף, און דאָרט ווייטער ציהט זיך צווישען די גראָזען דער וועג, א פּוהר פאָהרט, און א איד געהט ערגעץ ווייט, ווייט... און פון אויבען דער הימעל ציהט זיך אויך ערגעץ ווייט אוועק און געהט וואָס אמאָל ניעדריגער, ניעדריגער, ביז ער לאָזט זיך אין גאַנצען אראָב אויף דער ערד... און ער, יאַשעק, זיצט זיך אויף דער שוועל פון דער „סטאָדאָלע“ און קוקט... דענסמאָל דאכט זיך איהם, האָט זיך גאָט אביסעל אַרויסגעכאַפּט פון די „שררות“, פון די פּריצים, און איז זיך דאָ אליין אהער געקומען אין פעלד אריין, אויסגעצויגען זיך און ליעגט זיך אזוי און וואַרט...

און יאשעק וויל א דאנק און א לויב אבגעבען פאר דעם אלעם, אט וואס איז ארום און ארום.

און טהיילמאל ווילט זיך איהם געהען און געהען אזוי לאנג, ביז ער וועט אנקומען דארט צו דער גרויסער שטאדט, וואו גאט וואוינט, וואו זיין פאלאץ שטעהט!

— וועל איך צוגעהן און א קוש טהון גאט אין האנד אריין! — טראכט ער זיך.

נור באלד זיפצט ער אב:

— מען וועט מיך דען צולאזען?

ער קען צוקומען, טראכט ער, צו גאט'ס פאלאץ, נור דארט שטעהען „שווייצער", אזוינע הויכע מיט בלאהע סטענגעס, געלע איבערגעלעגטע שטיוועל און רויטע פרעק, אזוינע ווי ער האט געזעהען ביי די פריצים, וואס זיינען געקומען צו זיין פריץ אויפ'ן דארף אויף א באל — און זיי וועלען איהם אוועקיאגען....

און באלד דאכט זיך איהם, אז מען דארף ניט געהן, אז גאט איז אויפ'ן פרייען פעלד, אז די שווייצער היטען א לעערען פאלאץ, אהן גאט!

---

„אל מלך נאמן" לערענט איהם דער רבי פון סדור... און דער אל־מלך־נאמן, דאכט זיך איהם, איז עפעס א מין שפרוך, וואס, אז מען זאגט איהם, דארפען די שווייצער אריינלאזען אין גאט'ס פאלאץ...

אבער צו גאט האט ער אנאנדער מין געבעט, א געבעט אהן ווערטער, א געבעט וואס וואקסט ביי איהם אין הארץ און דערפילט דאס הארץ און איבערפילט עס און רייסט זיך ארויס מיט א פייף!

ער וויל בעטען, לעגט ער צוויי פינגער אין מויל אריין, שטעלט אויף די ליפען, גיט א בלאז. און זיין תפלה הילכט אין גאנצען וואלד!

און גאט פערשטעהט איהם, פערשטעהט זעהר גוט זיין געבעט!

און ער פייפט נור דעמאלט, ווען עס ווילט זיך פייפען צו גאט, ווען ער פיהלט, אז מען ברויך פייפען...

און גאט, דאכט זיך איהם, ליעגט ערגעץ ווייט, ווייט אויפ'ן פרייען שמעקענדיגען פעלד און הערט זיך איין, ווי ער פייפט, און האט הנאה פון זיין פייפען, און פרעהט זיך דערמיט.

און ניט ער אליין פייפט! אלע, ווייסט ער, „פייפען". אז

„נאָסיק" דער דאָרפס־הונד הויבט אָן פּלוצלונג צו בילען, וואַרפט מיט'ן וויידעל, קוקט אין הימעל אריין און בילט — זאָגט ער: „נאָסיק" דאַווענט; אז די „ווייסע" גנעהט אהיים פארנאכט פון פעלד, שטעקט די בעגייווערטע צונג ארויס, און גיט א לאַנגען, טרויעריגען בעטש: מע־ע־ע, טראַכט ער: די „ווייסע" דאַווענט. דער „באַלאַן" דאַווענט אויף אַן אַנדער אופן: ער צובריקעט זיך, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, בייגט שטייף דעם קאָפּ אויס: באַר—ר־ר!

אַלע דאַווענען, אפילו די פרעש אין וואַסער... איינער רוימט איין דעם צווייטען: קווא, קווא!

---

יאַשעק איז שוין אַלט געוואָרען דרייצעהן יאהר, קריאת־שמע קען ער נאָך ניט זאָגען, און עס איז פאר ראש השנה.

און דער רבי ארבייט מיט יאַשעק'ן כאָטש אויף היי־יעהריגען ראש השנה נור בלויז קריאת־שמע זאָגען — מען זאָל איהם קענען מיט־נעהמען אין שטאָדט אריין.

און לכבוד יום־טוב האָט מען יאַשעק'ן געקויפט א נייעם צייגענעם אַנצוג, א פּאָאר שטיוועל, און א ניי היטעל...

זאָל ער כאָטש קריאת־שמע זאָגען.

---

פול אָנגעפּראָפּט אין די שוהל; קליין און גרויס, אַלע אָנגעטהאָן אין ווייסען, אריבערגעצויגען מיט די טליתים, אַלע שטעהען און שאָקלען זיך, און שרייען, און רופען, אַלץ העכער און העכער.

ביים עמוד, וואו עס ברענען זיך די זיעבען גרויסע וואַקסענע ליכט, שטעהט דער חזן מיט משוררים... לאַנגע וויינענדיגע טענער און בעגלייט מיט האַלבע אָבגעריסענע דערשטיקטע קולות לאָזען זיך הערען:

— מי לחיים, ומי למות...

און א פערשטיקט וויינען רייסט זיך ארויס מיט אמאָל פון דער ווייבערשוהל. און יאַשעק שטעהט אָנגעטהאָן אין צייגענעם אַנצוג, די העלע האָאר לאָזען זיך ארויס פון דעם ארויפגערוקטען היטעל. ער שטעהט, פּלוצים ריהרט ער זיך פון אָרט, שפּאַרט זיך ארויף אויבענאָן, שטעלט זיך אין דער זייט קעגענאיבער דעם חזן, דער סדור, וואָס דער פאָטער האָט איהם געגעבען, מען זאָל כאָטש מיינען, אז ער דאַווענט,

גליטשט זיך איהם פון דער האנד ארויס, און ער שטעהט מיט ווייט־געעפענטע אויגען, און קוקט.

א פּאָאר וואוילע יונגען בעמערקען יאשעק׳ן, איינער ווינקט צום צווייטען, ווייזען אויף איהם, לאַכען אין דער שטיל, באַלד געהט איינער צו און גיט איהם א שנעל אין נאָז.

ער הערט ניט, פיהלט ניט! ער שטעהט, גלאָצט מיט די אויגען, אמאָל אויף דעם חזן, אמאָל אויף די וויינענדיגע אידען. אָט זעהט ער דאָס ווייסע פּרוכת וואָס הענגט ביים ארון, מיט די גרויסע גאָלדענע אותיות: „קודש לה׳“.

גאָט מוז אצונד זיין — דאָרט, דאָרט אונטער׳ן פּרוכת, טראַכט ער ביי זיך.

און פון דער וויבער־שוהל קוקט אראָב זיין מוטער, זי בעמערקט איהר בן שטעהט און גלאָצט, דער סדור גליטשט זיך איהם פון האַנד ארויס — און די אידענע קרעכצט, טראַכט זיך אין הארץ:

— פויער, א געבוירענער גוי.

און דער פאָטער וואַרפט אויף איהם א בליק פון אונטער דעם טלית, קרעכצט שווער אָב:

— רבונו של עולם, געדענק אָן איהם אויך!

און יאשעק שטעהט, און גלאָצט. אלע וויינען, אלע דאַווגען, אלע רופען צו גאָט און איהם פערווילט זיך אויך!

ער וויל אויך בעטען צו גאָט. ער וויל אויך, ניט וויינען, ניט שרייען, נאָר דאַנקען און ליבען גאָט וויל ער! פאַר אלעם, פאַר אלעם דאַנקען!

ער כאַפּט צוריק אויף דעם סדור, נעהמט זיך צו דער פערצייכענטער קריאת־שמע, הייבט אָן:

— א־ל, מ־ל־ך נ־א־מ־ן...

עס הארצט איהם אָבער ניט אזא תפלה.

ער פערשטעהט זי ניט. דאָס איז נור א שפּרוך, א טרוקענער שפּרוך...

ער וויל דאַנקען און ליבען עהרליך, געטריי פון הארץ — —

און ער האָט מורא פאַר׳ן עולם, פאַר׳ן גרויסען עולם, וואָס דאַווענט נאָר אַנדערש, נור די תאוה איז שטאַרקער פאַר איהם — און גאָט איז העכער פאַר אלעם! ער מוז!

און ער לעגט די פינגער צום מויל—
און אַ שאַרפער פייף שניידט דורך די וויינענדיגע שוהל...

---

דער עולם דערשרעקט זיך.
ווער איז? וואָס איז? ווער פייפט אין מקום קדוש?
דער פאָטער וויל איהם אָנכאַפּען ביים אַקסעל און „דרויסען" — דער עולם וויל איהם שלאָגען...
נור פּלוצים דרעהט זיך איבער דער הייליגער צדיק פון דער מזרח־וואַנד און פרעגט:
— וואו איז ער דער צדיק, וואָס האָט דעם גזר־דין צוריסען? וואָס האָט דעם הימעל געלעכערט און דורך די בלייערנע וואָלקען אונזערע תפילות ארויפגעפיהרט?

---

נאָר דער צדיק איז שוין ניט געוועזן...
ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שוהל, געוואָרפען די שטיוועל איבער די אַקסעל און שפּרייזט שוין צוריק אין דאָרף אַריין.

# דער זינדיגער

(אַ חסידישע מעשה)

כדי איהר זאָלט מיך ניט חושד זיין, אז איך האַלט זיין זייט, מוז איך אייך פריהער מקדים זיין אַ קליינע הקדמה.

עס שטעהט געשריעבען אזוי: „אין אדם נוקף אצבעו למטה אלא אם כן נגזר עליו ממעלה" (אַ מענש גיט זיך ניט קיין ריהר אין פינגער אונטען, אויב מען האָט אויבען ניט אזוי גוזר געווען), און וואָס אַ מענש טהוט, אַ־ז ער דערמיש מקיים גאָט'ס אַ מצוה; און זעה: דאָס פויגעלע פליהט — גאָט'ס מצוה איז עס מקיים, וואָס ער האָט עס געהייסען פליהען. אַ־ז אַן אַקס דעסגלייכען, וואָס ריטשעט און אפילו אַ הונד וואָס בילט, — אַלע לויבען גאָט מיט זייערע קולות און זאָגען שירה יעדער אויף זיין שטייגער.

און אפילו אַ רשע, וואָס טהוט עבירות, דערפילט ער כביכול דער־מיט גאָט'ס רצון, ווייל וואָס דען? איהר מיינט אפשר, ער האָט באמת הנאה פון דער עבירה? עס איז דאָך אַ פשיטא, אז ער וועט חרטה האָבען! אלא וואָס? — ער איז מקיים דעם הימעל'ס ווילען.

און דער יצר הרע אַליין! יעדעס מאָל ווען ער ווערט געשיקט אָנצורעדען אַ אידען צו אַן עבירה, וויינט ער און זיפצט: „וועה איז מיר, וואָס איך האָב אזאַ שליחות צו טהון!" און געהט ניט פריהער ארויס צו זיין עבודה, סיידען נור מלאכי חבלים שלאָגען איהם און נויטיגען איהם דערצו.

און יעדעס מאָל, ווען די עבירות קומען פאַר גאָט, פרעהט זיך גאָט און זאָגט: וואויל איז דעם קעניג, וואָס זיינע קנעכט דיענען איהם אזוי מיט געטריישאַפט.

* * *

פריהער, איידער נאָך די מעשה איז געשעהען, האָט מען איהם גערופען ר' אברהם, נור דערנאָך האָט מען איהם אויפגעהערט צו רופען ביים נאָמען, נור מען האָט געזאָגט סתם — דער זינדיגער.

ר׳ אברהם איז געווען א חשוב און אן אנגעזעהענער איד אין שטאדט. א איד א ירא שמים, וואס אלע האבען איהם ליעב געהאט און אלע האבען כבוד צוגעטהיילט, און מאמעס האבען זיך געוואונשען צו האבען אזוינע קינדער, ווי ר׳ אברהם.

געזעסען איז ער א גאנצען טאג אין בית־המדרש און געלערנט. ער איז אפילו קיין גרויסער למדן ניט געווען, נור אזוי א פרומער, כשר׳ער איד; געגאנגען זיך אין פראסטען וועג, — א איד אהן פיעל גאוה: דאווענען פלעגט ער אין בית־המדרש צוזאמען מיט די אורחים ביי דער טהיר, און שטיל, געלאסען, אהן געשרייען און אהן גרוים התלהבות, קאן מען זאגען. ער שטעהט זיך אויף איין ארט, ריהרט זיך ניט, שאקעלט זיך ניט. די אויגען אראבגעלאזט, און קוים־קוים וואס די ליפען שעפטשען, און זיין תפלה גיסט זיך, ציהט זיך, אזוי ווי דאס וואסער אין א רוהיגען טייך, זיס, פאמעליך, מיט גרוים דבקות און ליעב־ליבקייט. א שטיינער ווי א טרער, וואס קייקעלט זיך אויף א קינד׳ס באק און דערגרייכט דעם טרער, וואס איז פריהער ארוים פון אויג. פון זיין תפלה, וואס איז אויפגעגאנגען צום הימעל און וואס פאר איהר האבען זיך אויפגעמאכט אלע פערשלאסענע טויערען ביז זי איז צוגעקומען און איינגעפלאכטען זיך אין כתר־הכבוד — פון זיין תפילה איז דארט ניט געווארען א טייערער דימאנט, וואס בלענדט די אויגען מיט זיין ליכטיגקייט, נור א קליינע פערל, וואס שיינט מיט חן, און פינקעלט ניט און בליצט ניט, נור לייכט זיך אזוי שטיל, מיט עניוות, מיט בארמהערציגקייט און גנאד...

און פאר וואס, פרעגט איהר, האט מען איהם גערופען דער „זינדיגער“? — איבער אזא מעשה:

וויסען מוזט איהר, אז דאס האבען אלע מודה געווען, אפילו די וואס האבען איהם שטארק רודף געווען נאך דער מעשה, אז ער איז געווען א גרויסער אוהב ישראל, און נאך ועל איך אייך זאגען, אז דאס וואס ער איז נכשל געווארען און האט געהאט, רחמנא לצלן, אזא מפלה— דאס האט אויך געשטאמט דערפון, וואס ער איז געווען אזא גרויסער אוהב־ישראל.

און ליעב האט ער געהאט דוקא דעם פראסטען אידען, דעם מגושם׳־דיגען אידען.

ער פלעגט זאגען אזוי: א איד א בעל־עגלה, וואס האט א גאנצע

וואָך נור צו טהון מיט זיין פערד און וואָגען און איז איינגעטונקט אַלע זעקס טעג בלויז אין גשמיות, וואָס אַבי נור ער כאַפּט דורך דאָס דאַווּר־נען... און אַז ס'קומט שבת און ער זיצט ביים טיש, די בעטען זיינען אויפגעבעט, די ליכט ברענען, ווייב און קינדער זיצען אַרום און מען זינגט צוזאַמען זמירות — אַזאַ בעל־עגלה, אַז ער דרעמעלט איין איבער'ן סדור און פערגעסט אפילו צו בענשען, זאָג איך אייך, אַז די שכינה רוהט אין זיין הויז און פרעהט זיך און זאָגט: וואויל איז מיר, וואָס איך האָב מיר אויסדערוועהלט אַזאַ פֿאָלק... אַזאַ איד האַלט שבת, רוהט אויס, און זיין פערד רוהט מיט, האַלט אויך שבת, שטעהט אין שטאַל און פיהלט אויך, אַז היינט איז שבת־קודש. אַז ער שטעהט דער־נאָך אויף פון שלאָף, פיהרט ער אַרויס די בהמה צו דעם ברונעם, פּאָיעט זי אָן, מען געהט זיך דערנאָך שפּאַצירען מיט איהר אויף דער לאָנקע.

און אַזאַ שפּאַציר איז פאַר גאָט ברוך הוא מעהר אָנגענומען ווי צו זאָגען „ברכי נפשי". עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען דעריבער, וואָס ער אַליין האָט געשטאַמט פון אַ ניעדריגען שטאַם: ביז דרייצעהן יאָהר האָט ער געלעבט ביי זיין טאַטע'ן, אַ פּאַכטער אין אַ קליין פערוואָרפען דערפעל, און האָט ניט געקענט קיין צורת אות. דער פאָטער האָט אפילו גענומען צו זיך אין דאָרף אריין אַ בחור, ער זאָל מיט איהם לערנען, נאָר ר' אברהם איז אינגעלוויז געווען זעהר אַן אויסגעלאַסענער, האָט ניט געוואָלט אַריינקוקען אין אַ ספר און איז אַ גאַנצען טאָג נאָר נאָכגעלאָ־פען די פערד און די אָקסען.

אויף דער לאָנקע פלעגט ער ליעגען, בעהאַלטען צווישען די גרויסע גרעזער, דערביי — די פערד, מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ און צופּען גראָז, און ווייט ליעגט אויסגעשפּרייט דער שטח... ווייט.... ווייט... אָהן אָן עק, און אַנטקעגען איהם ליעגט אויסגעשפּרייט דער הימעל, ווייט... ברייט... און די וואָלקענדלעך באָדען זיך אין איהם, און עס האָט אַ פנים, ווי די זאַפטיגע ערד, וואָס איז בעדעקט מיט גרינס, קומט צום הימעל און ווי זי וואָלט וועלען שטאָלצירען און זאָגען: זעה, הימעל, איך בעמיה מיך מקיים צו זיין מיט שמחה וואָס גאָט האָט געבאָטען, איך זאָל בעגרינען די וועלט מיט גראָז. און אַנטקעגען איהר בעריהמט זיך דער הימעל: זעה, ערד, איך בעמיה מיך מקיים צו זיין די מצוה פון גאָט אויסצושפּרייטען זיך ווייט און ברייט. און די עטליכע בוימער, וואָס שטעהען צוואָרפען אין פעלד, זיינען אַזוי ווי עדות, וואָס ווילען

מאַכען אַ פּשרה צווישען זיי... און דעמאָלט ליעגט זיך דער קליינער אברהם'עלע, און האָט נחת פון גאָט'ס לויטערקייט... און זיין האַרץ איז פול מיט פרייד פון אַלע גאָט'ס ווערק... און פּלוצלונג, ווי אַ סוד וואָלט איהם ענטפּלעקט געוואָרען פון הימעל, האָט ער זיך אויפגעהויבען און געגאַנגען אַהיים, און אַ פרעג געגעבען דעם בחור, דעם מלמד זיינעם: רבי, וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען אויף דער הנאה, וואָס מען האָט פון דער וועלט? דער בחור האָט געלאַכט און געזאָגט: „גראָבער יונג! אַ ברכה מאַכט מען איבער ברויט, איבער וואַסער, אָבער איבער דער וועלט? האָסטו געהערט!“

האָט ער זיך געוואונדערט: די וועלט איז שעהן, די הימלען זיינען אַזוי ליעבליך, און די ערד איז אַזוי זיס און גוט, און אַזאַ גנאָד און אַזאַ לייטזעליגקייט ליעגט אויסגעגאָסען אויף אַלעם — און קיין ברכה מאַכט מען איבער דעם ניט?!

און אַז ער איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, איז ער פּלוצלונג אוועקגעקומען פון דאָרף, און איז אָנגעקומען אין שטאָדט, אריין אין בית־המדרש און דערזעהן דער ראש־הישיבה זיצט אויבענאָן, אַרום ביי'ם טיש — די תלמידים, און אַלע לערנען מיט אַזאַ האַרציגער שטימע, וואָס ציהט דאָס האַרץ.

האָט דאָס אינגעל אָנגעהויבען צו וויינען. דער ראש הישיבה האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אַ אינגעל וויינט, און ער געהט אין אַ צו־ריסען היטעל, וואָס די האָאר זעהען זיך אַרויס דורך די לעכער, און די אויסגעטהאָנענע שטיוועל האַלט ער אויפ'ן אַקסעל, ווי אַ גוי וואָס איז ערשט אָנגעקומען פון וועג, און די בהורים לאַכען פון איהם, האָט דער ראש־הישיבה איהם געפרעגט, וואָס ער וויל.

— איך וויל לערנען — האָט ער געענטפערט שטיל, מיט גרויס עניוות און מיט אַ האַרציג נגבעט.

האָט דער ראש־הישיבה אויף איהם רחמנות געקראָגען און צוגע־מען צו לערנען. און ער האָט זיך טאַקע ערנסט גענומען צו דער תורה און האָט דעם גאַנצען קאָפּ צוגעלעגט; באַלד נאָך עטליכע טעג האָט ער שוין זיך אויסגעלערענט עברי און האָט אַליין געקענט דאַווענען.

און געדאַווענט האָט ער, אַז ס'איז אַ תענוג צו קוקען. מ'האָט איהם געדאַרפט זעהן דאַווענען! ער שטעהט זיך און רעדט פּשוט, ווי

איינער רעדט מיט'ן צווייטען, פאמעלעך, הארציג, אהן חכמות, און אזוי רוהיג.

איינמאל האט דער ראש־הישיבה איהם געזעהן אזוי דאווגען, האט ער אזוי געזאגט פאר אלע אין די אויגען: לערנען קען איך אודאי בעסער פאר איהם, נאר אין דאווגען דערגרייך איך ניט אפילו צו זיינע קנעכעל, אזוי האט דער ראש הישיבה געזאגט.

און אזוי האט ר' אברהם געלעבט דארט, ביז ער איז אויסגעוואק־סען און האט חתונה געהאט מיט א פראסטען שניידער'ס א טאכטער, און אליין האט ער זיך אויסגעלערענט שניידעריי און האט געלעבט פון זיינע צעהן פינגער. ביי־טאג איז ער געזעסען און גענעהט, און נעהענ־דיג האט ער געהאט ליעגען פאר זיך א סדור אפען, און געזאגט זיך קאפיטעלעך תהלים; ביי־נאכט איז ער שטילערהייד געגאנגען אין בית־המדרש אריין, קיינער זאל איהם ניט זעהן און איז געזעסען און געלע־רענט א גאנצע נאכט.

איינמאל זיינען אורחים געקומען אין שטאדט אריין און האבען גענעכטיגט אין בית־המדרש אונטער'ן אויווען. פלוצלונג דערהערען זיי א דין זיס קול, אזוי ווי א שעהנער נגון, טראגט זיך, האבען זיי זיך אויפגעכאפט און האבען איהם דערזעהן לערנען. די קליינע לאמפ, וואס איז געהאנגען אויפ'ן שנירעל, בעגיסט איהם מיט א מאטע ליכטיגקייט, און די ווענד ארום זיינען איינגעהילט אין שאטענס.... און ער לערענט מיט א ברען, מיט התלהבות, נאר דאס התלהבות זיינס זעהט זיך ניט ארויס פון אויבען, עס ברענט נאר אין איהם אינעווייניג; ער שאקעלט זיך פאמעלעך, און דער שאטען שאקעלט זיך מיט, און מיט א שטיל קול זינגט ער די גמרא... און וואס אמאל ווערט זיין קול העכער און העכער, און דאס פנים זיינס ווערט צופלאמט, די אויגען ברענען. מען האט געזעהן בחוש, אז די נשמה גיסט זיך אויס אין זיין לערנען, און די שכינה פלאטערט ארום איהם און ער איז זיך אין איהר מתדבק... און אין מיטען לערנען הויבט ער זיך אויף פון ארט, געהט ארויף און אראב, און שעפצעט מיט א ציטעריג קול: רבונו של עולם! רבונו של עולם!

און זיין קול ווערט ווידער רוהיג... שטיל... און ער שטעלט זיך אב פלוצלונג; עס האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט איינגעדרעמעלט

שטעהענדיגערהייד פאר גרוים מתיקות, און די לאמפ ווערט טונקעלער...
און ער שטעהט, שטעהט און גיט זיך ניט קיין ריהר.

איז אנגעפאלען א גרויסע אימה אויף די אורחים, און זיי האבען אנגעהויבען צו שרייען; האט ער זיך אויפגעכאפט און האט זיך דער־נעהנטערט צו זיי, און זיי האבען די אויגען פערמאכט פון דער ליכטיג־קייט, וואס האט ארויסגעשיינט פון זיין פנים און פון דעם הייליגען גלאנץ, וואס האט געבלישטשעט פון זיינע אויגען, און ער שטעהט זיך רוהיג און פראסט און פרעגט אזוי שטיל: „וואס שרייט איהר דען? ס'איז אייך קאלט?"

און ער האט אויסגעטהון זיין קאפאטע און האט זיי צוגעדעקט מיט איהר.

צו־מארגענס האבען די אורחים דאס דערצעהלט און האבען גע־זאגט, אז ווי נאר די קאפאטע האט אנגעריהרט זיי, זיינען זיי באלד איינגעשלאפען, און האבען מעהר גאר ניט געהערט און מעהר גאר ניט געזעהן.

אט נאך דער מעשה, אז מען איז דאס געוואהר געווארען אין שטאדט, האט מען ערשט געוואוסט, ווער ער איז. בעלי בתים האבען אנגעהויבען צו געבען קוויטלעך, און אז מ'ברענגט איהם א קוויטעל, שמייכעלט ער און זאגט אזוי: „גלויבט מיר, א אינגעל, וואס מאכט המוציא איבער א שטיקעל ברויט, וואס די מאמע האט איהם געגעבען, קאן אייך העלפען מעהר ווי צוואנציג אזוינע ווי איך."

פערשטעהט זיך, אז דאס האט ניט געהאלפען און מען איז געלאפען נאך מעהר מיט קוויטלעך; פלעגט ער אזוי ענטפערען:

— איהר ווילט, אז א בשר־ודם ווי איך זאל זיין אייער מליץ פאר גאט ברוך הוא. איך וועל אייך געבען א משל: צו וואס איז די זאך געגליכען? צו דער ליכטיגקייט פון דער זונן און די ליכטיגקייט פון א קליין לעמפעל. פון דער ליכטיגקייט פון דער זונן קאנסטו הנאה האבען, וויפיעל דו ווילסט, און קיינער קען דיר ניט צונעהמען די הנאה. דער ערעמסטער מענש און דער סאמע ניעדריגסטער קוויקט זיך מיט איהר, אויף וויפיעל זיינע אויגען זיינען מסוגל דערויף. אפילו נאר א איד זיצט, חלילה, אין תפיסה און די פענסטער זיינען פערהאקט, פון דעסטוועגען רייסט זיך אריין אן אבגלאנץ דורך די שפאלטען, און ער האט הנאה פון דער ליכטיגקייט.... אבער ניט

אזוי איז די אָרעמע ליכטיגקייט פון אַ לאָמפּ. אַ רייכער מענש קויפט זיך אַ סך לאָמפּען און בעלייכט זיין שטוב מיט אַ העלער ליכטיגקייט, אַן אָרעמאַן ווידער זיצט אין דער פינסטער. גאָט ברוך הוא איז די גרויסע ליכטיגקייט, וואָס שיינט פאַר דער גאַנצער וועלט און דער־קוויקט און דערפרישט אַלע זיינע ווערק. די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין גנאָד, און זיין בארעמהערציגקייט איז פאַר אַלע זיינע בעשעפענישען... און גלויבט מיר, אַז איהר דאַרפט קיין מליץ ניט פאַר איהם; גאָט איז אייער פאָטער, און איהר — זיינע ליעבע קינדער, און צי דאַרף דען אַ קינד האָבען אַ מליץ צו אַ טאַטען?

די בעלי בתים האָבען געהערט און געשוויגען, נור אונזערע לייט, „אנשי שלומנו", האָט עס פערדראָסען די זאַך... און דעם אמת וועל איך אייך זאָגען, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס דערצעהלט פאַר „איהם זאָל לעבען". און אזוי ווי עס איז ידוע, האָט „ער זאָל לעבען" געהייסען איהם ברענגען אַהער.

האָבען מיר זיך גענומען איהם צורעדען און אזוי לאַנג, ביז ער האָט געמוזט מיט אונז מיטגעהן צום רבי'ן.

פיער טעג האָט געדויערט אונזער נסיעה.

און איך געדענק: ביי־נאַכט, די לבנה האָט געבלאַנדזשעט אין בלאָען ים, וואָס איז געלעגען אויסגעשפרייט העט־וויט, און האָט זיך צום סוף אויסגעמישט מיט אַ וואָלקען, און מיט גרויס רחמנות און ליעבהאַרציגקייט האָט זי געקוקט אויף אונז, ווי זי וואָלט בעטען אונז, אפשר ווייסען מיר איהר וועג, ווי זי זאָל געהן, רעכטס אָדער לינקס, און באַלד האָט זיך אַ וואָלקען אָנגערוקט אויף איהר, און זי האָט אָנגע־הויבען צו שפּרינגען אַרוים פון איהם, און אין אַ מינוט אַרום איז זי ווידער ענטפּלעקט געוואָרען אין גאַנצען און האָט געשמייכעלט צו אונז מיט צניעות און חן.

און אַ לינד ווינדטעל האָט געבלאָזען און געגלעט אונזערע אַלע־מענס פּנים'ער. מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיער זייטען וועלט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז איינגעהילט אין אַ טלית פון לויטער רחמים, און מיר זיינען אַריינגעפאַלען אין אַ ביסעל עצבות, אין אַזאַ שטילער טרויעריגקייט, אַזאַ זיסע, ליעבליכע, ווי אַ שטייגער שבת פאַר נאַכט ביי שלוש־סעודות.

פּלוצלונג האָט זיך ר' אברהם אָנגערופען און האָט געזאָגט:

„אידען! איהר האָט שוין מקדש געווען די לבנה?״ האָבען מיר זיך באַלט געשטעלט, אראָבגעלאָזען די פּעקלעך פון די פּלייצעס, געוואשען די הענד אין אַ קליין וואסערעל, וואָס האָט געפּליסט ביי׳ם ברעג און מיר האָבען מקדש געווען די לבנה.

ער איז געשטאַנען און געקוקט אויפ׳ן הימעל, און זיינע ליפּען קוים־קוים ריהרען זיך, אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען: „שלום עליכם!״ האָט ער זיך צו מיר געקעהרט און זיין קול האָט געציטערט אזוי ווי די שטימע פון אַ פּיעדעל, און זיינע אויגען האָבען גערופען צו מאַכען פריעדען און אחדות... צום ערשטען מאָל איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַן אימה פאַר ר׳ אברהם׳ן. און אַז מיר האָבען געענדיגט מיט קדוש הלבנה, האָט אונזער טרויעריגקייט אָבגעטראָטען פון אונז, און מיר האָבען זיך געקליבען ווייטער אין וועג אריין.

ער איז אָבער געשטאַנען און געקוקט אויפ׳ן הימעל און געזיפצט: רבונו של עולם! ווי שעהן איז דיין וועלט, וואָס דו האָסט בעשאַפען מיט דיין גוטסקייט און מיט דיין פיעל גנאָד. און דיין גוטסקייט און דיין גנאָד האָסטו משפיע געווען אויף אַלע דיינע בעשעפעניסען, זיי אַלע האָבען דיך ליעב און זיינען זיך אין דיר מתדבק, און דו — אין זיי... און די גאַנצע וועלט איז פול מיט דיין לויטערקייט.

איך האָב געקוקט אויף דער לבנה און מיר האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז זי קוקט אויף מיר און פרעגט: איך בלאָנדזשע; וואו אַהין זאָל איך מיך ווענדען?

* * *

פרייטאג נאָך מיטאָג זיינען מיר אָנגעקומען; און מיר האָבען נאָך געהאַט גענוג צייט צו געהן אין מקוה און „שלום״ צו נעהמען.

„ער זאָל לעבען״ איז געזעסען אין דער „שלום שטוב״ ביי׳ם טישעל, און זיינע לאַנגע ברעמען זיינען געווען אראָבגעלאָזט איבער זיינע אויגען. מיט דער לינקער האַנד איז ער געזעסען אָנגעשפּאַרט, און מיט דער רעכטער האָט ער אָנגענומען שלום; מיר זיינען צוגעגאַנגען איינציגווייז, גענומען שלום, און „ער זאָל לעבען״ האָט גאָר נישט גערעדט מיט אונז. ר׳ אברהם איז אויך צוגעגאַנגען און האָט דערלאַנגט די האַנד.

דאָ האָט מען געזעהן אין רבי׳ן אַ שנוי, ער האָט אויפגעהויבען

מיט די הענד זיינע ברעמען, און האט געקוקט אויף ר׳ אברהם׳ען א היבשע ווײלע שטילשווייגענדיג.

און ער האט אויך געקוקט אויפ׳ן רבי׳ן און האט אויך געשוויגען.

די חסידים האט פערדראָסען אזא עזות׳קייט.

פאר־נאכט זיינען מיר געגאנגען דאווענען אין רבי׳נס בית־המדרש. דער הימעל דאָרט איז צוריסען געוואָרען אויף צוויי שטיקער, און אין מיטען שטעהט די זונן און בעגילדט דעם הימעל און שיקט איהרע לעצטע שטראהלען אויף די ניעדריגע הייזלעך און אויף די שויבען, וואָס פון זיי קוקען ארוים שבת־ליכט; און די שטראהלען מישען זיך צוזאמען, און לעשען אוים, לעשען אוים, און דער הימעל טהוט זיך אָן א גראָען טלית, און א טרויערקייט און אָן עניוות ליעגט אויף אַלעם, און דאָרט ווייט... ווייט... קוקט נאָך ארוים די זונן מיט איין אויג אויף די קליינע שטאָדט, אויפ׳ן בית־המדרש, וואָס פינקעלט און גלאנצט מיט דער העלער ליכטיגקייט לכבוד שבת. און א פער־שעמטע רויטקייט איז אויסגעגאָסען אויף אַלעם, אזוי ווי די זונן וואָלט זיך שעמען דערמיט, וואָס נאָט האָט געמאכט די הייליגקייט פון שבת אָבהענגיג אָן איהר אונטערגעהן.

און אידען האָבען זיך פערזאמעלט אין רבינס בית־המדרש מקבל שבת צו זיין, און דאָס בית־המדרש איז פול אָנגעפאקט מיט אידען, איינער שטופט דעם אנדערען, דער כאַפּט זיך אָן אָן יענעמ׳ס גארטעל, נור נעבען ארון־הקודש האָט מען איבערגעלאָזט א פריי אָרט, ווי א האלב ראָד און אין מיטען דעם ראָד שטעהט דער רבי און דאווענט, און דער עולם רינגעלט איהם ארום.

אברהם אָבער שטעהט ביי דער מהיר צווישען די אורחים און דאַר־ווענט אויך אויף זיין שטייגער.

„צו קדוש!“ האָט דער שמש אויסגערופען.

און די רבי׳צין מיט די טעכטער און די שנירען האָבען זיך בעוויי־זען, און געבליצט און געבלאנקט האָט פון זיי דאָס ציערונג, די טהייערע שטיינער און די פעריל.

און דער רבי שטעהט און מאכט קדוש.

ער איז א ביסעל איינגעבויגען, און די גראָע באָרד ליעגט אויף זיין הארץ, די ברעמען ליעגען אויף די אויגען, און ער מאכט קדוש מיט

א הויך קול, זינגט אויס יעדעס וואָרט מיט א בעזונדערען נגון און יעדעס אות קומט ארויס אין א בעזונדערער צורה....

„צום טיש!“ האָט מען ווייטער אויסגערופען...

אויבענאָן איז געזעסען דער רבי, רעכטס — די זיהן און די איידימס, לינקס — די קרובים, דערנאָך אַלטע שעהנע אידען, דערנאָך גבירים.

און ארום שטעהט דער עולם.

און דער רבי עסט און לאָזט איבער שירים, און נעהמט טיילען: צוערשט די זיהן און די איידימס, דערנאָך די איבעריגע טיש־זיצערס.

און נאָך די שירים ווערט שטיל. דער רבי האָט אָנגעהויבען צו זאָגען תורה; געגאַנגען איז פּרשה בהעלותך, און דער רבי האָט אָנגעהויבען:

„בהעלותך את הנרות“, אז א מענש׳ס נשמה איז אין א ניעדריגער מדרגה, רחמנא לצלן, אין דער טומאה... און דער נצוץ פון דער נשמה וויל זיך דערהויבען, צו קומען צו א מדרגה און קען נים אליין, און מוז אָנקומען צו הילף... איז א מצוה איהר צו העלפען, זי „מעלה“ צו זיין... און די מצוה ליעגט אויף׳ן כהן איהר בעהילפיג צו זיין; און דאָס איז דער פּשט „אל מול פני המנורה יאירו“, דאָס מיינט מען די תורה הקדושה. דער כהן דאַרף דעם איד׳ס הארץ מקרב זיין צו דער תורה, און אזוי ארום קען ער זי „מעלה“ זיין... און ווער איז דאָס דער כהן? דאָס זיינען די צדיקי־הדור, ווייל זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, מוז דער צדיק זיין א כהן, ווייל אזוי איז מען גוזר פון הימעל, אז ער זאָל זיין דער כהן...

— אברהם! — האָט דער רבי פּלוצלונג גערופען — אברהם! קום נאָר אהער, איך רוף דיך.

איז ער צוגעגאַנגען.

— האָסט פערשטאַנען, אברהם? האָסט פערשטאַנען דעם סוד פון די ווערטער?

— אז דו שווייגסט — האָט דער רבי ווייטער געזאָגט — הייסט דאָס, אז דו ביזט מודה, אז איך מוז דיך מעלה זיין; אפילו קענען מיין ווילען און קעגען דיין ווילען.

און דער עולם איז געוואָרען טויט שטיל און ס׳האָט געוואַרט.

— דו זינדיגסט? — האט דער רבי געפרעגט א ביסעל שרעקליך... 

— איהר דארפט „מעלה" צו זיין? צי האט איהר חס־ושלום אבגעקויפט דעם רבונו של עולם פאר אייך? איהר מיינט, אז דורך אייך וועט זיך א איד קענען דערנעהנטערען צו גאט ברוך הוא? אז איהר זייט דאס אויבערשטע פון שטויסעל, און אלע אידען זיינען נאר גישט? גאט'ס גנאד איז פול אומעטום, וואו מ'קעהרט זיך און וואו מ'ווענדט זיך, און וואו מ'גיט א ריהר מיט אן אבר, פיהלט מען גאט! אין הארץ, יעדער ביי זיך, דארף מען זוכען גאט, ווייל דארט האט גאט געמאכט רוהען די שכינה הקדושה...

אויף יעדער ארט, אין יעדער צייט און אין יעדער רגע קען א איד זיך דערנעהנטערען צו גאט... —

אזוי האט ער געענטפערט. נאר איידער נאך ער האט געענדיגט, האבען אונזערע לייט איהם שטיל געמאכט, און ווען ניט דער רבי זאל דעם עולם צוריקהאלטען, וואלט מען איהם צוריסען אויפ'ן ארט.

— לאזט איהם! — האט ער בעפוילען די חסידים.

און צו איהם אליין האט ער געזאגט:

— אברהם, דו האסט געזינדיגט!

און פון דעמאלט אן האט מען איהם גערופען „דער זינדיגער".

און ער איז פערשטויסען געווען פון אומעטום: חסידים האבען אויף איהם געהאט אן אויג און האבען איהם גע'רודפ'ט, און אפילו אין בית־המדרש האט מען איהם ניט געלאזט דאווענען.

און איך זאג אייך דאס מיינע: א רשע, אפילו ער טהוט ביין, איז מקיים גאט'ס געבאט, און אפשר, ווער ווייס?

אפשר זיינען זיי ביידע גערעכט געווען?

# א מעשה מיט אַ ספר

דאָס „ספר“, פון וועלכען איך וועל די מעשה דערצעהלען, איז אַ גמרא „ברכות“, אַלט־אַמסטערדאַמער דרוק.

אָבגעריבענע אותיות, פערפלעקטע בלעטער, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע טאָוולען. דאָך איז זי געגליכען צו אַן אַלטע שטאָב־פּאָהן, וואָס די זעלנער האָבען איהר צוריקגעבראַכט אַ דורכגעשאָסענע פון דער מלחמה.

ר׳ יחיאל־מאיר האָט געקויפט אַ גאַנץ אַמסטערדאַמער ש״ס פאַר פינף און צוואַנציג רענדלעך. ר׳ יחיאל־מאיר, אַן אַלטער בעל־הבית — אַ מתנגד, פיהרט זיך ווי די מתנגדים פון זיין דור: לערענט און ענדיגט ש״ס יעדע זיעבען יאָהר: אַ דף אַ טאָג, אַ דף אַ טאָג. האַלט ער ביי ברכות, לערענט ער אין דער גמרא. מסיים געווען ברכות — שטעלט ער זי צוריק אין שראַנק אַריין און וואַרט ווייטער זיעבען יאָהר, ביז עס וועט איהר צייט קומען.

די גמרא שיידעט זיך ניט אָב פון אַנדערע ספרים מיט גאָרנישט.

און עס איז קיין פּלא ניט. ר׳ יחיאל־מאיר האָט נאָך געלעבט אין דור פון פאַר מתן תורה... איך וויל דערמיט זאָגען: איידער זיין ליכט האָט נאָך אָנגעהויבען צו שיינען בק״ק קאָצק, איידער דער מאָרגענשטערען האָט נאָך אָנגעהויבען ארויסשיקען זיינע גליהענדע שטראַהלען צו דערוואַרעמען די הערצער און צוהיצען די נשמות... צו ברענגען דעם כלל אדם אין דער מדרגה, אונטער גאָט ברוך הוא׳ס פליגעלען...

די תורה איז נאָך דענסמאָלט געווען, ר״ל, אַן עופה׳לע איינגעוויקעלט אין די ווינדעלעך. דער בן־אדם האָט געלערענט לשון לימוד, דעם האַרטען לימוד, אָהן דער ווייכקייט, אָהן דעם לעבען, אָהן דעם בעהאַלטענעם ליכט, וואָס ליעגט אין דער תורה. זיי האָבען געצעהלט די ווערטער, ווי מען צעהלט פּרוטות. פון יעדער אויסשפּראַך איז אַ מלאך געוואָרען בעשאַפען, נאָר דער מלאך איז געווען אַ טויטער....

זייער לערנען איז געווען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, נאָר איבער דעם מתן שכר, וואָס איז אין דער זייט. גאָט האָט געהייסען לערנען — לערענט מען, ווייל מ'טיילט דעם חלק שור־הבר מיט לויתן אויף יענער וועלט... זייער תורה איז ניט געווען געגליכען צו טראָפּענס אייל, נאָר צו טראָפּענס געפּרוירען וואַסער...

איז די גמרא ברכות געווען דענסטמאָל נאָר א טפל צום גאַנצען ש"ס, א צוגעריכטס. צו וואָס איז די זאַך געגליכען? צו א צווייג פון א בוים. כל זמן דער צווייג איז בעהעפט אין בוים און נאָגט חיונה פון דער ערד — בליהט דער צווייג; נעהם רייס אָבער די צווייג פון בוים אָב, הויבען אָן וועלקען די בלעטער וואָס זיינען אויף דעם צווייג, דאָס בליהעכטס ווערט אויסגעטריקענט, און ער ווערט געגליכען צו א מת.

אזוי איז דענסטמאָל געווען געגליכען די גמרא ברכות: אַן אָבגעריסענער אבר פון דער גאַנצער תורה...

---

דערנאָך איז די זאַך פערענדערט געוואָרען.

די גמרא ברכות איז מיט אַמאָל עולה לגדולה געוואָרען, אויף דעם העכסטען שטאַפּעל.

צו וואָס איז די זאַך געגליכען? צו דעם צווייג וואָס מען רייסט איהם אָב פון בוים און מען פלאַנצט איהם אָבער צוריק איין אין א פעטער ערד, און ער בליהט און ציהט פון זיך פירות אַרויס פאַר זיך.

און עס איז אויך קיין וואונדער נים.

דאָס איז געשעהן, ווען זיינע קינדער זיינען אַרויס איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס קינד אין חדר ווייס וואו דער כבוד זיינער רוהט, וואו דאָס בית־המקדש איז און וואו די שכינה שיינט...

ר' יחיאל־מאיר האָט געשענקט דעם ש"ם גמרות זיין איידים, יודל'ען, דרשה־געשאַנק.

זיי, להבדיל, האַלטען זעהר פיעל פון די גרויסע, שטאַרקע פיש, וואָס ליעגען זיך אויפ'ן גרונד וואַסער, נאָרען זיך איין אין זאַמד און קלערען טיעף אריין אין גרונד... אונזער יודעל איז אָבער ניט אזוי געווען. א פיש א לעבעדיגע איז ער געווען אין לעבעדיגעם וואַסער. געשוואומען אין די טיעפקייט, מתאחד צו זיין זיך מיט אַלע פיש, לעבען אין אחדות און שלום. נאָכ'ן אחדות, נאָכ'ן שלום האָט ר' יודעל נאָכ־געיאָגט זיך זיין גאַנצען לעבען. דענסטמאָל ווען אַלע מענשען זיינען

צוזאמען, איינער בעהעפט זיך אין צווייטען, אלע נשמות נאגען פון איין קוואל די חיונה, איין גארטעל פון חסד בינדט ארום אלע הערצער — רוהט אויף זיי איין ש כ י נ ה. דאוונען זיי אין איין בית־המקדש, האפען זיי צו איין גאט. דער הימעל וואס איז איבער זיי — די ערד וואס איז אונטער זיי — געהערט צו אלע: דענסטמאל ווערט די נשמה ערפילט. די נשמה איז פרעהליך און דער גוף איז אויך פרעהליך, אוןביידע זיינען זיך מתאחד, און האבען א הנאה פון די שכינה. און דענסטמאל ווערט דעם מענשען'ס ווילען, אז דער קלענסטער און דער גרעסטער זאלען זיין גלייך, פון קלענסטען ביז צום גרעסטען.

דענסטמאל פערשטעהט ער די הייליגע גרויסקייט וואס איז אין דוד המלך'ס ווערטער: „ב ר ב ע ם ה ד ר ת מ ל ך" — איך און דו, ראובן און שמעון, אלע קומט לאמיר געהן אין גאט'ס הויז, לאמיר דאווענען, לאמיר זיך פרעהען צוזאמען — צו איין גאט, וואס זיין כבוד האט ערפילט די ערד און דעם הימעל, וואס ער האט ניט פערמינדערט זיין חסד פון קיין שום בריה: „ברב עם הדרת מלך".

אלע טייכען פליסען אין איין ים און אלע פישען שווימען צוזאמען אין דעם גרויסען ים.

דער יונגער מאן, יודעל, איז געווען אזוי ווי די ווייסקייט און ליכט — געליעבט גאט, ווייל ער האט געפיהלט, אז ער איז א חלק פון גאט; געליעבט זיך, געליעבט איהם, ווייל יעדער פון אונז איז א חלק פון גאט.

ער קען ניט פערשטעהן, ווי דער מענש קען דיענען גאט, דעם גאט, דעם בורא פון אלעם אויף דער וועלט, וואס ווייסט און ליעבט יעדע בעשעפעניש, וואס געפינט זיך פערהוילט פון מענשען'ס אויג אין דעם טיעפען שמיין — צו ליעבען זיין גאט, ווייל ער האט מורא פאר „איהם", ער, זיין יצור כפיו. אדרבה, צו פרעהען זיך דארפסטו אויף דעם שותפות, וואס גאט האט אין דיר און דו האסט אין איהם.

זיי צעהלען די מצוות און רעכענען זיך מיט גאט: „איך האב דיר געטהון דאס דייניגע, יעצט מוזטו מיר טהון דאס מייניגע" — ניין, זיין ווילען דארף זיין צו בעהעפטען זיך אין גאט, צו שאפען מיט איהם בשותפות, „הצדיק גוזר והקב"ה מקיים" — דער צדיק בעפעהלט און גאט מוז מקיים זיין... טעג און יאהרען זיצט ער אין קאצק, ביי „איהם, זאל לעבען". ער לערנט ניט. די וואס לערנען — זאגט ער —

שטעהען אויסער די תורה. ער וויל זיין אין די תורה גופא, איהר תמצית, צו ווארעמען זיך אין איהר פייער, צו הייליגען זיך אין איהר הייליג־קייט....

אמאל אין א שמיטה קומט ער אהיים צום ווייב און קינד. און עס איז דאך ידוע, אז דאס אבשיידען זיך פון „איהם" איז אזוי שווער, ווי דאס אבשיידען זיך פון די נשמה מיט'ן גוף.

צוערשט, אז די בני בית האבען געזעהן, אז ער געהט אוועק נאך קאצק, האבען זיי געמיינט, אז דאס איז בלויז אויף א קורצע צייט, אזוי ווי דער סדר עולם איז, — האבען זיי שטיל געשוויגען און געלאזט איהם טהאן וואס זיין הארץ גלוסט: האבען איהם געגעבען אויף הוצאות הדרך, כאטש זיין שווער, וואס איז געווען א פערברענטער מתנגד, האט איהם אוים יורש געמאכט, ווייל ער איז א „קאצקער". נאר זיין ווייב איז געווען אויף זיין זייט, האט זי גע'גנב'עט פון פא־טער'ס הויז אהן זיין וויסען, און האט איהם אריינגעשטעקט אין דער שטיל.

אז ער איז אבער צוריק געקומען נאך א פאאר חדשים, האבען זיי איהם שוין ניט געלאזט צוריק אוועק: האבען בעהאלטען די מלבושים און פערשלאסען אין קאסטען אריין.

ווער קוקט אבער אויף דעם, אז די נשמה ציהט, אז דאס הארץ ציהט דארט אהין! וואס טהוט ער? גנב'עט א גמרא פון ש"ס, וואס ער האט געקראגען דרשה־געשאנק, און האט זי אוועקגעלעגט אויפ'ן וועג ביי א איד א קרעטשמער און איז געגאנגען קיין קאצק.

און דאס איז טאקע געווען די זעלבע גמרא ברכות, און זי איז באלד עולה לגדולה געווארען, א תכלית פאר זיך אליין — זי האט דאך גורם געווען, אז איבער איהר זאל דאס שעפעלע צוריק אין סטאדע קומען...

---

איז די גמרא געלעגען ביי'ם איד דעם קרעטשמער אין אלמער. עס איז ניט געווען ווער עס זאל לערנען אין איהר. טיילמאל, אז עס איז געקומען אן עת צרה אויפ'ן קרעטשמער, פלעגט ער וויינען פאר דער גמרא און זי איז געווארען, ר"ל, א מין עבודה זרה.

---

ביז עס איז געקומען ר' גדליה, ר' יודעל'ס א זוהן, וואס איז געווען מורה הוראה אין א קליין שטעדטעל און האט זי אויסגעלייזט.

מען דערצעהלט אזוי: איינמאָל, אז דער פאָטער זיינער, ר׳ יודעל ז״ל, איז אוועקגעלאָפען קיין קאָצק און דער שווער זיינער האָט זיך געבייזערט אויף די טאָכטער, זיין מוטער, וואָס האָט איהם נאָך געגעבען אויף הוצאות הדרך — האָט איהם די מוטער גענומען אויפ׳ן האַנד און אוועקגעלאָזט זיך קיין קאָצק זוכען דעם מאַן.

דער וועג וואָס געהט אָב פון זייער שטעדטעל קיין קאָצק, טיילט זיך אין צוויי׳ען: איינער געהט אָב קיין קאָצק — וואָס איז דער וועג פון לעבען, דער צווייטער קיין איצביץ, וואָס איז דער וועג פון טויט.

און גאָט׳ס פעלדער שפרייטען זיך איבער גאָט׳ס ערד, וואָס איז פון הינטען, אזוי ווי זיי וואָלטען געהאַט ברעה צו זאָגען: זעה, מיר זיינען מקיים גאָט׳ס מצוות, וואָס האָט אונז געהייסען ארויסציהען פון זיך א גרעזעל. און די גרעזער זיינען זיך מתאחד און ווינקען צו דיר: קום לעג דיך אנידער אויף אונז, און בייגען איין מיט אונטערטהעניגקייט די קעפ אונטער די הימלען, וואָס ציהען זיך איבער זיי מיט גרויס רחמים. און אונטען און אויבען, ערד און הימעל זיינען זיך מתאחד און ווייסען גאַנץ גוט, אז איין גאָט האָט זיי בעשאַפען, און איין גאָט האָט השגחה איבער זיי.

די חסידים אָבער, וואָס זיינען עולה רגל צום רבי׳ן אויף יום־טוב מיט די זעקלעך אויף פלעקלעך און מיט׳ן שטעקען אין דער האַנד — וואַרפען זיך אריבער שטיינער פון איין וועג איבער׳ן צווייטען, און האַלטען מלחמה.

דאָרט וואו די וועגען צושיידען זיך שטעהט א בוים מיט לאַנגע, ברייטע צווייגען, הינטער דעם בוים ליעגט א שטיין.

דאָרט אויף דעם שטיין, פלעגט דערצעהלען ר׳ גדליה, האָט זיך מיין מאַמע מיט מיר אנידערגעזעצט און געגעבען מיר די ברוסט צו זייגען.

און ווער ווייסט, צו אויב די אָבשיידענהייט, וואָס ליעגט צווישען דיביידע וועגען, האָט ר׳ גדליה נים אנגעזויגט אין זיך אין איינעם מיט דער מוטער׳ס מילך.

אזוי ווי א בית־המקדש אָהן א שכינה, אזוי איז ר׳ גדליה געווען אָהן א רבי׳ן. א חסיד מיט דער גאַנצער נשמה, האָט ער געהאַט דאָס הצטרכות צום חסידות, צו בעהעפטען זיך אין דער שכינה. אָבער עס איז קיין שכינה נים געווען, אין וועלכע ר׳ גדליה זאָל זיך בעהעפטען,

וועלכע זאָל ערפילען זיין גאַנצע נשמה, און וועלכע ער זאָל גלויבען מיט אמונה־שלמה, ניט ער זאָל זיך דארפען נויטען צו גלויבען.

א פונק פון פאטער. דאָס הארץ בענקט, די נשמה בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ מקור, אַ קוואַל, און וויל זיין אַ טראָפּען אייל, לויטער אייל אָנצוצינדען די מנורת הכלל, מנורת התמיד, די מנורה פון דער וועלט.

דער פאָטער איז אָבער קיינמאָל ניט אין דער היים געווען. אויפ־געצויגען האָט איהם דער זיידע, דער מתנגד, מיט דער גאַנצער קאַלט־קייט פון מתנגדות. ער האָט איהם נאָר געגעבען צו פערשטעהן די תורה מיט איהרע ק"ן טעמים, אָבער ער האָט איהם ניט געגעבען די תורה גופא.. די נשמה פון דער תורה, דאָס לעבען פון דער תורה—צו וואָס איז עס געווען נעגליכען? צו אַ רעצעפּט פון אַ דאָקטאָר. דאָס שמיקעל פּאַפּיער, אויף וועלכען עס איז אָנגעשריעבען דער רעצעפּט, איז נאָך ניט דער רעצעפּט אַליין...

וואָלט נאָך געלעבט דער „זקן", דענסטמאָל...

עס איז שוין נישטאָ צו וועמען צו פאָהרען. דער „זקן" איז נפטר געוואָרען. די מלוכה — צוטהיילט: אַ האַלבע האָט גענומען זיין זוהן, אַ האַלבע „ער" פון „גער".

כל זמן דאָס ליכט האָט געשיינט און האָט געשיקט זיינע שטראָה־לען, איז ער געווען דער מקור. אַלעס האָט געציעלט זיין וועג צו איהם — אין דעם מקור פון ליכטיגקייט. דאָרטען האָבען זיך די בונדען שטראַהלען בעהעפטט און עס איז געווען איין אחד. אז דאָס ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען, זיינען די שטראַהלען צופאַלען. טהייל ווערען פערלאָשען... טהייל ווערען פערבלאָנדזשעט אויף שלעכטע וועגען... טהייל פאַלען גאָר אריין אין די הענד פון סמאל ר"ל.

און די סטרא אחרא האָט פערשפּרייט איהרע שווארצע פליגעל איבער'ן לאַנד...

דאָך האָט ר' גדליה ניט געקענט שטיל בלייבען, זיצען און גאָר נישט טהון.

איז ער געגאַנגען נאָך קאָצק, צום זוהן, וואָס האָט ממלא מקום געווען.

דער זוהן איז אָבער ניט דער פאָטער. איז איהם טאַקע מקרב, ער זעצט איהם בימינו — „עס איז אָבער ניט דאָס"...

ער פיהלט: ער שטעהט נאָך פון דרויסען. דאָס הארץ איז לעדיג. ער האָט ניט געפונען וואָס ער זוכט.

לענט ער זיך איבער אין דער דעה: מאָמער „גער"? און באַלד איז ער מסכים ניט מאָמער, נור טאקע „גער" — ווייל דאָרט איז דער אהל פון דער תורה.

נעהט ער אהין.

די וועלט איז א סטאדע, די מענשען זיינען די שעפסען, היינד זיינען דאָ א סך, דער „פאסטוך" אָבער פעהלט.... עס איז נור איבער־געבליעבען דאָס „פייפעל" פון אַלטען פאסטוך, קען אָבער קיינער דער־מיט ניט פייפען און ער איז שוין לאַנג נסתלק געוואָרען, און די שעפסען זיינען פערשפרייט איבער די לאָנקע, שעפסען אָהן פאסטוכער...

ר' גדליה'ס נשמה בענקט...

האָט זיך געטראָפען א בעגעגעניש. ר' גדליה איז אמאָל געגאַנגען אויפ'ן וועג. האָט ער דערזעהן א הויז און איז דאָרט אריינגעגאַנגען. דאָרט האָט געוואוינט א איד א קרעטשמער: האָט ר' גדליה געוואָלט אריינקוקען אין א ספר אריין — האָט ער נישט געהאַט ביי זיך נור דאָס ספר תהלים אליין. האָט דער איד ארויסגענומען די גמרא פון שראַנק. ר' גדליה גיט א קוק אויפ'ן שער און דערקענט דעם פאַטערס „למי שייך", מיט'ן אייגען כתב יד, פרעגט ער איהם: „ווער האָט די גמרא אָהער געבראַכט?" דערצעהלט מען איהם, אז מיט יאָהרען לאַנג איז א חסיד דורכגעגאַנגען און האָט די גמרא פערלענט אויף צוויי זהובים.

ר' גדליה האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט די גמרא און געוויינט אויס שמחה.

פאָהרט ער אמאָל נאָך קאָצק איבער זכות אבות, אמאָל נאָך גער — ווייל עס איז דאָס אהל פון דער תורה, מעהרסטענס זיצט ער אָבער אין דער היים און לערנט די גמרא.

און דענסטמאָל ווען די נשמה צובענקט זיך און הייליגט זיך אין דעם געדאַנק פון די גמרא, פיהלט ער א זעבציגסטעל פון די קדושה פון קאָצק...

---

ר' גדליה האָט געשענקט די גמרא זיין זוהן דוד'ל צו דער חתונה חתן־מתנות.

דוד'ל איז געווען א יונגער מאן — א פיינער קאפ, א עלוי, א גאונ'ישען קאפ, אבער „אנגעזענקט" ר"ל... און האט נוטה געווען „לצדם"...

קומען צוגעהן די קליינע ספרים'לעך און פערטרייבען די גרויסע... טרויערט די גמרא אין דער שראנק.

מען דערצעהלט, אז טהיילמאל האט ער נעכאפט די גמרא און געווארפען אין דר'ערד ר"ל, האט זי פשוט געטראטען מיט די פיס, פערשעמט זי, און עס האט זיך שוין געטראפען ער האט זי דן געווען אויף שרפה.

אבער ער האט דאך געהאט א אידיש הארץ, פלעגט ער דערנאך פאלען אויפ'ן בעט און ליעגען לאנג, און קלערען טרויעריגע מחשבות. אודאי האט ער חרטה געהאט איבער זיינע מעשים, די נשמה זיינע איז דאך געווען פון „מקור"... האט ער אויפגעהויבען די גמרא פון דער ערד און אנידערגעזעצט זיך לערנען. די אויגען האבען איהם געברענט, דאס פנים איז רויט געווען און די נשמה זיינע האט קיין מקום מנוחה ניט געהאט.

אמת, ער איז קאליע געווען, אבער א גרויסער למדן; איז ער געזעסען שעה'ן לאנג און זיין נגון איז געגאנגען וואס אמאל העכער און ער האט ממלא געווען די גאנצע שטוב.

און טרויעריג איז געווען דער נגון. ער האט פשוט געשניטען דאס הארץ.

מען זאגט: אז זיין נשמה האט געוויינט בשעת לימוד, און איהר געוויין האט זיך געהערט אין לערנען.

עס קען זיין, ער האט אודאי חרטה געהאט איבער זיינע מעשים.

---

נאך זיין טויט איז די גמרא אריינגעפאלען אין די הענד פון זיינע קינדער.

גוים גמורים, אוכלי טרפה'ניקעס, מיט געגאלטע בערד, דאך האבען זיי גענומען די גמרא און האבען זי געלאזט שעהן איינבינדען און האבען זי אויסגעציערט מיט בענדער, ווי מעשה גוים, און האבען זי אוועקגעשטעלט אין שראנק צווישען זייערע טריף־פסול'ס... און האבען זי געוויזען, די גמרא, די שרים ושרות וואס זיינען געקומען צו זיי: אט איז די גמרא, וואס מיר האבען גע'ירשנ'ט פון אונזערע עלטערן.

אז די גמרא איז געלעגען אונטער די פיס פון דעם רשע — זייער פּאַטער — וואָס האָט זי מבזה געווען — האָט זי ניט געקרעכצט. מיט גרויס סבלנות האָט זי איבערגעטראָגען די בזיונות, די חרפות, וואָס דער רשע האָט איהר אָנגעטהאָן.

דאָרט אין די שעהנע שרענק, אין דעם שעהנעם איינבונד, וואו מען האָט זי אריינגעשטעלט „צו ווייזען זי" קרעכצט די גמרא.

אין דער שטיל הערט איהרע קרעכצען יעדער איינער וואָס האָט נור א נשמה אין זיך.

אז עס וואָלט זיך געפונען אימיצער, וואָס וואָלט די גמרא ארויס־גענומען פון שראַנק דאָרט און זי אוועקגעטראָגען אין בית המדרש אריין, אין קאַסטען „שמות" אריין, וואָס שטעהט אונטער'ן אויווען, אז מען זאָל זי בעגראָבען מיט שאר שמות הקדושות אויפ'ן הייליגען „מקום" — וואָלט ער מקיים געווען די מצוה פון פדיון שבוים.

# שבת אין וועג

דו זעהסט, אפילו א בלאָז פון א ווינדטעל געהט דאָ ניט פערלאָרען. ניט אויף קיין שטיינערנע טראָטוארען פאלען דאָ די זונען־שטראהלען, ניט אויף שטיינערנע מויערען בלאָזט דאָ דער ווינד פון פריהלינג. וואַרף נור דיין בליק ארום; יעדער פון די פריהלינג־ווינדטעלעך עפענט אַ נייע טהיר אין דער ערד, יעדער שטראהל פון דער זון רופט ארויס צום לעבען נייע גראָז־קעפּלעך פון דער ערד, און דער ווינד בענייט זיי, די טהוי־טראָפּען פּאַיען זיי אָן, און גאָט'ס וועלט שפּראָצט ארויס... די געשמאַקע ריחות טראָגען זיך אום אין דער לופטען און בעהויכען מיט זייער אָטהעם אַלץ, וואָס זיי בעגעגענען אויפ'ן וועג...

איינזאַם בין איך אין וועג, ווייט פון שטאדט, פון אַ דאָרף, ארום ציהען זיך גרינע זאפטיגע בייטען. דער פּסח איז נאָך ניט לאַנג אריבער, די געוויקסען האַלטען נאָך ביים פערנאַנדערשפּראָצען. דיינע אויגען ווערען נאָך ניט פערבלענדעט פון קיין צייטיגער פרוכט, — ניין, אַלץ האַלט נאָך דערוויל אין איין שפּראָצען...

די ערד איז נאָך שוואַרץ דאָ און דאָרט, קליינע גרינע קעפּלעך עפענען זייערע קליינע מיילעכלעך, קליינע בלומלעך קוקען ארויס, ווי קינדערשע אויגלעך, מיט התפּעלות, פרעהען זיך און לאַכען....

און אַלץ וואַקסט אויף די אויגען, וואַקסט און בליהט פאַנאַנדער... און אויבען איבער דעם אַלעם, שפּרייט זיך אַ ברייטער און אַ פרעהליכער הימעל, און ארום איז קיינער נישטאָ, אויסער דיר איינעם; איינזאַם ביזטו, דיין פּעקעל אויף די פּלייצעס, דער שטאַק אין דער האַנד, און דו געהסט ווייט־ווייט, און עס דאַכט זיך דיר, אַז קיין וועלט איז גאָר נישטאָ, נישטאָ קיין שטאָדט ניט פאַר דיר, ניט הינטער דיר, איינער ביזטו אויף דער וועלט און דו ביזט דער הערשער איבער אַלץ, וואָס ארום דיר...

---

הינטער'ן וואַלד שטעהט אַ קליין הייזעל, די ווענד פון ברעטער,

איבער'ן צופוילטען שינדעל־דאך הויבט זיך א שווארצער, אן אויס־געקרימטער קוימען. דאס קליין הייזעל שטעהט פאר זיך, איינס און אליין, אזוי ווי עס וואלט קיין שייכות ניט געהאט צו דער גאנצער איבעריגער וועלט. עס שטעהט און עס זעהט, אלע טאג קומען האלב־העקער מיט העק אין די הענד, האקען בוימער, און דאס קליין הייזעל האלט אין זיך טיעף פערבארגען דעם טרויעריגען סוד... פון איין זייט ציהט זיך דער וואלד, הויכע צווייגהאפטיגע בוימער שטעהען, ווי א סך מנינים אידען; אין דער הויך און אין דער ווייט ציהען זיך צווייגען איינע נאך די אנדערע, און פערשווינדען טיעף אינ'ם וואלד אריין... דארט אין טיעפען וואלד, איז געווים פארהאן עפעס אזוינס... פון מיטען וואלד קומט געשווינד צולויפען א קוועלכעל און לויפט ווייטער, אזוי איילט זיך, אזוי ווי אימיצער אין טיעפען וואלד האט איהם שלעכטס געטהאן, און ער לויפט צו קלאגען זיך פאר דער מוטער־טייך, אריינצופאלען אין איהרע מוטערליכע ארעמס... ווייט לינקס, הינטער די פעלדער, זעהט זיך נאך עפעס וואס, אבער וואס דאס איז — ווייסט איין גאט...

אויפ'ן בענקעל, וואס פאר'ן הייזעל, פונקט קעגען וואלד, זיצט ר' בנימין. פון אונטער זיין זשילעט זעהען זיך ארוים לאנגע ציצית, ער רויכערט א ליולקע און קוקט אין דער וועלט אריין. ער דערזעהט מיך נאך פון דערווייטען, און ווינקט צו מיר מיט'ן פינגער. „זייט מוחל, ר' פעטער" — פערטייטש איך מיר זיין וואונק, אבער הערען הער איך גאר נישט — דער שטח איז נאך צו ווייט.

בנימין דער וואלד־וועכטער וואוינט שוין דא פון לאנג. דאס הייזעל האט ער גע'ירשנ'ט נאך פון זיין עלטער־עלטער זיידען. עפעס א מין „הכנסת אורחים" האט גאט בעשאפען דאס הייזעל אין מיטען וועג, א איד זאל האבען וואו אריינצוגעהן. א פול שיסעל זויער־מילך, א שטיק שווארצע ברויט — דאס בעקומט יעדער אומזיסט, קיין געלד וויל בנימין פאר אזעלכע זאכען ניט נעהמען. „אז איך פיהר עס ארוים אין מארק, איז עס סחורה — זאגט בנימין — אבער כל־זמן דאס איז נאך אין דער היים איז דאס א „שטוב־זאך", און פאר שטוב־זאכען נעהמט מען קיין געלד ניט".

ער איז אויפגעשטאנען און איז געגאנגען מיר אנטקעגען. ער שאקעלט מיר פון ווייטען מיט'ן קאפ — ער מיינט, איך זאל אבווארטען.

— פון וואַנען גערט אַ איד?

— אודאי פון סטשעלעץ קיין גאַסטינין, אַנצוציהען אויף שבת — גרובט ער טרעפען.

— האַסטו שוין פערשפעטיגט — זאָגט ער און מאַכט מיט דער האַנד — די זון גערט שוין אונטער. — און ווייזט מיט דער האַנד אויפ'ן רויטען הימעל, וואָס הינטער'ן וואַלד.

ניט קלערענדיג קיין סך, פערקירעווע איך זיך אויף דער סטעזשקע, וואָס פיהרט צו זיין הייזעל.

— דער לוח שרייבט, — זאָגט ער מיר דערוויל — אַז זיעבען אַ זייגער בענטשט מען ליכט. עס איז שוין נאָך פינף.

זיינע טאַטעס האָבען געצעהלט די טעג נאָך די שייטלעך האָלץ, וואָס זיי פלעגען אַלע טאָג צוגעבען הינטער'ן הרובע. און דאָס וועטער פלעגען זיי פאָרזאָגען נאָך דעם אויסזעהן פון הימעל. אָבער בנימין ווייס דאָס אַלץ שוין פון לוח.

מיר קומען אונטער צום הייזעל. אויפ'ן שוועל שטעהט אַ הויכע אידענע, אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ ווייסע פאַטשיילקע און קוקט אויף איהר מאַן, אַזוי ווי זי וואָלט איהם עפּעס וועלען פרעגען. הינטער איהר פאַרטוך בעהאַלטען זיך צוויי קליינע מיידעלעך, קוקען אַרויס מיט זייערע אָבגעברענטע פּנים'לעך, זייערע האָאר האַלב־רויטליך, האַלב געלבליך זיינען צושויבערט. זיי קוקען אויף מיר מיט אַ קינדערשען שמייכעל.

— טויבע, מיר האָבען אַן אורח אויף שבת. איך גיב אַ שאָקעל צו דער אידענע מיט'ן קאָפּ. מיין שאָקעל דאַרף בעדייטען: „גוט מאָרגען“, „גוטען אבענד“ — די אידענע שטעהט, ווייסט ניט וואָס צו טהון. אָבער פּלוצלונג גיט זי זיך אַ קעהר און געהט אַריין אין הייזעל.

— אַמאָל, אַז מען האָט געהאַקט דעם אַלטען וואַלד, האָבען דאָ געוואוינט שאָפּערעס, און עס איז געווען אַ קאַנטאָר, איז דאָ געוועזען אַ מנין, און אַ ספר תורה איז געוועזען. — דערצעהלט מיר ר' בנימין.

מען פיהרט מיך אַריין אין שטוב. דאָס ערשטע, וואָס מיין בליק קען אונטערשיידען איז — מילך־קריג, וואָס שטעהען אויסגעשטעלטע אויף צוויי מילכיגע בענק. אין שטיבעל איז קאַלטליך. אויף די פענסטער שטעהען פולע טעפּ מיט זויער־מילך, און אַ פעטער געריך טראָגט זיך איבער'ן גאַנצען הייזעל.

באלד קומט אריין א הויך מיידעל מיט צוויי שווארצע צעפ אויפ׳ן קאפ. פון אונטער דעם רויטען קליידעל זעהען זיך די בארוויסע פים. אויף דעם רויט־געוואָרענעם געזיכט איהרען שוועבט א שעמעדיגער שמייכעל. זי טראָגט אריין א פולען קארב אייער. ווי זי דערזעהט מיך, געהט זי שנעל אריין אין צווייטען קאמער.

דאָס מיידעל שעהמט זיך. יעדעס מאָל, ווען זי נעהט נור דורך דאָס שטיבעל הויבען זיך אָן איהרע באקען צו רויטלען און זי לאָזט אראָב דעם קאָפּ. איך האָב איהר ניט געוואָלט שטערען, בין איך אוועק זיך ארומוואשען לכבוד שבת.

---

דאָס הויז איז אויפגערױמט און ריין. עס ברענען צוויי ליכט אין צוויי בענקלטע, אויסגעריייניגטע לייכטער. דער טיש איז צוגעדעקט מיט א ווייסען טישטוך. ארום איז שטיל, די חלות זיינען צוגעדעקט מיט א קליין ווייס טישטוכעל, דער רויטער וויין בלישטשעט אין קלאָרען פלעשעל, און די כוסות שטעהען ארום. אויף אלץ רוהט דער גייסט פון שבת. דער טאטע, אן אויסגעוואשענער און א ריינער, שטעהט ביים טיש אויבענאָן אין דער שבת׳דיגער קאפּאָטע און זאָגט אויפ׳ן קול „לכו נרננה“ פון א סידור. די מאמע, אויך אן ארומגעוואשענע, מיט א ווייסען שבת׳דיגען שלייער אויפ׳ן קאָפּ, זיצט און קוקט אין א תחינה. די מיידעלעך אין בלויע קליידעלעך מיט ווייסע פארטוכלעך זיצען שטיל און הערען זיך איין אין טאטענס דאַווענען. און די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, מיט די צוויי לאנגע שווארצע צעפּ, זיצט אויך ביים טיש. זי שעמט זיך שוין ניט. דאָס געזיכט רויטעלט זיך. זי איז פערטראכט. די אויגען בלישטשען. און צוויי ברעמען ווי בויגענס וואכען און היטען די אויגען, וואָס קוקען זיך צו אלץ צו און שווייגען. די צוויי רויטע זאפטיגע ליפּען ליעגען הארט איינע נעבען די אנדערע, און פייגעלע זיצט און טראכט עפּעס...

עס איז אזוי שטיל, שבת׳דיג. דעם טאטענס קול נור צושפּרייט זיך איבער׳ן גאנצען הייזעל. אלע זיצען און האָרכען.

איך שטעה נעבען פענסטער. דאָס פענסטער איז אָפען, דער אלטער וואלד שלאָפט שוין לאנג, איינגעהילט אויף העלפט אין נעבעל. פון עק הימעל זעהט זיך נאָך א רויטער בליאסק, די זון געהט אונטער, זי פערשווינדט דאָרט ערגעץ טיעף אין וואלד, און דער אלטער וואלד

שטעהט און הערט זיך איין אין ר' בנימין'ס קול, וואָס איז מקבל שבת, הערט, טראַכט עפּעס און שוויגט...

און ר' בנימין דאַווענט אַלץ העכער און העכער. ניט מיט לעבע־דיגער שמחה איז ר' בנימין מקבל שבת — עס איז ספירה־צייט, דער איד איז איצט פערטרויערט, דער „לכה דודי" איז אויך אַ טרויעריגער. מיט אַ פערטרויערטער שטילער שמחה נעהמט ר' בנימין אויף דעם שבת...

אַלץ אַרום איז גרייט, און וואַרט נור אויפ'ן שבת, און אַט באַלד, באַלד וועט ער קומען פון טיעפען וואַלד, וועט קומען און וועט זיך אויף אַלץ צושפּרייטען...

אַלץ אַרום שטעהט און וואַרט און האָרכט ר' בנימינ'ען. דער אַלטער וואַלד וויל אויך מקבל שבת זיין. ער בענקט נאָכ'ן שבת און וויל לויבען דעם אַלמעכטיגען, אַבער די בוימער זיינען שטומע... און ר' בנימין איז דאָס זייער שליח צבור, ער זאָגט פאַר זיי, און זיי האָר־כען... און אַט קומט צו געהן דער שבת און צושפּרייט זיך איבער דער גאַנצער געגענד.

אַלץ שוויגט און איז פול רוהע. דורכ'ן פענסטער קומט אַריין דער שבת, די ליכט ברענען, די חלות זיינען צוגעדעקט. אַרום טיש מיט'ן ווייסען טישטוך זיצען אַלע. אין שבת'דיגע קליידער, און דער טאַטע געהט אַרום אַנטקעגען און זינגט:

שלום עליכם, עליכם שלום!

---

די נאַכט פון שבת. די ליכט געהט אויס, די לאָמפּ ברענט נאָך העל, די מיידלעך זיצען אַרום טיש, האַלב זיצענדיג און האַלב אַנגעלעהנט־הייט, די קעפּלעך אויף די הענדטלעך, און זיי שלאָפען. די מאַמע זיצט ביי אַ ווינקעל פון טיש, קוקט אויף די גוסס'ענדע ליכט און האָרכט. דער טאַטע זיצט אויבענאָן, אַנגעלעהנט אויפ'ן שטוהל, מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, ער קייט געקאָכטע באָב און האָרכט אויך. די עלטערע טאָכטער, פּויגעלע, לייענט עפּעס אַ מעשה ביכעל פאַר'ן לאָמפּ.

שטיל און רוהיג לייענט דאָס מיידעל עפּעס אַ מעשה, וואָס איז פּערלאָפען מיט אַ גרויסען צדיק, וואָס האָט זעהר אָבגעהיט דעם שבת, און אַלע פרייטאָג נאָך מיטאָג פלעגט ער שוין ניט אַרויסגעהן פון ישוב. און דער צדיק האָט אַמאָל פערבלאָנדזשעט. עס איז געווען אַ

ווינטער־טאָג, דאָנערשטאָג. דער צדיק איז אוועק אין אַ דערבייאיגען דאָרף אויף אַ ברית, סל צו זיין אַ קינד. אַז ער איז געגאַנגען צוריק, איז אַרויסגעפאַלען אַ גרויסער שנעע און האָט פערטראָגען דעם וועג. דער צדיק האָט פערבלאָנדזשעט און האָט געמוזט נעכטיגען אין וואַלד. אויף מאָרגען, פרייטאָג, איז דער צדיק אין גרויס צער און איז מתפלל צו גאָט, ער זאָל איהם ניט דערלאָזען מחלל שבת צו זיין. פלוצלונג הערט ער פון ערגעץ אַ זייגער שלאָגט צוועלף. דער צדיק שטעלט זיך אָב אונטער אַ בוים — ער וויל ווייטער ניט געהן — עס איז שוין שבת. ער גיט אַ קוק — ערשט ער שטעהט פאַר אַ גרויסען פאַלאַץ. דער צדיק געהט אַריין אין פאַלאַץ, זעהט ער אינעווייניג שטעהט אַ טיש צוגעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך, און ביים טיש זיצט אַ גרייז־גרויער מאַן מיט אַ לאַנגען ווייסען באָרד, אין האַנד האַלט ער אַ זילבערנע טאַבאַק־פושקע און לערענט. ער געהט אונטער: „שלום עליכם" — עליכם שלום! — אַ איד האָט פערבלאָנדזשעט, וועסטו ביי אונז האַלטען שבת....

איך שטעה ביים פענסטער. שטיל. דער וואַלד שלאָפט. די בוימער שטעהען שטיל און האָרכען אויף די מעשה, וואָס פייגעלע לייענט, אָבער טיעף אין וואַלד רוישט עפּעס... די שטערען ווינקען עפּעס פון הימעל מיט אַזוי פיעל חן. אַלץ רוהט, אַלץ איז שבת'דיג.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין עס דער צדיק פון פייגעלע'ס מעשה, וואָס האָט אויף שבת פערבלאָנדזשעט אין גן־עדן התחתון...

# אויף דעם וועג קיין שעמענעץ

און דער וועג ציהט זיך, און ערגעץ ווייט ווערט ער פערבלאָנדזשעט צווישען די פעלדער, אונטער א בארג. און דער הימעל שמייכעלט אראָב צו די פעלדער, און די פעלדער — ארויף און אלץ איז אזוי רוהיג, אזוי זיכער ביי זיך, אזוי פעסט; אלץ ארום איז אזוי קלאָר, אלץ איז איינגעוואָרצעלט זיכער מיט א פעסטען יסוד אין דער ערד, נאָר איך אליין בלאָנדזשע ארום, צווישען הימעל און ערד... און בלאָנדזשען, מיין איך, צווישען הימעל און ערד וועל איך יאָהרען לאַנג, יאָהרען לאַנג... צווישען הימעל און ערד, צווישען אלערליי גאָט'ס בעשעפעניש. און די שאָסעע־שטיינער רעכטס און לינקס, די שטיינער מיט די נומערן זאָגען מיר, אז אוועק פון אלעם, אויסרייסען זיך, אנטלויפען פון דער חברה איז ניט אזוי לייכט... אומעטום מענשען, אומעטום זייער ארבייט, זייערע הענד.

נאָך גוט, טראכט איך, וואָס זייערע הענד קענען צום הימעל ניט דערגרייכען, זיי וואָלטען איהם אויך אָבמעסטען אויף וויאָרסטען און מיילען... מיט דער צייט וואָלט זיך א גרויסע אקציאָנס־געזעלשאפט געמאַכט און וואָלט בעקומען א מאָנאָפּאָל צו עקספּלאָאַטירען די זון, די לבנה, די שטערען... און מיליאָנען „משינאָוניקעס“ וואָלטען געווען און מיליאָנען „שלאָבענס“... און עס שלעפּערט זיך, דער וועג ציהט זיך... און ווייט צווישען הימעל און ערד הייבט אָן צו טונקלען, און גאַנצע מחנות אָבגעריסענע שטיקער וואָלקען ציהען זיך ארוים און פליסען און טוקען זיך, און גיסען זיך צוזאַמען, און רייסען זיך איבער... און אנדערע שטיקער הימעל פערשלייערען זיך, און לייכט און דורכ־זיכטיג זיינען די זילבערנע שלייער; און די שלייער ציהען זיך צונויף, בעהעפטען זיך, עס ווערט אזוי היימליך, אזוי פריינדליך, גלייך מען שפּיעלט אין בעהעלטעניש...

און קיין איינציגעם הייזעל זעהט מען ניט... אוים! גאָט'ס

וועלט, — ניט קיינעמס נאָר דעם רבותו של עולם׳ס, און די טהוי־בעדעקטע פעלדער הייבען זיך צו צו די טהוי־בעדעקטע הימלען, און די פייכטע הימלען לאָזען זיך אראָב צו דער ערד און עס ווערט איין וועלט, ווי איין גאָט׳ס... און די איינגעוואקסענע גרעזלעך אין דער ערד בעוועגען זיך שטיל, זיכער, ווי עפּעס אַ קינד, וואָס וויעגט זיך אין דער מאַמעס שויס, שפּיעלענדיג זיך פערגניגענדיג.

און ווען איך זעה דאָס אַלץ, פערשעהם איך מיך פאַר זיך אַליין, פאַר וואָס איך אַליין בין העכער פון די אַלע גרעזער, וואָס וואקסען אַרום. אַלץ איז איינגעוואַקסען, איינגעוואָרצעלט אין דער ערד, נאָר איך אַליין קריך אַרום, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט מיך פון דער ערד אָבגעריסען, אין דער וועלט זיך גלאָזט. איך האָב מיין מאַמען פערלאָזט, מיין טאַטען אוועקגעוואָרפען און ווי אַ יתום דרעה איך מיך אַליין ארום, זוכענדיג ערגעץ אַ מקום מנוחה... עפּעס זעהט דאָס אויס חוצפּה׳דיג, פערלאָזט איז עס... און דאָרט אין מיטען פעלד, הינטען אין אַ טהאָל שטייגט אַ בוימעל ארוים און גלאָצט אויף אין דער וועלט אריין. דאכט זיך ער פיהלט אויך דאָס זעלבע: העכער געוואַקסען פון אַלע גרעזער... דער גרעסטער פון אַלע... אַ שעהן פּנים האָט דאָס!...

---

און די שטיקלעך אָבגעריסענע וואָלקען האָבען זיך צוזאַמען בעהעפט איינס מיט דעם צווייטען, און עס שוועבט שוין אַ לייכטער פאַנסער איבער דעם הימעל: טהייל ערטער איז דער פאַנסער דורכ־געריסען און פון די אויפגעריסענע ערטער גלענצט עפּעס, ווי בעשטויב־טע ליכט אזוי ווייך, און פערהילט אזוי קושענדיג די לייכטע רייזענדע וואָלקען.

אַ רעגען וועט זיין!

דאכט זיך עס פרעהט מיך! אַליין בין איך אויפ׳ן וועג, ווי דאָס גרעזעלע וועל איך זיין, ניט האָבענדיג פאַר דעם רעגען זיך וואו צו בעשיצען.

אַ שטילע ליעבע אימה הערשט איבער אַלעם. די גרעזער בייגען איין די קעפּ, רוימען אין דער שטיל איינס צום אַנדערען: „אַ רעגען וועט זיין!“ דער לאַנגער וועג וואָס ציהט זיך דאָרט, דאכט זיך, גרייט זיך אָן צום רעגען: „וואָס קען איך טהון“ — וואָלט ער זאָגען. פוז

ערגעץ ווייט קומט א פויגעל אָן צו פליהען און פליהט מיט רעש דורך, אנזאָגענדיג: א רעגען וועט זיין! און דאָרט אין פעלד שאָקעלט זיך דער בוים, די צווייגען רוישען מיט אימה...

און די פעלדער ציהען זיך, גלאָצען אין הימעל אריין: הקדוש ברוך הוא, מיר זיינען גרייט אָנצונעהמען דיין גוטס וואָס דו שיקסט אונז!

איך געה אויף דעם וועג.

דאָרט ווייט דערהויבט א ווינד דעם שטויב, א געדיכטער קארזש ווערט. פון אונטער א טהאָל קומען צוויי פערד ארויף שלעפענדיג זיך. מען זעהט ווי זיי שטרעקען די העלזער אויס ארויפשלעפענדיג זיך באַרג־ארויף — דערנאָך ווייזט זיך א פויער מיט א בייטש אין האנד.

אָט ווייזט זיך א דעכיל.

דאָרט אין טהאָל שטעהט א הייזיל, און עפּעס ווי פערשעמט בעהאַלט עס זיך אין די געדיכטע צווייגען און די פיעלע בלעטער פון די בוימער, וואָס שטעהען ארום, און דאָס הייזעל ווי איינגעטונקט צווישען די גרינע בלעטער זעהט אויס פון דערווייטענס ווי עס וואָלט פון דער הוילער ערד ארויסגעוואַקסען.

א קליין שמאָל וועגעל פיהרט פון דעם וועג אראָב און פערשלענ־געלט זיך אויף די פעלדער. עס פיהרט צום הייזעל צו.

עס הויבט אָן לייכט צו טריעפען... די ערד זאַפּט איין די טראָפּען.

עס טריעפט און די טראָפּען בלייבען הענגען אויפ'ן גראָז ווי גוטע טרערען... און פערוואָלקענט אין דער הימעל נור פון איין זייט; אויף דער צווייטער זייט שמייכעלט די זון מיט א גוט געלעכטערל... עס הייסט: זעהט, וואָס זיין ליעבער נאָמען קען!

איך נעהם מיך אראָב אין א זייט צום בעהאַלטען הייזעל צו, עס לויפט א הונד און קומט מיר פריינדליך אנטקעגען, לאָזט מיך דורך און בעגלייט מיך נאָך צוריק צו דער טהיר.

א פויעריש הייזעל. ניעדריג, אָבער זיכער ליעגט דער באַלקען אויף פיער אָבגעווייסטע ווענד... הייליגע בילדער ארום. אונטער איינעם א ווינקעלע, לייכט א לעמפעל א קליינס, דער שוואַכער שיין פון לעמפּעל צופליעסט זיך אזוי ווייך אין דער טונקעלקייט פון שטוב, מישט זיך אויס מיט די לייכטע בעוועגליכע שאָטענס. ביים קוימען זיצט די פויערטע און ציגדט אונטער צוויי העלצלעך... קליינע אינגלעך מיט אָבגעברענטע פנים'ער און פלאַכע העלע פלאַקסענע האָאר

רינגלען מיך ארום און בעקוקען מיך פערוואונדערט; אין צווייטען עס ביי א וויעגעל שטעהט נאך איינס מיט א גרויסען קאפ, וואס וואקעלט זיך אויף א דינעם האלז און קוקט מיך אן פון ווייטענס און שמייכעלט. ביי די בארוועסע פיס ליעגט א שווארצער קודלאטער הונד און קוקט איהם אין פנים אריין, אוןווארט אויף א בעפעהל...

— קען איך מיך פערהאלטען דא, ביז דער רעגען וועט אריבער?

די פויערטע ערלויבט עס מיר פריינדליך און דערלאנגט מיר א שטוהל צו זיצען.

פון דרויסען הערט זיך א ווייטער דונער... גלייך פוהרען וואלטען דורכגעריבען אויף א הארטען וועג.

און אין שטוב איז שטיל געווארען, און אין דער שטילקייט דערהער איך אן אלטע שוואכע שטימע:

— ברוך אתה ה׳ אלהינו... א ברכה איבער'ן דונער.

איך קוק מיך אום, אין ווינקעלע ביים פענסטער זיצט איינגעהויקערט א איד איבער א שניידערשער ארבייט.

עס ווערט מיר היימליכער, עס פרעהט מיך צו טרעפען נאך א איד אין א גוי'שע שטוב, מען שפירט זיך עפעס היימיש.

— שלום עליכם, פעטער!

— עליכם שלום א איד.

— אודאי געקומען געךשט קויפען! — טרעפט ער.

— ניין, איך געה נור פארביי.

— וואוהין?

— קיין שעמענעץ.

— אזוי, נאך שעמענעץ! איך בין טאקע א שעמענעצער.

און דאס האב איך אליין געוואוסט. מען דערקענט עס אין איהם. צווישען די קנייטשען אויף זיין אלטען פנים ליעגט שעמענעץ אויסגעגאסען און שמייכעלט!

יעדע קהילה האט שוין איהר סטעמפעל, וואס זי לעגט אויף איהרע איינוואהנער...

דאס לאנג־אויסגעצויגענע פנים, די מאגערע באקען, די קנייטשען ארום די אויגען, די קנייטשען ארום איינגעפאלענעם מויל, זיינען על פי נוסח שעמענעץ. על פי נוסח שעמענעץ זיינען די שווארצע טאבאק־צייכען אונטער דער לאנגער שפיציגער נאז...

— וואס טהוט איהר דא, ר' איד ? — פרעג איך איהם אבי צו פרעגען.

— איהר זעהט דאך !

— איז אין דער היים קיין ארבייט ניטא ?

— נייע מאדעס, — זיפצט ער — א יונג פון אל־די־שווארצע־יאהר געקומען מיט אן אכט־קאנטיג היטעל, א „ווארשאווער שניידער" זאגט ער... האט ער שפע... און איך אויף דער עלטער מוז ארומגעהן אויף די דערפער... ער נעהט נייעס... איך נעה, אזוי ווי מיין טאטע האט מיך געלערנט, און אזוי ווי מיין טאטענס טאטע האט מיין טאטען געלערנט... קיין איבער־שפיצלעך קען איך נים.

און גלייך ער וויל מיך טרייסטען, גיט ער צו :

— יעדען פרייטאג קום איך צו מיין אלטער... אהיים ! בא... אומעטום גאט'ס וועלט און זיינע בעשעפענישען ! און ווידער ארום, — זאגט דער אלטער נאך א לאנגען איבערקלערען זיך — ווער דאנקט און לויבט דא גאט פאר אלע זיינע תבואות, פאר אלעס וואס ער האט אונז בעשאפען, אז נים א איד וואס פערבלאנזשעט זיך אמאל אהער ?...

דערווייל האט זיך אויסגעלייטערט און די זון איז אין פענסטער אריין.

— נאך ווייט קיין שעמענעץ ? — פרעג איך.

— א וויארסט דריי. דער וועג פיהרט גלייך צו.

איך דאנק דער בעל־הבית'טע, געזעגען מיך, דער אלטער האט מיר לאנג נאכגעקוקט.

ערשט מאנטאג ! — הער איך הינטער מיר זיין זיפץ.

צוריק אויפ'ן וועג ! דער הימעל איז קלאר, די וואלקען ציהען זיך ערגעץ אוועק ; די נאסע פעלדער שמייכלען צום הימעל און דאנקען פאר דער שפע...

און איבער דעם קלארען הימעל מיט בלויע פערטונקענע וואלקען ביינט זיך אוים א גאלדענער רעגען־בויגען מיט בלויע קאנטען. „גאט איז בארמהערציג, ער האט זיך דערמאנט" — זאגט דער הימעל און טריקענט די ערד מיט ליכטיגער ליעבשאפט, ווי א מאמע ווישט אב די בעקלעך פון א פערוויינט קינד...

אויף ערבארמדיג זיינען די פעלדער ארום... זיי געדענקען פון גאר נים און ווייסען פון גאר נים...

---

די זון טוקט זיך, א לייכטער וואלקען שוועבט איבער'ן הימעל, אין מערב גיסט זיך אויס א גאלדענער ים מיט צוואווארפענע בלויע אינזלען. א רונדיגע לבנה שניידט זיך אויס פון די וואלקען און קוקט ארויס, ווי פון אונטער א פארהאנג, און דער וואלקען בעוועגט זיך לייכט ווי א פארהאנג, און שוועבט איבער דער לבנה...

און וואס א מאל מעהר, ווערט דער רויטער ים ווינציגער, די טונקעל־בלויע אינזלען — גרעסער. דער הימעל ארום, א ליכטיגער ים, פערטונקעלט זיך, און דער וואלקען איבער דער לבנה ווערט שיטערער און לייכטער, און שוועבט אריבער און עס בעוויזט זיך שוין א זילבערנע לבנה.

פון דערוויימען בעווייזען זיך עטליכע שיטערע בוימער... גלייך זיי הייבען זיך פון ערגעץ ארויס, און זיי מעהרען זיך — עס ווערט פון זיי א וואלד... און דער וועג פערבלאנקעט זיך צווישען די בוימער, און עס שווימען ארום אין דער לופט פערבלאנדזשעטע קולות... מענשליכע שטימען צוזאמען מיט א געקוואקעריי פון פרעש.

א פויעריש אינגעל קומט מיר אנטקעגען מיט א ליעדעל, מיט א ווייך קלינגענדיג ליעדעל, און ער נעהמט זיך ערגעץ אראב אין עק זייט און ווערט פערשוואונדען, און דאס ליעדעל וויעגט זיך נאך אין דער לופט.

די בוימער ווערען שיטערער, דאס שימערען פון די בלעטער הערט א ווײלע אויף, עפעס ווי הארכענדיג שטעהט די געגענד... מען רוהט זיך אב... פון דער ווייטען הערט מען נור דאס געקוואקעריי פון פרעש.

און דארט וויים שטארט עפעס אין דער לופט... עס קומט וואס א מאל שארפער ארוים, נאר וואס — ווייס איך נאך נים. א הונד בילט... דערנאך געהט אן אויסגעצויגענער „מע" בלשון רבים. קיה נעהען אהיים זיך מעלקען... גרויסע געלע פלעקען בעוועגען זיך... מעעע...

א פויערטע מיט א צווייגעל געהט נאך.

צוויי אידען געהען אויפ'ן וועג, האלטען זעקלעך אויף די פלייצעס, שטעקלעך אין די הענד און געהען.

טונקעל ווערט. היימיש איז אַלץ אַזוי ווי ביי דער מאַמען אין דער היים.

אַט שטעהט אַ פוהר פאַר אַ הייזעל, אַ קעלבעל ליעגט אויף די פוהר און שרייט, אינגלעך שטעהן פאַר'ן הייזעל און פרעהען זיך מיט די פערד.

די צוויי אידען קומען אָן, שטעלען זיך אָב ביי דער פוהר און רעדען עפּעס מיט דעם פּויער. איינער טאַפּט דאָס קעלבעל וואָס איז אויף דער פוהר און דינגט עס. דער פּויער האַלט אַ פּיפּקע אין מויל און לאָזט געדיכטען רויך אַרויס, און לאַכט.

דער הימעל איז שוין טונקעל; קליינע שטערען זעהען אויס — ווי ליכטיגע פענסטערלעך אין די שטיבלעך פאַר מלאכים, די לבנה — ווי אַ גרויס פענסטער אין זיין ליעבען נאַמענס פּאַלאַץ... און גאַר אין עק, ווייט, ווייט, פערזינקט דאָס לעצטע ביסעל רויטקייט און ווערט פערטרונקען אין אפשר גאַנצע מחנות פערבלאָנדזשעטע טונקעל־בלויע וואָלקען... אָדער ווייס איך וואָס זיי זיינען?...

עס בעוויזען זיך שעמענעצער הייזלעך... ניעדריגע הייזלעך, איינס אָבגערוקט פון צווייטען, פּלאַץ איז ביליג! ווייבער זיצען אויף די שוועלען פאַר די טהירען און שמועסען. קינדער לויפען אַרום איבער'ן שטיינערנעם בריקעל פון איבער'ן אויסגעטריקענטען טייכעל פאַר די הייזער. אין מיטען מארק ליעגען גרויסע בינד שטרוי; אודאי נאָך אַ מארק־טאָג. אין אַ ברייטע „ליק" צווישען צוויי הייזלעך שפּיעלען זיך חדר־אינגלעך אין זעלנער.

אַן איינפאָהר־הויז. אַ שילד מיט רויטע טראַנספּעראַנט־אותיות... אַ לעמפּעל רייכערט זיך פון הינטען, אויף אַ שוועל פון אַ געוועלב שטעהט אַ מיידעל מיט אויפגעקעמטע האָאר אין אַ ווייס פּאַרטוכעל און קוקט אין גאַס אַריין, וואו אַנדערע מיידלעך שפּאַציערען. זי קוקט צו דעם פעלדשערס שוועל געגענאיבער. דאָרט שטעהט אַ יונג, דער הוט אויף אַ שפּיץ „גרזיוועץ", ער ווינקט צו איהר... קוק דערווייל דרייצעהניעהריג מיידעלע; דיין זיווג לערנט זיך ערשט דאָס פּשט'ל צו „בר־מצוה"...

סאַמע ווייבער און קינדער — וואו זיינען די מענער?

— יתגדל ויתקדש... רייסט זיך פון בית־המדרש אַרויס! דאָרט זיינען זיי.

„אמן יהא שמיה רבא..." ענטפערט דער עולם מיט א רעש.

און טהייל ווייבער אויף די שוועלען ווישען זיך די הענד אן די ווענד און זאגען: אמן, יהא שמיה רבא...

שעמענעץ דאווענט!

די נאכט איז צוגעפאלען. זיבער און שטיל שטעהען די קליינע הייזלעך ארום מארק, זיי זעהען מיר אויס, ווי אלטע ווייבער מיט שטריק־נאדלען אין די הענד וואס האבען זיך פערזאמעלט אין א גרויסע שוהל און ווארטען, די זאגערין זאל קומען, די זאגערין מיט ברילען אויף דער נאז, מיט׳ן פעקעל תחנות אין דער האנד...

אבער א לבנה האט שעמענעץ.

טונקעל איז דער הימעל, מיט די שטערען ווי מיט ליכטיגען מאן בעשים, אין מיטען שניידט זיך אויס א ריכטיגע לבנה, טאקע יהושוע׳ס פנים, אהן אן איינציגע פגימה׳לע, די שכינה שיינט אויפ׳ן הייליגען פנים... און זי קוקט אראב, די לבנה, אויף איהר ליעבע „כנסת ישראל" און שמייכעלט צו איהר, איהר כנסת ישראל דאווענט.

און הינטער מיר פרעגט א יונגע שטימע:

— מעג מען דען קוקען אין דער לבנה אריין? יא, מען מעג?

איך קוק מיך אום. א פאאר גרויסע קינדישע אויגען אין א בלאס דאר פנים׳ל.

— יא, מען מעג קוקען, יא מען מעג?

און איך טראכט מיר: די שעמענעצער לבנה איז אפשר דעריבער אזוי קלאר, אזוי הייליג, אזוי ריין, ווייל קיינער קוקט ניט אויף איהר...

# מחלוקת אין קארטשעוו

דער וועג קיין קאַרטשעוו לאָזט זיך אין אַ טהאָל אַראָב. פון אַלע זייטען לאָזען זיך מיט אין דעם זעלבען טהאָל אַראָב לאַנגע בייטען ערד, טייל נאָך שוואַרצע, ערשט בעאַקערטע; פון אַ טייל בייטען הויבען שוין אָן גרינע קערענדלעך שמייכלענדיג די קעפּ אַרויסצושטעקען, און זיי שמייכלען און ווינקען אַזוי שעהן פון דערווייטענס; און טייל בייטען זיינען שוין אין גאַנצען מיט גראָז בעוואַקסען. פון דער אַנדערער זייט שטעדטעל זעהט זיך, ווי עס ציהט זיך פון טהאָל באַרג - אַרויף אַ זאַמדיגער וועג, פוןביידע זייטען מיט בעפלאַנצטע בוימער. צוזאַמען מיט דעם וועג ציהען זיך מיט אין דער הויך די לאַנגע, טייל נאָך שוואַרצע, טייל שוין בעגראָזטע, און טייל שוין גאָר אין גאַנצען מיט הויכע גראָזען בעוואַקסענע בייטען און מישען זיך דאָרט אַלע צוזאַמען, ביז זיי ווערען אין גאַנצען פון דער ווייטען פערשוואונדען פון דער אויג. איבער דעם אַלעם שפּרייט זיך אויס פון אויבען אַ גאַנץ לאַנגער און אַ גאַנץ ברייטער ליכטיגער הימעל, אין וועלכען גרויע וואָלקענדלעך באָדען זיך און טוקען זיך.

אונטען אין דעם טהאָל אויף אַ קליינעם פּלאַץ, האַרט ביי אַ וואַסער'ל פון איין זייט, האַרט ביי אַ וועלד'ל פון אַ צווייטער זייט, זיינען צושאָטען איינצעלנע הייזלעך, די דעכער זיינען איינס צוגעבויגט צום צווייטען, — דאָס איז דאָס שטעדטעל ק אָ ר ט ש ע ו ו, אַ עיר ואם בישראל. קוקענדיג אויף דעם הימעל, וואָס פערשפּרייט זיך איבער דעם שטעדטעל, ווי אַ גאַנץ ברייטע און אונענדליכע חופּה איבער אַ קליינעם שוואַרצען פּונקט, וואָס איז פערטרונקען אין אַ גרינעם גראָזענדיגען ים, דאַכט זיך, אַז דער הימעל פערגעסט עפּעס קאָרטשעוו. קאָרטשעוו איז אַ פּונקט, פערפלעקט אויף דעם אויבער־דעק פון זיין כלה — די ערד. נור קאָרטשעוו טראַכט ביי זיך ניט אַזוי, דער הימעל שיצט איבער איהר מיט אַ בעזונדער געטריישאַפט און ליעבע. קאָרטשעוו איז

טאָקע אַ קליין שווארץ פלעקעל, וואָס איז אויסגעמאָלט אויף דער ערד, און איבער דעם דאָזיגען פלעקעל שיצט דער הימעל מיט גרויס רחמים און לאָזט זיך איבער איהם אראָב אַזוי ווייך און גלעטענדיג, וואָס אַמאָל ניעדריגער און ניעדריגער.

דאכט זיך דער הימעל שיצט אויף אַזוי ווייך, אַזוי געטריי איבער דעם נאָהענטען וועלדעל, ווי איבער קאָרטשעוו — ער בעשטעהט דאָך נור פון בוימער, וואָס שטעהען ווארטענדיג, ביז מען וועט זיי אָבהאַקען און פערברענען אין פייער אין קאָרטשעוו גופא...?

און קאָרטשעוו אָבער — דער הימעל איז נור דירעקט צוליעב איהר: זי האָט אויף איהר גוט־אָרט דריי היילִיגע צדיקים בעגראָבען, איהר שוהל, בית־המדרש, חוץ שטיבלעך און פריוואט מנינים, וועלכע שפּאָלטען דורך דעם הימעל דריי מאָל אַ טאָג.

נאָך מעהר איז די קאָרטשעווער קהלה בעריהמט מיט איהר נחלה'שאַפט, יעדער מענש אין קאָרטשעוו מוז זיין אייגענע נחלה האָבען — זיין שטוב, כאָטש זיין אייגען ווענדטעל.

עס זאָל דיר ניט וואונדערען, ווען דו געפינסט קאָרטשעווער הייזלעך פערשיעדען־פאַרביג אָבגעמאָלט: איין שטיקעל וואַנד רויט, דאָס צווייטע שטיקעל וויים־אָבגעמאָלט, פון דעם דריטען שטיקעל וואנד זעהט מען ארוים די שטיקלעך האָלץ, וואָס זיינען אין דער לענג און אין דער ברייט צוזאַמענגעקלאַפּט (אודאי אַ טייל פון אן אביון). דער דאַך איז אויך ניט אומעטום גלייך. איין שטיבעל־דאַך איז בעשלאָגען מיט שינדלען, דאָס צווייטע איז געדעקט מיט שטרוי, דאָס דריטע מיט בלעך, אַ טייל איז גאָר אין גאַנצען אָפען. דאָס איז ניט פון שעהנקייט וועגען — גאָה, זיי מוחל, און לייען איבער די נעמען, וועלכע זיינען אָנגעשריבען אויף דעם בלעכעל, וואָס איז אָנגעקלאַפּט פאַר דעם הויז, און וועסט געוואָהר ווערען, פאַר וואָס עס איז אַזוי:

נומער 3.

חצקעל מענדעלאָוויטש,
ישעיה ווארשאַווסקי·
זרח פייגענשטאַק,
גדליה גוטמאַן,
און אַזוי ווייטער...

שעהן איז צו זעהן אין דער פריה, ווען די בעלי־בתים פון די

שטיבלעך לאָזען זיך ארוים, יעדער זיין שטיקעל גאס פאר זיין הויז אבצוקעהרען.

חצקעל קעהרט אוועק זיין שטיקעל רינשטאָק, ישעיה זיין שטיקעל און זרח זיינס, נאָר תמיד בלייבט איבער צווישען איין טייל רינשטאָק און דעם צווייטען א שטיקעל ניט ריין געמאַכט. דער סטראַזשניק קומט אָן, זרח שרייט: איך האָב דאָס מייניגע אוועקגעקעהרט, גדליה: דאָס שטיקעל געהערט צו דיר, חצקעל מאַכט זיך גאָר אין גאַנצען פון שמוב ארוים.

און דער סטראַזשניק נעהמט ארוים דאָס ביכעל, האַלט דעם בליישטיפט אין דער האַנד און דריידעלט מיט דער האַנד ארום און ארום, ציקעלט זיך עפּעס אַן אות צו מאַכען און קוקט דערוויילע מיט איין אויג אויף די בעלי־בתים, וואָס האַלטען די בעזעמס אין דער האַנד און קריעגען זיך.

— געה גיעב איהם א אידער (א צעהנער), לאָז איהם ניט כתב'ע־נען (פערשרייבען) — שרייט זרח.

— איך זאָל געהען? — שרייט חצקעל — וואָס איז עס מיין געשעפט? געה צוברעך הענד און פים!

— ביים גרינעם טיש וועסטו שוין אזא בריה ניט זיין — וואָרענט איהם ישעיה.

— גרין און געל זאָל דיר דיין טרפה פּרצוף ווערען, רבונו של עולם פון הימעל, — בעקומט ער אַן ענטפער פון חצקעל'ס וויב, וואָס שטעקט די שלאָפהויב ארוים פון דורך א פענסטער אין דער הויף.

דער סוף איז: מען לעגט זיך צוזאַמען, יעדער גיט א פיערער און מען טראָגט עס צו דעם סטראַזשניק.

דער לעצטער שפּייט אוים, הייסט מיט א בייזערדיגער שטימע אויסקעהרען, געבענדיג צו פערשטעהן, אַז מיט דעם איז מען נאָך ניט יוצא, און ארייגלעגענדיג די פּאָאר גראָשען אין קעשענע געהט ער אוועק ווייטער.

---

א בעשטענדיגע מחלוקה אין קאָרטשעוו איז צווישען לייבעל דעם מלמד און בערעל דעם פוהרמאַן.

די מעשה איז אזוי:

אמאָל האָבען זייביידע געהאַט צוויי איינגעפאַלענע שטיבלעך

אונטער איין דעכעל, אַ ירושה פון זייערע עלטערן. געוואוינט האָבן זיי ביידע ניט דאָרט, איינס, די פּאָליציע האָט ניט געלאָזט, ווייל זי האָט פערלאַנגט, מען זאָל די חורבה צוואווארפען, נאָר ווען זי וואָלט אַפילו יא מתיר געווען, וואָלטען זיי סיי־ווי־סיי דאָרטען ניט געוואוינט: דער דאַך איז אַראָבגעריסען, די ווענדטלעך שאָקלען זיך, און אריינציהענדיג זיך דאָרט, אויסער וואָס מען דאַרף אריינלעגען געלד, צורעכט צו מאַכען די חורבה (וואָס ניט ביידע זיינען עם אימשטאַנד), וואָלטען זיי נאָך דערמיט איינגעשטעלט זייער לעבען און זייערע קינדער׳ס לעבען, און אַזוי האָט זיך לייבעל מלמד וואו ערגעץ אַנדערש זיין חדר און בערעל וואו אַנדערש זיין שטיבעל. און די בעלי־בתים לעבען צווישען זיך אין שלום. טרעפט מען זיך אַמאָל צוזאַמען אין בית־המדרש אין אַ שבת פאַר־נאַכט, געהט בערעל דער פוהרמאַן צו צו לייבעל׳ן און לאָזט אַראָב זיין דיקע בעשמוצטע האַנד אויף לייבעל׳ס אויסגעמאַגערטען רוקען, וואָס האַלט תמיד אין איין ציטערען.

— נו, לייבעל, וואָס הערט מען עפּעס מכח אונזער נחלה?

לייבעל קעהרט זיך אום, ברומט אונטער די נאָז, פאַר זיך:

— גראָבער יונג.

וואָס טהוט דער יצר הרע, וואָס לאָקערט אויף די כנסת ישראל צו פערשפּרייטען קריעג צווישען זיי? שיקט ער אָן אַ פייער אויף קאַר־משעוו. דאָס פייער לעקט אָב די נחלה פון אונזערע ביידע העלדען, און לאָזט איבער אַ „כותל מערבי“, אַ געדעכעניש פון דעם חורבן.

אַרום זעהט מען אַרויס שוואַרצע, האַלב־איינגעפאַלענע קוימענס, וואָס שטעהען ווי אָבגעשאַפטע שמשים און צווישען די קוימענס שטעהט זיך איינגעקאָרטשעט אַ ניעדריג שוואַרץ ווענדטעל, צוזאַמענגעקלאַפּט פון אַ פּאָאַר פערברענטע ברעטלעך. די קוימענס זיינען באַלד צוריק בעמויערט געוואָרען, קאַרטשעוו איז צוריק — קאַרטשעוו, און נור דאָס פלויטעל שטעהט אַ געדעכעניש פון דער שרפה.

קריעגען זיך איבער דעם פלייטעל די צוויי בעלי־בתים — לייבעל מלמד און בערעל פוהרמאַן.

לייבעל ווייזט אויף מיט ראיות און פערשיעדענע פּשט׳לעך, אַז דאָס פלויטעל איז אַ ווענדטעל פון זיין שטוב. ער דערקענט נאָך אַפילו די צוועקעס, וואָס ער האָט אריינגעקלאַפּט אין וואַנד אויפצוהענגען דעם זייגער און די אַטלעסענע קאַפּאָטע; ער דערקענט דעם צוואַק, וואָס אויף

איהם האָט ער געהאַט העגגען דעם טלית און תפילין — ער איז נאָך אַביסעל איינגעבויגען. בערעל טענה'ט אָבער: ער ווייסט, אַז דאָס פלויטעל איז אַ וועגדטעל פון זיין שטוב; קיין ראיות וויל ער ניט ברענגען — לערנען קען ער ניט.

געהען זיי ביידע צום רב. דער רב מאַכט אַ פשרה: וואוינען דאָרט קען מען דאָך סיי־ווי־סיי ניט, אלא מה, צו וואָס קען נוצען דאָס פלויטעל? נור אויף אַ וואַנד צו אַ סוכה, און אַ סוכה דאַרפען זיי דאָך ביידע — לאָז דאָס פלויטעל שטעהן אויף סכות, און לאָזען זיי זיך ביידע דאָרט אַ סוכה מאַכען.

טענה'ט אָבער בערעל: לא, ער דאַרף דאָס פלויטעל אויף אַ שטאַל פאַר זיין פערד. אַ גראָבער יונג איז ער און ווייס אפילו ניט צו זאָגען קיין להבדיל צווישען אַ סוכה און אַ שטאַל.

לייבעל מלמד ווערט אויפגעבראַכט: זיין נחלה, זיין פאָטער האָט דאָרט געוואוינט, זיין זיידע — זיין עלטער־זיידע, פון דעם פלויטעל מאַכען אַ שטאַל? ניין, אום לעבען זאָל עס איהם געהן.

בערעל פיהרט אוועק אהין צום פלויטעל אַ גוי מיט אַ זעג און אַ האַק, נעהמט דער גוי אַרוים אַ שטריקעל און הויבט אָן דאָס פלויטעל צו מעסטען, ווערט דערפון געוואָהר לייבעל מלמד, קומט ער אָן צו לויפען. און ער פערשטעלט דאָס פלויטעל מיט ביידע פאַלעם און לאָזט ניט מעסטען.

— געהסט אוועק, איך צוהאַק דיר דאָ דעם קאָפּ — שרייט בערעל.

— לאָזט מיך צו צו דעם עוכר, לאָזט מיך, איך וועל איהם קורע כדג זיין — שרייט לייבעל.

יוסקע לאַבוס, אַ באָרפוסער און נאַקעטער יונג מיט אַ צוריסען היטעל, שטעהט דערביי און קוקט.

— ווער האַלט איהם דען צו? לאָזט איהם, לאָזט איהם, — און ווינקט מיט אַן אויג צו בערל'ען: — נעהם איהם.

עס ווערט אַ קריעגעריי, אידען קומען זיך צונויף, מען מישט זיך אריין, מען רייסט אוועק בערל'ען פון איין זייט, לייבעל'ן פון דער צווייטער זייט, און דער גוי געהט צוריק אהיים מיט דער זעג.

דער מלמד הויבט אָבער אָן צו פערנאַכלעסיגען זיין מלמדות, געהט אַ גאַנצען טאָג אַרום און קלערט וועגען דער נחלה, און וואו ער זעהט אַ גוי פערבייגעהן מיט אַ האַק אויף דער פלייצע קלאַפּט איהם

דאָס האַרץ און ער געהט איהם נאָך, קוקט אויב ער געהט ניט אַהין צו זיין פלויטעל.

טייל מאָל, ליעגענדיג ביינאַכט אין בעט, כאַפּט זיך דער מלמד אויף. טהוט זיך אָן דעם שלאַפראָק און לויפט אַהין צום פלויטעל. עס דאַכט זיך איהם אַלץ, אַז בערעל שטעהט מיט א האַק פאַר דעם פלויטעל און צולעגט עס, און מאַכט זיך פון איהם א שטאַל.

זיין ווייב שרייט: גזלן, קוילעסט דאָך מיך מיט די קינדער אַוועק, לאָז געהן א כפרה בערעל מיט'ן פלויטעל אין איינעם. וואָס האָסטו דען דערפון?

— חצופה, מיין טאַטען'ס!...

און א גאַנצען טאָג דרעהט זיך לייבעל ארויף און אראָב פאַר דעם פלויטעל, כאַפּט אָן יעדען פערבייגעהער, נעהמט איהם אָן פאַר די לאַצען און גיט איהם צו פערשטעהן, מאַכענדיג מיט די פינגער:

— זעה, והא ראיה, אַז דאָס פלויטעל איז מיינס — זעה, דאָ איז געווען אונזער שטיבעל, דאָס פלויטעל איז טאַקע געווען די מזרח־וואַנד, פלעג איך אַמאָל אין דער היים מנחה דאַווענען, שטעל איך מיך אַניעדער ביי דעם ווענדטעל טאַקע ביי'ם פלויטעל, אָט דערקען איך נאָך די צוועקעס, וואָס איך האָב זיי אַליין אריינגעשלאָגען.

און ווען דו געהסט אַזוי ביי־נאַכט איינער אַליין אין די גאַסען פון קאַרטשעוו, זעהסטו ווי אויבען אין דער הויך שפּיעגעלט זיך אָב די לבנה און קוקט טרויעריג און ערנסט אראָב אויף די ניעדריגע הייזלעך, און אונטער א קליין ניעדריג שוואַרץ פלויטעל, וואָס זעהט אויס ווי א שוואַרצער פלעק, ליעגט עפּעס ווער איינגעטוליעט דעם קאָפּ צוגענייגט צום פלויטעל און שלאָפט. די בלייכע לבנה קוקט אראָב צו איהם, בעלויכטענדיג עטוואָס טרויעריג זיין קאַלטען קערפּער, וואָס איז ארומגעוויקעלט אין א לייכטען כאַלאַטעל. דאָס איז לייבעל דער מלמד, ער היט אָב זיין ירושה.

# צו וואָס?

אַ פינף, זעקס יאָהר צוריק — האָט זיך בעוויזען אויף דער גאַס אַ נייער סטראַזשניק, וואָס איז נאָך ניט געוועהנט געווען מיט די מנהגים פון דער גאַס. געהט ער זיך אַמאָל אַרוים זונטאָג אין דער גאַס אַריין שפּאַצירען, און דערזעהט פון דער ווייטענס, ווי חיים נחום מאַנדריק רופט פריי און פראַנק אין זיין געוועלב אַריין קונים גאַנצע 5 מינוט פאַר צוועלף אַזייגער! געהמט ער, דער סטראַזשניק, און פערשרייבט מאַנדריק'ן אין ביכעל אַריין. דערפון ווערט אַ פּראָטאָקאָל, און דער פּראָטאָקאָל געהט אין סאָנד (געריכט) אַריין. מאַנדריק איז דערוויל מיט'ן סטראַזשניק חבר און „כל ולך“ געוואָרען. דער סטראַזשניק איז דערוויל מעהר „תושב“ געוואָרען אין גאַס, און האָט זיך אויסגעלערנט און געקענט אויסווענדיג אַלע מנהגים פון גאַס, — פּראָטאָקאָל אָבער בלייבט פּראָטאָקאָל און מאַנדריק כאַפּט אַ פּסק: 25 רובעל קנס, אָדער 5 טעג קאָזע. לאַכט ער, מאַנדריק. 25 רובעל פאַר 5 טעג, ער וואָלט יעדע וואָך אַזאַ געשעפט געמאַכט! און פאַר וואָס זאָל עס מאַנדריק ניט ווילען פערדיענען 5 רובעל אַ טאָג? האָט ער גענומען אויף זיך די „קאָזע“. און דער וואָיט האָט שוין געשריעבען וואו מען דאַרף, אַז מאַנדריק קען ניט צאָהלען. אָבער ניט אַזוי געשווינד זעצט מען מאַנדריק'ן אַריין! עס געהט איבער אַ צייט, מאַנדריק האָט שוין אָן דער גאַנצער מעשה פערגעסען, בעוויזט זיך פּלוצלינג דער סטראַזשניק. וואָס איז? מען רופט מאַנדריק'ן צום וואָיט. וואָס איז? וואָס וויל דער וואָיט? גאָר נישט. נור דער שרייבער לעזט איהם פאַר עפּעס אַלטע חטאים מיט פינף טעג זיצען.

מאַנדריק דערמאָנט זיך. פון דעסטוועגען — מאַלע וואָס — איילט אייך ניט אַזוי, זאָגט ער, דערוויל האָב איך קיין צייט ניט... אַנדערע געשעפטען, — איך מאַך אַ ברית די וואָך! — דער שרייבער איז דוקא ניט קיין שלעכטער, לעגט ער די פּאַפּירען אַוועק, ווערען זיי

ערגעץ אין דער אַלטער שאַפע פערפאַלען, ליעגען זיי אַב אַ יאָהר צוויי, דריי. — מאַנדריק האָט ווייטער פערגעסען. ער האָט שוין לאַנג פערגעסען! און אַז ער דערמאָנט זיך אַמאָל — האָבען דערווייל יענע פערגעסען!

אַז מען דערמאָנט איהם דערין אין בית־המדרש, לאַכט ער: — זיי האָבען פערגעסען, ברידער, ווי אין פאַר־אַ־יאָהריגען שנעע. מען מאָהנט מיך גאָר נישט!

וואָס געשריעבען און גע׳חתמ׳עט איז אָבער געשריעבען און גע׳חתמ׳עט... און פאַר זייערם אַ יום־טוב, אַז מען איז געגאַנגען רוימען אין דער „גמינע", געפינט מען מאַנדריק׳ס עסק אונטער דער שאַפע.

און באַלד נאָך דער חג׳ע, אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען, ווען מאַנדריק דערהויבט זיך נאָכ׳ן אָנבייסען און וויל ארויסגעהן, ווי נעבטען און אייערנעכטען, עפענען דאָס געוועלב, פאַלט אריין זשענזשע דער „שמש" פון גמינע מיט נאָך עפּעס אַ מין „לאַ־יחרץ׳ל" אין אַ קאַפּעליוש מיט קאַנטען, — און מען בעט שעהן, מאַנדריק זאָל מוחל זיין אין קאַזע אריין.

און עס העלפט ניט קיין „רביניו" און קיין „בעביניו"; מאַנדריק האָט מאָרגען אַ וועקסעלע צו צאָהלען, איבערמאָרגען פאַלט דער גרויסער יאַריד, — שריי „חי וקיים", אַז מען איז אין גלות!

די מאַנדריקאָווע איז צוגעפאַלען צום וואָיט מיט׳ן קליינעם קינד אויף דער האַנד: גוואַלד, פּאַניע וואָיצע, זע׳מיר דאָך עפּעס היימישע מענשען... סטייטש?

— עס העלפט ניט! די „בומאַגעס" זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון „אויעזד", דער וואָיט איז גאָר ניט שולדיג.

די שטאָדט׳ס קאַזע איז הינטער דער קאַנצעלאַריע פון דער גמינע, אין „קאַלער׳ס" הויז, דאָס שעהנסטע און געזינדסטע הויז אין מאַרק. און די צוויי פענסטער, מיט די אייזערנע גראַטען קוקען זיך שעהן אין מאַרק אריין, גלייך זיי וואָלטען גאָר קיין קאַזע־פענסטער ניט געוועזן.

און אויף יענער זייט מאַרק, פונקט קעגענאיבער דער קאַזע, איז טאַקע מאַנדריק׳ס געוועלב. שטעהט מאַנדריק אין קאַזע ביים פענסטער און קוקט אריבער אין זיין געוועלב אריין, צעהלט ער די קונים אין זיין געוועלב, און לויט דעם פּעקעל, וואָס דער קונה טראָגט ארויס, בערע־

כּענט ער די קאַסע אין שופלאַד. טײלמאָל קומט אַ קונה פון געװעלב אַרױס מיט לײדיגע הענד; דער עלטערער זוהן מאַנדריק'ס לױפט איהם נאָך און רופט איהם צוריק אין געװעלב אַרײן, — העלפט איהם מאַנ־דריק דורכ'ן פענסטער צו. רופט ער: זײט מוחל, זײט מוחל, אַ נײער סאָרט פון װאַרשאַ!

איז אין געװעלב קײן קונים ניטאָ, האָט ער ניט װאָס צו טהון, װײל ער ניט „באַלעמוטשען", כאַפּט ער אַרױס דאָס תהלים'ל פון בוזעם, פונקט װי אין געװעלב צװישען אײן קונה און צװײטען, שלינגט ער אײן אַ קאַפּיטעל תהלים, — אַ לײזונג אױף יענער װעלט. אין דער מיט, דערזעהט ער דורכ'ן פענסטער יואל דוד'ן, טראַכט ער װעגען אַ גמילות־חסד, אַ װעקסעלע צו צאָהלען, און רופט:

— יואל דוד! יואל דוד! — און אַז דער װיסטער יואל דוד (אַ מעבעל הענדלער) דערהערט, אַז מען רופט פון קאָזע, געהט ער צו.

— הא! חיים נחום, פאַר װאָס? — און דערלאַנגט איהם דעם גוט־מאָרגען דורך די גראַטען.

— גוט־יאָהר! — ענטפערט מאַנדריק. — טאַקע יענע מעשה... האָבען זיך היינט דערמאַנט, אַ שװאַרץ יאָהר אױף זײ... זאָג נור, האָסט ניט אַ 25גער אױף אַ פּאָאר טעג? איך דאַרף דאָרט אַ װעקסעלע צו צאָהלען, עס זאָל זײ אַזױ דער קאָפּ שטעהן צום טאַנצען, װי מײנער צום זיצען....

— דאָרט אױך, אַ פּנים, ניט פאַראַן קײן שבחה, הא? — מאַכט יואל דוד, און געהט אַװעק אָהן אַ קלאָרע תשובה װעגען גמילות חסד.

דערזעהט דערװײל מאַנדריק, אַז אַ פּױער פיהרט אַ װעגעלע תבואה אין מאַרק אַרײן צו פערקױפען, שרײט ער אױס: — העי, העי! סלוכאַי, סלוכאַיטשע!

— הא? װאָס? — דערשרעקט זיך אַ ביסעל דער פּױער. און מאַנדריק שרײט איהם אַרױס:

— האָסט מיך ניט דערקענט, סטעפּאַן! דאָס בין איך דאָך, װײז מיר נור אָהער אַ פּראָבקע.

— אײ, דו איד, דו מאַשעניק, אַזױ לאַנג געהט דער קרוג צום װאַסער, ביז דאָס אױער ברעכט זיך אָב — זאָגט דער פּױער, און דער־לאַנגט איהם דאָך די פּראָבקע דורך די גראַטעס.

— האָב ניט קײן מורא! דיך װעל איך שױן ניט נאַרען —

ענטפערט מאַנדריק, ארויסשטעקענדיג די האנד דורך דער גראַטע נאָך דער פּראָבע. — און וויפיעל ווילסטו עס פאר די „זשארנעס“?

— צו אכט און צוואנציג גילדען.

— טאַקע, אַ וואַ! דו מיינסט, אז איך זיץ אין קאָזע, מעג מען שוין לאַכען אויס מיר? נא, זעה, וואָס איך גיב דיר!

און מאַנדריק נעהמט אַרויס געלד און הויבט אָן אויסצוצעהלען דעם פוּיער אויפ׳ן פענסטער.

— וואָס רעדסטו מיט איהם, ער זיצט דאָך אין קאָזע! — מאַכט צום פּויער בעריל פאַקטער, אָנקומענדיג צו דער פוהר און אָננעהמענדיג די פערד פאַר די לייצען.

— מיין תבואה! — שרייט מאַנדריק — געקויפט!

— געה אַרויס און נעהם זי! — ענטפערט בעריל, אוועקפיהרענדיג דעם וואָגען.

— וואַרט גנב! — שרייט אויס מאַנדריק — וועסט דיך אַ שוואַרץ יאָהר אויסריכטען. געה איך אַרויס צו דיר, ברעך איך דיר האַלז און נאַקען.

— אדרבא, נו, קום אַרויס, אדרבא, פּרואוו אַמאָל! — רייצט זיך מיט איהם בעריל שוין פון דער ווייטען.

— אויסגעריסען זאָלסטו ווערען, רבונו של עולם! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? — און מאַנדריק נעהמט זיך צוריק צום תהלים׳ל.

נאָכ׳ן אָנבייסען לאָזען זיך די קעסט־קינדער, וואָס האנדלען שוין אַ ביסעל אין מארק, אויף דער גאַס אַרויס. געוועהנליך איז די „בערזע“ אין לאַנגע גאַס געוועלב, קעגענאיבער דער פּוילישער צוקערניע. היינט, — מאַנדריק׳ן צוליעב, — פערזאַמעלט מען זיך פאַר די פענסטער פון קאָזע.

— גוט־מאָרגען, חיים נחום, וואָס איז עס די מעשה?

— זיי זאָלען אַזוי וויסען פון זייערע הענד און פיס. אַ מעשה פון פינף יאָהר צוריק.

די אידעלעך מיט די שטעקלעך אין די הענד קומען זיך צוזאַמען. מען הויבט אָן שמועסען פון געשעפט. מאַנדריק שיט דורך די גראַטען אַ פּאָאר גלייכווערטלעך, ווי זיין שטייגער איז. עס ווערט היימלעך, מען פערגעסט גאָר, אז מען שטעהט פאַר אַ קאָזע.

— זונדעל האָט אין שעלעץ געקויפט פאַר 2.80 — דערצעהלט איינער אַ גייעם.

— פּלאַצען זאָל ער! די גאַנצע וועלט איז איהם ווינציג! — גיעהט אַ צווייטער צו.

קעגענאיבער קומט מאַנדריק'ס עלטסטער זוהן אַרויס פון געוועלב, שטעלט זיך אויף דער שוועל און שרייט אַריבער:

— מאַמע, מאַמע, מנשה גיט פאַר'ן ווייץ 3.20! זאָל איך?

— מנשה? ניין. איך קען נישט; אויף מיין עהרליך וואָרט, כ'קען נישט. — שווערט זיך מאַנדריק אַנטקעגען.

דער עולם שטעהט און שמועסט. מאַנדריק לעגט זיך אָן בעל־בתיש אויפ'ן פענסטער. קויפט דורך די גראַטען ביי ר' יחיאל'ן פינף זעקלער ווייץ, צו דריי רובעל. עס מישט זיך אַריין אַ מעקלער, כאַפּט אַ צוויי־ער־גילדען, און לויפט אַהיים אָבטראָגען דעם ווייב.

אַ בעל־הבית זאָגט אַ גוטען טאָג און רוקט זיך אָב פון רעדעל.

— ווי ער איילט זיך צו דער אכילה... — זאָגט מען איהם נאָך.

דער שטאָדט־זייגער קלינגט דריי. אין דער גאַס הויבען זיך אָן צו בעווייזען חדר־אינגלעך, וואָס לאָזען זיך פאַרלעכווייז אַהיים.

— צייט צום וואַרימעס! — רופט זיך אָן אַ צווייטער יונגער־מאַנטשיק, און געהט זיך אויך זיין וועג.

— מיינע וועט מיך באַלד מקבל־פנים זיין — רופט זיך אָן מאַנ־דריק, פערגעסענדיג, וואו ער איז, און מאַכט אַ בעוועגונג, וועלענדיג מיטגעהן מיט דער חברה.

דער עולם לאַכט און צוגעהט זיך. מאַנדריק בלייבט אַליין. ער דרעהט זיך אויס היגטער זיך. — דאָרט, ערגעץ אין אַ שוואַרץ ווינקעלע, ביי'ם אויווען, ליעגט אויף אַ בערגעל מיסט „פריץ“ דער שטאָדט־שכור און שלאָפט.

מאַנדריק שאָקעלט זיך אָב און דרעהט זיך צוריק איבער צום מאַרק.

ער דערזעהט זיין שלמה'ן געהן פון חדר.

— שלמה, שלמה! — שרייט ער אויפ'ן אינגעל, וואס שטיפט מיט חברה אויפ'ן וועג אַהיים.

— וואָס וויל דער טאַטע? — פרעגט דער אינגעל, צולויפענדיג צו דער „קאָזע“

— געה אהיים, זאָג דער מאַמע'ן, זי זאָל מיר שיקען וואַרימעס.
— גוט, טאַטע; נור דער רבי האָט געבעטען מלמד־געלד.
— געה, געה! איך וועל דיר שוין געבען.
דער אינגעל יאָגט זיך אהיים.
שלמה'לע לויפט אריין אין שטוב. אין א רגע אַרום בעווייזט זיך די מאַנדריקאָווע אויף דער שוועל און דופט אריבער:
— באַלד, באַלד, עס קאָכט זיך שוין!
— מען האָט עפּעס היינט געלייזט? — פרעגט מאַנדריק.
— פאַר דריי זעקלעך! — שרייט דער עלטערער זוהן פון געוועלב.
— אז איך בין נאַר נישטאָ, אז איך בין נאַר נישטאָ!
— האָסטו געדאַרפט זיין! — ענטפערט די מאַנדריקאָווע, וואָס געגעהנט שוין מיט'ן טעפּעל אין דער האַנד צו דער „קאַזע".
שלמה'לע קומט אַן נאָך דער מוטער מיט א שעפּ וואַסער פון פּלומפּ אין מיטען מאַרק. מאַנדריק נעהמט אריין דורך די גראַטען די שעפּ און וואַשט זיך פון פענסטער אַרויס. די מאַנדריקאָווע האָט דער־ווייל דורך די גראַטען אויפ'ן קאַזע־פענסטער צום טיש געגרייט.
צווישען „שאר־ידיכם" און „המוציא" האָט מאַנדריק בעמערקט אין גאַס דעם וואָיט. ער גיט א ווינק צום ווייב, און ברומט: נו, נו...., זי האָט פערשטאַנען, איבערגעדרעהט זיך אין גאַס אריין, און פריינדליך צוגערופען דעם וואָיט צום פענסטער.
— א שעהן שטיקעל אָבגעטהון, האַ? — זאָגט מאַנדריק נאָך דער המוציא צום וואָיט. — מען נעהמט א טאַטען פון קינדער און מען מאַכט איהם צום נאַר, מען זעצט איהם אין „קאַזע" אריין... וואָס מיינט איהר, איך האָב שוין גאַר ניט מעהר וואָס צו טהאָן, נור ביי אייך אין „קאַזע" צו זיצען? וואָס? איך צאָהל אפשר קיין פּאַטענט ניט פאַר'ן געוועלב? פיער רובעל א יאָהר צאָהל איך! און אז מען זעצט מיך איין, ווער וועט צאָהלען?
— מיר זיינען דאָך עפּעס היימישע מענשען! — חנפ'עט זיך אריין די מאַנדריקאָווע.
— וואָס זאָל איך טהאָן? ניט מיינע פּאַפּירען, איינגעשיקט פון דאָרט — פאַר די „פּאַפּירען" מוז איך אויך „דרך־ארץ" האָבען — זאָגט דער וואָיט און וויל זיך געזעגענען...
— פּאַניע וואָיצע, פּאַניע וואָיצע — כאַפּט מאַנדריק אונטער

אשווינד — קען מען ניט בעקומען א פינף־און־צוואנציגער ?...

— זאָל זי קומען, די מאָנדריקאָווע, וועלען מיר זעהן, — ענט־פערט דער וואָיט.

ביים דראָנג אין מיטען מארק שטעהט דער סטראַזשניק.

זייט מען האָט מאָנדריק׳ן אריינגעזעצט, וויל ער זיך פאר איהם ניט ווייזען; ער שעמט זיך איהם אין די אויגען אריינצוקוקען — ער געהט ניט צו. מאָנדריק דערזעהט איהם אָבער פון ווייטען, און גראָד דעמאָלט, ווען דער סטראַזשניק האָט צו דער קאָזע געקוקט. זייערע אויגען בעגעגענען זיך, ניט ווילענדיג, און מאָנדריק שאָקעלט, אויסמאַ־כענדיג די צייהן, מיט׳ן קאָפּ אריבער צום סטראַזשניק: אך, פאניע! אך, פאניע!

פערפאלען! דער סטראַזשניק האָט שוין געמוזט צוגעהן. ער קומט צו מיט א פערשעמטע מינע. און מאָנדריק פרעגט:

— אָבער צו וואָס האָט מען דאָס געדארפט? צו וואָס!

# דער גובערנאטאר קומט.

---

זיבען און צוואנציג יאהר האבען די שטאדט־הייזלאך איין „אנטהועכטס" געטראגען: אבגעריסענע דעכלאך, מיט שווארצע פערפוילטע שינדלען בעקלאפט, די ווענד אבגעריסען, דער קאלך אבגעריבען, און עס האבען זיך געוויזען די העלצלאך, וואס זיינען ווי א שתי־וערב אנגעקלאפט, כדי דעם קאלך איין זיך צו האלטען. זיינען די חדר־אינגלאך אין גאס ארויסגעלאנגען „פאלענט" שפיעלען, האט מען די העלצעלאך פון די ווענד אבגעריסען — און קאזמער איז געווען קאזמער. פאר וועמען זאל זי זיך דא אויספוצען? מ'שטיינס געזאגט, פערשענערען זיך פאר ר' ברוך קרעמער'ס הייזעל? עס זיינען דאך אלץ היימישע מענשען, איין זקן פאר'ן צווייטען זיך שעהן צו מאכען? און עס האט קיינער ניט געשטערט. דער שרייבער, א כפרה זאל ער זיין, איז א „טוב שבגוים"; ער רעדט אידיש אין דער גאס מיט אידען און מישט ביי יעדען ווארט אריין „מיינע נאמנות", „שבת מלכה" „איך זאל אזוי לעבען". ער האט זיין געהאלט: יעדען זונטאג א פונט צוקער מיט א פיערטעל פונט טהיי און 1 רובל מיט 50 קאפ. במזומנים. ווער גיט און פון וואס פאר א געלד דאס געהט, וויס ער ניט, מען גיט שוין.. דערפאר זיצט ער א גאנצען טאג ביי רחל'ן אין געוועלב און פערברענגט זיך מיט אידישע מיידלאך. דער סטראזשניק, זיין מענש, אויף מיינע נאמנות, טראגט א לאנגע קאפאטע, אויפ'ן הוט נאר א רויטען קאנט, „א זכר אויף א סטראזשניק"... „ער געהט פאר זיך"... דער נייער פאסט־מאסטער איז אפילו אן „אנטיסעמיט" דערפאר, ווייל אידען פערקויפען איהם די גענז, וואס דער רב מאכט טרפה, צו 10 גילדען, וואס זיי האבען בעצאהלט צו 15 גילדען. טהוט

ער אָבער קיין בייז נישט קיינעם; ער זיצט זיך אַ גאַנצען טאָג פאַר דער טהיר, קייעט רויע ארבעס און יאָגט מיט שטיינדעלאך זיינע טוי־בען, וואָס פליהען ארום דעם מאַרק, בשעת אין פּאָסט שטעהט אַ גוי'ע און וואַשט וועש...

נאָר דער פעלדשער, דער פעלדשער דער אכזר, דער האָט „אַ פלייה אין דער נאָז" — פאַלט איהם גאָר איין, לויפט ער אין די חדרים און שטעלט אַלע חדר־אינגלאך פּאַקען. די מאַמעס מוזען די 50 קאָפּ. צאָהלען און די חדר־אינגלאך מיט אויסגעטהאָנענע ארבלען און פערבונדענע העמד לויפען אין מאַרק ארום, און ווילען אין חדר נישט געהן.

און אַזוי איז זיך קאַזמער—קאַזמער, מיט גאָט'ס הילף. די הייזלעך אין די „תחתונים" קוקען איינס דאָס צווייטע אָן, די בעלי־בתים דרע־הען זיך אין מאַרק ארום, ביי דער פּלאָמפּעל, און דער בארג שטעהט צו קאָפּענס דער שטעדטעל. ער קוקט זיך אַלץ צו און שווייגט...

---

אַמאָל, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, בשעת די חדר־אינגלאך זיי־נען נאָכ'ן אָנבייסען מיט די בייגעל אין חדר געגאַנגען, לאָזט זיך פלוצים פון פּאָליציי דער סטראַזשניק ארויס אָנגעטהאָן אין „פּאַלנע פּאַרם", מיט די צוויי אויסגעפּוצטע מעשענע מעדאַלען, האַלט אַ גרויסען, אַל־טען גראַגער אין דער האַנד, און דער גראַגער לאָזט פון זיך ארויס אַן אַלט בייזעריג כריפּעדיג קול פון אַן אַלטען, וועלכער צובייזערט זיך אויף „המן" ביי דער מגילה.

די אידעלאך האָבען זיך אַלע ארום דעם גראַגער צוזאַמענגעקלי־בען, די ווייבער מיט די שטריק־נאָדלען אין דער האַנד — טהייל מיט די קאָך־לעפלען; קינדער פון די חדרים, איינס נעבאך מיט האַלב אָראָבגעלאָזטע הייזעלאך אַנטלאָפען פון אונטער דעם רבי'ס קאַנטשיק. דער רבי — אין זאָקען, דער שוסטער — מיט דער נאָל און דער שניידער מיט שער און מאָס. און אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט זיך שוין געהאַט ארומגעקליבען, און אַז דעם רבי'ס גבאי איז שוין אויך גע־קומען — אין די האַלבע ווייסע שיך, און מיט דער זיידענער טיכעל, וואָס די צוויי עקען צופליהען זיך אויף צוויי זייטען קאַפּאָטע — איז דער שרייבער (אָנגעטהאָן אין פראַק, מיט מעשענע קנעפּ, און עפּעס אַ

מין נאפאלעאנישען מגולגל'דיגען צוויי־קאנטיגען הוט, די פעדער אונ־טער דעם אויער) פלוצלינג אין מיטען דערינען ענטפלעקט געווארען און פון א גרויסען בויגען פאפיער האט ער אנגעהויבען ארויסצולעזען:

„בהיות, אזוי ווי דער גובערנאטאר האט אריינגעשיקט אין די „פאפיערען", אז ער האט בדעה אין דעם יאהר, אין דעם חודש, אין דעם טאג און אין דער שעה דורך דאס שטעדטעל דורכצופאהרען, על־כן זאלען די בעלי־בתים אויספוצען דאס שטעדטעל, די אבגעפליקטע ווענטלאך מיט ליים בעקלעפען און אבווייסען; די געוועלבער־טהירען אבפארבען און פאר די שוועלען מיט זאמד אויסשיטען — און די בלאטע אין גאס אויסרייניגען. אויסער דעם זאל מען דעם טאג, וואס דער גו־בערנאטאר וועט זיין, די שעפער אין די גאסען נישט גיסען און דא וועט נישט העלפען און פועל'ן קיין שום „כופר", נאר „פא זאקאנו" זאל עם ווערען אויסגעפיהרט אזוי און אזוי"...

ווי דער שרייבער האט דעם פאפיער געהאט נאר דורכגעלעזען, איז א גרויסע מהומה אין שטעדטעל געווארען: אידען חוקרים זיינען אויף דער באנק פאר ר' דוד לייב'ס טהיר געזעסען און מען האט גע־שמועסט פון מלחמות, — אז דער רוס הויבט אן מיט'ן טערק און דאס איז די מעשה... יוסף ארעל'ס, א איד אין א פאר ברילען, דאס איינציגע „פאפיערענע קראגענדעל" אין קאזמער, וואס דרעהט זיך א גאנצען טאג אין גאס ארום און לאכט אויס די גאנצע וועלט — האט אויך איצט געלאכט און זיין דינינקער שמייכעל האט זיך טרויעריג פערצויגען איבער זיינע דינע ליפען, און זיין דינער, קליינער געזיכט — האט, דאכט זיך, ווי בעהאלטען אין זיך דעם סוד פון דעם גובערנאטאר'ס קומען, נאר די נאראנים זיינען עם נישט ווערטה צו וויסען...

מיט איין ווארט, מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט: דאס שטעדטעל האט זיך געקאלעכט; קאלך, קאלך און קאלך... טונען, פעסלאך, שעפלעך זיינען פאר יעדען הויז געשטאנען, יעדער בעזים האט פאר א פענזיל געדיענט, און יעדער, וואס האט נאר א האנד געהאט דעם בעזים צו האלטען און א פוס אויף די לייטער צו קריכען, איז א מאליער געווארען. אין גאס האט מען נאר געזעהען פערקאלכטע ווייבער, פערקאלכטע קינדער...

אין ענין מאלעריי האט יעדער דא ארויסגעוויזען זיינע „קונצעלאך", עס האבען זיך אויפגעוועקט דאן פערשיעדענע „אומן־יד'ס". „מושלמים" וואס אין בחור'שער צייט האבען זיי מיט זייער בריה־שאפט אין דער וועלט געקלונגען און וואס נעבאך די פרנסה האט זיי פערשלאגען, איצט האבען זיי אלע געקענט בעוויזען זייער קענטניש און יעדער „אומן" האט ביי די הייזלאך זיינע „דריידעלאך" געמאכט. איין האלב הייזעל איז געווארען רויט אבגעפארבט, דאס צווייטע האלבע בלוי און ביים דאך איז געווען א מין קרענצעל בלוי אויף רויט און ביי די פענסטער איז עס אין א ראד געגאנגען אראב. טייל האבען אויסגעצייגט זייער השלמה ביים בוידעם־לאך: דאס רונדיגע לאך, וואס שטעהט העכער איבער אלע פענסטער, איז עפעס מסוגל דערצו. די קאזמערער הייזלאך האבען ווי געשמייכעלט איבער זיך אליין... מען נעהמט א זקן, וואס דער קאפ איז איהם פערטהאן, און ציערט איהם אויס מיט „דריידעלאך" און „שמאכטעלאך". די ווענד האט מען אבגעפארבט, דאס הייסט, א קנייפ זיך אין באק געגעבען, אז זי זאל רויט זיין, אבער די דעכער ווינקען מיט די לעכער אראב.. אזוי איז מיט אמאל קאזמער פערענדערט געווארען, אראבגעווארפען פון זיך די „קאפאטע", וואס צעהנדליגער, צעהנדליגער יאהרען האט זי אויף זיך געטראגען, דורכגעלעבט מיט זיי אי פרייד, אי לייד, מיטגעטאנצט אויף אלע חתונות, און מיטגעטרויערט מיט אלע אבלים, אזוי, אז די קאפאטע איז שוין א שטיק פון גוף געווארען — און מיט אמאל נעהמט מען די קאפאטע און מען טהוט זי אויס, מען ווארפט זי אוועק און מען טהוט זיך נאך אנ'אנדערע אן...

און ווער וויס, וואס פאר א צייטען וועט די נייע קאפאטע דורכלעבען. איך שטעל מיר פאר די לבנה, אז נאך דעם מולד וועט זי א האלב אויג עפענען און געבען א בליק אויף איהר אלט בעקאנט קאזמער, וואס יאהרען, יאהרען קענען זיי זיך שוין בייזאמען, זי קוקט אראב און בעגלענצט איהרע דעכער און קאזמער קוקט ארויף און פרעגט נארישע קשיות... און דאכט זיך, אז קאזמער רעדט זיך פאר דער לבנה איהר טרויעריג הארץ אויס אין דער שטילער נאכט... און מיט אמאל וועט די לבנה געבען א בליק אויף קאזמער: „וואס איז דאס? וואס טהוט זיך דאס מיט די אלטע? אויסגעפוצט זיך?" נאט מיינער, וואס פאר א מינע וועט די לבנה מאכען?!

קאזמערער בעלי־בתים זיינען פאר די הייזלאך געשטאנען, גע־קוקט און געקליבען נחת: אויפגעלעבט, אויסגעפוצט, און עס טראכט זיך א קאזמערער בעל־הבית: אט וועט דער גובערנאטאר דורכפאהרען. ער וועט זיך זיצען ברייט אין זיין קארעטע, ארויסווארפען א בליק אויף ר׳ מרדכי אהרן׳ס הייזעל. א, וואו! נעבען א פרעג די „צווייטע האנד“: וועמעס איז דאס הייזעל? דער צווייטער וועט געבען א פרעג דעם נאטשאלניק, דער נאטשאלניק דעם וואיט, דער וואיט דעם שרייבער און דער שרייבער וועט געבען אן ענטפער: מורדכו אהרונו.

„פאריאדאטשני יעווריי“, וועט דער גובערנאטאר געבען א רוף. „לאז מען עס מיר אנשרייבען אין ספר זכרון“. און אמאל וועט זיין „בלילה ההוא נדדה שנת המלך“ אין יענער נאכט איז פערוואגעלט געווארען דער שלאף פון קיניג, ויאמר להביא את ספר הזכרונות — גיט ער א בעפעהל זיך צו ברענגען דעם ספר הזכרונות, וימצא כתוב — און עס וועט ווערען געפונען געשריבען, אז מרדכי אהרן... און מרדכי אהרן האט א זוהן, וואס אין צוויי יאהר ארום דארף ער שטעהן צום פריזיוו...

און „פראשעניעס“ האבען זיך אידען אנגעגרייט: יעדער האט אויסגעזוכט לאנגע פערשפיעלטע ספראוועס, וואס ער האט נאך וואס געקאנט האבען א שטיקעל פרעטענזיע, איז צו לייזער אהרן דעם שריי־בער געקומען. עס איז געוועזען דענסטמאל לייזער אהרן דעם שריי־בער׳ס יריד. לייזער אהרן אין די ברילען אויף דער נאז, צומאכענדיג אן אויג און גוט איינקנייטשענדיג דעם שטערען, האט יעדען אויס־געהערט און יעדען בעזונדער האט ער א סוד איינגערוימט, אז פאר איהם דירעקט וועט ער גוט נאכזוכען אין די זאקאנעס, ער פלעגט טאקי בשעת מעשה ארויסנעהמען פון אן אלמער א בעפלעקט גראב ביכעל ווי א סדור פון אן אלטען אידען, וואס שמעקט טאבאק, און ציטערענדיג פלעגט לייזער אהרן אין די בלעטלאך מישען, און עפעס רעדען צו זיך. דערנאך פלעגט ער נעהמען די פעדער, דריי מאל זי מיט די ליפען נאס מאכען — און געקינצעלט זי אויף א „יעגא“ און פערזיכערענדיג דעם בעל־הבית, אז די פראשעניע וועט מוזען „פא זאקאנו“ ווערטער רעדען, פלעגט ער זיך פערטיעפען אין שרייבען.

אין דעם יעניגען טאג, ווען דער גובערנאטאר האט געזאלט דורכ־פאהרען, האבען קאזמערער אידען זיך צוגעגרייט גאנץ פריה. יעדער בעל־הבית האט זיך אנגעטהאן אין זיין שבת'דיגער קאפאטע, די שטי־וועל מיט מעהל אויסגעשמירט, דעם בארד אויסגעקאמט און זיך פאר זיין הייזעל מיט זיין פראשעניע געשטעלט ווארטען אויפ'ן גובערנאטאר.

א צוויי שעה זיינען די בעלי־בתים געשטאנען און האבען געווארט. דער סטראזשניק אין פאלנע פארם איז ווי א זעלנער פאר דער קאנ־צעלאריע געשטאנען, געוואונקען און געמאכט מיט די הענד צו די ארומיגע אידען. דער שרייבער איז יענעם טאג אין קאנצעלאריע געוועזען און פון דער פאטשט האט מען די וועש ארויסגעטראגען.

געשטאנען זיינען די בעלי־בתים אין דער גאס און האבען געווארט — און האבען זיך גע'חזר'ט די שפראך, וואס דער שרייבער האט זיי אויסגעלערענט ווען זיי וועלען צוגעהן די פראשעניע אפגעבען — און האבען זיך די בערד מיט די פינגער געקעמט.

יעדעס מאל האט מען זיך דערשראקען, ווארום א יונג האט געשריען: ער פאהרט! ער פאהרט!

און פלוצלינג איז ווי א בליץ א קארעטע, אין צוויי פאר פערד געשפאנט, מיט גרויס רעש און געאייל דורכ'ן מארק דורכגעפאהרען. אין די קארעטע זיינען צוויי עפעס געזעסען, אייגער אין א ווייסען און אייגער אין א רויטען הוט.

— שוין!

און די בעלי־בתים האבען אפילו ניט געוואוסט, וועלכער איז דער גובערנאטאר: צי דער אין רויטען הוט, צי דער אין ווייסען?

און דערנאך, אז די בעלי־בתים האבען א קוק געווארפען אויף די הייזלאך האבען זיי נעבאך אין זייערע אויגען אויסגעזעהן ווי אן אויס־געפוצטע כלה, וואס דער חתן איז פון איהר אנטלאפען. מאקי געלוינט זיך צו פוצען — נאך וואס, נאך ווען? האבען די בעלי־בתים גע־קרעכצט.

און ווער ווייס, ווי לאנג קאזמער וועט די „נייע קאפאטע" טראגען!...

---

# באנקראט.

(הומארעסקע)

ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג האט באנקראטירט.

דאס איז קיין נייעס ניט. שוין ניט דעם ערשטען מאל, ווי ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג באנקראטירט, נישט דאס לעצטע מאל. גלייך נאך דעם באנקראט מאכט די וועלט א גוואלד, א געשריי: „ווי הייסט? עוקר מן השורש זיין דארף מען איהם!״ פאהרט ר׳ אהרן ליב אויף די ערשטע טעג צו זיינעם א שוואגער במקום שאין מכירין אותו. דאס הייסט אין אן ארט וואו מען קען איהם נישט. און דאס ווייב געהט ארום אנגעפילט דעם קאפטען מיט די הונדערטער און קרעכצעט: „זעהט, וואס פאר אן אונגליק עס איז אויף מיר געקומען״. דערנאך קומט ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג צופאהרען, און ווערט מושוה מיט די בעלי־חובות, בעצאהלט א גאנץ פיינעם פראצענט, א 25־נער למשל, און דאן ווערט מען ערשט א גאנץ גוטער בטוח. באנקראטירט מען ווייטער אמאל, ווערט ווייטער א געוואלד, א געשריי; איז מען זיך ווייטער משוה מיט די בעלי־חובות, ווערט מען ווייטער א בטוח, און אזוי דרעהט זיך דאס ראד ווייטער ארום — ווי עס שטעהט אין פסוק געשריעבען.

נו, האט ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג ווייטער אמאל באנקראטירט, דרעהט זיך דאס ווייב ווייטער ארום מיט דעם קאפטען אויסגעבעט פון הונדערט רובעל שטיקער, און ברעכט זיך די הענד אויף׳ן אומגליק, וואס איז איהר געשעהן.

מילא דער דייטש פון לייפציג, וואס האט ביי ר׳ אהרן ליב׳ן א גאנץ פאר סחורה אויף צעהן טויזענד מארק, ווי ער האט בעקומען

צוריק דאס ערשטע וועקסעלע אויף צוויי טויזענד מארק אומגעצאהלט, כאפט זיך מיט'ן ערשטען צוג אין דאס שטעדטעל אריין צו ר' אהרן ליב'ן.

טרעפען טרעפט ער פונקט, ווען ר' אהרן ליב מיט'ן ווייב זאל געזונד זיין, און מיט'ן גאנצען הויז געזינד, זאל געזונד זיין, זיצען ארום טיש, און עס איז „מאהל־צייט". איז ער דאך א דייטש, „מאהל־צייט" איז „מאהל־צייט", האלט ער זיך אויף אין פאדער־צימער און ווינשט נאך אריין דורך די אפענע טהיר: „גוטען אפעטיט".

נאך'ן „מאהל־צייט" פערבעט ר' אהרן ליב דעם דייטש אויף טהעע. ר' אהרן ליב זיצט ביים טיש אויבען־אן, דאס פולע געזיכט שיינט אהן עין־הרע, (זעהט זיך אוים, דער מיטאג איז איהם געפעלען); ער קעמט זיך אוים מיט די פינגער די לאנגע צוויי־שפיציגע בארד און קנעט זיך צו מיט'ן פינגער ברויט־טייגלאך. קומט דער דייטש אריין, בעט ער איהם שעהן זיצען, רוקט איהם צו א שטול צו זיך און איז איהם מכבד מיט א פיינעם ציגאר. העלענשעלע (דאס איינגסטע טאכטעריל), דערלאנגט טהעע, און יוכבד, דאס ווייב, דערלאנגט פיין איינגעמאכטס אויף גלעזערנע טעלערלאך און קרעכצט ביטער דערצו.

— אזוי מיין הערר, אזוי מיין הערר.

איז עס דאך א דייטש, וועט ער דאך באלד ניט ארוים מיט'ן שנג, זיצט מען און מען רעדט וועגען פערשיעדענע זאכען, ווי מיט קארן שטעהט היינט, און ווייץ איז געפאלען, און ווי עס קאן נאך זיין, אז ביז יום־טוב וועט א שנעע אראבפאלען, אוי ווי די „זאנע" שיינט היינט, און וועגען נאך אזעלכע זאכען, און די „פרוי" בעט שעהן טרינקען.

— ערלויבען זי דאך, ערלויבען זי דאך.

א דייטש איז דאך א דייטש, נאר אפילו ביי א דייטש געהט שוין אויך די גאל אריבער, רופט ער זיך אן זעהר עדעל, מיט האלבע ווערטער קוקענדיג צום פענסטער:

— מיין הערר... מיין גנעדיגער הערר... איך גלויבע... יא— גלויבע... עס וואר איין מיספערשטענדניס...דאס...דאס — און ער ווייזט איהם אויף די אומגעצאהלטע וועקסלען, וואס ער האט פון בוזעם־קעשענע ארויסגענומען.

— זעהען זי, מיין הערר דייטש, — ענטפערט איהם ר׳ אהרן ליב גלייכגילטיג, קנעטענדיג די טייגלאך ווייטער און קעמענדיג די באַרד ווייטער מיט די פינגער — זעהן זי, מיין הערר דייטש, שלעכטע צייטען. יא, מען האט מיר צוגענומען מיין געלד, פיעל געלד, זעהר פיעל געלד, יא, האבע קיין אנדערען „ראטה" געהאט. יא, וואס מאכט מען?

הויבט זיך דער דייטש אויף פון שטוהל, פאמעליך, גאר פאמעליך, רוקט זיך אב, הינטערוויילעכטס געהנטער צו צום טהיר, און אז ער איז שוין נאהענט ביים טהיר, און האלט שוין די קליאמקע אין האנד און דעם צילינדער־הוט אין דער צווייטער האנד, ווענדעט ער זיך צום אידען מיט א הויכער שטים:

— דו דיעב! דו פערפלוכטער דיעב!

און דער דייטש כאפט די פיס אויף די פלייצעס און מאכט היידא, אראב פון די טרעפ, ווי דער פייל פון בויגען, מורא האבענדיג, אז ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג זאל איהם נישט נאכלויפען, איהם נאכווארפען די וויזיטען־קארטען און פאדערען אוף א דועל.

ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג זיצט זיך אבער ווייטער רוהיג ביים טיש און פערענדיגט דאס אנגעהויבענע טייגעל, וואס ער האט געקנעטען ביים דייטש׳ס אריינקומען, אויסטרינקענדיג דעם רעשט טהעע פון גלאז.

גאר וואלטען אלע געווען ווי דער נארישער דייטש, מוז אבער פונקט דער גורל טרעפען, אז צווישען די וועקסלען געפינט זיך א אידענע׳ס א וועקסעל, דארט עפעס אן אלמנה׳ס, חיה רייצע׳ס א וועקסעלע פאר גאנצע דריי הונדערט און פופציג קארבונים!

האט די אידענע אנגעטהאן, זאל גאט שומר און מציל און מרחם זיין!

געוואהר געווארען א אידענע ווי חיה רייצע, אז אהרן ליב ליכטענבערג האט באנקראטירט, ווישט זי זיך דאס מויל אב און רעדט גארנישט. „דאס מייניגע וועט ער אבגעבען, זאל איך אזוי לעבען".

זי טהוט אן דאס שווארצע ראש־חודש־שלייפעל אויפ׳ן שייטעל מיט׳ן שווארצען באנד אויפ׳ן האלז, נעהמט מיט איהר יתומה, דאס כלה־מיידעל און געהט ארויף צו ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג.

ארויפגעקומען, נעהמט זיי יוכבד שעהן אויף, בעט זיי זיצען. ר׳ אהרן ליב אליין קומט אויך אריין און זאגט „גוט מארגען", און מען ווינשט זיך „גוט יאהר".

— וואס וועט איהר עפעס זאגען גוטעס, חיה רייצע? — פרעגט צום סוף ר׳ אהרן ליב.

— מיין יתומה — זאגט זי, ווייזענדיג אויפ׳ן כלה־מיידעל — איז ארויפגעקומען נאכ׳ן נדן.

— אזוי, זאגט ער, — אדרבה — נאכ׳ן נדן. האט איהר דען חיה רייצע, נישט געהערט אין שטאדט?

— יא געהערט אדער נישט געהערט, וואס גערט אונז אן, וואס מענשען פלוידערען.

— אמת געביך, חיה רייצע, הלואי וואלט עס נישט געווען אמת, ווי עס איז יא אמת.

— וואס איז אמת? פרעגט חיה רייצע איבער.

— אז•איך האב נישט צו בעצאהלען, אז איך קאן נישט צאה־לען. מען האט מיר פיעל געלד צוגענומען, זעהר פיעל געלד. איך וועל אייך ווייזען די ביכער: מילא עס וועלען דאך זיין מענשען, זיי וועלען דאך זעהן.

— ווי הייסט, איהר האט נישט צו בעצאהלען?

— אזוי ווי איהר הערט.

— און וועמענס זענען די שאנקען מיט די שפיגלען, מיט דעם זילבערוואַרג, און דאס דריי־שטאקיגע הויז, און נאך, און נאך?

— דאס איז אלץ מיין ווייב׳ס, זאל לעבען און מיין שווער׳ס — זייער פראצע. איך אליין בין אן ארימאן, א גרויסער ארימאן. אזוי ווי איהר קוקט מיך אן, נאר די קאפאטע, בלויז די קאפאטע אויף זיך: נאר צו נעהמען דעם שטעקען, בלויז דעם שטעקען, און אין די הייזער ארומצוגעהן.

— קומט אריין צו מיר אויך, וועל איך אייך א שטיקעל ברויט געבען — זאגט חיה רייצע, און הויבט זיך אויף, און נעהמט זיך מיט די יתומה, און זאגט זיך נאך א גאנץ גוטען טאג, און געהט זיך איהר וועג.

מיינט דאך ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג, אז ער איז שוין פון איהר פטור, איז אבער אזוי נישט געווען.

ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג קומט אהיים פרייטאג צו נאכט פון דאווענען, פון שטיבעל, טרעפט ער ארום דעם ווייס העל געדעקטען טיש, מיט די גרויסע זילבערנע לייכטער, א גרעסער געזינדעל: וואונדערט ער זיך, קומט ער נעהענטער, דערזעהט ער חיה רייצע, זאל לעבען, מיט איהרע זעקס יתומים, איינס קלענער פון צוויימען, מיט איהרם א טאכטער א טראגעדיגע אלמנה און מיט איהר זוהן א גרוש און מיט זייערע קינדערלאך זאלען לעבען, זיצען זיך ארום טיש. זאגט ער „גוט שבת", הויבען זיך אויף אלע פון טיש, און ענטפערן איהם: „גוט שבת, ר׳ אהרן ליב, גוט שבת, גוט יאהר".

קוקט ער אן דאס ווייב, זיצט דאס ווייב זיינס יוכבד אין א ווינקעל מיט אויסגעוויינטע אויגען, און ארום שטעהען די קינדערלעך און ברעכען זיך די הענד: אריינגעקומען די גאנצע קאמאנדע און האבען זיך ארום טיש געזעצט.

געהט ער צו צו חיה רייצע:

— געוואלד, ווי הייסט?

— ווי עס הייסט — הייסט עס — ענטפערט זי איהם.

— און דער יושר וואו איז? — פרעגט ער.

— דער יושר איז דארט, וואו ער איז — ענטפערט זי איהם.

— מיר זיינען ארויפגעקומען, זאגט זי וויטער — הערען אייער קדוש. מען זאגט, אז איהר מאכט קדוש גאר נישקשה. נו, וואס שטעהט איהר, ר׳ אהרן ליב? ב׳לעבען, מיינע יתומים׳לאך זיינען הונגעריג, היינט א גאנצען טאג אין מויל נישט געהאט.

מאכט ר׳ אהרן ליב א געוואלד:

— יוכבד, וואו איז דער סטרוזש?

קומט ארויף דער סטרוזש און שטעהט ביי דער טהיר. ווייזט ר׳ אהרן ליב אן אויף חיה־רייצען.

געהט דער סטרוזש צו צו חיה רייצען. ווערט א געוואלד, א געשריי פון קינדער און קינדערלעך: געוואלד, ער הרג׳עט די אלמנה! ער הרג׳עט די אלמנה, און זיי בעפאלען אלע ווי גרוים ווי קליין ר׳ אהרן ליב׳ן: „געוואלד, די אלמנה! געוואלד, די אלמנה!"

און פון די געשרייען הערט זיך חיה־רייצע׳ס קול, העכער פון אלע: „געוואלד, ער הרג׳עט מיינע יתומים! געוואלד, ער הרג׳עט מיינע יתומים!"

אויף די געשרייען זיינען אָנגעקומען צולויפען דאָס גאַנצע גע־סעל — אידען, ווייבער, בחורים און בתולות מיט געוואַלדען, מיט געשרייען: „ער הרג'עט די אלמנה, ער הרג'עט די יתומים!“ און קודם כל דעם סטרוזש פון די טרעפּ אַראָבגעוואָרפען און צו צו ר' אהרן ליב'ן.

עס האָט זיך אָבגעשטילט, אָבגערוהט אַביסעל פון גערודער. ר' אהרן ליב האָט זיך די באָרד גלייך געמאַכט, צורעכט געמאַכט דעם גאַרטעל אויף דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און דאָס שטריימעל אויפ'ן קאָפּ: עס איז דאָך פּאָרט שבת, און האָט זיך גענומען צום קדוש.

קדוש געמאַכט, האָט די אלמנה מיט די יתומים אָבגעענטפערט „אמן“, און ר' אהרן ליב איז זיך געגאַנגען וואַשען צו די חלות.

מען האָט דערלאַנגט דעם גרויסען קאַרפּען־קאָפּ ר' אהרן ליב'ן, נעהמט צו חיה רייצע און רוקט־צו זיך דעם טעלער, צוברעכט דעם קאַר־פּען־קאָפּ און טהיילט איהרע יתומים מיט די יתומות. זי נעהמט אויך די חלה, איבער וועלכע ר' אהרן ליב האָט זיך געוואַשען, און טהיילט אַרום מוציא'ס. איינטהיילענדיג יעדען זיין חלק, ווינשט זי נאָך צו:

— עסט, קינדערלעך, עסט געזונטערהייד, זאָל עס אייך וואויל בעקומען, איהר עסט חלילה נישט ביי קיין פרעמדען. אייער מאַמעס פּראָצע מיט אייער טאַטענ'ס, עליו השלום.

קוקט זי אהרן ליב אָן: ווי הייסט? און דער יושר?

— עס וואָלט רעכט געווען, זאָגט זי צו ר' אהרן ליב'ן — אַז אַזאַ איד, ווי איהר זענט, זאָל זינגען זמירות פרייטאָג־צו־נאַכט ביים טיש. נישקשה, מיין זוהן, דער גרוש, און מיינע קינדער, די יתומים, וועלען אייך צוהעלפען.

ר' אהרן ליב דערלאַנגט אַ קוק אויף יוכבד'ן, זעהט ער ווי זי זיצט אין דעם ווייסען שבת־שלייפעל אויפ'ן קאָפּ, מיט די בריליאַנטען אין די אויערן, און ברעכט זיך די הענד.

— „אַן אומגליק איז צו מיר געקומען, אַן אומגליק“.

מיט דעם יויך דערלאַנגען וואַרט מען. מען וואַרט אַהין, מען וואַרט אַהער, חיה רייצע האָט צייט צו וואַרטען.

— וואָס וועט זיין דער סוף? — פרעגט ער.

— וואס זאל זיין דער סוף? מיינע קינדער זיינען הונגעריג, עס וואלט א יושר געווען, פאני יוכבד, איהר זאלט הייסען די יויך דערלאנגען. כ'לעבען, מיין יתום דוד'ל דארף אביסעל יויך ווי מיט'ן לעבען. א גאנצען טאג ניט געגעסען.

אז מען דערלאנגט דאס פלייש, נעהמט שוין יוכבד דאס פלייש צו איהר טישעל, טהיילט איין בעזונדער און פערבעט איהר מאן צו זיך אין ווינקעל אריין. נאר חיה רייצע איז זיך אודאי נישט פויל, פאלגט זיך א גאנג צו יוכבד'ן אין ווינקעל אריין און נעהמט אוועק דעם גאנצען טעלער פלייש צו איהרע קינדערלעך: „כ'לעבען — זאגט זי — די יתומים קינדערלעך וועלען זיך דאס הארץ דערכאפען. א גאנצע וואך זעהען זיי דאס אין די אויגען נישט אן, און פאר זייער גראשען געלד מעגען זיי הנאה האבען".

לויפט דאך יוכבד צו און וויל דעם טעלער מיט'ן פלייש צוריק ארויסרייסען, בעפאלען איהר די יתומים מיט די יתומות ווי די וועי־רים: „געוואלד, זי שלאגט די אלמנה" און חיה רייצע'ס קול קלינגט העכער פון אלע: „געוואלד, זי שלאגט מיר די יתומים!"

קומט זיך ווייטער דאס געסעל צולויפען, מיט קולות און חרמות, און מיט גרויס געלעכטער און שפאט.

שוין קוים דערלעבט דעם טיש דורכצוקומען, מען האלט שוין ביים בענשען, הויבט אן די יתומה, די טראגעדיגע עגונה, צו קרעכ־צען: דער רוקען ברעכט איהר און זי האט בויכוועהטאג.

חיה-רייצע איז נישט פויל און גיט א פיהר אריין די יתומה, די טראגעדיגע עגונה, צו ר' אהרן ליב'ן אין שלאף-צימער, גיט זי א לעג אריין אין ר' אהרן-ליב'ס בעט אריין און זאגט צו איהר:

— נישקשה, מיין טאכטער. גאט וועט דיר העלפען, און דו וועסט בשלום דורכקומען מיט זיין הילף. ווארום ער איז אן אב ליתומים ואבי אלמנות, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען, און ווענדענ־דיג זיך צו א יתום'ל, וואס איז געשטאנען הינטער איהר האנד, זאגט זי צו איהם:

— געה, מיין קינד, אריבער נאך נעהמ דער באבען און זאג איהר, אז עס רוקט זיך די ריכטיגע מינוט, אז זי זאל זיך צו-אײלען צו ר' אהרן ליב'ן ליכטענבערג, וואו מיר וועלען וואוינען פון היינט אן, מיט מזל פאר אונז און פאר כל ישראל. אמן.

ר׳ אהרן ליב מיט יוכבד׳ן האבען דערהערט אזא מעשה, ווערט דאך א גרויס געוואלד. לויפען זיי אריין אין שלאף־צימער און לאזען נישט אריין אין בעט אריין, זיינען זיי בעפאלען די יתומים מיט די יתומות מיט געוואלדען, מיט געשרייען: „געוואלד, ער הרג׳עט די טראגעדיגע עגונה! געוואלד, ער הרג׳עט די טראגעדיגע עגונה!" און חיה־רייצע׳ס קול קלינגט העכער פון אלע: „ער הרג׳עט די יתומים! די יתומים!"

קומען דאך ווייטער צולויפען ווייבער און מוידען און אידען מיט יונגען, און חיה־רייצע שרייט צו זיי:

— געוואלד, העלפט מיר, די יתומה גערט צו־קינד, די עגונה צו־קינד!

זיינען די ווייבער אריין אין שלאף־צימער מיט נעחען דער באַ־בען בראש. קודם כל האבען זיי אנגעכאפט ר׳ אהרן־ליב׳ן און הינ־טער די טהיר ארויסגעשטופט: א מאנספארשוין!...

דארטען זיינען זיי צו צו יוכבד׳ס וועש־אלמער, די טהיר אויפ־געריסען און ארויסגענומען ווייסע ליילעכער; אין קיך האט שוין א פייער געקנאקט, און מען האט הייס וואסער געקאכט.

די עגונה איז געלעגען אין ר׳ אהרן־ליב׳ס בעט און האט געקרעכצט א גאנצע נאכט; חיה־רייצע האט אן אלע זכות אבות דערמאהנט און ר׳ אהרן־ליב איז געלעגען א גאנצע נאכט אויף א קאנאפע אין עס־צימער, און קיין אויג נישט צוגעמאכט.

הכלל, וואס האב איך א סך צו ברייען, ר׳ אהרן־ליב ליכטענ־בערג האט דורכגעלעבט א שבת — זאל איין גאט שומר און מציל ומרחם זיין. ער האט קוים דערלעבט, אז עס זאל שוין קומען דער שבת־צו־נאכט, און האט אריינגערופען חיה־רייצע׳ן אין א בעזונדער שטוב, אבגענומען די וועקסלען און יוכבד האט פון אונטער׳ן קאפקען ארויסגענומען די הונדערטער, און בעצאהלט דריי הונדערט און פופ־ציג קארבווינים במזומנים.

נאר בינו לבינו האט זיך געמאכט, אז די אבות האבען זיך גע־מיהט און די יתומה, די ווייסטע עגונה, האט געוואונען מיט מזל א בן זכר, מילא וועט מען דאך א קינפעטארין נישט איבערטראגען אין די אכט טעג. — האט די ווייסטע עגונה אבגעהאלטען דעם קימ־

פּעט אין ר׳ אהרן־ליב ליכטענבערג׳ס בעט. יוכבד האָט געבאָרגט גע־פּעם אויפ׳ן ברית, דערפאַר האָט די אַלמנה מכבד געווען ר׳ אהרן־ליב׳ן מיט יוכבד׳ן מיט קוואַטערשאַפט.

פון דענסטמאָל אָן האָט זיך ר׳ אהרן־ליב ליכטענבערג אַ נדר געמאַכט: באַנקראָטירען יאָ, נאָר פון אידישע אלמנות מיט יתומים — האַלט זיך פון דערווייטענס — אַ מאוס׳ע אומה...

# א פערשטעלטער חתן.

א בריעף האב איך מיטגעבראכט פון זיינם א גוטען ברודער און א „געשעפט־מענש“ צו ר׳ יצחק עקספעדירער. — דער „גרעניץ מוליכער“ אין שטעדטעל סל. וואס ליגט הארט ביי דער עסטרייכי־שער גרעניץ, אז ער זאל מיך „ארענטליך בעהאנדלען“. ווי איך בין נור אין שטעדטעל אריינגעקומען, האב איך מיך באלד צו איהם אהין געאיילט. ער האט געוואהנט הארט ביי דער גרעניץ, טאקע דער לעצטער שכן פון רוסלאנד מיט'ן „עסטרייכער“. דורך דעם אודאי איז ער אזא „פאן בראט“ געווען מיט איהם. איך קום אריין צו איהם, איך געפין דעם שטיבעל פול מיט מחותנת'טעס אין יום־טוב'דיגע הוי־בען און ברייטע זיידענע קליידער. גרייטען זיך אין וועג אריין, און איינע שרייט איבער דער צווייטער. ר' יצחק, א קורץ אידעל מיט א ברייטער בארד, אין א ברייטען סאמעט ברוינעם הוט, שטעהט אין מיט'ן רעדעל, אין האנד א פלאש בראנפען און לעקעך, טיילט כבודים און קוויטשעט שוין הייזעריג איבער די ווייבער. איך האב מיך קוים דערשלאגען צו איהם. אין א ווינקעל איהם גערופען, און דאס בריעוועל איהם איבערגעגעבען.

— מזל האט איהר, יונגערמאנטשיק — זאגט ער צו מיר, איבער־לייענענדיג דעם בריעף, און קלאפענדיג מיר אויף די פלייצעס: מזל, זאל איך שוין אזוי לעבען. אט מאך איך היינט א זוהן חתונה אין קראקוי; דער חתן מיט'ן עלטערן זוהן זיינען היינט געפאהרען אין דער פריה דורך גריחאוו, מיר וועלען פאהרען דורך באר, איהר פאהרט מיט אונז אלס דער חתן, און פון איצט אן הייסט איהר שמואל גאלדמאן. נאך אמאל, ווי הייסט איהר? — פרעגט ער מיך מיט א קשיא'דיגען טאן.

— שמואל גאלדמאן, ענטפער איך איהם.

— אט, אזוי — קלאפט ער מיר אויף די פּליצעס — נור דאס וועט קאסטען א גאנצען צעהנער, — רוימט ער מיר איין און זאגט דערביי הויך צום ווייב: — רייזע! וואו האסטו דאס גוטע גלעזעל בראנפען מיט'ן שטיקעל לעקאך, איך מאך דאך עפּעס היינט א זוהן חתונה מיט גאט'ס הילף.

איך בין מיט איהם דורכגעקומען וועגען לוין. מען האט מיר א סאמעט הוט אנגעטהאן, אויף דעם וואגען צווישען די מחותנים און די מחותנת'טעס ארויפגעזעצט. דער עולם איז געווען פרעהליך אזוי ווי מען פאהרט אויף א חתונה. א ביסעל בגילופין, איז דער וועג אויך געווען א פרעהליכער. מען האט געגומען א ביסעל בראנפען. מיך האט מען נישט אויפגעהערט צו רופען „חתן“, אזוי די מחותנים, אזוי די מחותנת'טעס.

מילא, וואס ארט עס מיך? בין איך מיר דערווייל א חתן, עס איז דאך נור ביז דער „גרעניץ“ — זאל איך נור אריבערקומען... איך זיץ מיר דערווייל און חזר מיר אלץ איין, ווי איך היים: שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן.

נור פון פיעל חזר'ן פערגעס איך טהיילמאל דעם פאדערשטען, טהיילמאל דעם הינטערשטען נאמען, טהיילמאל מישען זיך מיין נאמען און יענעמ'ס נאמען אזוי צוזאמען, אז עס איז מיר שווער ארויסצוקריכען. און אמאל דאכט זיך מיר גאר, אז איך בין שוין אויס „איך“ געווארען. און אנגעגומען אנ'אנדער פערזענליכקייט מיט אנ'אנדער מזל, אנדערע גליקען און אנדערע אומגליקען. און מיר בענקט זיך צוריק נאך מיין „איך“, צו מיין פאריגען מענש מיט מיין וועלטעלע... צום סוף האב איך גאר מורא. טאמער זאל זיך נישט מיין „שגץ“, בשעת מעשה איינשפּארען, ווען מען וועט מיך פרעגען ווי איך היים און גאר אנרופען א פרעמדען נאמען, אדער ווייס איך וואס? פאר וואס דען נישט? וואס פאר א שייכות האב איך מיט'ן נאמען שמואל גאלדמאן? פאר וואס נישט יעקב שלייפמאן?

און אזוי ווי איך קלעהר פון יעקב שלייפמאן האקט זיך מיר איז קאפּ אריין א יעקב שלייפמאן, און וויל מיר נישט באין אופן ארויס פון קאפּ, מיט איין ווארט: איך היים יעקב שלייפמאן, ניין, געוואלד, איך היים דאך גאר שמואל גאלדמאן, טענה איך צו מיר, און דער וואגען

מיט די רעדער קלאפּען מיר: נײן, יעקב שלײפמאַן און איך ארבײט מיט זיך: נײן שמואל גאָלדמאַן, און דערווײל קומט גאָר מײן אײגענער נאָמען און גיט זיך מיר אַ מיש ארײן. איך קען שוין גאַרנישט ארויס — איך קלעהר שוין פון גאַרנישט.

אין דעם רופט זיך אן ר' יצחק עקספּעדירער:

— חתן, וואס זיצט דו אזוי פערקלעהרט? ווי הייסט דו חתן?

— יעקב שלײפמאַן.

— אזוי איז גוט. וועל איך האבען א שעהנע חתונה, — רופט זיך אן ר' יצחק, — וואס פאר א „שלײפמאַן" איז אויף מיר געקומען! שמואל גאָלדמאַן הייסטו דאָך גאָר.

— יא, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, הויב איך אויפ'ם נײן אן צו חזר'ן.

דערווײל זײנען מיר שוין אנגעקומען צו דער „טאַמאַזשנע", אונז זײנען אקעגען געקומען צװיי פון יענע יונגע לײטלאָך מיט די בלאָהע קאַנטען, און בלאָהע היטלען. מײן הארץ הויבט אין מיר אן צו קלאַפּען „שמואל גאָלדמאַן". „יעקב שלײפמאַן". מײן ר' יצחק לויפט זײ א קעגען מיט דער פלאַש אין דער האנד. און הייבט אן טײלען כבודים. „זעהט, דאס איז מײן זוהן, דער חתן, ער האט היינט חתונה", ווײזט ר' יצחק אויף מיר מיט'ן פינגער, און די מחותנת'טע רײזע הויבט מיך אן צו בענשען, און דערזעהענדיג אז ר' יצחק איז מיט די לײטלאָך אזא „פּאַן בראַט" ווער איך אביסעל שטאַרקער ביי מיר און דער „שמואל גאָלדמאַן" הויבט זיך מיר אן אויסצוקלערען.

מען פיהרט אונז אין טאַמאַזשנע ארײן, ר' יצחק וואַרפט אויף דער שוועל א ווינק צו מיר: — נו חתן, שמואל גאָלדמאַן, ווי פיהלטו זיך? און צום סטראַזשניק, וואס איז דאָרט נעבען אונז געשטאַנען, כדי ער זאל נישט חושד זײן. — ער פאַסט דאָך נעבאך היינט.

מיר זײנען ארײן אין „טאַמאַזשנע". אינווײניג זײנען געשטאַנען גאַליציאַנער אידלאך, האלב נאַקעט, מען האט זיי ארומגעזוכט, און זייערע לאַנגע פּאות האבען זיך געטרייסעלט פאר שרעק. א דיקער, הויכער, שטאַרקער פּריץ, האלב אנגעטהאַן ווי א אפיציער האט אונז מקבל פּנים געווען מיט א געלעכטער: וואס איז דאס עפּעס ביי דיר פאר א שמחה?

— זעהסט, פאני לעבען, אונזער זוהן, אונזער חתן, וואס מיר מאַ־כען היינט מיט גאט׳ס הילף חתונה, דו מוזט מיט אונז פאהרען, מיר ריהרען זיך נישט פון ארט, — זאגט צו איהם ר׳ יצחק.

דער הויכער פריץ שטעהט און בעטראכט מיך פון קאפ ביז די פיס, מיר אויף די ליפען איז אנגעגרייט, ווי עפעס א קוויטש: יעקב שלייפמאן — (נור געוואוסט האב איך, אז איך היים שמואל גאלדמאן).

— גאר א פיינער בחור, — זאגט צו מיר דער הויכער, דיקער פריץ, — דו האסט עפעס ליעב די כלה?

איך חזר מיר אין זיך: שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן.

— ער שעמט זיך, — פערענטפערט מיך ר׳ יצחק פאר׳ן פריץ, — ביי אונז זעהסט דו, גנעדיגער פריץ, איז דאך אנדערש ווי ביי אייך, ביי אונז זיצט דאך אזא בחור ווי ער אין „באזשניצע" און לערנט. —

— דער בעסטער לערנער אין שטאדט. פאר איהם פאסט ניט זעהן די כלה, די מאמע זעהט די כלה פריהער, דערנאך ערשט אין די חתונה — ערקלעהרט איהם רייזע.

— נו, יעצט חאטש מוז דער „יאסנע פאן" מיט אונז „זשידקעס" בראנפען טרינקען, אז גאט האט מיר שוין יא געהאלפען און דערלעבט חתונה צו מאכען א קינד, — זאגט ר׳ יצחק, אנגיסענדיג בראנפען.

— אז גאט האט אונז דערלעבט — העלט אונטער רייזע און טרע־רען הויבען אן איהר צו קאפען פון די אויגען. די אידענע געהט צו צו מיר: — מיין זוהן, מיין קרוין, מיין נחת — און פאלט ארויף אויף מיר, און הויבט מיך אן צו קושען, צו האלזען: — מיין קרוין, מיין לעבען!

איך דערשרעק מיך, און רוק מיך אב פון איהר, א שווארץ יאהר, די אידענע האט זיך געמוזט פערגעסען.

דער הויכער, שטארקער פריץ קוקט אויף אונז.

— ער שעמט זיך צו קושען מיט א אידענע, — זאגט ר׳ יצחק.

— עס איז דאך א מאמע, — זאגט דער פריץ.

— ביי אונז איז אזא „זוויטשיי" (מנהג).

איך האב בעמערקט אין די אידענעס אויגען הייסע טרערען און איך האב געצווייפעלט: צי מיינט זי עס ערנסט. (אפשר האט זי זיך פערגעסען), אדער פאלש, בכדי דעם פריץ אבצונארען.

— ווי הייסט דו? — פרעגט מיך איינער דערוויי‌ל פון „די לייטלאך“.

— שמואל גאלדמאן, — ענטפערט פאר מיך יצחק עקספעדירער און כדי איהם פון חשד ארויסצונעהמען גערט ער צו: — מיט מיר רייד, פריץ לעבען, ער איז היינט א חתן, ער פאסט היינט, איז ער שוואך, — און באלד ווענדעט ער זיך צום פריץ:

— נו, זאל דער פריץ דערלעבען זיינע קינדער חתונה צו מאכען, און זיינע אייניקלאך, און זיינע אור־אייניקלאך — זאגט ער צו איהם דאס גלאז דערלאנגענדיג.

נו, אויף דיין געזונד, „פאן מלאדי“, — זאגט צו מיר דער פריץ, די האנד אויסשטרעקענדיג: — דא האסט דו א רובל „קאפקע געלד“. גיב דער כלה צו בעהאלטען.

„יעקב שלייפמאן, יעקב שלייפמאן, יעקב שלייפמאן“ — חזר איך מיר דערוויי‌ל.

— עס איז דאך נאך א קעלבעל, עס ווייסט דאך נאך פון גאר נישט, — פערענטפערט מיך ר׳ יצחק צונעהמענדיג דעם רובעל.

— איך חזר מיר. יעקב גאלדמאן, יעקב גאלדמאן, יעקב גאלד־מאן.

— האסטו נאר גארנישט ביי דיר? — זאגט צו איהם דער פריץ, בעטאפענדיג.

— ע, פריץ, דו בעליידיגסט מיך, זאגט צו איהם דער איד.

— חלעבען, פריץ, אין אזא טאג, — העלפט איהם אונטער רייזע. באלד האט אונז דער שרייבער דאס קוויטעל דערלאנגט.

— נו, קום חתן? ציהט מיך ר׳ יצחק.

דאס צווייטע מאל האט ער נישט געדארפט איבער׳חזר׳ן.

— נו, חתן! — ווי הייסט דו?

— שמואל גאלדמאן, ענטפער איך איהם.

— אז מען דארף נישט ווייסט ער, בייזערט זיך ר׳ יצחק.

מיר קומען אן צום רויטען קלאטץ — פון דער צווייטער זייט קומט אהער דער עסטרייכישער; מיר גיבען איבער דעם סאלדאט דאס קוויטעל, מען לאזט אונז אריבער.

נו, אט איז מען שוין אויפ׳ן צווייטען זייט. מיר געהען אריין צום „עסטרייכישען“. דארט איז ר׳ יצחק אין דער היים, רעדט אידיש ווי

אין בית־המדרש און כאפט פון דעם „עסטרייכישען" מיט'ן שפי־ציגען בערדעל א ציגארעל.

— דאס מאך איך א האכצייט היינט, א חתונה הייסט דאס, מיט מיין עלטערען זוהן אין קראקוי — דערצעהלט ער איהם.

—שמואל גאלדמאן — רוף איך אוים מיין נאמען.

— דא דארף מען נישט — ציהט מיך ר' יצחק ביים ארבעל.

די באהן איז באלד ביי דער גרענעץ. גאליציאנער אידלאך אין צילינדערלאך. אלע טראגען זיי צילינדערלאך, אפילו שוין אבגעלעבטע, איינגעבויגענע, אבער דאך צילינדערלאך, אין א פראסטען מיטוואך. עפעס זעהט עס אוים ווי חול־המועד, און איינער גיט דעם צווייטען אב כבוד און „שפרעכען" זיך דייטש מיט א אידישען נוסח. אנשטאדט „הא? הא?" וואס איין איד פרעגט דעם צווייטען בשעת'ן ריידען, האטש ער דערהערט וואס מען רעדט, איז ביי דער נוסח: ביטע, ביטע. אין מיטען דעם עולם דרעהט זיך א אידענע ארום מיט א גרויסען אלט מאדישען טייסטער מיט פערשיעדען־לענדיש געלד: — אפשר ברויכען זי עסטרייכישעס, רייטשעס, ענגלישעס, אדער דער־איבעריגעם (רוסישעס)? — און איך דרעה מיך שוין פראנק און פריי ארום מיט מיין אייגענעם נאמען און מיט מיין אייגענעם „איך" און „אוים חתן" און קיינער זאגט מיר שוין נישט קיין ווארט...

איך האב מיר געקויפט א בילעט פאר „קרייצער" שוין מיט „קראנען" און בין מיר אין וואגאן אריין מיט די מחותנים.

— נו, „חתן" וועסט דו באטש קומען אויף דער חתונה? — פרעגט מיך ר' יצחק.

— אודאי, וואס דען?

און איך וויל מיר שוין דעם סאמעט־הוט אויסטהאן, ערשט עס קומט אריין דער אייגענער געזונדער, שטארקער פריץ אין וואגאן אריין, מיר בעהאלטען זיך צוריק — ער זוכט אונז אבער אויף:

— נו, ק'טשארטו, איך פאהר מיט אייך, זשידקעס, צו דער חתונה מיט — רופט ער זיך אן.

פינסטער איז מיר, פינסטער איז ר' יצחק'ן אין די אויגען גע־ווארען.

און ר׳ יצחק שמייכעלט נאך: — הונדערט יאהר זאלסטו שוין לעבען דערפאר, פריץ לעבען, דער „חתן" טאנצט פאר פרייד. וואס גיין חתן? — וואנדערט ער זיך צו מיר.

„זאלסטו אזוי לעבען!" — טראכט איך מיר, און הויב מיר אויפ׳ס נייע צו חזר׳ן: שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן.

די הערצער קלאפען אין אונז און ר׳ יצחק מיט רייזע׳ן זיינען מלא שמחה.

מיר פאהרען דערוויל ווייטער, איך שפיעל דערוויל די ראלע אלס „חתן". ר׳ יצחק רופט צוזאמען די גאליציאנער אידלאך און שטעלט מיך פאר פאר זיי. מען ווינשט מיר מזל־טוב, דער זיווג זאל „עולה יפה" זיין.

— און וואס וועט דער סוף זיין?

און כ׳לעבען, איך האב מורא, טאמער איז דאס גאר נישט קיין שפיעל, קיין אנשטעל, א קשיא אויף גאליציען, מיר הערען זיך אזוי פיעל אן: אריינגעכאפט א מיידעל אין א קאטוילישען קלויסטער אריין. אבגע׳שמד׳ט און פערפאלען, א גויה׳טע. כאטש דער טאטע לויפט צום קייסער, די מאמע צום גלח — דאס מיידעל וויל ניט עסען קיין טרפה, און זאגט „מודה אני" — פערפאלען. גע׳שמד׳ט. ווער ווייסט, מען האט מיך אריינגענארט אין זאק אריין און געמאכט מיך פאר א „חתן". מען וועט מיר געבען א כלה — און געה שריי „חי וקים".

און וואס וועל איך זאגען פאר מיין ווייב אין דער היים?

מיר קומען אן אויף א סטאנציע פון קראקוי. עס קומען ארויף יונגע לייטלאך — שבת׳דיג אנגעטהאן, מלא שמחה. אין מיטען עפעס ווייבער.

— דא זיינען דא אונזערע מחותנים? — פרעגט מען אין דער לופט.

— פינסטער איז מיר! — רופט ר׳ יצחק אויס:

— טאטע, מאמע — שרייט א יונגערמאנטשיק — אין א הויכען סאמעט־הוט, מיט א נייער קאפאטע, און א נייעם שירם מיט א פאר נייע קאלאשען, פון וועלכע מען האט אנגעזעהן, אז ער איז טאקי דער אמת׳ער חתן.

— ווער איז מיר, שמואל מאך פליטה — ווארפט איהם אונטער ר׳ יצחק.

אין דעם אויגענבליק — דער חתן איז נישט דא.

די מחותנים שטעהען פערגאפט, קוקען זיך ארום.

— נו, וואס שטעהט איהר יונגע לייטלאך? איהר זייט דאך חתן־בחורים. אט האט איהר דאך דעם חתן, — רופט ר יצחק.

די בחורים שטעהען און גאפען.

— נעהמט איהם — גיט ער א ווינק צו די יונגע לייטלאך.

די בחורים גיבען מיך א רינגעל ארום, מען גיט מיר אב „שלום עליכם" — איך לאז מיך: ווארט, איך וועל אייך שוין ווייזען, טראכט איך מיר.

שווייגעדיגערהייד פאהרען מיר צו קיין קראקוי. מיר קומען אן אויף די סטאנציע. איך כאפ מיין פעקעל, גיב מיך א לאז ארויס און כאפ א דראזשקע:

— פאהרען!

— חתן, חתן — דא, דא, הער איך הינטער מיר קולות רופען.

— פאהרען! בעפעהל איך נאך אמאל דעם פוהרמאן.

— דא, דא, חתן — רופט מען הינטער מיר.

די דראזשקע פאהרט מיט מיר אוועק.

— לאזט, לאזט איהם — דא איז דער חתן, דא — רופט ר׳ יצחק.

און וואס דער סוף איז דארט געווארען, ווייס איך נאך נישט ער היום

# א אידישער נגיד.

---

.1

## צוויי שטעדטלאך.

גאמבין און גאסטעניין זיינען צוויי קליינע שטעדלאך, וואס איינס ליגט הארט נעבען דעם צווייטען, דאס לעצטע איז נאר א טפל, א צולייג צום ערשטען (כאטש גאסטעניין זאגט דאס זעלבע אויף גאמבין). ווארים גאמבין איז א מקום, וואס ערציהט פרויענצימער, גאסטעניין איז ווייטער א מקום, וואס איז מגדל מאנספערשוינען און גאט ברוך הוא האט זיך געקליגט צו בעשאפען איין שטעדטעל הארט נעבען די צוויי־טעכדי אז אידען זאלען זיך קענען צוזאמען משדך זיין (אין איין שטאדט א שדוך טהאן, וואס דארט זאל זיך דער חתן מיט דער כלה געפינען, פאסט דאך נישט, זיי קענען זיך דאך נאך אמאל אין דער גאס צוזאמען טרעפען), און כאטש גאסטעניין ערציהט דאך מאנספערזאנען, דאך איז עס נאר א צולייג צו גאמבין, ווייל די יונגע לייטלאך קומען דאך צו די שוועהר'ס קעסט עסען, קומט אויס, אז גאסטעניין ווערט וואס אמאל קלענער, גאמבין — גרעסער.

אויף דעם וועג פון גאמבין צו גאסטעניין איז פאראן א אידישע קרעטשמע, כדי דארט זאל זיין דער צוזאמען־פאהר פוןביידע צדדים. א בעזונדערע שטוב איז דירעקט אין דער קרעטשמע געמאכט געווארען,

אז חתן כלה זאלען צווישען זיך א ווארט כאפען, און דארט שרייבט מען תנאים.

אלע גאמבינער אינגלאך האבען זיידעס און פעטערס אין גאסטעניין, אלע גאסטענינער אינגלאך האבען באבעס און מומעס אין גאמבין, און אז איהר פאהרט אויף דעם וועג פון איין שטעדטעל אין צווייטען, זעהט איהר טהיילמאל ווי אינגלאך מיט אויסגעווייינטע אויגען לויפען מיט שרעק פון איין שטעדטעל אין צווייטען אריין, א ברוגז זיך אודאי אין דער היים געמאכט, לויפט ער צו א זיידען אדער צו א פעטער... און אז עס קומט חול־המועד געפינען זיך גאסטענינער בעלי־בתים אין גאמבין — גאמבינער בעלי בתים קומען צו גאסט נאך גאסטעניין.

דער וועג, וואס פיהרט פון איין שטעדטעל אין צווייטען אריין, הייסט אין גאמבין: „דער גאסטענינער וועג“. אין גאסטעניין רופט מען איהם: „דער גאמבינער וועג“, און אז ס'קומט שבת, געהען גאסטענינער בחורים אויף איין זייט וועג שפאצירען, גאמבינער מיידלאך אויפ'ן צווייטען זייט שפאצירען, און ווען נישט דער תחום־שבת וואלטען זיי זיך צוזאמען געטראפען...

שבת נאכ'ן עסען, אזוי ווי דאס שטעדטעל ווערט נאר איינגעשלאפען, לאזט זיך א בחור פון גאסטעניין אויף דעם „גאמבינער וועג“ ארויס, ער טראגט א לאנגען ראק מיט צוויי שניטען, אן אומגעלייגט קעלנערל אויפ'ן האלז. און דער בחור געהט, ווייטער... ווייטער... קוקט זיך אלע מאל מיט שרעק ארום, אויב עס געהט איהם, חלילה, נישט ווער נאך, און ער געהט, און א ווינד בלאזט, דערהייבט דעם שטויב און ער ווערט אין קארזש פון מענשענס אויגען בעהאלטען.

שבת נאכ'ן עסען, אזוי ווי דאס שטעדטעל ווערט נאר איינגעשלאפען, לאזט זיך א מיידעל פון גאמבין אויף דעם „גאסטענינער וועג“ ארויס, זי טראגט א גרין, לאנג קליידעל, מיט א זומער פאלדענדיגען זשאקעט, און דאס מיידעל געהט ווייטער... ווייטער.... קוקט זיך אלע מאל מיט שרעק אום, אויב עס געהט איהר, חלילה, נישט ווער נאך, און זי געהט, און א ווינד בלאזט, דערהייבט דעם שטויב און זי ווערט אין קארדזש פון מענשען'ס אויגען בעהאלטען

אין מיטען וועג טרעפען זיי זיך צוזאמען.

— פייגעלע ! מיין מאנד !

— שמערל ! מיין זעעלע !

א געליעבטער מיט א געליעבטע זיינען דאס, וואס לעזעןביידע שמר'ס ראמאנען.

---

2.

## די שטעדטלאך צום נגיד.

דער מארק אין גאמבין איז מיט קליינע הילצערנע הייזלאך ארום גערינגעלט, וואס פון דערווייטענס זעהען זיי אויס ווי קליינע שטיקלאך אבגעבראכענע פלויטלאך, און צווישען די שטיקלאך פלויטלאך פון איין זייט מארק קוקט א געלב אבגעפארבט הויז ארויס העכער פון אלע, און דער נייער אנגעשמירטער דאך גלאנצט מיט עזות אין דער גאס אריין. אויף א הילצערנעם אלט-מאדישען גאניקעל, וואס הענגט אי־בער א נידריג געוועלב, טאקי אין דעם זעלבען הויז זיצט שאשע, בערקע דעם נגיד־ס וויב, א דיקע, ברייטע פרוי אנגעטהאן אין א ברייט פארטוך, און דאס בונט שליסעלאך, וואס איז אריינגעשטעקט אין דעם פארטוך, און די גרויסע גאלדענע באמבעס, וואס הענגען אראב פון די גרויסע אויערען, שאקלען זיך יעדע ווילע אזוי ווי נאר די אידענע בעווגט זיך. ביי איהר זייט אויף דעם גאניקעל שטעהט עפעס א

פון דער צווייטער זייט מארק פאר א ווייס-הויז, וואו עס גלאנצט אינגעל אנגעטהאן אין א לאנגע קאפאטע מיט א ספר אונטער'ן ארעם און ציהט זי ביי דעם פארטוך און קוויטשעט עפעס וויינענדיג.

זיך א שילד, שטעהען אייניגע פייער־קענדלאך מיט וואסער און עפעס א סטראזשניק, עפעס א גוי מיט אבגעפוצטע שטיוועל און הויזען, מיט בלויע לאמפאסען און א היטעל מיט לאמפאסען, דרעהט זיך אין מארק ארום.

אין מיטען גאס שטעהט א דראנג, אויפ'ן דראנג איז א ברעט אנ־געשלאגען מיט אבגעריבענע אותיות. ביים דראנג הענגט א לאנטערן מיט א פערויכערט גלעזעל, ביי דער לאנטערן שטעהט אן אבגעריסענער איד, מיט א צוריסען פערדרעהט היטעל, און קראצט זיך אין דעם

שווארצען אבגעברענטען לייב, וואס קוקט ארויס פון דער צוריסענער קאפאטע, און דער איד שטעהט, קוקט אין נאס און לאכט.

א איינגעלע געהט דורך און שרייט: וועלוועל משוגע'נער! וועלוועל לאכט; באלד דערמאהנט זיך דאס אינגעלע, אז עס איז שוין שפעט, איילט ער זיך אין חדר אריין.

אין מיטען מארק שטעהען א קופקעלע אידען, אנגעטהאן אין לאנגע קאפאטעס, מיט שטעקענס אין די הענד און שמועסען צווישען זיך, איינער שטעהט ביים דראנג און שרייבט עפעס אין ביכעל אריין.

פאר די געוועלבלאך שטעהען ווייבער מיט שטריק-נאדלען אין די הענד, שטריקען, שמועסען צווישען זיך; פון ערגעץ וואו הערט מען א וויינענדיג געשריי פון קינדער: א חדר אודאי נישט ווייט...

אין דעם מארק, טאקי אין דעם געלבען הויז זיצט בערקע, דער שטאדט-נגיד. פון וואנען ער איז נגיד געווארען? נישט קיין באהנען געמאכט, נישט קיין שיפען אויפ'ן ים! איין גאט ווייסט עס! אין ד'עם מארק צווישען די צובראכענע אבגעריסענע פלויטלאך דערצעהלט מען אזוי:

אין אפטייקערס הויז אונטער די טרעפ איז אן איינגעלייגטער אויוועז דא, דארט האט אמאל א בעקער געוואהנט, אפילו ביי טאג איז אויך א סכנה דורך דעם הויז דורכגעהן, איינציגע ווייבער האבען שוין דארט, נישט דא גערעדט, גע'מפל'ט, ווען זיי זיינען אליין דורכגעגאנגען. נאטע הירש דער וואסער-טרעגער האט דארט געזעהן אייער ליגען, מיינט ער, אז עס האט זיי ווער אנידערגעלעגט און פרעהט זיך אויף דער כשר'ע מציאה, וואס גאט האט איהם געשיקט. און נאר אזוי ווי ער שטרעקט זיין האנד אויס: שטעה! עס פלאצען די אייער, און פערשיידענע מענשלאך פליהען ארויס מיט א גרויס געלעכטער, און זיינען ערגעץ וואו פערשוואונדען געווארען.

און אויף בערקען פלעגט מען זאגען נאך פון קליינערהייט אן, אז ער האט צו טהאן מיט „יענע לייט". דארט אין אפטייקערס הויז אויפ'ן אויוועז פלעגט ער טאקי נעכטיגען, צוועלף א זייגער ביי טאג זעהט מען איהם תמיד אליין צום בית-עולם געהן און דער ריכטיגער סימן איז, וואס זומער טראגט ער שטענדיג א גראבען פעלץ און עס איז איהם נישט הייס, ווינטער א לייכט כאלאטעל און ס'איז איהם נישט קאלט.

און בערקע האט אמאל „אזא איינעם“ בעשווארען, און יענער האט איהם געוויזען פיעל טעפ רענדלאך, וואס דער אלטער אפטייקער האט אין אויוועז געהאט איינגעמויערט.

געוועזען איז עס ארים אידיש געלד, פון קראנקע דערשלאגענע מענשען, וואס דער אפטייקער פלעגט פון זיי די הויט רייסען, דורך דעם האט נישט דער אפטייקער און נישט בערקע קיין שליטה דערצו. זיי זיינען נאר שומרים איבער דאס געלד.

דעריבער איז דאך שוין קיין וואונדער ניט, וואס בערקע איז א קארגער, אז ער האט קיין שליטה נישט אויף זיין איינגען געלד. טאקי ער וויל העלפען, מיט'ן גאנצען הארצען וויל ער, מען זעהט דאך טאקי ווי ער וויינט פשוט מיט טרעהרען, בשעת יענער קלאגט זיך פאר איהם, נאר העלפען קאן ער דאך נישט... אז עס איז נישט זיין געלד.

און כאטש אין גאמבין אליין איז בערקע אזוי שפל'דיג — טאקי ביי די גאמבינער בעלי־בתים — אבער אין דער פרעמד האלטען גאמ־בינער בעלי־בתים זעהר פיעל פון זייער בערקע, שטאלצירען מיט זיין רייכקייט און בערימען זיך מיט זיין דארף „זאפאראווקע“, וואס שמ'ט אין די סביבות — און זאגט א גאמבינער בעל־הבית, אז א קוטנער נגיד איז רייכער פון בערקען, איז ער אייך גרייט א לעבעדיגען אויף צו עסען.

גאמבין ווארט אויף בערקע'ס טויט ווי אידען ווארטען אויף משיח'ן, א פלייט צום בית עולם, דאס בית־המדרש — א דאך, די מקוה — א נייעם קעסעל, די שוהל — אן ארון: אלץ אויף בערקע'ס טויט, קוים מאכט בערקע „דאס עסק“... וועט שוין אויף אלעם קלעקען.

גאסטעניין ווארט אויך אויף בערקעס טויט — אי וואס? גאר נישט! דאכט זיך אזוי גלאט וועט שוין ניט דורכגעהן: זיי זיינען דאך אויך אידען און דארפען אויך: איינס זייערע זיהן זיינען גאמבינער איי־דעמס, גאמבינער בעלי־בתים — זייערע מחותנים. ווען גאמבין שפארט זיך איין: זיי קענען ווארטען ביז משיח וועט קומען, זעצען זיי א בית־דין: ווי הייסט? זיי זיינען דאך אויך ארימע לייט — מאכט מען א פשרה: זיי וועלען אויך א חלק'ל קריגען — עס קומט זיי טאקי נישט — נאר גלאט, זאלען זיי וויסען, אז גאמבין איז גאמבין.

און בערקע געהט דערווייל ארום און לאכט.

נאך דער שרפה שיקען די ראשי־הקהל צו איהם: ר' בערקע קרויז

— וואס איהר האט צו געבען, גיט שוין, מיר זיינען דאך אין אן עת־צרה, וועט מען שפעטער וועלוועלער לאזען.

נאר געה און שמועס מיט א מענש, וואס האט קיין שליטה נישט אויף זיינע אייגענע געלד. ענטפערט ער זיי:

— דערווייל קיין גראשען געלד נישט, דערנאך וועט איהר צייט האבען.

פאר דעם האט מען איהם גע'קנס'עט. — זיך נישט צו ריהרען ביז פופציג רויטע וועלען נישט ליגען אויפ'ן טיש.

און דער גבאי פון חברה־קדישא בעזונדער מיינט, אז וויפיעל בערקע וועט געבען וועט מען אלץ נישט די מטה מיט'ן נייעם טוך בע־דעקען.

אנדערע בעלי בתים האבען תרעומות; וואס זאל ער נעבאך טהאן, אז ער קאן נישט, אז ער האט קיין שליטה נישט?

3.

## דער נגיד צו די שטעדטלאך.

בערקע איין איז זעהר א ווייכער מענש פון דער נאטור, א גוטער ברודער; האלט זיך נישט גרויס מיט זיין פערמעגען, דרעהט זיך א גאנצען טאג ארום אין דער גאס, אנגעטהאן אין אן אלטע פאפיעלאטע קאפאטע, אבגעלאקירט פון דער זון, מיט נייע בענדער און קנעפ בענעהט, דאס היטעל אויסגעריבען, האלט אן אלטען שטעקען אין האנד, וואס אויבען ביים אננעהמער איז ער גלאטיג, א סימן אז ער דיענט שוין לאנג זיין בעל־הבית. קוקענדיג אויף בערקען, אויף זיין אויסגעטרי־קענט געזיכט, אויף די קאלטע הארטע קנייטשען, וואס פאלטען זיך אין זיין פנים, קריגט מען אויף איהם גרויס רחמנות — ער זאגט מיט שרעק, ווי א כושל, יעדען ציטעריג „גוט מארגען", שמייכעלט צו אלעמען ליעבליך און חנפ'עט אלעמען, ווי ער וואלט חלילה געברויכט יענעמ'ס לאסקע, און קרעכצט תמיד אויף דער ביטערער צייט.

— גוט מארגען, האצקעל, וואס מאכסטו עפעס גוטס? זאגט

ער צו האצקלען דעם בעל עגלה, ווען דער לעצטער געהט פון א געוועלב ארוי'ס און האלט אין האנד א קעסטעל מיט שמירעכטס.

— זעהסט דאך, בערקע (אלע אין שטאדט רופען בערקען), מען שמיערט דעם וואגען און מען פאהרט.

— וואוהין דאס ?

— וואו דען, אז נישט קיין גאסטעניין ?

דערווייל קומען זיי אן צו האצקעל'ס וואגען, איינגעשפאנט אין צוויי אויסגעמאגערטע גנאדעס. בערקע געהט צו, קלאפט אויפ'ן פערד'ס רוקען, זאגענדיג צו האצקלען.

— וואס מאכט דיין חיה עפעס ? אוי, גאר נישט קיין בריה, שוין צייט זי איבערצוטוישען, האצקעל. און האצקעלס גנאדע שטעהט אויסגעשטרעקט די אויערען, הארכט אוים דעם שמועס — און פערקלעהרט זיך : מען מיינט זי אפשר ?

האצקעל דרעהט אראב דעם ראד, שפארט אונטער דעם וואגען מיט'ן רוקען.

בערקע געהט צו, שטעקט ארונטער דעם וואגען זיין דיקען שטעקען און וויל האצקלען העלפען דעם וואגען אונטערהויבען. און פרעהענדיג זיך אויף די טובה, וואס ער טהוט דא איצט האצקלען, זאגט ער מיט בעהאלטענעם נחת :

— ווייסט וואס, האצקעל ? איז זאכארעווקע זיינען דא גוטע פערד צו קויפען, פאהר ארוים און זוך דיר עפעס אויס א סחורה'לע פאר דיר, ער וועט דיר וואלוועל פערקויפען, ברוך.

האצקעל ארונטער שטעקענדיג דעם קאפ אונטער דעם וואגען, דעם אקס שמירענדיג, ענטפערט איהם פון אונטער'ן וואגען :

—יא, ברוך. גאר נישט מיט איהם וואס צו מאכען, זיעבען און צוואנציג רובעל שוין געוואלט איהם געבען און ער וויל נישט הערען און געדענקען.

— אזוי, וויל נאך נישט — וואונדערט זיך בערקע, חא, חא, חא, — ער קנייטשט איין דעם שטערען, און עס דאכט זיך, אז ער האט עגמת־נפש פון זיין רזשאנדצע, וואס ער וויל קיין זיעבען און צוואנציג רובעל נישט נעהמען.

— וואלסט איהם א בריוועל אויסגעשריבען — רעדט האצקעל פון אונטער וואגען ארוים.

— ער, ביטערע צייטען! — קרעכצט בערקע און נעהמט ארויס א פושקעלע מיט שמעק־טאבאק און איז מכבד האצקלען, — עס זעהט אוים, אז בערקע איז זיך זעהר מצער דערויף.

דארט איין מיטען מארק שטעהען דאס קופקעלע אידען און קוקען אויף בערקען, ווי ער העלפט האצקעל פוהרמאן דעם וואגען אונטערשמי־רען, און זייערע פערטריקענטע ליפען, און דאס קלאפען מיט די שטע־קענס אויף די שטיינער דריקט אוים עגמת נפש אויף זייער נגיד, וואס ווייסט נישט צו האלטען זיך בכבוד און גיט זיך אב מיט א לאדע בעל־עגלה.

באלד קומט בערקע אן צו דאס קופקעלע אידען.

— גוט מארגען.

— גוט יאהר.

— וואס הערט מען נייעס? ווער האט איין זאכאראווקע געקויפט?

— ער וויל נישט פערקויפען, אייערער — רופט זיך אן איינער פון די אידען.

— אווא, פאר דריי און פערציג אויך נאך נישט! וואונדערט זיך בערקע.

— און איך זאג דיר, אז עס וועט דיר באנג טהאן, בערקע — זאגט צו איהם איינער.

א צווייטער העלפט איהם מיט:

— ווארט, בערקע! דו וועסט נאך אונז בעטען.

— מילא, קרעכצעט בערקע, מן הסתם וויל מען טייערער געבען. וועט א גאסטעגינער קויפען.

— און אונז דארף מען נישט לאזען לעבען, צובייזערט זיך שוין איינער.

— עך! — קרעכצט בערקע, און ווינקט צו א יונגען מאן פון דער קופע:

— זרח, זיי נאר מוחל.

יענער קומט צו איהם, און עפעס ווי ווילענדיג בערקען איבערבעטען זאגט ער צו איהם נאך אמאל זיין אייגענעם גוט מארגען:

— שוין היינט מאנטאג, נעכטען נאך צייט געווען, קרעכצט בעריקע.

— גלויבט מיר, איך וויים דאס, און וואס קען איך טהאן?

— איך האב דאך אויך א ווייב מיט קינדערלאך — בעט זיך בערקע און די קנייטשען פון זיין געזיכט זעהען אויס ווי וויינענדיג.

— די צייט איז שלעכט, פערענטפערט זיך זרח.

— די צייט איז ביטער? — זאגט בערקע, פרעגענדיג דערמיט זרח׳ן..

— הייסטו צושרייבען צום חוב — קרעכצט בערקע נאך א מאל.

— מילא וואס קען איך מאכען?

ביזט געבאך א שלי׳מזל׳ניק — בעדויערט איהם בערקע, שטארק אב־זיפצענדיג זיך.

זיי שמועסען ווייטער צווישען זיך.

באלד הערט מען פון גאניקעל שאשע׳ס, בערקע׳ס ווייב׳ס קול:

— בערקע, דער מיטאג איז שוין פארטיג.

— האסטו ווייטער א געשעפט — פערענטפערט זיך בערקע פאר דאס קופקעלע אידען, און באלד דרעהט ער זיך אויס, זאגט עפעס אן אויסרייד און געהט אהיים.

זיי קוקען איהם נאך.

באלד קומט בערקע אן פאר דעם שטעל גרינס, וואס איז פאר זיין הויז, נעהמט א רעטאך אין האנד, בעקוקט איהם פון אלע זייטען.

ער נעהמט א פיערער ארויס פון קעשענע און גיט איהם דער אידענע, וואס זיצט פאר דער שטעל.

די אידענע בעקוקט דעם פיערער אוןווארפט איהם אין א קווארט אריין.

שוין אן אויסגעדונגענער פרייז.

בערקע נעהמט דעם רעטאך און געהט מיט איהם אין הויז אריין.

— ווייטער געלד אויסגעגעבען — זאגט ער מיט א געלעכטעריל צו דעם קרעמער, וואס שטעהט אויף דער שוועל פון דעם געוועלבעל, וואס איז אונטער זיין גאניקעל.

דער קרעמער קראצט זיך אין בערדעל קאלטבלוטיג.

# די מאמע מיט דער טאכטער.

—און דאס איז דיר נאך גוט געווען, האסטו געהאט ווייניג, — גא דיר נאך. א שעהנע, ריינע כפרה אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! — האט ביילע געענטפערט דער טאכטער, אראבציהענדיג זיך דאס טיכעל טיעפער איבער די אויערן. דאס געזיכט בעהאלטען אין די גע־רונצעלטע הענד און געבליקט אויף די פלעשער, וואס זיינען פערשטעלט מיט גרויע בייגען פּאפּיער און קוקען אראב פון דעם הויכען שראנק.

דער אלטער ר' יעקב גאלדשטיין, וואס זיצט אויבען אן ביים טיש, האט אויפגעהויבען דעם קאפּ מיט דער לאנגער ווייסער בארד, און די אויגען האבען זיך ארויסגעשפּארט דורך דעם טרוקענעם, צו־זאמענגערונצעלטען פּנים.

— נו, זאג טאכטער, זאג אדרבה, וואס פעהלט דיר ביי אונז, האסט חלילה נישט וואס צו עסען, וואס צו קליידען, אדער וואס? אדרבה פרעג דיין מאן, זאל ער זאגען, אדרבה.

— איין מאל פיר אלע מאל, איך וויל דאס מייניגע און וויטער פּטור, איהר האט מיר צוגעזאגט 500 רובל נדן, — גיט מיר זיי! וואס, בין איך נישט ווי רחל'ע, ווי חיים דוד, וואס האט איהר צו מיר? גיט דאס מייניגע און לאזט מיר געהן.

— געהן, שמייען, וואו, אין דער ערד אריין? — האט זיך די אלטע ביילע צובייזערט, מאכענדיג מיט די צוזאמענגעקנייטשטע גע־רונצעלטע הענד. איהרע טרוקענע איינגצויגענע און איינגעפאלענע ליפּען, וואס זעהן אוים ווי א קנייטש אין געזיכט, האבען זיך פער־

שפרייט, גערייטעלט, און דאס האט מעהר אויסגעדריקט איהר פער־דרוס, ווי די גרויע אויסגעלאשענע אויגען.

נאך אמאל האט זיא דאס געזיכט אין די הענד בעהאלטען, קור־קענדיג אויף די פלעשער פון שראנק.

— גאר נישט געבייזערט זיך, גאר נישט געשריען, מען קען אלץ מאכען אין גוטען, האט זיך דער אלטער אנגערופען, אויפהויבענדיג זיך פון זיין פאטער־שטוהל. ער געהט צו צו דער טהיר, וואס פיהרט אין א צווייטען חדר און קלאפט אן.

— נחום, זיי מוחל.

עס עפענט זיך די טהיר, און נחום, א יונגערמאן פון א יאהר 20, בעוויזט זיך. זיין ווייס געזיכט, וואס שיינט ארויס פון דעם שווארצען בערדעל, און די ווייסע אויסגעצויגענע נאז האבען צו וויסען געגעבען אז זיין הארץ קלאפט.

— זאג נחום, זיי מוחל, אדרבה, דו ביזט דאך א בר אורין, אדרבה זאג, וואס פעהלט דיר ביי אונז?....

און די אלטע אויסגעלאשענע אויגען, וואס זיינען האלבליך בע־האלטען אין די ווייסע ברעמען, שטארען נאך מעהר ארויס פון דעם אויסגעטריקענטען דארען פנים, און עס דאכט זיך, אז אט פאלען די אויגען ארויס און עס בלייבען איבער נאר א פאר שווארצע טויטע לעכער.

— א, ווייס איך וואס? בנוגע מיר איז מיר אלץ איינס.

נחום'ס שטימע האט געציטערט, און דעמאלס ווען ער האט גע־רעדט, האבען זיך די לעפלען כשר'דיג איבער די אויגען אראבגעלאזט אזוי ווי זיי וואלטען עדות זאגען אויף דעם, וואס ער רעדט.

— נו? — האט זיך דער אלטער אנגערופען מיט א שטייגער, ווי ער וואלט געבעטען אום שלום ביי דער טאכטער.

— וואס, נו, — גאר נישט, איך וויל מיין געלד און ווייטער פטור, איין מאל פאר אלע מאל, איך בין א מענש פאר זיך, וויל איך מיר לעבען פאר זיך, וויל איך פרואווען מיין מזל, טאמער וועט מיר גאט אויפריכטען, שוין גענוג געוועזן ביי אייך ביז אהער.

נחום האט געקוקט אויף זיין ווייבעל. זעהענדיג איהר רויט געזיכט און איהרע פייערדיגע ברענענדיגע אויגען האבען זיך איהם נאך אמאל די לעפלען אראבגעלאזט איבער די אויגען און מיט א בעהאלטענעם נחת האט ער זיך די הענד געקוועטשט. זי האט געגעבען א קוק אויף איהם, האט זי די ליפען פערביסען.

— אבער דאך ניט איצט, אויף די מינוט, דערווייל איז דאך נאכט, דערווייל לייגט מען זיך שלאפען, — האט דער אלטער געזאגט, אויפהויבענדיג זיך פון זיין ארט.

די אידענע זיצט ביים טיש, דאס געזיכט מיטביידע הענד פערשטעלט, און די טראטלען פון איהר הויב בעוועגען זיך.

— גוט דערלעבט, מ'שטיינס געזאגט: מען בעט אויף קינדער — האט זי א מורמעל געטהאן, ניט אראבנעהמענדיג די אויגען פון דעם גרויען בויגען פאפיער.

די טהיר, וואס פיהרט אין צווייטען חדר, האט זיך פערהאקט.

א „גוטע נאכט“ האט זיך געהערט מיט א שטילען בייזערדיגען טאן.

— און איך זאג דיר, אז אלץ, אלץ איז פון זיין קאפ. אלץ ער, אלץ ער, — זאגט די אידענע מאכענדיג מיט די הענד, אזוי ווי מיט זיי וואלט זי דעם מאן עפעס ווילען געבען צו פערשטעהן — זי האט נאר קיינמאל דעם שכל ניט געהאט דערצו.

— א, וואס דיר פאלט איין! דער אלטער בלייבט שטיל און אין א ווייליע ארום זאגט ער ווייטער:

— וואס וועט מען איצט טהאן? עס קומט אויס נאר די קראם צומאכען אויף דער עלטער.

— קוקט איהם נאר אן, דו מיינסט טאקי, איך דארף זי? — די אלטע האט זיך אויפגעהויבען פון איהר ארט. — אויף טויזענד כפרות דארף איך זי, איך וועל מיר אליין אויך קענען אן עצה געבען.

דער אלטער האט אלץ געקרעכצעט.

אין דעם צווייטען חדר.

נחום געהט הין און צוריק.

— בטלן, צו מיר האט ער נאר א פיסק, מיר קען ער נאר יאגען, און האלט עס עפּעס ביים טהאן, שטעהט ער ווי א גולם, — האט זיך שרה געבייזערט, אראבנעהמענדיג די נייע פלושענע קאלדרעס פון די בעטען.

נחום האט זיך געשטעלט ביי דעם שראנק: שרה'לע, פערשטעהסט נישט, איך קען נישט, מיך וועט מען צום רבי'ן שלעפּען — ער געהט צו נעהנטער צו איהר — ער וועט מיך פערקלאגען, אז איך וויל פון לערנען אבשטעהן. דו מעגסט, פאר דיר פאסט עס.

ער נעהמט זי אן ביי דער האנד.

זי שטופּט איהם אוועק: געה, שוטה.....

---

אין א פאר וואכען ארום.

דאס פערשטויבטע שווארצע שויפענסטער פון ר' דוד קובער־באבערס געוועלב איז היינט אבגעפּארבען, אבגעוואשען און אויסגע־שטעלט מיט פערשיעדענע פּרוכטען: א טהורם פּאמעראנצען בעפּוצט מיט ניס, מאנדלען, עפּעל און בארנעס פוןביידע זייטען ציהט צו צו זיך יעדען פערבייגעהער, אזוי ווי די שווארצע אויגען, וואס בעהאלטען זיך פערשעהמט אין דעם איידעלען געזיכט פון דער יונגער ווייבעל, וואס שטעהט אויף דעם שוועל.

אויף די טהירען, אנשטאדט די פריהערדיגע פערשטויבטע שיל־דען מיט אבגערייבענע ווערטער, העגנען היינט א פאר נייע אויס־געמאלטע שילדען מיט פערשיעדענע פּרוכטען, אונטען שטעהט אויפ־געשריעבען דער נאמען: נחום גאלדמאן.

אין דעם צווייטען הויז איז אויך א פּרוכט־האנדעל. אין אלטע פערשטויבטע קערב זיינען די פּרוכטען, וואס קוקען ארויס פון דעם שויפענסטער, אזוי ווי דאס געזיכט פון דער אלטער אידענע, וואס שטעהט ביי דער טהיר.

אויף די טהירען הענגט א שילד: יעקב גאלדשטיין.

ביידע ווייבער שטעהען, אזוי ווי גרייט מלחמה צו האלטען.

עס געהט דורך א יונגער מאן. די אלטע אידענע פון דעם אלטען געוועלב, לויפט איהם אנטקעגען, כאפט איהם אן פאר די הענד און ציהט איהם.

— זייט מוחל, יונגער מאן, דא, זייט מוחל, וואלוועל און גוט, ערשט א נייעם סארט פון ווארשוי געבראכט.

דער יונגער מאן געהט מיט דער אידענע — זי האלט איהם פעסט ביי דער האנד און שלעפט איהם — אט האט ער שוין זיין טריט אויף איהר שוועל געשטעלט, און די אלטע אידענע האט א בליק גע־ווארפען אהין צו דער טאכטער, ווי זאגענדיג: אהא, ווער איז שטארקער?

שרה'לע שטעהט פאר איהר געוועלב און קוקט מיט איהרע שווארצע אויגען, ווינקענדיג צו דעם יונגען מאן. זי מאכט א בעווע־גונג מיט איהר האנד, ארויפנעהמענדיג זיך די האר.

דער יונגערמאן רייסט זיך ארויס פון דער אידענע און געהט אהין צו שרה'לען.

די אידענע לויפט איהם נאך: זייט מוחל, א פרישען סארט — וואלוועל, בחצי חנם.

— וואס פערדרעהט איהר מיר א קאפ, לאזט מיך אב! און דער יונגער־מאן געהט נאך שרה'לען אין געוועלב אריין.

— א בייזע פינסטערע נאכט צו דיין קאפ, חצופה, משומד'ת. אלע קונים נעהמט זי מיר אוועק — אויסגעריסען זאלסטו ווערען.

שרה'לע רופט זיך גאר נישט אן.

די אלטע געהט צוריק און זעצט זיך אנידער אויף דער שוועל פון איהר געוועלב.

---

צווישען דעם שווער און איידעם איז א גאנצע וואך שלום. אין בית־המדרש זיצען זיי ביידע און לערנען; קריגען זיי זיך אמאל איבער א תוספת'ל, ווערען זיי באלד שלום.

צווישען דער טאכטער און דער מאמען זיינען א גאנצע וואך מחלוקות.

די אלטע ציהט, שלעפּט דעם קונה, מיט געוואלד נויט זי איהם — די יונגע ווינקט נאר.

די אלטע שרייט, שילט און זידעלט, די יונגע שווייגט.

נאר שבת איז שלום.

שבת איז דער פריה, ווען אלע קראמען זיינען פערמאכט און א לאנג אויסגעצויגענער קול לאזט זיך הערען אין מיטען גאס : „אידען אין שוהל אריין“ ! געהט די אלטע אידענע ארויס פון איהר שטוב, פערבונדען דעם קאפּ מיט א טיכעל, זי געהט צו איהר טאכטער'ס לאדען און קלאפּט אן :

— שרה, מען האט שוין אין שוהל גערופען !

# אַ נעיגט פאַר-פאָלק.

דער הימעל, זאָגען מענשען, איז אומעטום גלייך. אָבער, זעהט איהר, דעם אילזשער הימעל האָט טאַקי דער אויבערשטער דוקא דירעקט פאַר איהר געמאַכט, — דעם שטעדטעל'ס הימעל. אַבגעפּאַסט איז ער, אז ער זאָל זיך ציהען פון דאָרט, פון נאָך דעם גוי'עשען „בית־עולם" ביז ווייט אונטער דעם באַרג, וואָס איז אויף יענער זייט שטעד־טעל. אבגעפּאַסט איז ער, אז דער סאַמע מיטען זאָל גלייך אויסקומען געגענאיבער דער שוהל. ווען מ'זאָל דעם הימעל מעסטען, וואָלט אויסגעקומען, אז דאס פּעהנדעל פון דער שוהל שטעהט פּונקט אין מי־טען הימעל, און מיט אַ כיון איז דאָס אַזוי געמאַכט געוואָרען, כדי דער הימעל זאָל קענען אלץ צודעקען, אַלע שיצען, אפילו דעם גוי'עשען „בית־עולם". זיי זיינען דאָך געווען אילזשער גוים, און אַן אילזשער גוי, מוזט איהר וויסען, איז אַ רעכטער צדיק, האַלט מעהר פון שבת איידער פון זונטאג — זאָל ער זיך אַן עצה געבען, אַז שבת זיינען דוקא אַלע געוועלבער פערמאַכט און זונטאג אָפען... אפילו דער אילי־זשער סטראַזשניק איז אויך מעהר איד ווי גוי! ער רעכענט זיך מעהר מיט'ן אידישען לוח, איידער מיט זייער'ן... אפילו זיין מונדיר טראָגט אויף זיך דעם ריין אידיש־אילזשער חן, אויך דאָס היטעל זיינס און די שליפעס! נאָך מעהר, אפילו אויף דעם שפּיץ פון דער קירכע וואָלט מען געקאָנט בעמערקען אויך עפּעס אידישעס: אויף דעם דריידעלע און חנ'דעל, וואָס איז אויף דעם שפּיץ, ליעגט עפּעס אויס־געגאָסען נחום מאיר דעם גלעזער'ס שיק...

און אפילו אין אַזאַ אילזשע האָט זיך אריינגעכאַפּט אַ דייטש און דאס איז געווען יחזקאל מיכאל'ס.

יחזקאל מיכאל'ס איז אמאל געווען א בית־המדרש־בחור, האט ער חתונה געהאט פון אילזשע, און דערנאך אז ער האט שוין געהאט א קינד, פאלט איהם איין א נארישקייט און ער פאהרט אוועק נאך ווארשוי. קומט ער צוריק דייטש געקליידעט. דער שווער הויבט אן שרייען, דאס ווייבעל וויינט און מען כאפט דעם גוי אריין צום רב.

דאס וואסער אין אילזשע האט א נאמען און גט'ן מעג מען.

און דאס ווייבעל וויינט און נעהמט א גט.

דאס קינד איז געבליבען ביי איהר, ער איז צוריק נאך ווארשע.

אויף אלע יום־טובים קומט ער אהיים צו זיינע עלטערן. אין שטעדטעל זאגט מען אפילו, אז דאס פאר פאלק האט נאך צווישען זיך א גרויס שיכות. נאר דאס איז א ליגען. דאס ווייבעל קאן זיין נאר מען ניט הערען, און וויל ניט נאך אמאל חתונה האבען נאך דערפאר, ווייל זי וויל דאס קינד זאל אביסעל עלטער ווערען.

---

געוועזען איז עס שבת נאך מיטאג, אילזשע האט אויפגעעפענט איהרע טויערען און ארויסגעפיהרט איהר ביסעל פערמעגענס אין גאס ארוים. איטליכעס ווייבעל, וואס האט נאר וואס עס איז פערמאגט, איטליכעס מיידעל, וואס האט נאר געהאט בעהאלטען א וועלכע עס איז שמאכטע, האבען זיך אנגעטהאן, אויסגעפוצט און שפאציערען גע־גאנגען. אויף צו ציערען זיך, און צו שפאציערען האט אילזשע איהר בעזונדער שיק. עפעס דאס געהן פון יעדען ווייבעל, פון יעדען מיידעל איז מיט א כיון, עפעס מיט א בעזונדער מיין: „זעהסט, איך האב מיך אויסגעציערט, געה איך מיר שפאציערען, כדי צו בע'חנ'ווען איל־זשע מיט מיין שעהנקייט"...

---

פאר א הויז שטעהט יחזקאל מיכאל'ס, א הויכער יונגערמאן, אנגע־טהאן אין א שווארצען קאפעליוש. דאס שנירעל פון קאפעליוש איז צוזאמענגעפלאכטען מיט דעם שנירעל פון דיברילען, און ער שטעהט און קוקט מיט א געלעכטערעל אויף די שפאציערענדע. קינדער רינג־לען איהם ארום, בעקוקען איהם פון קאפ ביז די פיס; די עלטערע

מענשען שטעהען פון דערווייטען. איינער מיט קאפ און באָרד פול מיט פעדערן און מיט וואנצעס, וואס טראָגען נאָך אויף זיך דעם סימן פון געטרונקענעם רויטען ווישניאק, שטעהט און טייט מיט א פינגער אויף איהם. מיידלעך און ווייבלעך ווארפען אויגען און פערשעהמענ־דיג לויפען זיי פלינק פארביי. טהייל ווייזען, אז זיי זיינען ניט קיין קליינשטעדטיגע בהמות און קוקען איהם גלייך אין די אויגען אריין. און ער קוקט, שמייכעלט, מאכט א מינע פון א גרויס־שטעדטיגען און קוקט זיי גלייך אין די אויגען.

באלד, עפעס ווי פון הימעל אראבגעשפרונגען, איז צו איהם צו־געגאנגען א קליין פינף יעהריג מיידעל, אנגעטהון אין א רויט קליי־דעל מיט א ווייס שערציל, און גלעטענדיג יחזקאל־מיכאל׳ס ביי דער האנד, האט זי ליעבליך געקווימשעט:

— טאטעשי, טאטעשי!

יחזקאל מיכאל׳ס האט ארומגענומען דאס קינד, עס אויפגעהויבען, צוגענומען עס צו זיין הארץ און געטריי געקושט.

— זעהסט, טאטעשי, — זאגט דאס קינד, — מאמע האט געקויפט, — און זי ווייזט דאס נייע רויטע קליידעל, אין וועלכען זי איז געווען אנגעטהאן, דאס שירצעל און די שווארצע שיכלעך.

און ער גלעט דאס קינד:

— מאמע האט אבגעוואשען, אויפגעקעמט, און געשיקט צום טאַ־טען, — זאגט ווייטער דאס קינד אויפהויבענדיג די קליינע אויגעלעך אין דער הויך צום פאטער צו, און פון די דינע רויטע צוזאמענגעצוי־גענע ליפעלעך האבען זיך ארויסגעוויזען צוויי שורות ווייסע צייהנער. די הערעלעך האבען לייכט געציטערט איבער איהר דינעם האלז.

ער שווייגט און גלעט דאס קינד.

הינטער א טויער, וואס איז גלייך געגענאיבער, שטעהט א יונג ווייבעל און קוקט ארויס דורך א שפאלט. זי זעהט, ווי יחזקאל גלעט דאס קינד, אזוי ווייך אזוי טאטע׳דיג, און ווי דאס געזיכט פון קינד לאכט פון פרייד, שפרינגט צום טאטען. דער מוטער טהוט דאס א

גרויסע הנאה; באלד אבער רוקט זיך אראב איהר קליינער שטערן, און א זיפץ לאזט זיך הערען אין דער שטיל.

— טאטעשי, קום, רייסט דאס קינד דעם פאטער ביי דער האנד.

יחזקאל מיכאל'ס האט אנגענומען דאס קליינע קינד ביי דעם קליי־נעם הענטיל און מיט איהם שפאציערען געגאנגען.

די זון האט זיך אלץ מעהר און מעהר אנגעהויבען ארונטערלאזען אונטער דעם בארג, און זיך פערבלאנדזשעט דארט טיעף צווישען בלאהע אינזלען. א לייכטע כמארע שוועבט אויף דעם הימעל, און דארט איבער דעם בארג זיינען עפעס ווייסע וואלקען, ווי ווייסע בערג בע־גילדעט געווארען, אוןווארפען א גלאנץ אויף דעם שפיץ פון דער חורבה, וואס איז אויף דעם בארג.

יחזקאל געהט מיט דעם קינד טריט ביי טריט, און גלעט עם לייכט מיט דער האנד איבער די געגרייזעלטע הערלעך.

הינטער דעם טויער שטעהט דאס ווייבעל און קוקט נאך און שמיי־כעלט, דער טאטע מיט'ן קינד געהען פאר'ן טויער דורך.

דאס ווייבעל איז פלינק ארונטער דעם פלויטעל, וואס איז ביי דעם טויער, און קוקט מיט איין אויג ארוים.

זיי זיינען פערבייגעגאנגען, און זי איז ארויס פון דעם פלויטעל. איהר רויט געזיכט, וואס האט זיך ארויסגעוויזען פון אונטער דעם שייטעל, האט אין דער שטיל געשמייכעלט.

— זעהסט, טאטעשי, דא וואהנט די מאמעשי, קום! — זאגט דאס קינד, ציהענדיג דעם פאטער ביי דעם ארבעל.

ער איז שטיל געווארען און האלטענדיג פעסט דאס קינד ביי דעם הענטיל, איז ער ווייטער געגאנגען.

דאס קינד האט זיך פלוצלונג אומגעדרעהט און האט דערזעהן, די מוטער שטעהט פאר דער טויער.

—טאטעשי, טאטעשי, — די מאמע, די מאמע! — האט דאס קינד פרעהליך געטאנצט, ציהענדיג דעם פאטער ביים ארבעל, און ווייזענדיג מיט'ן פינגער אהין צום טויער...

עפּעס ניט ווילענדיג האָט זיך יחזקאל מיכאל'ס אומגעקעהרט און האָט דערזעהן זיין געוועזענע פרוי.

א מינוט איז דאָס פּאַר־פאָלק געשטאַנען און געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען, באַלד אָבער האָבען זיי זיך ביידע אָן עפּעס דערמאַהנט, זי איז פלינק ארונטער דעם טויער, און ער, האַלטענדיג דאָס קינד ביים הענטיל, איז מיט גיכע טריט ווייטער אַוועק אין געסעל.

— טאַטעשי, טאַטעשי, — די מאַמע, די מאַמעשי דאָרט.

# א זיווג.

(ערצעהלונג.)

געוועז צוויי חברים אויף דער וועלט, משה'לע און שלמה'לע. צוויי חדר־אינגלאך, אין איין חדר געלעהרענט, אין איין סדור געלעהרענט לייענען, פון איין קאנטשיק שמיץ געקריגען, און ווער ווייסט, צי פון איין קאלב פלייש אויף מיטאג נישט געגעסען. אונטערגעוואקסען — זיינען משה'לע און שלמה'לע חתנים געווארען,ביידע גאלדענע זייגערס געטראגען און פון די כלות געשמועסט. חתונה געהאט, האבען די ביידע יונגע־לייטלאך א נעשעפט זיך געמאכט, א האלץ־סקלאד, — האט מען זיי אין שטאדט גערופען די „שותפים“. האבען זיי קינדער געהאט, האט זיך איינער מיט'ן צווייטען משדך געווען, האט מען זיי גערופען: „די מחותנים“.

מאכט זיך אמאל, אז איינער פון די חברים, שותפים, מחותנים, איז געשטארבען, און ביים צווייטען איז לא עלינו די חבר'טע, די שותפ'טע, די מחותנת'טע געשטארבען. איז איבערגעבליבען אן אלמן, א חבר, א שותף, א מחותן. פון צווייטען צד — אן אלמנה, א חבר'טע, א שותפ'טע, א מחותנת'טע.

האבען זיך אזוי דאס פאר פאלק געלעבט א צייט מיט יאהרען. די קינדער האבען זיי שוין אלע גאט צו דאנקען אויסגעגעבען, און די געשעפטען האבען די קינדער איבערגענומען און געלעבט האבען זיי פון די מויערען, וואס זיי האבען אין שטאדט געהאט. א שבת נאכ'ן שלאף איז איינער צו דער צווייטער צו־גאסט אריבערגעגאנגען און

האָבען גערעדט פון אַלטע זאַכען, דערמאָהנט אַלטע נעמען, וואָס קיינער פון די לעבעדיגע האָבען זיי שוין נישט געקענט; אויסגערעדט זיך איינע פאַר די צווייטע דאָס הארץ אויף די קינדער מ'שטיינס געזאָגט, וואָס ווייסען נישט ווי עלטערען צו שאַנעווען, און נאָך און נאָך, און ווייטער זיך צוגאנגען שבת צו־נאכט, אויף גאנצע זיעבען טעג.

האָט זיך זיי געלעבט טרויעריג, איינזאַם. צו די קינדער האָבען זיי נישט געוואָלט איבערגעהן. „איין מאַמע קען צעהן קינדער האַלטען, און צעהן קינדער קענען איין מאַמע נישט אויסהאַלטען", — זאָגט די וועלט א גלייכוווערטעל. און צו וואָס פאַלען צו לאַסט? ווען די אויגען און די אויערען הערען נאָך.

ווייס מען נאָך ניט עד היום אין שטאָדט, ווי אזוי דאָס איז געוואָרען. געגוג: אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען דאָס געסעל האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט עס פערנומען א נייעס: מזל־טוב, דאָס אַלטע פּאָר פאָלק, ר' משה, מיט ר' שלמה'ס ווייב, די חברים, די שותפים, די מחותנים, זיינען געוואָרען מאַן און ווייב.

מען זאָגט, עס איז דאַרט צו זיי אריינגעגאנגען א אידעל, א דייטש, א ל"ו, האָט ער געוואָלט אָבטהאָן א שטיקעל, אז דאָס שטעדטעל זאָל האָבען צו זאָגען און צו זינגען, האָט ער דאָס פּאָר פאָלק אַנגעשלאָגען.

צוויי משפּחות איז ביי יעדע בעזונדער געוועזן דאָס ווירטהשאַפט אנדערש... אַנדערע בעטען, אַנדערע שענק און בענק, און דאָס איבערציעכטס אויפ'ן בעטגעוואַנד איז אויך געווען פון אַן אַנדער קאָליר. אַז זיי האָבען חתונה געהאַט, האָבען זיי דאָס ווירטהשאַפט צוזאַמענגעשלעפּט אין איין שטוב און אין איינעם געוואָהנט. האָבען זיך אָבער דאָס מעבעל און די ציכער־איינשיטס געקריעגט צווישען זיך. עס האָט נישט געפּאַסט איינס מיט'ן צווייטען — צוויי משפּחות, צוויי וועלטען.

חתונה האָבען זיי געהאַט תחילת זומער. די טעג זיינען לאַנג און די נעכט זיינען קורץ. א גאַנצען טאָג אין מען אין דער גאַס אויף דער באַנק, פאַר דער טהיר, צווישען מענשען. פאַלט די נאַכט צו־שלעפּט מען די ציעגען פון לאַנקע אהיים, און מען לעגט זיך אין די בעטען אריין — האָבען זיי אזוי דאָס פרעמדקייט נישט געשפּירט. ווענינ געזעהן זיך, איז ער אהיים געקומען מיטאָג עסען, האָט איהם דעם חבר'ס, שותף'ס און מחותן'ס ווייב צום טיש געגרייט — האָט זיך איהם געדאכט, אַז ער עסט ביים שותף מיטאָג...

זיין ווייב, עליה השלום, האָט ליעב געהאט צו קאָכען באָבעלאָך מיט פארפעל, און ר׳ שלמה עליו השלום׳ס ווייב האט דוקא ליעב צו קאָכען באָבעלאָך מיט קארטאָפעל (דער מחותן עליו השלום, האָט זעהר ליעב געהאט קארטאפעל. א עסער געווען, זאל ער מוחל זיין, כל ימיו...) וועט ער דאָך נישט זאגען ר׳ שלמה׳ס ווייב, ער וויל דוקא באָבעלאָך מיט פארפעל. זיין נחה׳ן וואלט ער געזאגט, אָבער דעם שותף׳ס ווייב?...

איז אָבער אָנגעקומען דער הערבסט. פון בית־המדרש געהט מען אהיים. קומט ר׳ משה אהיים, דאכט זיך ער געפינט זיך ביים חבר, ביים שותף, ביים מחותן, אבער נישט ביי זיך... די מחותנת׳טע זיצט און שטריקט זיך אונטער די ווארימע זאקען. זעצט ער זיך אנידער, עס איז געגרייט צום טיש, ווי להבדיל המת מן החי, פאר׳ן מחותן עליו השלום... טהוט ער זיך אן דיברילען און נעהמט זיך דעם מדרש, דאכט זיך איהם, אז מען דארף שוין צוגעהן צו זיך, נחה ווארט שוין אויף איהם...

הויבט ער זיך אויף און וויל זאגען „גוט נאכט", דערזעהט ער זיין בעט שטעהט אין שכנות מיט די מחותנת׳טעס בעט... שעהמט זיך דער אלטער נעבעך זעהר פאר זיין נחה׳ן, עליה השלום...

געלעגען א גאנצע נאכט אין בעט און געקרעכצט, — האָט ער זיך צו־מאָרגענס געפעדערט באלד נאָכ׳ן דאווענן, גענומען דעם מעבר יבק און ארויסגעגאַנגען אויפ׳ן בית עולם צו נחה׳ן, געשטעלט זיך צו קאָפּענס פון איהר מצבה, און האָט איהר אין קבר אזוי געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, נחה מיין ווייב; איך האָב חלילה נישט געמיינט קיין שום שלעכטס... — און האָט אויף איהר קבר אָבגעזאָגט א צעהן קאפיטלעך תהלים און איז אוועק מיט א רוהיג הארץ צום חבר׳ס, דעם שותף׳ס, און מחותן׳ס קבר, בעטען איהם מחילה.

קומט ער אָן צום מחותן׳ס קבר, דערזעהט ער די מחותנת׳טע שטעהט אויסער ד׳ אמות און האלט דעם מענה לשון אין דער האנד. דערזעהט זי איהם, זאָגט זי אזוי:

— איך בין דאָך שוין נעבעך א זינדיגע אשת איש, טאר איך דאָך שוין ניט שטעהן אין זיינע ד׳ אמות. לאָז דער מחותן אויף זיין קבר מחילה בעטען און איך וועל געהן צו די מחותנת׳טעס קבר און וועל פון איהר מחילה בעטען. נור וועה איז מיר, ווי וועל איך קענען פאר איהר די אויגען אויפהויבען!

אין דער מחותנ'ס שטוב געשטאנען ביים מחותנ'ס קבר און האט מחילה געבעטען, און די מחותנת'טע איז געשטאנען ביי דער מחותנת'טעס קבר און האט מחילה געבעטען. אבגערעדט זיך די הערצער זיינען זיי אהיים אוועק. ר' משה האט זיך צוזאמענגענומען זיינע חפצים מיט'ן טלית־זאק און האט געזאגט צו דער מחותנת'טע אזוי :

— האט נישט קיין פאראיבעל, ר' שלמה עליו השלום'ס ווייב.

— האט נישט קיין פאראיבער, נחה עליה השלום'ס מאן.

און זיינען זיך צוגאנגען.

פון דענסטמאל שעהמען זיך די אלטע, ווען זיי טרעפען זיך ביי א קינד, איינער פאר'ן צווייטען די אויגען אויפצוהויבען.

# דער חזן מיט די משוררים

איבער׳ן געסעל, פון וועג אָן, האָט זיך געשלעפּט אַ גרויסער, שווערער פראכט־וואָגען. בעוואָלקענט אין שטויב, זיינען געווען אויף איהם אָנגעפּאַקט אַ חברה משוררים. דער חזן מיט צוויי קליינע „קווימשערלעך“ פון ביידע זייטען זיינען געזעסען אויף איין געזעס. דער באַס מיט׳ן אונטער־באַס און סאָפּראַן זענען געזעסען אויפ׳ן צווייטען געזעס, און נאָך זיי אַ שוואַך־טענאָר׳ל און אַן אַלט מיט פּעקלעך און קעסטלעך. די שטאָרט־מיידלעך, פּערטהון אין שבת־מאַכען, האָבען געלאָזט שטעהן אין מיטען די קוגלען, און אין די זומערדיגע בלוזקעס מיט די בעשמוצטע שירצען האָבען זיי זיך בעוויזען אין די טהירען. מיט די פינגער האָבען זיי אַריבערגעוואָרפען די צעפּ, וואָס האָבען זיך פערוואָרפען איבער די רויט־געוואָרענע באַקען, און איינע האָט צו דער צווייטע אויף יענער זייט שוועל אַריבערגעוואונקען: קוק אָן די העכט, דו זאָלסט מיר לעבען!

די טענאָרען האָבען אין איילעניש אַרויסגענומען די רונדע שפּיגעלעך מיט די בערשטעלעך פון די וועסטען־קעשענעס, אַרונטערגעקעמט די פּאות הינטער די אויערען, פערשפּילעט די קלאַפּעס פון די מאַנטלען, אַז מען זאָל נאָר אַרויסזעהן דאָס שוואַרצע שניפּסעל מיט אַ שטיקעל קראַגען, האָבען אויסגעהוסט זיך, אַ ציה געטהון אויס דעם גאָרגעל, און געוואָרפען אויגען.

— ווי שמחת־תורה׳דיגע עפּעלעך — האָט דער טענאָר געגעבען אַ קניפּ הינטען־אַרום דעם אַלט, אַז דער חזן זאָל נישט בעמערקען.

דער פראכט־וואָגען האָט זיך אין מיטען געסעל אָבגעשטעלט. דער חזן האָט פון פוהר נישט געוואָלט אַראָב, וואַרטענדיג אַז דער גבאי פון שוהל זאָל קומען איהם מקבל פּנים זיין און אָנווייזען איהם דעם אָרט, וואו זיי האָבען זיך אויפצוהאַלטען. דער גבאי איז אָבער געשלאָפען נאָכ׳ן מיטאָג, און דער שמש האָט איהם מורא געהאַט צו

וועקען. דערווייל איז דער וואגען מיט דער חברה געשטאנען אין מארק. עס זיינען אנגעקומען יודען פון אלע זייטען, זיי האבען שלום־עליכם אבגעגעבען דעם חזן מיט די משוררים, און האבען זיך ארומ־געשטעלט ארום דער פוהר, ווארטענדיג אינאיינעם מיט'ן חזן אויפ'ן גבאי. עס זיינען אויך אנגעקומען אייניגע פון די „לייטלעך", וואס האבען א גרויסען שייכות מיט מוזיק, וואס זיינען אליין עפעס שטיקלעך מנגנים. זיי האבען זיך געשטעלט בעזונדער — עס האט זיי נישט געפאסט אינאיינעם צו שטעהן מיט דעם איבעריגען עולם, און זיי האבען אנגעהויבען צו ריידען צווישען זיך אויף חזנ'יש לשון. איינער פון זיי האט ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע דעם „ירחון החזנים" און האט אנגעהויבען הויך לייענען א שיר. דער חזן האט באלד דער־קענט ביי זיי אן די לאנגע נעגעל פון די גראבע פינגער, אז זיי זייגען פון די „גוטע ברידער", האט ער זיך גענעבען א ווענד צו זיי:

— זיינען עפעס ביי אייך אין שטאדט דא בעלנים אויף זמר?

— וואס שייך? א יודישע שטאדט — האבען זיי איהם אבגעג־ענטפערט.

דערווייל איז אנגעקומען דער גבאי מיט זעהר רוהיגע, פאמעליכע טריט און מיט נאך פערשלאפענע אויגען און די קאנטען פון די פאות זיינען ביי איהם נאך נאס געווען פון דעם וואשען זיך נאכ'ן שלאף. ער איז צוגעקומען פאמעליך צו דער פוהר, האט זעהר לאנגזאם אויס־געשטרעקט די האנד, און גערעדט ווי פון שלאף:

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

— וואוהין פאהרט א יוד? האט דער גבאי געפרעגט ווי ער וואלט פון קיין פותר־חלום נישט געוואוסט.

— אין יודישע שטעדט ארום, — האט דער חזן געענטפערט.

— וואס א מגיד? — האט דער גבאי געפרעגט מיט דעם זעלבען נאאיוועז טאן.

— ניין, נור א חזן מיט משוררים.

— אזוי, א חזן מיט משוררים — האט דער גבאי לאנג אויסגע־צויגען, און דערביי זיך געלאסען די פאות אויסגעצויגען, די וואנסעם און די בארד אויסגעגלעט, און נאך א לאנג איבערקלערען, ווי ער וואלט אויפ'ן ריכטיגען שכל געפאלען, גיט ער א פרעג:

— און צו וואָס פאָהרט אַ חזן מיט משוררים אין יודישע שטעדט אַרום? —

— דאַוונען, האָט דער חזן אָבגעענטפערט.

— אַזוי, דאַוונען, נו, זאָל ער זיך פאָהרען געזונטערהייד. דער גבאי האָט די האַנד אויסגעשטרעקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער חזן האָט גלייך עפּעס דעם פוהרמאַן אין אויער איינגערוימט, און דער פוהרמאַן האָט געגעבען אַ שמיצעל צו זיינע פערד:

— וויאָ, קיין קראָשעניוויץ!

זיינען אָבער די יודען בעפאַלען דעם וואַגען און די פערד ביי די לייצעם איינגעהאַלטען:

— וואָס, פאָהרען וועט איהר? דאָ וועט איהר שבת האַלטען, אויף אונזערע קעסט.

— פאָהרען! — האָט דער חזן ברייט בעפויהלען דעם פוהרמאַן, און האָט געגעבען אַ וואונק צו די „פון די לייטלעך" מיט די לאַנגע נעגעל פון די גראָבע פינגער, עס הייסט, אַז ער קען זיך אויף זיי פערלאָזען...

דער פראַכט־וואַגען האָט געגעבען אַ קרעכץ אָב, שווער זיך איבער־געריבען איבער דער שטאָדטישער ברוק און איז אַרויס אויפ'ן קראָ־שעניוויצער וועג, אָבגעפאָהרען אַ וויאָרסט צוויי, צום וואַסער צו, וואָס האָט אַ „נאָמען" (דורכדעם מעג מען זיך גט'ן) אין שטעדטיל... און וואָס דאַרף יעדעס יאָהר אַ מענש — האָט דער חזן געהייסען זיך אָב־שטעלען, כדי צו בעגיסען די רעדער.

חברה זיינען אַראָבגעקראָכען פון דער פוהר, די ביינער זיך אויס־געצויגען און האָבען אָנגעהויבען צו מורמלען אויפ'ן חזן: עסען...

דער חזן האָט אַרויסגענומען דאָס שליסעלע פון וועסטען־קעשענע און אויפגעעפענט דאָס קעסטעל, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „צידה לדרך" און וואָס עס איז פערשלאָסען מיט אַן אויבער־שלאָס, מיט אַ הינטער־שלאָס און מיט נאָך אַ ענגליש שלאָס בעלעגט. אודאי נישט בחנם. ער האָט אַרויסגענומען פון קעסטעל פינף ציבעלעס מיט דריי הערינג און האָט זיי איבערגעגעבען יעקעל קאַלבאַסניק, אַ יונג, וואָס איז קליין־געוויקסיג און וואָס פערענדערט זיך קיינמאָל נישט, אַזוי אַז מען קאָן קיינמאָל נישט וויסען ווי אַלט ער איז; טייל רעכענען אַז ער איז אַכטצעהן יאָהר אַלט, און טייל האַלטען, אַז אַכט־און־דריי־

סיג. ער קאַכט, שטריקט און נייהט ווי אַ נקבה, דערפאַר האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען: די בעל־הבית׳טע, און איבערגעגעבען איהם די קיך אין וועג. יעקעל קאַלבאַסניק האָט זיך אָנגעטהון אַ פאַרטוך און אויף אַ שטיין זיך גענומען צו האקען די ציבעלעס מיט׳ן הערינג. דער חזן האָט דערווייל איבערגעשמועסט מיט׳ן עלטערן אַלט וואָס וויטער צו טהון. דער עלטערער אַלט, אַ הויך און אַ דאַר יודעל, אַמאָליגער בית־מדרש בחור, לערנט זיך שחיטה און שדכנ׳ט זיך צו צום חזנ׳ס עלטערער טאָכטער. ער איז אַ גרויסער ליעבהאָבער פון לשון קודש און האָט אַליין שוין אָבגעדרוקט דריי קאָרעספּאָנדענציעס אין „ירחון החזנים“ בדרך שיר. ער האַלט זיך איבערהויפּט ווייט פון דער חברה משוררים און רייבט זיך שטאַרק מיט׳ן חזן, האָפענדיג אַמאָל ממלא מקומו זיין... „קנאַק־ניסעל“, דער קווימשער מיט אונטערגעהאַק־טע אויגען און מיט אָבגעשוירענע פאות ביז אין האַלבען קאָפּ אַריין, איז אַרויף אויפ׳ן העכסטען בוים אויסקוקען פון אַ „שפּאַקטיור“, צו מען קומט נישט אָן צו פאָהרען פון דער שטאָדט.

יעקעל קאַלבאַסניק איז פאַרטיג געוואָרען מיט די הערינג, דער חזן האָט אַרויסגענומען דאָס ברויט און געטיילט „מוציא׳ס“. די חברה האָבען זיך גענומען צו אַכלען, אַז עס איז אַ רויך געגאַנגען. גע־שטילט דעם ערשטען הונגער, האָבען זיך די חברה אויסגעטהון און האָבען זיך אויסגעצויגען אונטער די בוימער, צווישען וועג און די פעלדער. עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג, דאָס וואַסער האָט זיך געצויגען אַנטקעגען דער זון ווי אַ שפּיגעל, די פאַרטיגע זאַנגען האָבען האַלב געבויגען די קאָרענדיגע בעזעמלעך, וועלכע האָבען זיך ווי וואַקס געגאָלדעט אין דער זון, פערשטעלענדיג די פּיס פון שוואַרצען וואַלד, וואָס האָט זיך נאָך זיי געוויזען. חברה נאָכ׳ן עסען זיינען געווען אין גוטען הומאָר. זיי האָבען געוואָלט אָנהויבען צו זאָגען ווערטלעך, האָבען זיי אָבער מורא געהאַט פאַר׳ן חזן. דער חזן מיט׳ן עלטערן אַלט זיינען אַרומגעגאַנגען די קעפּ אַראָבגעלאָזט. אָבער דאָך האָבען זיי ניט אָנגעוואָהרען דעם בטחון אויף די פון די לייטלעך, וואָס האָבען אַ שטיקעל שייכות מיט זמר, אַז זיי וועלען נישט שווייגען... דער פּוהרמאַן האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, אָנגעשאָטען פאַר זיי האָבער, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגען ביי דער פוהר, שמעלצענדיג זיך אין דער זון. דאָס גראָבע פּנים זיינס, וואָס איז אַזוי בעוואַקסען מיט

א וואלד שווארצע האָהר, אַז עס איז אויף איהם קיין שטיקעל הויט. נישט צו דערזעהן, פּרעגעלט זיך אין די זונ'ס שטראַהלען, און די טראַפּענס שוויים רינען איבער'ן שטערן. נחומ'קע דער ליטוואַק, דער באַס, וואָס קאָן עסען פאַר פיער און האָט תמיד דאָפּעלטע טעג, האָט זיך גערוקט צום פוהרמאַן דעם טאַבאַק צו דערפּאַקען ביי איהם. די קוויטשערלעך האָבען אָהן רחמנות די האָהר פון די פערדס ווידלען געריסען, און יאַסקע יאָלד מיט „לעפּעלן", דער אונטער־אַלט מיט'ן אונטער־טענאָר, צוויי גלייכע אַכטצעהן יעהריגע בחורים, וואָס טראָגען פּאַפּירענע אויפגעשטעלטע קראַגענדלעך מיט קאָלירטע שניפּסלעך, האָבען זיך פערקליבען הינטער א בוים, ארויסגענומען טינט און פעדער — צו פערפאַסען א „ליעבעס בריעף" צו א מיידעל קיין זשאַכלין.

און די „לייטלעך" האָבען טאַקע נישט געשוויגען. אזוי ווי דער גבאי איז אוועק פון דער פוהר, האָבען זיי זיך געגעבען א לאָז אין קצב'ישע געסעל אריין, צו די „גוטע ברידער", און האָבען אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אַז עס איז אָנגעקומען א חזן מיט נאָמען און מיט זיעבצעהן משוררים, אַכט סאָמע וויינענדיגע קוויטשערלעך, נור דער גבאי האָט נישט געלאָזט דאַוונען אין שוהל, איז דער חזן מיט די משוררים אוועקגעפאָהרען קיין קראָשעניוויץ. די קצבים האָבען עס דערהערט, האָט זיך דאָס בלוט אין זיי פערקאָכט, האָבען געכאַפּט די שטעקעלע אין האַנד אריין, ארונטער צום גבאי און איהם אראָבגע־צויגען פון דער קאַנאַפּע: „גע'הרג'עט קאָנט איהר דאָ ווערען! — האָבען זיי געשריען צו איהם, דעם חזן מוזט איהר אראָב־ברייגנען!" און זיי האָבען טאַקע באַלד געשיקט נאָך די פוהרמאַנעס, איינגעשפּאַנט דריי וועגען, ארויפגעפּאַקט אויך דעם גבאי אויף א וואָגען און היידא קיין קראָנשעוויטש נאָכ'ן חזן.

„קנאַקניסעל" האָט דערזעהן פון דער ווייטען, אַז מען הולכ'ט, האָט ער געגעבען א שפּרונג אראָב פון בוים, פערמאַכט דאָס פּיסק, און א קרעה ארויס פון בויך.

— קוקי־ריקו — מען רייט!

— חברה, גלייך אויפגעשטאַנען זאָל זיין! די ביכער אין די הענד אריין, — האָט דער חזן געגעבען א רוף אויס.

מען האָט אויפגעוועקט חאַצקלען דעם פוהרמאַן, אראָבגעשלעפּט איהם פון וואָגען, פלינק די פערד איינגעשפּאַנט און דעם עמער איהם

געגעבען אין האנד אריין, אז ער זאל בעגיסען די רעדער מיט וואסער: מען פאהרט!...

חברה האבען זיך גלייך אויפגעשטעלט. די קוויטשערלעך האבען זיך געשטעלט ארום חזן, גענומען די ביכער אין האנד אריין און אנגע־הויבען צו ארבייטען מיט די כלים, א „לכה דודי“.

אז די פוהרען זיינען אנגעקומען, האט א קוויטשעריל גענומען:

מקדש מלך עיר מלוכה, און האט געגעבען א חאפ אויף דער צווייטער דינערער זייט: צאי צאי מתוך ההפ־הפ־כה, האט דער באס געגעבען א לאז אראב די טראמבע און א האק צו מיט „איקעלבאק“ פי־כה, און דאס משורר'ל האט זיך ווייטער רחמים געבעטען: געדענקט אין גאט, רב לך, אך אך, רב לך, נו טאקע רב לך, שבת אר־או שבת.

האבען איהם די אלטען אבגעענטפערט:

— שבת רב לך! שבת רב לך!

האט זיך א טענאר אבגערופען מיט א טרעל און האט געפרעגט: ווייסט דו וואו? ווייסט דו וואו?

האט איהם דאס קוויטשעריל אבגעענטפערט: בע־מק, בע־מק הב־כא.

האט דער טענאר געגעבען צו פערשטעהן: — הבכא, הבכא.

געפעהלט עס נישט ווייטער דעם באס, און ער גיט א ברום: בעמק הבכ־א־א!

קומען צו די אלטען און הויבען אן: בבא עמק, עמק, עמק, — מק, — מק — מק. — אזוי קלימפערן זיי צו, בשעת דער צווייטער קוויטשעריל נעהמט זיך אויף נאך א איידעלער שטימע.

דא גיט א געה צו צום חזן יאסקע האקער און גיט א מאך:

— חזן, פאהרט מיט אונז אין שטאדט אריין!

— איך פאהר קיין קראשנעוויץ. א בריעף פון קראשנעוויץ גע־קראגען — רופט דער חזן.

— עס וועט אייך נישט העלפען קיין טענות ומענות, — רופט נאטע „שייגעץ“ אויס און נעהמט און שפאנט אויס די פערד פון חזן'ס וואגען, און א שפאן איין זיי אין זיין וואגען.

— וועגען עסען זאלט איהר זיך נישט זארגען, א אקס געשאכטען היינט, — רופט שלמה „דער געלער“ אויס.

— אויף די פראנטען קוקט נישט! — רופט זיך „שרץ“ אן. —

וויזענדיג אויפ'ן גבאי, — די געלזוכט קען מען קריגען ביי זיי, מיט מיר רעדט, ברודער!

— חברה, די פעקלעך! — שרייט יאָסקע און פעקעלט שוין איבער די כלים, און איידער זיי קוקען זיך אום, ‏זיצט שוין חברה אויף די פוהרען און מען פיהרט דעם חזן אין שטאָדט אריין ביד רמה.

מען האָט דעם חזן אין שטאָדט געבראַכט און איהם געגעבען א קוואַרטיר ביי דוד גאַרקיכער. די קצבים האָבען די משוררים אויף קעסט צו זיך אהיים גענומען. די ווייבער האָבען זיך איבער די קווי־טשערלעך געריסען און געגעבען זיי צו אכל'ען, אז אזעלכעס האָבען זיי נאָך אין די אויגען נישט אָנגעזעהן. יעקעל „בעל־הבית'טע" האָט זיך נור צווישען די יודענעס ארומגעדרעהט, געזעסען מיט זיי און געמאָהלט ווי איינע פון זיי. „קנאַק־ניסעל" האָט ביי זיין בעל־הבית געוויזען שטיק, פלוצלונג האָט ער אָנגעהויבען צו בילען ווי א הונד; מען האָט זיך אונטער'ן טיש אראָבגעבויגען דעם הונד אַרויסצויאָגען, הויבט ער גאָר אָן צו מיאַנטשען ווי א קאַץ. יאָסקע יאָלד מיט „לע־פעלן" דעם אונטער־באַס האָבען זיך גלייך בעקענט מיט די טעכטער פון אָרט און אָנגעהויבען נייע ראָמאַנען צו שפיעלען. זיי זאָגען צו שרייבען ליעבעס־בריעוועלעך און בּאָרגען שוין קליין־געלד „אויף מאַר־קעס" פון די מיידלאַך. מיט איין וואָרט, חברה האָט זיך בעזעצט אין שטאָדט ווי היימישע, מיט אלעמען זיך בעקענט, גוט געלעבט, אומעטום געווען און מיט אלעמען זיך געוויטעוועט.

אין דעם שטעדטיל האָבען זיך געפונען צוויי יונגע־לייטלעך — „ויקהל" און „פקודי". „ויקהל" איז געווען אנ'איינבינדער, וואָס אין אמת'ן איז ער געווען א וואַטען־מאַכער און אנ'אָרימאַן — זאָל דער איינציגער גאָט אויסהיטען. „פקודי" איז געווען א שדכן, א גרוש, אייגענטליך גאָר נישט קיין גאַנצער גרוש נור דאָס ווייב איז איהם משוגע געוואָרען, בעשעפטיגט ער זיך דערווייל מיט אויפקלויבען מאה התימות... די צוויי יונגע־לייטלעך האָבען זיך בעשעפטיגט מיט שדכנות בשותפות, תמיד האָט מען זיי געזעהן געהן אין גאַס בעזונדער, "ויקהל" צו חתן'ס צד און „פקודי" — צו כלה'ס צד. האָט מען געזעהן „ויקהל'ן" מיט „פקודין" געהען צוזאַמען האָט מען געוואוסט אין שטאָדט, אז מען האָט חתן־כלה צוזאַמענגעפיהרט און מען וועט טעלער ברעכען...

געקומען זיינען „ויקהל"־„פקודי" צום חזן אזוי גלאַט, אין געסט

הייסט עס. זיי האָבען איהם אָנגעשלאָגען א געשעפט, אז ער זאָל מאַ־כען א קאָנצערט אויף בילעטען אין גאָלדמאַן'ס זאַל, אגב אורחא האָבען זיי זיך נאָכגעפרעגט, וועלכע פון די חתנים איז פריי פון מיליטער. אָבגעשמועסט האָבען זיי זיך אויף יעקלען. יעקעל קאָלבאסניק האָט די טבע צו ציטערען מיט די ליפען און צו שאָקלען מיט איין אויער — מיינט מען, אז אויף אַלץ, וואָס מען זאָגט, שאָקעלט ער צו: גוט! האָבען האָט ער א טבע, אין יעדער שטאָדט, וואו ער קומט אריין צו שדכנ'ען זיך אין א הויז וואו עס איז דאָ א מיידעל, און א חתן צו ווע־רען. קריגט ער, פערשטעהט זיך, צו עסען, צו טרינקען און נאָך חתימה־געלט אין דער קעשענע, און פאָהרט זיך אין א צווייטער שטאָדט אריין, ווייטער א חתן צו ווערען. זיין אייגענס איז א בלאָהער בילעט. דאָס איז זיין פראָפעסיע און זיין נדן.

די שדכנים האָבען מיט איהם אָנגעהויבען צו ריידען.

— גאַנץ גוט, זאָגט ער.

— דריי הונדערט גולדען מיט א נייער מאַשין.

— גאַנץ גוט, זאָגט ער.

— האָטש היינט אויף דער נאַכט.

און יעקעל טרינקט שוין ווייטער בראַנפען און עסט שוין ווייטער לעקעך.

איהר ווייסט, חזן, זאָגט צו מאָרגענס „קנאַקניסעל", יעקעל איז שוין ווייטער א חתן געוואָרען.

— א בייזע נאַכט אויף זיין קאָפּ. מען וועט דאָך אונז פון דער שטאָדט ארויסטרייבען.

און יעקעל געהט אָנגעטהון א ניי העמד מיט א נייעם קאָלנער און קנאַקט ניס־קערענדליך, — און טהוט איהם עפּעס!

דערווייל האָט דער חזן גענומען אָנגעגרייט זיך א שבת צו דאַווי־נען. צום ערשטען האָט ער געאַרבייט מיט די קוויטשערלעך, ער האָט געוואוסט, אז ער האָט זיך אויף וועמען צו פערלאָזען. צו קבלת שבת האָבען די ווייבער די פענסטער אין שוהל אויסגעהאַקט, פאַר וואָס מען האָט די ווייבעריש שוהל פערמאַכט, און שבת ביי טאָג האָט דער חזן אָבגעהאַלטען דעם עולם ווי ראש־השנה. אין אַלע חברות האָט מען דעם שבת פריה אָבגעדאַווענט, אהיים געאיילט זיך, דעם „קידוש" אריינגעכאַפּט, פערביסען מיט די ציבעלעס און אין שוהל אריין צו

דער צווייטער קדושה. אין שוהל איז אזוי דושנע געוואָרען און דער ריח פון די ציבעלעס האָט אזוי געשטיקט, אז מען איז שיער געשטאָר־בען פאר א טרונק וואסער. דער חזן האָט געוויזען קונץ־שטיקלעך — און די קוויטשערלעך האָבען געהילכט. אין דער ווייבערשער שוהל איז געוואָרען א געוויין, ווי צו שופר בלאָזען, קיינער האָט נישט גע־וואוסט פאר וואס און ווען, נור ווי האָט דאָס נישט א יודענע וואָס צו וויינען — האָט מען דערוויל די שונאים אָנגעשאָלטען אויף וואָס די וועלט שטעהט. שבת ביים עסען האָט די גאַנצע שטאָדט געקלונגען פון געזאַנג, פאר יעדען פענסטער, וואו עס האָט נאָר א משורר גענעסען, זיינען געשטאַנען קופּקעלעך יודען, ווייבער, יונגען און מוידען, און האָבען זיך איינגעהערט. פון די אָפענע פענסטער האָט דאָס געזאַנג ארויסגעדרונגען אין גאס אריין, יודען האָבען די אָראָבגעפאַלענע טע־נער צוריק אויפגעהויבען און איבערגע'חזר'ט נאָך די משוררים. אין קצב'ישען געסעל איז גאָר געוועזען היימליך. בעריל „קאָרעטע" האָט זיין משורר „קנאַקניסל'ן" פאר דער טהיר אנידערגעזעצט, און אליין, אָנגעטהון אין דעם אָנצוג וואָס ער האָט זיך געמאכט אויף פסח, האָט ער זיך אוועקגעזעצט צו דער רעכטער זייט און ארומגענומען דאָס ביסעל פוהרמאַנעס ארום זיך און איבערגע'חזר'ט איין שטיקעל נאָכ'ן אנדערן פון דעם, וואָס מען האָט אין שוהל געזונגען...

נאָכ'ן עסען האָבען זיך חברה אין גאָרטען צו שרה פריידען אוועק־געלאָזט. דאָרט האָבען שוין געוואַרט אויף זיי שניידער־געזעלען, איי־ניגע זיינען געוועזן אין נייע שבת'דיגע קאפּטענס אָנגעטהון און מיט „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" אונטער די אָרימס, און א פּאָר שניידערגעזעלען זיינען געוועזן מיט קורצע רעקלעך און אין הויכע פּאַ־פּירענע קראַגענדלעך. דאָ האָט מען זיך שוין נישט שלום־עליכם אָפּ־גענעבען, נור פאָרגעשטעלט:

— האָבע די עהרע פאָרצושטעלען פריילין דבושה — הערר פנחס.

— זעהר מיר אָנגענעהם — און מען גיט זיך די הענד, און מען זעצט זיך אויפ'ן גראָז אונטער די בוימער. צוערשט זיצט מען שטיל, דערנאָך הויבט מען אָן צו ריידען וועגען געשיכטען.

— וואָס פאר א געשיכטע לעזען זי היינט?

— די געשיכטע מיט'ן „שטומען גוטען יוד".

— א העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן.

דערנאָך הויבט מען אָן שמועסען פון ליעדער. זינגט אַ מיידעל אַ ליעד פון „אַ אונגליקליכע ליעבע“, זינגט אַ יונגער־מאַן, ווי אַ יונגער מענש זאָגט אָב וידוי, איידער ער נעהמט זיך דאָס לעבען און געזעגענט זיך אָב פון פאָטער און דער מוטער, פון די ברידער און שוועסטער — אַלץ דעריבער וואָס זי האָט איהם אָבגענאַרט. און די קינדער שאַלען צווישען די ביימער אין האַלב־טונקלען שאָטען — ביז די נאַכט פאַלט צו. מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַ שבת פון געזאַנג.

---

און פון דעם אַלעם איז נישט געווען מיט וואָס אָוועקצופאָהרען. אַז עס איז געקומען זונטאָג, האָט יעדער זיך גענומען צו זיין געשעפט, יעדער איז געווען פערטהון מיט זיך און קיין גראָשען האָט מען נישט געזעהן, דער חזן איז אַלץ געזעסען אין גאַרקיך, און דער גאַרקיכער האָט אַלע טאָג געצעהלט די פעקלעך, וויפיעל זיי זיינען ווערט. די משוררים האָט מען געגעבען אָנצוהערען דאָרט וואו זיי עסען, אַז עס זיינען דאָ אויך אַנדערע בעלי־בתים, נור דאָס זיינען נישט אַזעלכע ליי־לעך, וואָס מאַכען זיך פערשטעהן מיט אָנצוהערענישען... עס איז נישט געבליבען קיין אַנדער עצה, ווי צו מאַכען אַ „קאָנצערט“ אויף בילעטען אין גילדמאַן׳ס זאַל, געבליבען איז צו מאַכען אַ קאָנצערט „די מאַמע רחל“, דאָס הייסט פאָרשטעלען, ווי נבוזראַדן טרייבט דורך די יודען פאַר דער מאַמע רחל׳ס קבר, און די מאַמע רחל שטעהט אויף פון קבר און בעוויינט די יודען. מען האָט געשיקט נאָך פענקע דעם מאָלער און מען האָט זיך אָנגעהויבען דינגען דעם זאַל. מיט גילדמאַנען האָט מען אָבגעמאַכט אויף העלפט, און פענקע האָט זיך גענומען אויסצו־מאָלען די סצענע. קודם כל האָט ער אָוועקגעשטעלט אַ וואַנד אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעמאָלט הויכע טענען־ביימער, און אויף זיי זיינען געוואַקסען לולבים, געבונדענע מיט אתרוגים. אויף דער וואַנ־איז געשטאַנען אויסגעשריבען: דרך בית־אל, דאָס הייסט, אַז דאָס איז דער וועג קיין בית־אל, אויף דער ערד ביי דער וואַנד האָט ער אַנידער־געשטעלט אַ גרויסען שטיין, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אויפגע־שריבען „קבר רחל“, רחל דער מאַמעס קבר, און פאַרטיג.

חברה האָבען זיך אָנגעטהון ווייסע קיטלעך מיט טלתים פון אויבען. מיט פעקלעך אויף די אַקסלען און מיט אויסגעקרימטע שטעקענס אין די הענד ווערען זיי אַרויסגעטריבען אין גלות אַריין פון נבוזראַדן, פון

יעקעל קאַלבאַס הייסט דאָס, וואָס איז געווען אַנגעטהון אין אַ רויט העמד מיט זעלנערישע שליפּעס און אַ רויטען לאַמפּאַס מיט אַ קופּער־נער קאָסקע פון די פייערלעשערס אויפ׳ן קאָפּ. מיט אַ רויט אָבגע־פּארבט פּנים און אַ לאַנגער רויטער באָרד, האָט ער טאַקע נעבעך אויס־געזעהען ווי אַ נבוזראדן, און נבוזראדן האָט אַזוי געזאָלט זינגען:

געהט, יודעלעך, געהט.
אין גלות אריין,
אין גלות אריין,
געהט, יודעלעך, געהט...

פאַר וואָס נעבעך יעקעל קאַלבאַס איז געוואָרען אויסגעקליבען פאַר נבוזראדן, ווייסט איין גאָט, — דאַכט זיך אַ יוד, וואָס זיין גאַנצער נדן איז „אַ בלאָהער בילעט“, נאָר מסתמא איז עס איבער דער באַס־שטימע און פאַר נבוזראדן פּאַסט דאָך אַ באַס־שטימע...

יודלען דעם עלטערען אַלט האָט מען געמאַכט פאַר די „מאַמע“ רחל. מען האָט איהם אָנגעטהון אין לאַנגע ווייטע תכריכים מיט אַ שבת׳דיגער הויב אויפ׳ן קאָפּ און אַ רעכט־ביסעל תחינות איהם אין אָרעם אריינגעגעבען און אַנידערגעלעגט אונטער׳ן שטיין.

יודעל דער אַלט האָט זיך אַנידערגעזעצט און אויפגעשריבען מיט גרויסע כתיבה־אותיות אַ מודעה אויף אַ ווייס שטיק פּאַפּיר:

„קול רינה והודיה!“

„עס וועט ווערען געגעבען אַ קאָנצערט פון דעם בעריהמטען קעל־צער חזן מיט זיין בעריהמטען כאָר, אין וועלכען עס ווערט פאָרגע־שטעלט אַ שטיקעל מיט׳ן נאָמען:

די מאַמע רחל׳ס קבר.

וואו עס וועט זיך ווייזען ווי לעבעדיג די מאַמע רחל, ווי זי בעוויינט איהרע קינדערלעך, און נבוזראדן ווי ער טרייבט די יודען אין גלות אריין.

איבערמאָרגען דיענסטאָג

אכט אַ זייגער אָוועגד, אין בעריהמטען סאַלאָן פון ה׳ גילדמאַן.

ערשטע פּלעצער 1 רובעל. צווייטע 50 קאָפּ. צו שטעהן 25 קאָפּ.

(ליכטיג וועט זיין אין סאַלאָן ווי ביי טאָג, אכט נייע לאָמפּען).

„ויקהל׳ן מיט פּקודי׳ן“ האָט מען גענומען און איבערגעגעבען זיי דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכען פּענקע האָט אויסגעמאָלט די זעלבע טענען־

בוימער, וואו עס וואקסען די געבונדענע לולבים מיט די אתרוגים — און זיי איבער׳ן שטאָדט געשיקט צו די בעלי־בתים מודיע צו זיין וועגען קאָנצערט.

---

אז עס איז געקומען איבער־מאָרגען דיענסטאג האָבען חברה גע־פאסט א גאנצען טאָג. אז מען האָט זיך געהאַלטען אין איין צוגריי־טען, גרייט מען זיך שוין צו נאָך. קודם כל האָט מען געבראַכט צו־שלעפּען פון דער גאנצער שטאָדט טליתים מיט קיטלען און אַלערהאַנד מכשירים, האָט א יוד געבאָרגט א טלית, איז ער געוואָרען א גאנצער מאַכער און אָנגעגרייט זיך צו קומען אויפ׳ן קאָנצערט מיט דער גאנצער משפחה און נאָך מיט דעם ווייב׳ס משפחה צוגעלעגט...

פון דער פריה אָן איז די קאַסע געווען אָפען. מען האָט גע־נומען א טישעל און אנידערגעשטעלט אין הויף פון סאַלאָן, בעדעקט איהם מיט א טישטוך און אנידערגעזעצט דערביי יודלען, דעם עלטסטען אַלט מיט בילעטען צום פערקויפען. נור יודען האָבען נישט אנדערש וואָס צו טהון? געהט אוועק די ערשטע שעה, די צווייטע שעה, די דריטע, — עס ווייזט זיך קיין הונד נישט. טראַכט יודעל: אין דער פריה צו וואָס האָט מען זיך צו איילען, מען וועט נישט קריגען די מציאה? קומט אָן א זייגער איינס, צוויי, ווייזען זיך א גאנצע חברה חדר־יונגלעך, וואָס אָט ערשט זיינען זיי אַרויסגעגאנגען פון הינטער דעם רבינ׳ס רוט, און איינער פאַר אַלע האָט אויפגעבונדען פון ארבע־כנפות דאָס „קעזעל״ און אַרויסגענומען פינף און צוואַנציג צווייערס פאַר א בילעט „צו שטעהן״. וואַרט יודעל ווייטער, עס ווערט פאַר־נאַכט, קומט נאָך א יוד צוגעהן און לעגט אַרויס פינף הארטע צעהנערס, דערנאָך ווערט ווידער שטיל... יעדע מינוט בעוויזט זיך אַנאַנדער משורר און געהט באַלד טרויעריג אוועק...

עס איז געוואָרען נאַכט. די גאנצע חברה איז צוזאַמענגעקומען. אָנשטאָט יודלען האָט זיך דער חזן אַנידערגעזעצט. — טאָמער וועט עס בעסער געהן... קיין האָהן קרעהט נישט... עס הויבען אָן צו קומען די ערשטע געסט. יעקעל קאַלבאַסניק׳ס (נבוזראדן׳ס, הייסט דאָס) „נייע״ משפחה — די כלה א נייעם קאַפּטען אָנגעטהון, מיט די מחותנת׳טע און די מחותנים — דאַכט זיך היימישע מענשען: זייער נבוזראדן...

דערנאָך זיינען געקומען צוגעהן די טליתים־יודען און די קיטעל־יודען...

דערווייל הינטער דער פלאַכטע, וואָס „ויקהל" האָט פון ערגעץ־וואו געבראכט צושלעפען און וואָס האָט געדיענט פאר א פאָר־הויז — האָבען חברה זיך אָנגעטהון, הינטערן שטיין ארונטערגעלעגט און מען ...ארט. יעדע מינוט וואַרפט אנ'אַנדער משורר אנ'אויג פון אונטער ... פאָרהאַנג. דערזעהט ער נבוזראדן'ס משפחה, זיצענדיג אויף דער ...שטער באַנק, גיט ער אַ קרעכץ אָב און געהט אַוועק. חברה, מיעד ...ון אַ גאַנצען טאָג, ציהען זיך אויס אין די טליתים אויף דער ערד, אויף דעם וועג קיין בית־לחם, צווישען די טענען־בוימער. אַ מיעדקייט איז אויף זיי געפאַלען, עס ווערט וואָס אַ מאָל שפּעטער. די פּאָר ליכט וואָס מען האָט אָנגעצונדען, האַלטען ביים צאַנקען, אין דעם סאַלאָן הויבט אָן טונקעל צו ווערען. נבוזראדנ'ס משפּחה לאַנגווייליגט זיך... די טליתים־יודען ווערען מיעד וואַרטענדיג און פערלאָזען איינציגווייז דעם „סאַלאָן": „עס וועט שוין גאָר נישט זיין"... אין פּאָרהויז קריעגט זיך דאָס חדר־יונגעל און וויל צוריק די פינף־און־צוואַנציג קאָפּיקעס...

עס איז געוואָרען שפּעט אין דער נאַכט. אין זאַל איז שוין קיינער נישט געווען. חברה אָבגעמאַטערט אָנגעטהון אין די צוריסענע טליתים, זיינען געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע אויפ'ן וועג קיין בית־לחם, אין מיטען צווישען זיי איז נבוזראדן מיט דער „קאַסקע" אויפ'ן קאָפּ מיט'ן רויטען העמדעל, אַלע ליעגען זיי פאר דער מאַמע רחל'ס קבר. דאָ און דאָרט האָט נאָך געצאַנקט אַ לעצטער שיין פון אַ אויסגעהענדיג ליכט. די לבנה דורכ'ן פענסטער האָט בעגאָסען די ליעגענדע, אָבגע־מאַטערטע ארויסגעטריבענע יודען און האָט בעפונקעלט נבוזראדן'ס קאַסקע. די שאָטענס אויף דער וואַנד האָבען גערוהט צווישען די טע־נען־בוימער, וואָס זיינען אויפ'ן וועג קיין „בית־לחם", די מאַמע רחל איז מיעד געוואָרען ליעגענדיג אין קבר, איז זי אַרויס אין די לאַנגע תכריכים און אין דער שבת־הויב אויפ'ן קאָפּ, און האָט זיך אַנידער־געשטעלט צו קאָפּענס פון די ליעגענדיגע, אויסגעמאַטערטע ארויסגע־טריבענע יודען. קוקענדיג אויף זיי האָט זי די הענד פערשפּרייט צום הימעל און האָט אַזוי אָנגעהויבען צו בעזינגען:

זעה, טאַטע אין הימעל,

וואָס דו האָסט פון דיין פאָלק ישראל געמאַכט.

דיין שטאָדט חרוב געמאַכט
דיינע קינדער פערטריבען !

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין גבוזראדן האָט פון שלאָף אָבגעענטפערט:

געהט, יודעלעך, געהט
אין גלות אריין,
אין גלות אריין,
געהט, יודעלעך, געהט!

# א אידיש קינד

(ערצעהלונג פון פויליש־יודישען לעבען).

---

די מאַמע איז פון דער כלה'ס צימער ארויסגעקומען: זי האָט געוואָרפען אַ שטעכענדיגען בליק אויפ'ן מאַן, וואָס איז געזעסען ביים אָבגעגעסענעם טיש און האָט פאר'ן בענשען קניידלאך פון ברויט־טייג געקנעטען.

— געה טענה דו מיט איהר, איך האָב שוין קיין כח נישט.

— רחל־לאה האָט קינדער ערצויגען! הע! מיט די פינגער וועט מען דיר נאָכטייטען, לייטענס געלעכטער. אַ חורבן נאָך דיינע יאָהרען!

— נאָך מיינע? נאָך דיינע אַ חורבן, האָסט דו געדאַרפט אין דערהיים צו ליעגען, קינדער צו ערציהען! נישט, דאָס זאָל זיך ארום־שלעפּען, שווארצע יאָהר ווייסט מיט וועמען...

—„רע"־רחל, וואָס האָסט דו זיך אָנידערגעשטעלט מיט מיר קריעגען? די מחותנים וועלען דאָך באַלד קומען צו פאָהרען.

— און וואָס ווילסטו פון מיר? מנשה'לע, הע?!

— געדענק אין גאָט, קום אריין צו איהר, עס וועלען דאָך זיין לייטענס געלעכטער...

דער מאַן האָט זיך אַ הייב געגעבען פון טיש און איז אריין אין צווייטען צימער צו דער טאָכטער.

נאָך איהם איז נאָך די מוטער.

אויף די קליינע קאַנאַפּקע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר אַכטצעהן געזעסען, דאָס פּנים איהרס איז געווען פערשטעלט מיטביידע הענד, און די הענד בעהאַלטען אין איהרע געדיכטע שווארצע האָר, וואָס זיינען געווען צופלאָסען. זי האָט געמוזט וויינען, וואָרום איהר ברוסט האָט זיך געפּאַליעט און הויך אָבגעהעשט. אויפ'ן בעט, איהר געגענאיבער, זיינען געלעגען אויסגע־

שפרייט דאָס ווייס זיידען „חופה קלייד“, מיט דעם שווארץ זיידען „שוהל־קלייד“, און דאָס שווארץ טוכענע קלייד פון „צו מאָרגענס“, וואָס דער „אויסשטייער־שניידער“ האָט ערשט ניט לאַנג אָבגעברענגט. ביי דער טהיר איז געשטאַנען אַ יודענע מיט אַ שווארץ שלייפעל אויפ׳ן קאָפּ, וועלכע האָט געהאַלטען שאַכטלען מיט שייטלען.

— חנה׳לע! וואָס, דו ווילסט מיר די חרפה אָנטהון? די גאַנצע וועלט זאָל האָבען מיט מיר צו טהון? — האָט זיך דער פאָטער אָנגע־רופען. די כלה האָט נישט געענטפערט.

— קוקט׳ס מיר אָן, משה גרויס טאָכטער! פאַר גנענדעל פריינ־דעל׳ס טאָכטער פּאַסט צו טראָגען אַ שייטעל, און משה גרויס טאָכטער פּאַסט נישט?

— זי האָט זיך כ׳לעבען אביסעל מעהר איינצורעדען פון דיר, מעהר געבילדעט פון דיר, מעהר גדן פון דיר, — האָט די מוטער צו־געהאָלפען.

די כלה האָט זיך גאָר נישט אָנגערופען.

— טאָכטער, זעה, וויפיעל ממון און דמים דאָס האָט אָבגעקאָסט, ביז גאָט האָט אונז שוין געהאָלפען צו אַ שטיקעל נחת, און יעצט ווילסט דו אונז די שמחה פערשטערען? געדענק איין גאָט, וואָס טהוט זיך מיט דיר! מען וועט דאָך אונז אין חרם לעגען. דער יונגער־מאַן וועט צופוס אהיים לויפען...

— מאַך דיך שוין נישט צו נאַר, — זאָגט די מוטער, און נעהמט פון די יודענע, וואָס שטעהט ביי דער טהיר, אַ שייטעל פון אַ שאַכטעל ארויס און געהט צו צו דער טאָכטער — „לאָז דיר דאָס שייטעל אָנ־מעסטען, די האָר פון דעם שייטעל זיינען פון איין קאָליר מיט דיינע האָר“ — און זי לעגט דער טאָכטער די פרעמדע האָר אויפ׳ן קאָפּ.

דאָס אכטצעהן־יאָהריגעס מיידעל האָט דערפיהלט עפּעס שווערעס אויפ׳ן קאָפּ. זי האָט אָנגעטאָפּט מיט דער האנד איהרע האָר, און האָט דערפיהלט צווישען די איהריגע ווייכע, קיהלע, לעבעדיגע האָר, פרעמדע האָר, טויטע און שטייף־קאַלטע, און איין געדאַנק האָט אין איהר יונגען מוח געקלאַפּט: ווער ווייסט וואו דער קאָפּ פון אָט די פרעמדע האָר, וואָס זי טראָגט אויף זיך, געפינט זיך יעצט?... און אַ שרעקליך אָבשיי האָט זי ארומגענומען, און ווי ווען עס וואָלט זי אָנגעריהרט עפּעס נישט ריינעס, — האָט זי געהאַפּט דאָס שייטעל

פון קאָפּ און אַ וואָרף געגעבען אָן דער ערד, און איז האַסטיג אַרויס פון שטוב.

טאַטע מאַמע האָבען איינער דעם צווייטען אָנגעקוקט...

---

צו מאָרגענס נאָך דער חתונה, האָט זיך די מחותנת'טע גאַנץ פריה געפּעדערט מיט דער גרויסער שער אין דער האַנד און מיט דעם שייטעל און קאַפּעלוש, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אַ מתנה דער כלה פון איהר שטאָדט, און איז געגאַנגען די כלה אָנטהון צום „פריה־שטיק".

נאָר די מחותנת'טע איז פון דרויסען געבליבען... די כלה האָט זיך פערשלאָסען אין איהר שטוב און האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט צו זיך.

די מחותנת'טע לויפט מיט אַ געוואַלד צום מאַן, דער ליגט נאָך די נעכטיגע מחיה מיט אַ טוץ פעטער'ס און שוואָגער'ס פערפּלאָנטעט אינאיינעם און שלאָפען, זי געהט צום חתן, דער חתן אַ אַכטצעהן־יעהריגער בחור, די מאַמעס מילך נאָך אויף די ליפּען, אין זיידענע קאַפּאָטע און שטריימעל דרעהט זיך ווי אַ אָבגעשמיסענער איבער די שטוב, און בעהאַלט פאַר בושה די אויגען אין דער ערד, שעמט זיך אַ מענש אין פּנים צו קוקען. זי האָט דאָך אויפגעזוכט די מחותנת'טע און געהען ביידע אַהין צו דער כלה, רייסען די טהיר אויף און קוקען אַריין.

— פאַר וואָס האָסט דו דיך איינגעשלאָסען, ליעבע טאָכטער, ברויכסט דיך נישט צו שעמען.

— עס איז אַ יודישע זאַך, זאָגט די מחותנת'טע און צוקושט זיך מיט די שוויגער.

זי ענטפערט גאָר נישט.

— די שוויגער האָט דיר מיטגעבראַכט אַ שייטעל און אַ קאַפּעלוש צו שוהל־פיהרענס, זאָגט דער כלה'ס מוטער.

פון דער צווייטער שטוב הערט מען שוין די מוזיק שפּילען דעם „גוט־מאָרגען".

— נו, נו כלה'שי, כלה־לעבען, די געסט הייבען זיך שוין אָן צוזאַמען־צו־קומען.

די מחותנת'טע נעהמט זיך די צעפּ פערנאַנדערצופלעכטען.

די כלה בויגט אַוועק דעם קאָפּ פון דער שוויגער, און פאַלט דער מוטער אויפ'ן האַלז:

— איך קאָן נישט, מאמע לעבען! דאָס הארץ לאָזט מיך נישט, מאמע קרוין!

זי האָט די האָר איןביידע הענד בעהאַלטען, נישט צולאָזענדיג די מחותנת'טע צו זיך מיט דער שער.

— געדענק אין גאָט, טאָכטער לעבען... האָט זיך די מוטער געבעטען.

— אין פייערדינע טייכען טהוט מען אויף יענער וועלט בראָטען פאר דעם. מיט גליהענדע צוואַנגען טהוט מען די „קאָדלעס" אויפ־רייסען פון דער מרשעת, וואָס טראָגט די אייגענע האָר נאָך דער חתונה.

א קעלט איז דורך דורך אלע ביינער פון דעם יונגען אכטצעהן־יאָהריגען מיידעל.

— מאמע לעבען, מאמע קרוין! — האָט זיך דאָס יונגע מיידעל געבעטען.

און זי האָט מיט איהרע הענד איהרע האָר אָנגעטאַפּט. א פאַליע שוואַרץ־זיידענע האָר האָבען זיך צווישען איהרע הענד געגאָסען; און א געפיהל האָט געקלאַפּט אין דעם יונגען מיידעלשען הארץ: אז איהרע האָר, וועלכע זיינען מיט איהר אינאיינעם געוואַקסען, וואָס האָבען מיט איהר אינאיינעם געלעבט, וועט מען אָבשניידען, אז קיין מאָל, קיין מאָל וועט זי שוין איהרע אייגענע האָר נישט האָבען... אז פרעמדע האָר וועט זי טראָגען... האָר וואָס זיינען געוואַקסען אויף א פרעמדען קאָפּ, וואָס ווער ווייסט, צי דער מענש פון די פרעמדע האָר לעבט נאָך איצט, אָדער פוילט ער שוין לאַנג אין דער ערד, און קאָן ביי נאַכט צו איהר קומען צום בעט, און בעטען זיך מיט א טויטע שטימע:

— גיעב מיר אָב מיינע האָר, גיעב מיר אָב מיינע האָר.

א קאַלטער פראָסט איז אריבער איבער דעם מיידעל'ס ביינער ביז צו דעם מאַרך. זי האָט א ציטער געגעבען.

איבער איהר קאָפּ האָט זיך שוין דערהערט א קוויטשען פון א שער... זי האָט זיך געגעבען א ריס פון דער מוטערס אָרים, געהאַפּט די שער פון דער שוויגער'ס הענד, געוואָרפען אין דער ערד, און גע־שריגען ניט מיט א מענשליכער שטימע:

מיינע אייגענע האָר, לאָז מיך גאָט אליין שטראָפען!

און עס האָט שוין גאָר נישט געהאָלפען. די מחותנת'טע האָט נאָך יענעם טאָג זיך געפּאַקט און צוריק אהיים געפיהרט דעם לעקעך

מיט די גענז, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אויפ'ן פריהשטיק פאַר די „איהריגע“. זי האָט אויך געוואָלט מיטנעהמען דעם חתן, האָט די מחותנת'טע געזאָגט: „אַ זאַשע“! ער געהערט שוין צו מיר!

און שבת צום „שוהל־פיהרען“ האָט מען משה גרוים טאָכטער געפיהרט פריי און פראַנק פאַר גאַנץ „פּיאַנטיק“ אין די אייגענע האָר מיט אַ גרויסען קאַפּעלוש אין שוהל אריין.

נאָר וואָס מען האָט זי דורך דעם וועג אָנגעשאָלטען, זאָל אריין אין אַלע וויסטע מדבריות, וואו קיין מענשענס טריט טרעטען נישט.

---

עס איז געוועזן אַ זומער פאַר. נאַכט, אַ פּאָר וואָכען נאָך דער חתונה. דער יונגערמאַן איז פון „שטיבעל“ אַהיים געקומען, און איז אין זיין חדר אריין. זי, דאָס ווייב, איז שוין געשלאָפען. דאָס שטילע ליכט פון קליינעם לעמפעל, וואָס איז געפאַלען אויף איהר — האָט בעלויכטען איהר בלייך געזיכט, וואָס איז געוועזן אָפען דאָ און דאָרט פון צווישען איהרע שוואַרץ־זיידענע האָר, אין וועלכע דאָס גאַנצע פנים האָט זיך געבאָדען. איהרע בלייכע שלאַנקע הענד האָט זי ארום איהר קאָפּ האָר געהאַלטען ווי זי וואָלט מורא האָבען, אַז עס זאָל ווער איהר ביי נאַכט די שוואַרצע צעפּ נישט אָבשניידען.

ער איז אַהיים געקומען אויפגערעגט און בייז. שוין די פיערטע וואָך נאָך דער חתונה, און מען האָט איהם קיין עליה נישט געגעבען; הסידים טהוען איהם אָן דין, און היינט האָט איהם חיים משה אַזוי אויסגעזידעלט און בפרהסיה פערשעהמט, איבערדעם, וואָס „זי“ געהט אין איהרע אייגענע האָר — „אַ ליימענער גולם ביסט דו“, — האָט צו איהם ר' חיים משה גע'טענה'ט — „ווי הייסט אַ אשה וויל נישט: והוא ימשול בה, שטעהט בפירוש געשריעבען“. אַהיים געקומען איז ער מיט'ן געדאַנק באַלד צו צוגעהן צו איהר, און צו זאָגען: — „אשה, עס איז אַ דין תורה! טראָגסט דו די אייגענע האָר קומט דיר אַ גט אָהן אַ כתובה“, און פּאַקען די זאַכען און אַהיים פאָהרען. נאָר דערזעהענדיג דאָס ווייבעל ווי זי שלאָפט אין בעט, און איהר בלייך געזיכט, וואָס קוקט ארוים פון דעם שוואַרצען קרוין האָר, האָט ער אויף איהר גרויס רחמנות געקריגען. ער איז צו צום בעט, אָבגעשטעלט זיך, לאַנג גע־פּיקט אויפ'ן ווייבעל, דערנאָך איינינגע מאָל שוואַך אויסגערופען:

— חנה'לע... חנה'לע... חנה'לע...

זי האָט פּלוצלונג און דערשראָקען די אויגען אויפגעעפענט, פערוואונדערט און פערשלאָפען זיך אומגעקוקט:

— נתן דו רופסט, וואָס ווילסט דו?

— גאָר נישט. דאָס הייבעל איז דיר אראָבגעפאַלען, — זאָגט ער, אויפהייבענדיג די ווייסע נאַכט־הויב, וואָס איז איהר פון קאָפּ אראָבגעפאַלען.

זי האָט דאָס הייבעל אויפ'ן קאָפּ געוואָרפען, און געוואָלט זיך צו דער וואַנד פערדרעהען.

— חנה'לע, חנה'לע! איך האָב עפּעס מיט דיר צו רעדען.

די ווערטער האָבען געטראָפען צו איהר הארץ. דורך די גאַנצע צייט פון דער חתונה האָט ער מיט איהר כמעט ווי נישט גערעדט. א גאַנצען טאָג האָט זי איהם נישט געזעהען. ער איז געזעסען אין בית־המדרש, אָדער אין שטיבעל. איז ער אהיים געקומען מיטאָג עסען, האָט ער זיך צום טיש געזעצט אָהן ווערטער. האָט ער עפּעס געוואָלט, פלעגט ער רעדען סתם ווי אין דער וועלט אריין. האָט ער שוין יאָ ווען מיט איהר א וואָרט אויסגעשפּראָכען, האָט ער די אויגען געהאַלטען אראָבגעבויגען צו דער ערד, און מורא געהאַט צו קוקען איהר גלייך אין פּנים. דאָס ערשטע מאָל ווי ער רעדט מיט איהר, רעדט ער אזוי ווייך, ווען זיי זיינען ביידע אַליין ביי זיך אין שטיבעל.

— וואָס האָסט דו מיר אזוינס צו זאָגען? — האָט זי אין דער שטיל אויסגערעדט.

— חנה'לע — הייבט ער אָן: איך בעט דיך, מאַך מיך נישט צו נאַרען, און מאַך דיך נישט צר־נאַרען אין מענשענס אויגען. מיר זיינען דאָך א זיווג פון גאָט בעשערט: דו ביסט דאָך מיין ווייב, און איך בין דיין מאַן; און ווי פּאַסט עס, און ווי זעהט עס אויס א אשת־איש אין אייגענע האָר...

דער שלאָף האָט נאָך געהאַט האַלב פערוועבט איהרע אויגען, אינגאַנצען אָבער פערוועבט איהר געדאַנק און ענערגיע. זי האָט זיך געפיהלט שוואַך. און דער מיעדער קאָפּ איז לייכט געפאַלען אויף זיין ברוסט.

— קינד, — זאָגט ער ווייכער, — איך ווייס, דו ביסט נישט אזוי פערשייט ווי מען זאָגט אויף דיר, איך ווייס דאָך יאָ, דו ביסט א כשר יודיש קינד... און השם־יתברך וועט אונז דערצו העלפען, און מיר

וועלען האָבען כשר'ע יודישע קינדער. לעג אוועק די שטות'ען; צו וואָס דאַרפסט דו די גאַנצע וועלט זאָל מיט דיר האָבען צו טהון? מיר זיינען דאָך שוין מאַן און ווייב, דיין שאַנד איז דאָך מיין שאַנד...

און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס וועֶר, זעהר אַ ווייטער און זעהר אַ נאָהנטער, קומט צו איהר און רעדט צו איהר. קיינער האָט נאָך מיט איהר אַזוי ווייך, אַזוי היימיש נישט גערעדט. און ער איז דאָך איהר מאַן, איהר איינציגער מאַן, מיט וועלכען זי וועט וואָהנען אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג... און קינדער האָבען... און אַ הויז פיהרען...

זי האָט איהר קאָפּ אויף איהם לייכט אָנגעלעהנט.

— איך וויים, אַז עס איז דיר אַ שאָד דיינע האָר, דיין מיידעל־ציערונג. איך האָב דיך געזעהען, כלה־ווייז, ווען איך בין ביי אייך צו גאַסט געווען... כ'וויים, אַז גאָט האָט דיר בעשענקט מיט חן און לייטזעליגקייט... כ'וויים גאַנץ גוט, און מיר שניידט עס אויך אין האַרץ, אַז מען דאַרף די האָר דיר אָבשניידען. וואָס זאָל מען אָבער טהון. עס איז אַ דין בפירוש, פאַר דעם זיינען מיר דאָך יודען, מיר קאָנען זיך נאָך חלילה פערזינדיגען ביי אַ קינד געווינען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין.

זי האָט גאָר נישט גערעדט, נור לייכט איז זי אין זיינע אָרימס געבליבען, און זיין פּנים האָט זיך געוואַשען אין דעם קיהלען דופט פון איהרע זיידענע שוואַרצע האָר, אין וועלכע עס איז געווען פערהילט. אין די האָר האָט אַ נשמה געלעבט, און ער האָט זי געפיהלט. ער האָט זי לאַנג און טיעף אָנגעקוקט, אין זיינע אויגען איז אַ בקשה געווען, אַ בקשה אויף איהר אייגען גליק און אויף זייער ביידענס גליק.

— זאָל איך — האָט ער מעהר מיט די אויגען געפרעגט איידער מיט'ן מויל.

זי האָט גאָר נישט געענטפערט, זי האָט נור איהר קאָפּ אין זיין שויס געהאַלטען.

ער איז האַסטיג צו צום שופלעדעל און דערפון דאָס שעריל אַרויס־גענומען.

אויף זיין שויס איז זי געלעגען, איבערגעבענדיג איהר קאָפּ האָר אַ אויסלייז־געלד פאַר זייער גליק... מיט האַלב־פערוועבטע אויגען פון שלאָף האָט זי אַן עפּעס געטרוימט... און די שער האָט געקווישעט איבער איהר קאָפּ, אָבשניידענדיג איין לאָק נאָך דער צווייטע. אַזוי האָט זי געטרוימט אַ גאַנצע נאַכט...

אַז חנה׳לע האָט זיך אין דער פריה אויפגעחאַפּט, האָט זי געוואָר־פען אַ בליק אין שפּיגעל, וואָס איז געהאַנגען געגענאיבער איהר בעט. אַ שרעק איז אויף איהר אַנגעפאַלען. זי האָט געמיינט אַז זי איז משוגע און ליגט אין האָספּיטאַל... אויף דעם טישעל פאַר איהר זיינען גע־לעגען איהרע אָבגעשניטענע טויטע צעפּ. די נשמה, וואָס האָט געהאַט געלעבט אין די צעפּ, ווען זיי זיינען געווען אויף איהר קאָפּ, איז יעצט געווען אָבגעשטאָרבען, און זיי האָבען דערמאָהנט פון טויט...

זי האָט דעם פנים איןביידע הענד פערבאָרגען. און אַ געוויין האָט אָנגעפילט דאָס קליינע צימעריל...

# אידישע אויגען

מיר זיינען געזעסען אין דרייען אין איינעם פון די ווארשאווער קאַפעעס, און מיר האָבען גערעדט פון אידישע טעכטער־אויגען. אונזער פריינד וולאדעק, דער מיסטישער גוי, וועלכער איז געווען אַ בעריהמטער ליעבהאבער פון אידישע טעכטער, האט זיך צוקאכט:

— די אויגען, די אויגען פון אידישע טעכטער אין נאָר אַ רעשט פון אלטען ירושלים — האָט ער אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג — אין די אויגען פון אידישע טעכטער ליגט דער מיסטישער מעלאַנכאָלישער לאַנדשאַפט פון אָבגעברענטען אָריענט. אין זיי פינקעלט דער גלאַנץ פון פער'שיכור'טען תאוה'דיגען בליק פון סאלאמעא, אין וועלכען עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט דער גלאַנץ פון הורדוס'עס שווערד, אָבהאַקענדיג יאהאַן'ס קאָפּ; אין די אויגען פון אידישע טעכטער. — האט ער זיך ערשט גענומען צו ערפלאקערען...

— אפשר שוין גענוג? — האָט זיך ווער אָבגערופען פון דער חברה, — קיין זייטען־שפּיעלען פון אָריענטאַלישער מוזיק הערט מען נישט דאָ, און דער וויין גלאַנצט אויך נישט אין גלאָז פאַר דיר, — האָט ער געזאָגט אין אַ ביבלישען טאָן.

אונזער פריינד וולאדעק איז קיהל געוואָרען און געקוקט אויף דעם ריידענדען מיט פערדרוס.

— איין מאָל האָט זיך מיר געטראָפען אַ מעשה מיט אידישע אויגען — האָט זיך אָנגערופען דער מאהלער סטאַניסלאוו, וועלכער איז געזעסען אין אַ ווינקעל — אָבער איך שעהם זיך צו דערצעהלען, — האָט ער פּלוצלונג אָבגעהאַקט, רויט ווערענדיג.

— גיב נאָר אַ קוק ווי דער צדיק האָט זיך פערשעהמט.

— וואָס, געקראָגנען אין „פּאפּא״? — פרעגט איינער.

— ניין, דאָס נישט, יעדענפאלס נישט קיין פיזישען פאטש, אָבער... איבעריגענס, קיינער פון אייך איז נישט בעסער, און יעדער פון אייך וואָלט געטהאָן דאָס, וואָס איך האָב געטהאָן. — ניין, דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט טהאָן.

— אדרבה, דערצעהל — לאָז מען הערען.

— עס איז מיר איינמאָל אויסגעקומען נעכטיגען אין א האטעל אין די אידישע גאסען, דאָרט ארום געגשאַ, דזיקא. האָט איהר שוין אמאָל דאָרט גענעכטיגט? ניין? — געהט פּרוּוועט. איך קום א מיעדער און וואַרף זיך אין בעט אריין. יאַ, וואנצען, נישט וואנצען — איך ווייס נישט, טויט מיעד געווען און עפּעס אויפגערעגט.

איך בין קוים איינגעשלאָפען, פריהמאָרגענס. איך האַלט אין מיטען בעסטען חלום, מען וועקט מיך. אויפגעכאַפּט זיך, אויפגעעפענט, וואָס איז?

— דאָ וואָהנט קאַץ? — פרעגט א איד, אריינשטעקענדיג די באָרד מיט'ן קאָפּ.

— ניין, דאָ וואָהנט נישט קאַץ.

דער איד איז שוין נישט דאָ.

נור צו דעם האָט מען מיך נישט געדאַרפט אויפוועקען. שלאָפען קאָן איך שוין נישט, ליג איך אין בעט און וואַרט, ווער עס וועט ווייטער קומען. נאָז־טיכלאך וויל איך שוין נישט קויפען, אויך נישט קיין זאָקען מיט גאָפּעל און מעסער. א אידענע עפענט גלאט אזוי אויף מיין טהיר, — וואָס איז? — עס איז איהר פינסטער אין קאָרידאָר. און איך ליג אין בעט, בין ביי מיר אין האָטעל, און האָב דאָס געפיהל, ווי מען וואָלט מיך א נאַקעטען אויף די נאַלעווקעס אוועקגעלעגט.

די טהיר עפענט זיך און עס קומט אריין א יונג, יונג ווייבעל. פון הינטער דעם שייטעל שיינט ארויס נאָך גאָר א פריש פּנים'על, מיט א פּאָר גלאַנצענדיגע, שוואַרצע שעהנע אויגען. זי געהט צו צו מיר ביז פאַר'ן בעט און ווייזט מיר אויף עפּעס, וואָס זי האַלט בעהאַלטען הינטערן שירץ.

— פאַלשע פּאַפּיראָסען — וואַרפט זי צו מיר א שעלמישען בליק, פערקרימט די ליפען און ווייזט איהרע חן'עוודיגע צייהנדלאך.

— פאלשע פאפיראָסען — זאָג איך פון בעט ארויס, און קוק אויף דער אידענע, וואס זי מיינט.

זי טראָגט מיר צו די פאפיראָסען — „זיי קאָנען פרובירען".

איך פרוביר, און רויכער מיר דעם פאפיראָס ארויס פון בעט, און קוק אויף דער אידענע און טראכט מיר:

— מיך וועסטו נישט נארען, פאלשע פאפיראָסען מיינסטו דאָך נישט... און קוק אויף דער טהיר, א שפּאלט האָט זי דאָך אויפגעלאָזען

— זי זאָל ניט זיין מיט מיר ביחידות — קוק איהר אין די אויגען אריין — א גנב'ישער, שעלמישער בליק.

„רויכערען זי — זיי שמעקען גאנץ פיין" — זאָגט זי.

— וואס קאָסט עס? — פרעג איך און קוק איהר אין די אויגען אריין — אז מיין פראגע זאָל זיין צווײדייטיג.

— אזוי, פערציג קאָפּיקעס פאר הונדערט — זאָגט זי.

— אזוי, פערציג קאָפּיקעס פאר הונדערט, — זאָג איך פון בעט ארויס — די פאפיראָסען הייסט עס.

— יאָ, הונדערט שטיק, — ענטפערט זי געלאַסען.

אבער א שווארץ יאָהר, וואס בליסטשעט זי אזוי מיט די אויגען?

— גוט, גוט, זאָג איך, פערציג קאפּיקעס פאר הונדערט — זיי שמעקען זעהר פיין, זעהר פיין — לאָז איך דעם רויך לאנגזאם פון מויל ארויס.

— און אין דער היים האָבען זי דאָך אויך פאפיראָסען? — פרעג איך; איז מיר פּלוצלונג עפּעס איינגעפאלען.

— גוטע, בעסערע נאָך פון די; איך וועל איהן באלד אריינברענגען. זיי וועלען נעהמען? — פרעגט די אידענע און קוקט מיך ווידער אין די אויגען אריין.

— נעהמען, נעהמען, — זאָג איך.

— אריינברענגען?

— ניין, איך געה מיט, — ענטפער איך — ווארטען זי נאָר דאָרט אויף מיר — ווייז איך איהר אויפ'ן קאָרידאָר — איך געה שוין מיט.

די אידענע האָט געווארט אין קאָרידאָר, און איך טהו זיך פלינק אָן, און טענה אַלץ צו זיך:

„מיר וועסטו נישט נארען", „פאלשע פאפיראסען" צו פערקויפען, הע! „פאלשע פאפיראסען האסטו דאך נישט צו פערקויפען"

— איך ווייס דאך, וואס דו מיינסט. איך ווייס דאך — א וועלט הייגט — זאג איך צו מיר — א וועלט — א חסידיש ווייבעל אין א שייטעל — „פאלשע פאפיראסען" צו פערקויפען, איבער די האטעלען געהען זיי— איי, איי — זאג איך זיי מוסר ביי זיך אין הארצען.

אנגעטהאן, געהט זי פאראוים פאר מיר, איך געה נאך איהר.

— געהען זי נאך מיר, זאגט זי, מען זאל נישט זעהן.

„מען זאל נישט זעהן" — אהא, א וועלט, און זי קוקט זיך יעדעס מאל אום, צי איך געה איהר נאך. — איך געה, איך געה, ווינק איך צו איהר מיט'ן קאפ — א וועלט הייגט! האסט געזעהן א חסידיש ווייבעל, אין א שייטעל געהט עס, „פאלשע פאפיראסען" — הא?

ארויפגעקומען אין א הויף, לויפט די אידענע פלינק אין א גע־וועלבעל אריין און קויפט עפעס, און ווינקט צו מיר מיט די אויגען — „נור איין מינוט", זי שפרינגט באלד ארוים פון געוועלבעל מיט א ברויט הינטערן ארעם און ווארפט ווידער צו מיר א גנב'ישען בליק, און ווידער א שמייכעל. „קומען זיי מיט ארויף, אויפ'ן דריטען שטאק, געהען זי נאך מיר".

איך בין אריינגעקומען נאך איהר אין שטיבעל — און א כא־ליאסטרע קינדער האט זי געגעבען א רינגעל ארום, אז דאס ווייבעל איז אין גאנצען פערטרונקען געווארען צווישען די קינדישע קעפלאך און קינ־דישע געשרייען; איינס זיצט שוין ביי איהר אויף די הענד, און זי ווישט עס אב דאס נעזעל. איינס ציהט ביי דער האנד, וויל מיט ארויף, שוין איז עס אויך איבעג, און די איבעריגע צוויי רייסען די שירץ, און פאטשען זיך אין די הענטלאך. און שרייען מיט זייערע דינינקע קול'כלאך:

— די מאמעלע, די מאמעלע איז געקומען...

— אט באלד, אט באלד — פרעהט זיך די אידענע, און הויבט אייגעם אויף דאס היטעלע, און זעצט עם איהם אויפ'ן קעפעל.

„משה'לע, א ברכה מאך".

— ברוך אתה...

און די אידענע שטעהט זיך רוהיג און צוטהיילט מוציא'ם די קינ־דער, און אז מיר, און מיינע „פאלשע פאפיראסען" האט זי גאר פער־געסען.

— וואו זיינען מיינע פאפיראָסען? — פרעגט איך האַלם פערדרים־ליך.

— לייב, וואו ביזטו? פאפיראָסען וויל מען — רופט די אַי־דענע.

פון א ווינקעל שטוב הויבט זיך אויף א קליין אידעל, דאכט זיך, ער האט א הויקער געהאט, מיט א בלייך, בלייך פנים'ל, נור שווארצע אויגען און א שווארצע באָרד האָט ער געהאט.

— פאר וויפיעל ווילט איהר?

---

אז איך בין אראב פון די טרעפ מיט די „פאפיראָסען" אונטערן אָרעם, ווי א אָבגעשמיסענער, האָב איך זיך געטראכט:

— וואָס א אידענע קאָן! א האַלב טוץ קינדער האָט זי, און האָט נאָך אזעלכע שעלמישע אויגען.

— און אויף וואָס זי נוצט זיי אוים — האָט ווער געזאָגט.

— „פאלשע פאפיראסען" צו פערקויפען — לאכען אלע.

—ניין, אויף ברויט פאר איהרע קינדער — האָט דער ערצעהלער געענדיגט.

# אָפּגעגאַרט

די מיידלאך האבען שוין אויסגעזעצט די כלה צום בעדעקענס, די כלי־זמרים מיט די כלים אין די הענד שטעהען אַרום, די פיעדלען אָנגעשטעלט אין די הענד, פון ווייטע צו ווייטע גיט אַ כלי־זמר אַ ברום מיט זיין פינגער אויף אַ זייט פון פידעל. דער קאנטר־באַס גיט אַ קרעכץ אָב, און פּאַר אונגעדולדיגקייט בלאָזט יענקעל קלאַרנעט אויף דער טראָמפּייט. אויף אַ שטוהל שטעהט דער בדחן, צוויי פינגער אויס־געשטרעקט גרייט צום טאַקט און מיט די אַנדערע פינגער צופּט ער זיך דאָס בערדעל מיט אַזאַ עקשנות, ווי ער וואָלט דעם גאַנצען כעס אויסגעלאָזען אויפ'ן בערדעל.

און דער חתן מיט דער דעק־טוך ווייזט זיך אַלץ ניט.

פון די ברוגז'ע מינע פון די מחותנת'טע זעהט מען, אַז עס האַנ־דעלט זיך עפּעס וועגען חתן. ריכטיג אָבער ווייסט מען נישט וועגען וואָס עס געהט. די מיידלאך האָבען רחמנות אויף דער כלה, וועלכע ווערט פערשעהמט וואַרטענדיג, און טהוען אַלעס וואָס אין זייער קראַפט צו פערטראָגען די פיינליכע שטימונג. זיי לאַכען, פרעהען זיך, פאָדערען אויף די כלי־זמר צו שפּיעלען... נאָר די כלי־זמר זיינען פערטראָגען, אַז פון דעם אַלעס זאָלען זיי ניט בלוטען — ווען עס ווערט ווערען אויס שדוך — זיי יאָגען פון זיך די מיידלאך אַוועק מיט די סמיטשקעס:

סטופּיי, סטופּיי — שפּעטער טאַנצען.

אַ פערשעהמטע, די אויגען און דאָס פּנים פערשטעלט אין ביידע הענד, זיצט די כלה און וויינט שטיל. איבער איהר קאָפּ שטעהט די מוטער, קושט זי און טרייסט זי:

— גאָט וועט דיר בעצאָהלען פאַר דער חרפה, וואָס מען טהוט דיר און מיין קינד — גאָט וועט דיר בעצאָהלען.

און אין א צווייטען צימער זיינען געווען ביידע פּאַטערס־מחותנים. איין מחותן שוזר'ל, דעם חתן'ס פּאַטער, וועלכער איז געווען א קורץ אי־דעל, זיצט פּערבּיסען די דאַרע אויסגעטריקנעטע ליפּען,זיין קליינעם אינגעלשען קאָפּ אַנגעלעהנט אויף איין האַנד, און מיט דער צווייטער האַנד האט ער זיך געלאַסען געגלעט דאָס קורצע בערדעל. און ער שווייגט ווי א שטיין. דער צווייטער מחותן, דער פּאַטער פון דער כלה, א הויכער שטאַרקער איד מיט א גרויס פּנים און א גרויסע לאַנגע באָרד, א געלער, שטעהט פאַר איהם און בעט זיך:

— שוזר, פערוואָהם מיך נישט פאַר מענשען — אכט טעג נאָך דער חתונה, אזוי ווי איך פערקויף גאָר דעם ווייץ, גיב איך דיר די הונדערט רובל. נעהם דעם וועקסעל, איך בעט דיך, נעהם דעם וועק־סעל — האט ער איהם געשטופּט א וועקסעל אין האַנד אריין.

דאָס קליין אידעל האט זיך נישט בעוואויגען פון אָרט. ער האט מיט דער האַנד קיין איין פינגערע בעוועגונג ניט געמאַכט, גלעטענדיג זיך די באָרד. ער האָט זיך קיין איין פלינקערען שאָקעל ניט געגע־בען. ער האָט די אויגען ניט אויפגעהויבען, ניט מיט'ן קאָפּ בעוואויגען, נאָר איז געזעסען ווי פריהער און געשוויגען.

פון צייט צו צייט האָט א מחותנת'טע דעם קאָפּ אין טהיר אריינגע־שטעקט און אריינגערעדט:

— מחותנים, דאָס חתן־כלה פּאַסט דאָך עפּעס א לאַנגען זומער־טאָג.

— מחותנים, די געסט צוגעהן זיך דאָך, א חרפה פאַר מענשען.

— וואָס זאָל איך טהאָן? — ער זיצט ווי א גזלן — האָט דער כלה'ס פּאַטער אָנגעוויזען אויפ'ן מחותן שוזר. — ווייסט דו גאָר וואָס, לאָמיר פרעגען דעם חתן, אז ער וויל דוקא אז איך זאָל יעצט פאַר דער חופּה אנטאָהן די קאַפּאָטע און געהמען דעם שטעקען און געהן אין גאָס אריין בארגען מיר הונדערט רובל צו דעם נדן, יעצט פאַר דער חופּה, ווען מיין קינד וואַרט אויפ'ן שלייער, וועל איך דאָס טהאָן, וועל איך עס טהאָן — האט דער מחותן געזאָגט שוין ארויסגעהענדיג פון געדולד.

— דער חתן וועט טהאן, וואס איך וועל איהם הייסען — האט דער קלײנער אידעל געלאסען און קורץ אבגעענטפערט.

— ניין, איך וויל עס הערען פון זיין מויל, איך וויל, אז ער זאל מיר זאגען, אז ער וועט ניט געהן פריהער בעדעקען דער כלה ביז די הונדערט רובל צום נדן וועלען נישט זיין אין כסף — איז דער מחותן דוקא דערויף בעשטאנען.

—אז דו ווילסט עס דוקא, וועסטו עס הערען — האט דער קליינער אידעל געזאגט ווידער געלאסען, אויפהויבענדיג זיך צוגעהענדיג צו דער טהיר, און רופענדיג:

— דוד, דוד, קום נאר אריין.

דער חתן איז געזעסען ארומגערינגעלט מיט די בחורים און האט פאר זיי תורה געזאגט. די קאפ איז איהם שוין ניט געשטאנען צו דער תורה. ער האט פערשטאנען אז עפעס וואס איז געשעהן און עס קען זיין, אז עס זאל זיין אוים חתונה. פאר קיין גרוים אונגליק האט ער דאס ניט בעטראכט. מן הסתם, אז דער טאטע וועט אבלאזען דעם שידוך פאר דער חופה, ווייסט ער וואס ער טהוט, און מיינט עס זיין טובה. די כלה האט ער נאך ניט געקענט. זי געזעהן א פאר מאל ביי די תנאים, ווען ער האט מיט איהר די תנאים אונטערגעשריבען און געזאגט איהר מזל־טוב. אודאי איז איהם געווען א רחמנות וואס א אידישע טאכטער וועט פערשעהמט ווערען,—אבער מן הסתם ווייס דאך דער טאטע וואס ער טהוט, און עס איז דאך אודאי דא א טעם דערביי.

אונאנגענעהם איז איהם געווען וואס דער טאג ציהט זיך אזוי לאנג, האט ער געפרואווט ווייטער תורה זאגען, און אריינגעווארפען בעהאלטענע בליקען אין דער צווייטער שטוב וואו די כלה איז געזעסען. ער האט גאר ניט געזעהן, נאר א ווייסע קלייד. געווים האט איהם דאס כלה'ס ווייסע קלייד אנגענעהם געריהרט. זיין בעשערטע. נאר קיין טיעפעס געפיהל האט ער נאך ניט געהאט פאר דער ווייסער קלייד...

אז דער פאטער האט איהם אריינגערופען, האט ער געוואוסט, אז עס האנדעלט זיך געווים וועגען שידוך, און ער וועט עס בעדארפען ענטשיידען. האט איהם דאס הארץ אביסעל אנגעהויבען צו קלאפען.

— דוד, דו ווילסט חתונה האבען מיט דריי הונדערט רובל נדן?

— האט איהם דער פאטער געפרעגט.

— וואס פאר א דריי הונדערט? פיער הונדערט, אט איז דאך דאס וועקסעל — האט דער מחותן געשטופט דעם חתן דאס וועקסעל אין האנד אריין.

— א וועקסעלע, וואס איז א וועקסעלע? — גאר נישט, עס איז דריי הונדערט רובל נדן — דוד, אז דו ווילסט איז מיר ניחא.

דוד'ן איז דאס בלוט געקומען אין פנים אריין. אין די דריי הונדערט רובל האט ער געזעהן א בעליידיגונג פאר זיך. א ליאדע בחור נעהמט היינט פיער און פינף הונדערט, און ער, וואס האט דעם גוטען קאפ און ער איז דער וואויל לערנער, זאל נאר נעהמען דריי הונדערט רובל. וויפיעל שידוכים מיט גליקען האט מען איהם גערעדט און ער האט זיי ניט געטהאן דערפאר, וואס עס איז נאר געווען דריי הונדערט רובל. און יעצט וועט ער חתונה האבען מיט דריי הונדערט רובל, וואס פאר א פנים וועט ער האבען פאר זיינע חברים, די יונגע־לייט אין בית־המדרש? א דריי הונדערט רובעלדיגער חתן! ער איז בערייט געווען אראצוואווארפען פון זיך די קאפאטע אין די מינוט און מיט'ן טאטען אוועקצוגעהן. ער האט זיך אבער איינגעהאלטען — ווייל אין דער צווייטער שטוב זיינען די בחורים און די געסט געווען — האט ער זיך בייז געקרייזעלט ביי דער פיאה, און געזאגט:

— דער טאטע ווייסט בעסער, וואס עס איז גוט פאר מיר, איך פערלאז זיך אויפ'ן טאטען.

און עס האט גאר ניט געהאלפען. דער מחותן האט געמוזט די קאפאטע אנטהאן און דעם שטעקען אין דער האנד נעהמען און נעהן אין גאס ארויס און בארגען זיך הונדערט רובל צום נדן, און די כלה האט אזוי לאנג געווארט מיט איהרע צופלאשעטע האהר אויפ'ן חתן־בעדעקענעס, ביז די הונדערט רובל וואס מען האט צוזאמענגעשלעפט אין זילבער און קופער פון דער כלה'ס משפחה זיינען ניט געווען איינ־געבונדען אין א טיכעל אין די הענד פון קליינעם אידעל, דעם שוויגע־רען גזלן;

— דוד, געה בעדעקען די כלה — האט דאס אידעל געזאגט צום חתן אריינקומענדיג מיט'ן טיכעל זילבער געלד אין דער האנד

ביי־נאכט, ווען דוד איז געבליבען מיט זיין כלה אליין, איז זיין כלה ניט גוט געוואָרען. אז דוד האָט זי געהאַט אַבגעמינטערט מיט וואסער, האָט זי אויפגעעפענט איהרע אויגען און האָט דוד'ן אַנגעקוקט פרעמד און ערשראָקען. און דערנאך איז געווען, ווי זי וואָלט עפּעס איהם געבעטען מיט איהר בליק. דוד האָט ניט פערשטאַנען וואָס איז מיט איהר, און האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז דיר, דבורה'לע?

אַנשטאָט צו ענטפערען, האָט זי גענומען דוד'ס האנד און האָט זי צוגעלעגט צו איהר הארץ.

דוד האָט געפיהלט ווי איהר הארץ קלאַפּט אונטער זיין האנד ווי א האמעריל, האָט ער זיך דערשראָקען. ער האָט זי געפרעגט מיט אנגסט:

— דו ביזט קראַנק, דבורה? וואָס איז דיר?

דבורה האָט געשוויגען. זי האָט איהם נור שטום אַנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען. אין די פינסטערע נאכט האָט ער געזעהן ווי איהר שוואַרץ־אַפּעל בליסטשעט און בעט עפּעס. זי האָט ווידער גע־נומען זיין האנד און צוגעלעגט זי צו איהר הארץ, און האָט געשעפּטשעט אין דער שטיל:

— איך בין קראַנק, דוד.

— וואָס איז דיר? האָט ער דערשראָקען געענטפערט.

איהרע אויגען האָבען יעצט נאך מעהר געבליסטשעט און נאך מעהר זיך געבעטען:

— איך האָב א הארץ פעהלער.

—אַ הארץ פעהלער — איז דער חתן פערציטערט געוואָרען און זיינע נאַקעטע הענד האָבען זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען און ער האָט זיך אַבגערוקט פון איהר.

— פאר וואָס האָט מען מיר גאר ניט געזאָגט דערפון? — האָט דוד געפרעגט ברוגז'דיג.

—דער טאטע האָט מורא געהאַט, אז דו וועסט ניט וועלען דעם שידוך.

— א כלה מיט א הארץ פעהלער — האָט דוד געמורמעלט פאר זיך.

אַ מינוט האָט ער געשוויגען, ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך. אָנצוטהאָן זיך און ארויסצוגעהן איז נאָך נאַכט געווען. האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ראנד פון בעט.

— אָבגענארט — האָט ער געמורמעלט פאַר זיך.

— איך בין ניט שולדיג. דער טאַטע האָט מיר געהייסען שווייגען. יעצט ביזטו דאָך שוין מיין מאַן — בעדאַרפסט דו דאָך עס וויסען — זאָג איך דיר.

דוד האָט געשוויגען. ער האָט געקוקט אויפ'ן פענסטער און גער־זוכט אַ מאָרגען־שטראַהל. ער האָט זיך געטראַכט, געוויס וועט ער מאָרגען מיט'ן טאַטען אהיים פאָהרען. אַ כלה מיט אַ הארץ־פעהלער, ער איז ניט שולדיג, מען האָט איהם אָבגענארט. אָבער דער רב וועט באַלד אַ גט געבען. פּיינליך איז איהם געווען וואָס די נאַכט רוקט זיך אַזוי לאַנגזאַם און דאַ איז ער מיט אַ פרעמדער אין איין שטוב, מיט איינע, וואָס מאָרגען וועט ער זי שוין ניט זעהן און קיינמאָל ניט.

אין דעם האָט ער דערפיהלט עפּעס וואַרימעס רוקט זיך צו צו איהם, און קאַרטשעט זיך איין הינטער איהם און בעריהרט איהם. ער האָט געוואָלט אָבשפאַרען — נאָר עס איז איהם אנגענעהם געווען איהר בעריהרונג, און ער איז ווייטער געזעסען.

— דוד, דו ביזט בייז? — האָט זי איהם געפרעגט.

ער האָט איהר ניט געענטפערט, נאָר געטראַכט האָט ער זיך וואָס איז זי שולדיג, אַז גאָט האָט זי געשטראָפט.

האָט ער רחמנות געקראָגען:

— טהוט דיר נאָך וועה דאָס הארץ? — האָט ער געפרעגט, ניט קוקענדיג איהר אין פּנים.

— אַביסעל — האָט זי שטיל אָבגעענטפערט.

— און וואָס טהוט מען אַז דאָס הארץ טהוט וועה?

— מען לעגט צו אַ נאַסען קאַלטען האַנד־טוך.

— ווילסטו אַזאַ האַנד־טוך? — האָט ער ווידער געפרעגט, ניט אומקוקענדיג זיך.

— יאָ, דאָרטען שטעהט אַ שיסעל מיט וואַסער און אַ האַנד־טוך.

דוד האָט געטאַפּט אין דער פינסטער צו די שיסעל, נאַס געמאַכט דעם האַנד־טוך און איהר דערלאַנגט.

— לעג עס מיר צו, דוד — האָט זי געזאָגט

— וואו?

— אט דא ביים הארץ.

דוד האט איהר צוגעלעגט דאס האנד־טוך אויפ'ן הארצען און זיין האנד האט ניט ווילענדיג איהר נאקעטע ווארימע ברוסט בעריהרט, און א געפיהל האט איהם ווידער ארומגענומען צו איהר.

— איז שוין ניטא קיין עצה אויפ'ן הארץ? קען מען דאך פאה־רען צו א גרויסען דאקטאר! — האט ער געזאגט אין דער הויך, ווי צו זיך.

— געוועזן שוין ביי דאקטוירים — ביי גרויסע דאקטוירים — וויי־סען נים קיין עצה.

דוד איז געזעסען און האט געשוויגען. פאר די אויגען איז איהם פארגעקומען זיין צוקונפטיגעס לעבען מיט א קראנקע ווייב. דאס גאנצע לעבען פערבונדען מיט א ווייב וואס וועט קרענקען, שטענדיג קרענקען, שבת און יום טוב, שטענדיג טרויעריג זיין, און אפשר וועט דאס שאדען די קינדער אויך, און די קינדער וועלען זיין שוואכע, אדער זי וועט גאר קיין קינדער ניט האבען, נאר לעבען בלויז, ער אליין מיט א קראנקע ווייב — אין דרויסען וועט די זון שיינען, יום־טוב זיין, פסח, אידען זיינען פרעהליך, זינגען, די ווייבלאך שפאצירען פארביי פאר דער שוהל און זיין ווייב וועט ליגען אין בעט א קראנקע.

ער האט שוין איצט ניט געקלעהרט וועגען גט'ען — ער האט זיך שוין געזעהן אנגעבונדען אן דער קראנקער ווייב, און ער האט רחמנות געקראגען אויף זיך. אט ערשט געוועזן א בחור, א גליקליכער, געזעהן זיין צוקונפט אזוי ליכטיג און שוין יעצט אזוי טרויעריג. פארוואס קומט איהם דאס? וואס פאר א שלעכטס האט ער געטהאן?

ער האט קיינעם שוין ניט בעשולדיגט נור זיין מזל, אויף דער וויי־בעל האט ער יעצט רחמנות געהאט. וואס איז זי נעבעך שולדיג — ער האט זיך נאך געוואלט רעטען, געפינען עפעס א שטראהל פון האפנונג. האט ער זיך אנגערופען:

— און אז ניט ווייסען אלץ די דאקטוירים. אז דער רבונו של עולם וויל, קענסטו דאך נאך אין גאנצען געזונד ווערען.

— די דאקטוירים האבען געזאגט, אז איך וועל געפינען א גוטען מאן, וואס וועט זיין גוט צו מיר, וועל איך קריגען צוריק א געזונד הארץ.

ער איז געזעסען און געשוויגען. די ווערטער, וואס זי האט געזאגט, האבען איהם געשניטען מיט ליעבע זיין הארץ. אין דעם טאן איז געווען אזא ווייכקייט, אזא שטילקייט, אז ער האט עס ניט געקענט איבערטראגען. ער האט געמורמעלט פאר זיך:

— מילא, עס איז דאך שוין מיין מזל אויך.

ער האט געהערט א שטיל וויינען הינטער זיך. די טרעהרען האבען איהם וועה געטהאן, האט ער זיך אבגערופען:

— דבורה'לע, וואס וויינסטו, ווייז נישט.

— פאר וואס זאל איך ניט וויינען, אז איך האב אזא ביטער מזל, אז גאט האט מיך אזוי געשטראפט.

דוד האט שוין ניט געקענט לענגער אויסהאלטען. ער האט בעהאלטען זיין פנים צווישען איהרע ברוסטען און געוויינט אין זיי:

— עס איז דאך שוין מיין מזל אויך, דבורה'לע.

און ער האט ניט געוואוסט צי דאס זיינען טרעהרען פון אונגליק אדער פון גליק.

# די אלמנה

ווען עס האָט אָנגעהויבען גרויען אין קעלער אַריין, דורך דעם איינגעזונקענעם פענסטערל, האָט רחל לאה׳ס „צרה״ אָנגעהויבען צו קרעכצען: רחל לאה! רחל לאה!

רחל לאה, וועלכע איז געלעגען אין אַנדער׳ן ווינקעל מיט דער טוך צוגעדעקט, האָט נאָך פון שלאָף אַרוים אָבגעענטפערט: „באַלד, באַלד״, האָט זיך אויך דאַן באַלד אויפגעהויבען, עפּעס געגראַבעלט ביים ווינקעל קיך און איז מיט׳ן טעפּעל צוגעגאַנגען צום „חולה׳ס״ בעט און עס איהם דערלאַנגט.

באַלד דערויף האָט זיך וואָס אַמאָל מעהר געגרויט דאָס פענס־טער׳ל, און רחל לאה האָט זיך גענומען אַנטהון. אין דעם קעלער האָט זיך געהערט אַ מורמלען „מודה אני״.

— אודאי באַלד אַלע פוהרען אויסכאַפּען, די טויבעכניצע, די גאַנ־צע וועלט איז איהר צו ווייניג, אַלע פוהרען בעלייגען, און אַלע פּור־ערים אָבוואַרטען! — האָט רחל לאה ווערטער געוואָרפען אין מיטען „מודה־אני״.

דער חולה אין בעט האָט עפּעס דאָרט געשטאַמעלט אונפערשטענד־ליכע ווערטער.

שוין פערטיג געווען מיט׳ן אַנטהון, האָט זי האַלע צוהאַקט און באַלד דערויף האָט אַ פייער׳ל אין קיך געקנאַקט.

— צרה מיינע — האָט רחל לאה געזעדט צו איהר מאַן אין בעט, וועלכער איז געווען אַ חולה שוין פופצעהן יאָהר, און האָט איהם דער־לאַנגט דאָס הייסע טעפּעל און צוגעוואָרפען איהם דעם טלית און תפילין אין בעט אריין — איך מוז מיך איילען, — וועה איז מיר, נחה מוז שוין אודאי ביי די פוהרען זיין.

דאָס האָט זי געמיינט איהר קאָנקורענטקע, נחה טויבניצע, וועלכע

אײלט זיך שטענדיג פריהער פאַר איהר צו די פוהרען פון די פויערים און קויפט איהר אויס אַלע היהנער, פוטער און אייער.

זי האָט שוין געכאַפּט דאָס טוך אויף זיך מיט די קערב, בערייט אַרויסצולויפען — אָבער זי האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן אַלטען, וועלכער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע אויגען, ווי ער וואָלט איהר מיט די בליקען געוואָלט זאָגען דאָס, וואָס זיינע שטאָמעלדיגע ווערטער האָבען איהר נישט געקענט געבען צו פערשטעהן. האָט זי אויף איהם רחמנות געקראָגען — האָט זי די קערב אָוועקגעשטעלט און איז צו צום אַלטען און אַרויסגענומען דעם טלית און איהם אַרומגעוויקעלט, אַרויסגענומען די תפילין און איהם די רצועה אַרומגעוויקעלט אויף די אונמעכטיגע האַנד, וועלכע איז יעדען מאָל צוריקגעפאַלען, און אַנידערגעלעגט דעם סדור פאַר איהם. זי האָט נאָך געוואָלט וואַרטען ביז ער וועט אָבמורמלען דאָס ערשטע בלעטעל פון דאַווגען, איהם איבערמישען דאָס צווייטע, אַז ער זאָל זיך נישט דאַרפען איינבויגען און מיט די צייהן עס טהאָן, — נאָר זי האָט זיך באַלד דערמאָנט אין נחה'ן, וועלכע מוז שוין אודאי יעצט ביי די פוהרען זיין, און זי האָט געזעהן ווי נחה האַלט אין אַרויסלעגען אייער פון אַ פויערטעס קאָרב אין איהר קאָרב אַריין, האָט זי אַלעס שטעהן געלאָזט, צוגערוקט נור דאָס וואַרימע טעפּעל מיט די זעמעל נעהנטער צום „חולה“ צו — און צוגעוואָרפען איהם אַ וואָרט: „איך וועל באַלד אַהיים קומען“, איז זי אַרויס אין גאַס.

---

אַזוי האָט שרה לאה אָבגעלעבט מיט איהר „צרה“ פופצעהן יאָהר. שוין פופצעהן יאָהר ווי זי איז נישט געלעגען אויף אַ בעט און זיך די ביינער אויסגעגלייכט, נור געלעגען אויפ'ן פאַדלאָגע, צוגעדעקט ווינטער און זומער מיט איהרע טיכער. יועו זי האָט חתונה געהאַט, האָבען איהר מענשען מקנא געווען. זי האָט גענומען העניך דעם לעהרער, וועלכער האָט געלערענט מיט מיידלאַך עברי אין אָרענטליכע הייזער. זי איז נור געווען אַ פּראָסטע דיענסט דאַן. און טאַקע נאָך דער חתונה איז איהר גאַנץ גוט געגאַנגען, — האָבען זיך גוט געלעבט — כאָטש קיין קינדער האָבען זיי נישט געהאַט. נור וואָס קומט אַרויס, — באַלד איז געשעהען דאָס אונגליק... דער מאַן האָט אַמאָל, אין אַ שעהנעם העלען זומער־טאָג דעם שלאַג געקראָגען און נישט געקענט בעוועגען נישט מיט קיין האַנד און נישט מיט קיין פוס.

זי האָט געמיינט, אז עס וועט אדורכגעהן א פּאָאר וואָכען, א פּאָאר חדשים א פּאָאר יאָהר, — ער ריהרט זיך אָבער נישט, אזוי ווי ער האָט זיך צום ערשטען מאָל אריינגעלעגט אין בעט, אזוי ליגט ער פופצעהן יאָהר. היינט גערנקט זי שוין נישט דערפון. זי איז שוין געוואָרען צוגעוואוינט דערמיט — אזוי ווי עס וואָלט געווען שוין פון אייביג אָן — און זי האָט דאָן גענומען די פרנסה אויף זיך.

און א לעבען האָט זי געהאָט א שווערס. געלאָפען מיט די קערב אייער, פּוטער, היהנער, וואָס זי האָט איינגעקויפט ביי די פּויערים, איבער די גביר'ישע הייזער — און אז זי איז אהיים געקומען, האָט זי קיין היים נישט געהאָט. דאָס „בעט" האָט ער פערנומען. אָרט אויף א צווייטע בעט איז אין קעלער נישט געווען, און זי האָט בעדאַרפט זיין אָן אייביגער משרת ביים חולה, אלעס איהם צום מויל דערלאַנגען, איי־ניגע מאָל ביינאַכט אויפשטעהן, איהם אויפדעקען און צודעקען און איהם זאָכען צו דערלאַנגען. — אין מיטען טאָג, ווי זי האָט די קערב ארומגעטראָגען, פלעגט זי זיך דערמאָנען אָן איהר „צרה", איז זי אהיים־געלאָפען א טעפעל צושטעלען. דעם בעסטען ביסען פלעגט זי פאַר איהם אָבשפאָרען. און דער „חולה" איז געלעגען — און עסען האָט ער דוקא געוואָלט. ער איז נישט קראַנק געווען, — נור נישט געקענט ריהרען נישט מיט די הענד און נישט מיט די פיס, און רחל־לאה האָט אַלץ צו איהם גע'טענה'ט:

— א מענש זאָל ליגען איבערזאַמען! פּרוביר דיך אויפצוהויבען — פּרוביר דיך, אז דו וועסט פּרובירען, וועסטו קענען — א מענש זאָל נישט געהן, נור ליגען.

און הענין לעהרער האָט פּרובירט, מיט'ן גאַנצען הארצען האָט ער געוואָלט אויפשטעהן, נעהמען א שטעקען און ארוים אין די גאַס, נור די הענד — ווי שטיינער, די פיס — ווי שטיינער, און ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי די אברים זיינע געהען שוין נישט צו איהם: מען האָט זיי אָבגעשניטען פון איהם און זיי ליגען ביי איהם און געהערען צו אַן אנדערען.

נור איין איינציגעס מאָל, — ער גערענקט נישט ווי אזוי עס איז געווען — האָט ער זיך מיט א מאָל געגעבען א הויב אויף, גענומען דעם שטעקען און אַנגעהויבען צו שפּרייזען, און ער האָט געמאַכט צוויי, דריי

שפרייז איבער'ן שטוב און עס איז געגאַנגען, געפּרובירט ווייטער און עס איז געגאַנגען. אַ גרויס ליכט האָט ער מיט אַמאָל דערזעהען — און ווייטער געפּרואווט, און פּלוצלונג בלייבט ער שטעהן. דער קערפּער ווערט שווער, ער וואַרפט זיך אין גאַנצען אויף זיין שטעקען — און ער פאַלט אום.

אַז רחל לאה איז אויף דער נאַכט אַהיים געקומען, האָט זי איהם געטראָפען אויף דער ערד, וואו ער איז געלעגען אויף אַלע פיער — צו־גערוקט צום בעט. זי האָט איהם געפרעגט, וואָס עס איז געשעהען, ער האָט נישט געוואָלט זאָגען. — דאָס איז געוועזען זיין געהיימניס, — און היינט נאָך, אַז ער ליגט אין בעט, קלעהרט ער נור פון דעם, וואָס ער האָט זיך אַמאָל אויפגעהויבען און איז „געגאַנגען“ — און ער רעדט צו זיך אַליין:

— פאַר־וואָס האָב איך געקענט? — פאַר־וואָס האָב איך געקענט? פאַר־וואָס?

אַז רחל לאה הערט איהם טהיילמאָל אַזוי אַליין רעדען צו זיך, פערשטעהט זי נישט וואָס ער מיינט, זאָגט זי צו איהם:

— וואָס רעדסט דו דאָס צו דיר?

דער חולה ענטפערט איהר נישט. ער בעהאַלט דאָס פאַר זיך, דאָס איז זיין סוד....

---

און קיינער האָט זיך אויף רחל לאה'ן נישט אַרומגעקוקט. אין גאַס, און אין די בכבוד'ע הייזער, וואו זי האָט די קערב אַרומגעטראָגען, האָט מען זי פאַר דעם, וואָס זי האָט אַ קראַנקען מאַן, נישט מעהר גע־שעצט ווי אַנדערע. זי האָט איהר צרה — יעדער האָט זיין צרה. און אַז רחל לאה האָט טהיילמאָל גענומען רעדען וועגען איהר מאַן, אַז זי האָט, למשל, אין אַ גבירישׁ הויז גע'טענה'ט:

— בעל־הבית'טע, נעהמט פון מיר די אייער, — איך האָב דאָך אַ קראַנקען מאַן, וואָס איך דאַרף צו דערנעהרען, אוי, מיין צרה אין דער־היים!

האָט איהר איהר קאָנקורענטקע אַזוי אָבגעענטפערט:

— גיב נאָר אַ קוק, וואָס זי גיט אָן מיט איהר קראַנקען מאַן! יעדער האָט אַ קראַנקען מאַן, — אַלעס קומט איהר, אַ קראַנקען מאַן!

און רחל לאה אַליין האָט טאַקע איינגעזעהען, אַז די קאָנקורענטקע

האָט רעכט. וואָס איז זיך דאָ צו בעריהמען מיט א קראַנקען מאַן! יעדער האָט זיין „אונגליק" — און האָט פאר ליעב גענומען איהר גורל — ווי א גאַנץ נאַטירליכע זאַך, און האָט נישט מעהר גערעדט דערפון.

---

מיט אַמאָל האָט זיך ביינאַכט אין דעם געסעל, וואו רחל לאה וואָהנט, געהערט א גרויס געשריי, שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפען מיט א געוואלד: „וואָס איז?" — רחל לאה'ס שטימע פערהילכט דאָס געסעל:

געוואַלד, איהר „צרה" שטאַרבט!

און איהר „צרה" איז טאַקע געשטאָרבען.

ארויסגענומען איהר „חולה" און בעהאַלטען אין דער דר'ערד, האָט אייגענטליך רחל לאה אויפגעלעבט. דער קעלער איז געוואָרען גאַנץ אַנדערש. אז רחל לאה האָט פריה־מאָרגענס אויסגעקעהרט דעם קעלער און צוגערוימט, איז נישט געווען ווער עס זאָל אַנשפייען און אייב־ריכטען. ער איז געווען צוגערוימט א גאַנצען טאָג. — אז רחל לאה האָט טאַקע די ערשטע נאַכט איבערגענעכטיגט אין דעם חולה'ס בעט, האָט זי זיך אויפגעהויבען צו־מאָרגענס מיט גלייכערע ביינער, און אז זי האָט פאַרנאַכט זיך אהיים געבראַכט א האַלב פונט פלייש, און זיך צוגעשטעלט א יאַיכעל, האָט זי טאַקע דאָס בעסטע שטיקעל פלייש אויפגעגעסען.

רחל לאה איז געוואָרען עפּעס א חשוב'ער מענש אין גאַס, אין נגיד'ישע הייזער. ווייבער האָבען אויף איהר געקוקט און געשאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ אויף איהר: נעבאַך, אַן אונגליקליכע „אַלמנה". און זי אַליין האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַנדערש צו בעטראַכטען, רחמנות געקראָגען אויף זיך, און פלעגט זיך טהיילמאָל, אין א שעה־נעם העלען טאָג, פאר די ווייבער ביי די פויערישע פוהרען אוועקשטעלען און אָנהויבען צו וויינען: „איך בין דאָך נעבעך אַן אונגליקליכע אַלמנה!" און, אז נחה וויל איהר די אייער פון די פויערטע אויסקויפען, אָדער ביי די גביר'טע אין שטוב, אז נחה ברענגט אריין א הוזן, רופט זיך רחל לאה אָן:

— בעל־הבית'טישע, — איך בין בין דאָך נעבעך אַן אונגליקליכע אַלמנה! קויפט עס ביי מיר!

אויף דעם האָט נחה שוין קיין אנטוואָרט נישט צו געבען און מוז אבטרעטען דאָס אָרט פאַר רחל לאה'ן.

און רחל לאה האָט אָהן דעם חולה געהאַט אַ גוטען עלטער. די באַקען האָבען איהר אָנגעהויבען רויטליכער צו ווערען, און די ביינער זיינען איהר אויסגעגליכען געוואָרען, און אז עס איז געקומען אַ שבת, אַ יום־טוב, האָט מען רחל לאה'ן געזעהען אין אַ נייער הויב אין שוהל געהן.

איז נאָך פופצעהן יאָהר, אז עס איז געקומען י"ז בשבט, האָט זיך אין רחל לאה'ס געסעל געהערט אַ גרויסער יאָמער, ווי עס וואָלט, חלילה, אַן אונגליק געשעהען.

און, אז מען האָט זיך ארומגעקוקט און געפרעגט: „וואָס איז גע־שעהען?"

האָט מען געזעהען רחל לאה'ן זיצען פאַר די שוועל פון איהר טהיר, מיט אַ געוואַלד און אַ געשריי:

— איך האָב דאָך היינט יאָהר־צייט נאָך מיין „חולה"!

# אַ גט

— אין דיין פּנים דערקען איך עפּעס ניט גוטעס, — האָט די אידענע אויסגערופען, ווען איהר מאַן, יודעל, איז אַריינגעקומען אין טהיר, נאָך אין שאָפּען־פּעלץ, איינגעהילט און אין שאַל אַרומגעוויקעלט.

יודעל האָט גאָר נישט אָבגעענטפערט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין פּעלץ און אין פוטער־היטעל, אין די טיעפע קאַלאָשען אויף דעם ערשטען, בעסטען שטוהל וואָס ער האָט געטראָפען; געזעסען, געשוויגען, געקוקט ערגעץ־וואו מיט די אויגען, ווי דאָס וואָלט ניט זיין היים געווען, נור ווי אַן אָפּענע אכסניא, וואו מען וואַרט אויף אַ פוהר.

— וואָס שרעקסטו מיר אָב דאָס האַרץ — פאַר וואָס זאָגסטו ניט?

— האָט דאָס ווייב מיט איין אָטהעם אויסגערופען. — די באַקען איהרע זיינען רויט געוואָרען, און די ווייסע האַרלעך אויף די צוויי ווערצעלעך, וואָס זי האָט געהאַט ביים ווינקעל פון די אויבערשטע ליפּ האָבען זיך אויפגעשטעלט.

דער מאַן האָט נאָך אַלץ געשוויגען.

— איך שרעק דאָך מיך טאַקע — האָט דאָס ווייב מיט האַרץ־קלאַפּען געזאָגט, — וואָס זאָל עס הייסען — חלילה — דאָך נישט „דאָס“! האָט די אידענע ניט מיט אַ מענשען־קול אויסגערופען.

דער מאַן האָט טרויעריג מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט, קוקענדיג אויף אַן אַנדער ווינקעל.

— אוי מאַמע! — האָט די אידענע אויסגעשריען און זיך אויך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ערשטען בעסטען שטוהל.

אַזוי זיינען זיי ביידע זיצען געבליבען אַ פּאָר מינוט ניט ריידענדיג איינער צום צווייטען אַ וואָרט, און ניט קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען.

נאָך דעם ערשטען אויגענבליק איז די אידענע אַרויס אין אַ שטראָם טרעהרען:

— אַ בראָך איז נאָך מיר! — וואָס האָב איך דערלעבט! — און מיט אַ פּנים פול מיט טרערן, און כליפּענדיג אויפ'ן קול האָט די אידענע די נאָז זיך געווישט און געזאָגט צום מאַן:

— האָסט אודאי ניט געזאָגט, יודעל, — אוי, האָסט אודאי ניט געזאָגט. —

— געזאָגט, גערעדט, גע'טענה'ט — מאַכט דער איד מעהר מיט די הענד ווי מיט'ן מויל, אַ בפירוש'ער דין — האָט דער רבי געזאָגט, — אַז מען וואוינט מיט אַן אשה צעהן יאָהר אָהן קינדער, מוז מען זיך גט'ן, — אפשר וועט זי אויך געהאָלפען ווערען, — אפשר איז עס ניט געווען קיין גלייכער זיווג.

— געהאָלפען ווערען — האָט די אידענע געכליפּעט, — אַ בראָך נאָך מיינע יאָהר! ווי קען איך געהאָלפען ווערען? ווער קען מיר העלפען? אַ פערוויסטע גרושה — ווער וועט מיר העלפען? אָבגעלעבט מיט אַ מאַן צעהן יאָהרען — אוי, טהו אויס, יודעל, דעם פעלץ, וועסט דיך נאָך, חלילה, פערקיהלען — זאָגט זי מיט דעם זעלבען כליפּענדען טאָן, בעמערקענדיג ווי איהר מאַן זיצט אין פעלץ.

יודעל האָט זיך אויסגעטהאָן דעם פעלץ אָהן ווערטער, — ער איז געבליבען שטעהן אַ חסיד'ישער יונגער מאַן, מיט אַ שוואַרץ־דונדיג בערדעל, — כמעט נאָך אַ בחור נאָכ'ן אויסזעהן — און האָט זיך אוועק־געזעצט אויף זיין פריהערדיג אָרט, שטיל, ווי אַ פרעמדער.

פון איהר געוויין איז די שכנה אריינגעקומען, האָט נאָך געהאַלטען אַ טעפּעל אין האַנד, און מיט אַ נייגיעריגע מינע האָט זי געוואָרפען אַ בליק אויף יודעל'ן און געפרעגט די וויינענדיגע אידענע:

— וואָס האָט ער געזאָגט, דער רבי?

— גט'ן, אוי נעהע־קרוין, גט'ן, וועה איז נאָך מיר, גט'ן, — האָט די אידענע געכליפּעט.

— אוי, מאַמע קרוין! — האָט די שכנ'טע די באַקען געקניפּען, — אַזאַ אונגליק! אַזאַ אונגליק! — אָבער אין אַ מינוט אַרום דערמאָנט זי זיך, — זעהט, איהר זאָלט מיר לעבען, וואָס לאָזט איהר זיצען אייערען, ער איז דאָך פון וועג אָנגעקומען, ער האָט דאָך אודאי היינט נאָר נישט אין מויל געהאַט.

— איך וויים דען וואָס עס טהוט זיך מיט מיר? נאַ, ווערט דאָס יאַהעל פערברענט — איז די אידענע צוגעלאָפען צום קיך.

מיט טרעהרען אין די אויגען, און מיט דעם זעלבען כליפענדיגען קול האט זי צום טיש געגרייט, געהייסען יודעל'ן ער זאל זיך וואשען. יודעל האט עס געטהאן, שטיל, שווייגענדיג, ווי א פרעמדער און האט זיך ביים טיש אוועקגעזעצט.

די שכנ'טע האט נאך עפעס געזאגט, געקרעכצט און איז ארויס פון שטוב.

אז דער יונגער מאן איז געזעסען ביים טיש, האט זיך דאס ווייבעל אוועקגעזעצט געגען איהם, און האט אנגעהויבען צו ריידען מיט דעם זעלבען כליפענדיגען קול:

— וואס וועט זיין פון געשעפט? ווער וועט דאס האלטען?, און מיט די „שטעדט" אין די שוהל, — וועה איז נאך מיר! ווער וועט דאס אלעס, די כלים, דאס ווירטהשאפט — האט די אידענע געוויינט, וויי־זענדיג ארום אויף דער בעל־הבתי'שקייט, וואס איז אין שטוב.

— מילא, עס וועט דאך זיין א דין תורה, ווי דער רב וועט פסק'ענען אזוי וועט זיין, — האט דער יונגער מאן אבגעענטפערט מיט דעם זעלבען שטילען טאן.

— און, מיט דיר, יודעל, און מיט דיר? — שאקעלט די אידענע מיט'ן קאפ און א נייער שטראם טרעהרען גיסען זיך איהר אויס פון די אויגען. באלד דערמאנט זיך אן עפעס די אידענע, אז ער איז א מאנס־פערשוין — פאר'ן גט... און האלט זיך צוריק.

דער יונגער מאן האט הויך געבענשט.

נאכ'ן בענשען האט ער גענומען די גמרא און אנגעהויבען צו לערנען. איהם איז געוועזען שלעכט צו קוקען אויפ'ן ווייבעל, ווי זי ליידעט, — ריידען מיט איהר האט ער ניט געהאט וואס. צייט נאך דער התונה האט ער מיט איהר ווייניג וואס גערעדט. וואס איז דא צו ריידען מיט אן אשה? געלעבט ווי א אידישער חסיד'ישער יונגער מאן דארף לעבען מיט אן אשה, אין צניעות, אין ריינקייט — מן הסתם איז עס געוועזען א גאט־זאך, זיי האבען קיין קינדער ניט געהאט. אייגענטליך האט ער גאר ניט אזוי זעהר געוואלט האבען קיין קינדער. קינדער — יא, ווי הייסט? מען איז דאך א איד, א איד מוז האבען קינדער, — אבער די קינדער האבען איהם ניט געפעהלט, דאס ווייבעל איז געוועזען א כשר אידיש ווייבעל, דעם דין געהאלטען און ליעב געהאט דעם מאן, ווי דער אידישער דין איז. איז ער געפאהרען איין מאל צום רבי'ן, א צווי־טען

מאָל, געבעטען אויף קינדער — האָט מען איהם געהייסען וואַרטען, און אַז עס זיינען פול געוואָרען די צעהן יאָהר, האָט דער רבי זיך גט'ן געהייסען, נאָכ'ן אידישען דין. אַז דער רבי האָט געהייסען, און דער דין איז אַזוי — וואָס איז דאָ אַ סך צו קלערען? מיר זיינען דאָך אידען — און מילא! און זי — דאָס ווייבעל, פערשטעהט דאָך אויך גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט אַנדערש צו מאַכען, והא ראיה, זי איז דאָך מקבל באהבה, אַ אידיש ווייבעל... נור אַ גרויס רחמנות איז איהם געווען אויף איהר, אויף זיך — האָט ער געלערענט מיט אַ הויך קול, געזונגען די גמרא, אום אַ ביסעל זיך צו פערגעסען, און גלאַט אַזוי, מיט אַ אשה אין שטוב. — — —

זי האָט זיך איינגעהערט צו זיין גמרא־נגון און דאָס האַרץ האָט איהר נאָך מעהר געקלעמט. דעם גמרא־נגון האָט זי געהערט צייט ער איז ביי איהר פאָטער צו גאַסט געווען, און יעצט וועט ער איהר זיין אַ פרעמדער, אַ ווייטער. דער גמרא־נגון איז שוין ניט איהרער, ניט איהר מאַן'ס. און זי איז אַרוים מיט אַ גייעם געוויין.

— פאַר וואָס האָב איך דאָס דערלעבט, טאַטע אין הימעל! וועניג בושה האָב איך געהאַט וואָס איך בין אַן עקרה, וואָס דו האָסט מיר קיין קינדער נישט געגעבען — דאַרפסטו מיר דעם מאַן צונעהמען? מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פערזינדיגט ביי דיר?

דעם יונגען מאַן האָט געשניטען אין האַרץ איהרע ווערטער. ער האָט אויף איהר גרויס רחמנות געקראָגען. צעהן יאָהר אָבגעלעבט מיט אַן אשה, אַ אמת אידיש ווייבעל געווען, אַ צדקת — האָט איהם אָבגע־היט ווי אַן אויג אין קאָפּ — האָט ער אַרויפגעלעגט דאָס טיכעל אויף דער גמרא און האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען איבער דער שטוב, און גערעדט צום ווייב:

— וויין נישט, שרה'לע, וויין נישט, מסתמא איז עס דאָך אַ גאָט־זאַך. מיר זיינען דאָך אַלע אין זיין האַנד, וואָס זאָלען מיר טהאָן? און אפשר איז עס גאָר צום גוטען, אפשר בין איך ניט דיין זיווג, און גאָט וועט דיר נאָך העלפען, און דו וועסט דיין זיווג געפינען, און וועסט נאָך האָבען כשר'ע קינדער, אידישע קינדער, ווי דו האָסט עס פערדיענט.

ער האָט ניט בעמערקט ווי ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר,

און האָט די האַנט אויסגעשטרעקט און האָט זי געגלעט איבער די האָאר, איבער די באַקען, איבער די אַקסעל, ניט קוקענדיג אויף איהר.

— דו ביזט דאָך אַ כשר אידיש ווייבעל — זאָגט ער ווייטער — איך ווייס דאָך, אַז דו ביזט אַ צנועה און גאָט וועט דיר העלפען — און אודאי וועט ער דיר העלפען — און טרעהרען קאַפּען איהם פון זיינע אויגען אויף איהרע האָאר.

זי איז געשטאַנען נעבען איהם. זי האָט זיך געלאָזט טרייסטען, האָט שטיל אָבגעהעשעט — דאָס ערשטע מאָל צייט זייער תתונה, רעדט ער צו איהר אַזוי ליעב און טרייסט זי, און איהר איז גוט געווען, האָט זי שטיל געוויינט:

— אוי, יודעל, יודעל, מיין יודעל, מיין איינציגער, איינציגער יודעל!

און ער האָט זי געגלעט איבער'ן פּנים, איבער די האָאר, איבער די פּלייצעס אָהן ווערטער, אָהן ווערטער...

נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס איז אַן אשה, און נאָך פאַר אַ גט, איז ער פּלוצלונג אַוועק ,געזעצט זיך צו דער גמרא און געלערענט מיט אַ הויכען זינגענדיגען ניגון.

„אמר אביי!“...

און זי איז שטיל געזעסען אין אַ ווינקעל, איינגעהאָרכט זיך צו זיין גמרא־נגון און שטיל געוויינט.

---

אין איינינע טעג אַרום האָט זיי שלמה בעל־עגלה'ס וועגעלע גע־פיהרט צו דעם נאָהענטסטען שטעדטעל, וואָס איז ביים טייך סובאַטנע (דורך דעם טעג מען זיך דאָרט גט'ן), צום רב, צום גט. זי איז געזעסען אין איין ווינקעל און האָט געוויינט. און ער איז געזעסען אין אַ צווייטען ווינקעל און האָט געוויינט. און ווייבער זיינען אַרום דעם פוהרעל געשטאַנען און האָבען זיך די הענד געבראָכען, און האָבען געקוקט איינע אויף די אַנדערע, ווייזענדיג מיט די פינגער אויף שרה'לען, אויף דעם אונגליק וואָס האָט איהר געטראָפען, און שלמה בעל־עגלה מאַכט צו די ווייבער .אַרום פוהרעל:

— זעהט, זעהט אַז איהר זאָלט זיך ניט מיטכאַפּען מיט מיר אויף מיין וועגעל אין שטעדטעל אריין צום גט.

אָנגעקומען אין דעם שטעדטעל, צום רב, — דער רב האָט גאָר ניט

געפּרופט שלום מאכען צווישען מאַן און ווייב — עס איז אַ גט מצוה. — ביים גט איז געווען אַזאַ געוויין ווי ביי אַ מת, און אַלע ווייבער הינטער דער שוהל האָבען מיטגעוויינט.

נאָכ'ן גט. מען דאַרף אַהיים פאָהרען. מאַר מען דאַרף שוין ניט זיצען איין אויף פוהר, — איז ער אַהיים געפאָהרען מיט שלמה בעל־עגלה, און זי האָט געוואַרט אויף אַ צווייטע פוהר, און אַז יודעל איז געזעסען אויפ'ן וואַגען, האָט זי איהם נאָכגעשריען:

— פערבינד דיר דעם האַלז, יודעל, זאָלסט זיך חלילה ניט פער־קיהלען.

— וועה איז מיר, אַ פרעמדען מאַנספערשוין! — זאָגען די ווייבער וואָס שטעהען דערביי, — עס איז דאָך שוין נאָכ'ן גט!

— איך וויים דען וואָס איך טהו? — קלאָגט די גע'גט'ע — אַ פרעמדען מאַנספערשוין!

# די משוגענע מאַמע

עס איז געווען אַ ווינטערדיגער פאַרנאַכט.

די קינדער זיינען געזעסען אַרום טיש אין חדר און האָבען זיך מעשיות דערצעהלט פון שדים. דער רבי איז נישט געווען. ער איז געגאַנגען מעריב דאַוונען אין בית־המדרש. דאָס לעמפעל האָט זיך נאָך נישט געהאַט צוברענט, און די קינדער, זיצענדיג אַרום דעם טיש האָבען זיך אָבגעשאָטענט אויף די געגענאיבערדיגע וואַנד. די בעוועגענדיגע הענדטלעך האָבען מאָדנע שאָטען געוואָרפען אויף די ווענד, וועלכע האָבען זיך געריסעוועט אויף דעם טונקעל גרויען טלאָה אין געשטאַלטען פון נאַכטיגע שדים...

די קינדער זיינען איבערגעגאַנגען פון דעם שמועס פון די שדים אויף טויטע מאַמעס. פערצעהלט האָט נחמ׳קע דער יתום. ער האָט ערשט נישט לאַנג אויפגעהערט קדיש צו זאָגען, און די קינדער האָבען איהם שטאַרק מכבד געווען. האָט איהם ווער שלעכטס געטהון, האָט ער איהם באַלד איבערגעבעטען מורא האָבענדיג, אַז זיין געשטאָרבענע מאַמע זאָל נישט קומען ביינאַכט צו איהם און ווערגען...

אין אַ ווינקעל טיש איז געזעסען חיים׳ל, אַ קליין יונגעל פון אַ יאָהר צוועלף, ער איז געזעסען אין שכנות מיט נחמ׳קען, האַנד ביי האַנד האָט ער זיך אָנגעריהרט מיט איהם און האָט געפיהלט אַ נאָהענטקייט עפּעס מיט נחמ׳קעס געשטאָרבענע מאַמע... ער איז דאָך אַ חבר מיט נחמ׳קען, וועט זי פאַר איהם אויך דאָרט בעטען אין הימעל...

דעם יונגעל האָט זיך געוואָלט וויינען — האָט ער זיך אָבער פערשעהמט פאַר די חדר־יונגלעך. די חדר־יונגלעך האָבען אַלץ אין איינעם ווייטער פערצעהלט פון זייערע מאַמעס. ער האָט זיך פיעל מאָל געוואָלט אריינמישען אין שמועס. נאָר איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די קינדער לאַכען איהם אויס, קוקען אויף איהם און טייטען מיט די פינגער...

דער רבי איז פון בית־המדרש צוריק געקומען.

דאָס קליינע לעמפּעל האָט געלויכטען, דאָס טישעל מיט די קינ־דישע פּנים'לעך זיינען געוואָרען בעלויכטען, זיי האָבען געקוקט אין די גרויסע גמרות, אין די לאַנגע בייטען אויסגעזייעט מיט גמרא אותיות, וואָס האָבען דערמאָנט אָן די לאַנגע ווינטער נעכט...

— זאָגט'ס קינדער — האָט דער רבי אויסגערופען און זיין לאַנגער דאַרער שטערען האָט זיך אָנגעהויבען שאָקלען מיט איין טאַקט איבער די וואַנד.

— שמע מניה תלת... „וועט דאָך זיין געדרונגען דריי זאַכען" — האָט זיך דערהערט אַ כאָר פון קינדישע קול'כעלעך.

חיימ'ל האָט זיך אויך מיטגעשאָקעלט מיט די קינדער.

...טרינה משוגענע !... טרינה משוגענע !...

ווער רופט דאָס אין זיינע אויערען ? ער קוקט זיך אום.

...דאָרט ביי דעם פּלומפּ... אין צוגאַנגענעם שניי שטעהט זי, און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ...

ווער איז עס, טרינה משוגענע, צו זיין מאַמע ?

ניין, דענסטמאָל איז זי נאָך נישט געווען די משוגענע טרינה. דענסטמאָל איז זי דאָך זיין מאַמע געווען.

פרייטיג צונאַכטס, די ליכט ברענען אין די לייכטערלעך, די חלות זיינען צוגעדעקט מיט'ן חלה־„צוועלעכיל", און דער רויטער קדוש־וויין פונקעלט זיך אין פלעשעל. די מאַמע זיצט, אויפ'ן קאָפּ דאָס הייבעל מיט די ווייסע בענדער.

ווער ? זיין מאַמע ?

„...טרינה משוגענע שטעהט ביים שוואַרצען פּלאָט. אזוי איינגע־ריכט, אזוי ברודיג. און די הייטלעך פון די אויגען זיינען אויפגעריסען, און פון די אויגען־הייטלעך גיסען זיך טרערען. אין דער האַנד האַלט זי אַ סדור מיט אָבגעפליקטע הושענות, אויפ'ן קאָפּ האָט זי אַנ'אַלטען פּריצישען קאַפּעלוש, און די יונגען צופּען ביים קלייד, ביי דער טוך..."

— אוועק זאָלט איהר געהן, יונגען, אוועק...

— טרינה משוגענע ! טרינה משוגענע !

זי וויינט, זי לאַכט...

אָמר אביי — האָט אביי געזאָגט... האָט אביי געזאָגט.

— וואָס האָט ער געזאָגט אביי ? — פרעגט דער רבי.

— האָט אביי אזוי געזאָגט — אזוי געזאָגט...

...די משוגענע טרינה האָט א שוואַרץ סאַמעטעל אויפ'ן האלז — דער אַרבעל איז אַראָבגעריסען, און אז זי געהט, שלעפּט זיך איהר נאָך א בלאָטיגער שלומפּער...

א מאָל איז ער אהיים געקומען אויף דער נאַכט פון חדר, א קליין יונגעל איז ער נאָך דענסטמאָל געווען ווי שלמה'לע דעם רבי'נס. דער בעהעלפער האָט איהם אָבגעפיהרט. די מאַמע איז געזעסען ביי דעם ווינטער־לאָמפּ און האָט די וואַרעמע וועש אונטערגעשטריקט. אין דעם אויווען האָבען זיך עפּעלעך געבראָטען, די מאַמע האָט איהם אַן עפּעלע געגעבען. ביים ליכט פון לאָמפּ האָט ער דער מאַמעס האלז געזעהן. ער איז אזוי ווייך געווען — אזוי ווייס. די מאַמע האָט א שוואַרץ פלעקעל אויפ'ן האלז, און, אז זי לאַכט, לאַכט דאָס פלעקעל מיט, און אז זי איז משוגע, איז דאָס שוואַרצע פלעקעל אויפ'ן האלז אויך משוגע. משוגע? איז דאָס שוואַרצע פלעקעל אויפ'ן האלז אויך משוגע?

די מאַמע האָט איהם געקושט... ניין, טרינה די משוגענע ליגט אין מטה אויפ'ן גוטען אָרט... יונגען לויפען נאָך... דאָרט אין דער קיך, ביים ווינקעל זיצט זי...

— חיים'ל, וואו האלט מען?

— דאָ — טאַפּט דאָס אינגעל מיט די האנד אין דער גמרא.

— שייגעץ איינער! און דער קאַנטשיק שפּרינגט אַרום איבער'ן קינד'ס פּנים.

— מאַמע לעבען, מאַמע קרוין — וויינט דאָס קינד

— „...ווי ער רופט די משוגע'נע מאַמע..."

די קינדער לאַכען.

— מתקיף ליה רב פּפּא — האָט רב פּפּא א קשיא געפרעגט.

— וואָס האָט רב פּפּא א קשיא געפרעגט? הער, חיים'ל?

— אז צוויי זיינען געגאַנגען אויפ'ן וועג, נו, נו...

...ביי נאַכט איז געווען, און שוואַרץ איז געווען די נאַכט. אזוי שוואַרץ, מאַמע קרוין! א רעגען האָט געגאָסען, פון אויבען און פון אונטען...

ער איז אהיים געלאָפען פון חדר, איינגעוויקעלט אין דעם קאַפּעטיל אויפגעשטעלט דעם קראַגען איז ער געלאָפען...

און זי איז וואָס אַ מאָל נעהענטער צוגעקומען צו איהם, זי האָט געקוקט אויף איהם...

און ער האָט דענסטמאָל אַזוי רחמנות געקריגען אויף זיין מאַמען, אַזוי רחמנות... גאָט איינציגער!

זי האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען.

ער האָט אַ ציטער געגעבען. ער האָט זיך דערשראָקען און איז ענטלאָפען פלינק... פלינק...

און איהם דאַכט זיך, אַז זי איז איהם נאָכגעלאָפען. און איהם דאַכט זיך, אַז די האָר האָט זי געהאַט צופלאָשעט, און די הענד האָט זי פערשפּרייט, און איז איהם נאָכגעלאָפען, נאָכגעלאָפען...

און ער איז פלינק ענטלאָפען.

— חיימ'ל, חיימ'ל — האָט זי איהם נאָכגעשריגען...

יאָ, ער האָט געהערט איהר קול...

זי האָט געוויינט, זי האָט געלאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טרינה די משוגענע קומט יעדען טאָג און שטעלט זיך אַנידער פאַר זייער טהיר און וואַרט. איינמאָל האָט ער געהערט, ווי שיינדעלע די שכנה'טע האָט אַזוי געזאָגט: „אַ מאַמעס אַ האַרץ לאָזט נישט רוהען: משוגע, און דאָך קאָן זי אָן די קינדער נישט פערגעסען"...

און דער טאַטע קומט אַרויס מיט אַ פּאַסעק און טרייבט זי אַוועק, זי שטעהט און קוקט אויף איהם. דערזעהט זי אַ קינד, איהם, אָדער זיין שוועסטעריל, שטרעקט זי די הענד אויס, און רופט עפּעס, און וויל עפּעס, וויינט זי, לאַכט זי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס יונגעל האָט אַ ציטער געגעבען, זיין קינדיש גופ'ל איז פון דער באַנק אויפגעשפּרונגען.

— וואָס טהוט זיך מיט דיר, שייגעץ! קיין איין וואָרט זאָגסט דו דאָך ניט, און דער קאַנטשיק איז געפאַלען איבער זיין פּנימ'ל...

דאָס יונגעל האָט אָנגעהויבען צו וויינען.

איהם האָט זיך געלוסט צו וויינען, לאַנג וויינען, לאַנג און לאַנג, און וויינענדיג האָט ער זיך געפונען ביי זיך אין דערהיים.

זיי האָבען נאָך דענסטמאָל געוואָהנט אין דער אייגענער שטוב, וואָס זיי וואָהנען איצט. די מאַמע זיצט תמיד אויף דעם קיבען־בענ־

קעלביים אויוועז און קוקט אויף דעם פוס פון טאַטענס בעט. שטענדיג קוקט זי אויף דעם פוס, דורך גאַנצע טעג, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס דאָרט געזוכט, און האָט זיך ווער צווישען איהר און דעם פוס אוועק־געשטעלט, האָט זי געקוקט מיט אַזעלכע רחמנות'דיגע בליקען...

דער טאַטע איז בייז, שילט אַלע, שלאָגט אַלע...

די עלטערע שוועסטער סוד'עט זיך מיט דער מומען.

שכנות קומען אריין, קוקען אויף איהם און קרעכצען...

טייל מאַל קומט ער אַהיים אויף דער נאַכט פון חדר, מיט דעם לעמפּעל אין דער האַנד. אין דער שטוב איז טונקעל. עס איז קיינער נימאָ, נאָר די מאמע זיצט איינע אַליין ביים קיכען־ווינקעל און קוקט אויפ'ן פוס.

ער געהט צו צו איהר: מאַמע.

זי רופט זיך גאָר נישט אָן.

ער הייבט אָן צו וויינען פאַר דער מאַמע: מאַממע מאַמ־מע!...

זי רופט זיך גאָר נישט אָן... נאָר קוקט אויפ'ן פוס פון טאַטענס בעט...

קומט אריין די עלטערע שוועסטער, און גיט איהם ברויט מיט פּאַווידלע.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט שוין אָן אַלעם פערגעסען.

אין הויף איז זיך אַ סוכה געשטאַנען, אַ סוכה נאָך פון סוכות.

די מאַמע איז אַליין אין דער סוכה... ניין... דענסטמאָל איז זי שוין טרינה די משוגענע געווען...

און מען שלאָגט זי יעדען טאָג מיט שטריק, מיט שטיקער העלצער.

ער זעהט, ווי מען שלאָגט זיין מאַמע, דער טאַטע אַליין שלאָגט, די פעטער שלאָגען... און די מאַמע רייסט די האָר פון קאָפּ, אָבער ניין, זי איז גאָר רוהיג, גאַנץ רוהיג נאָר זי קוקט אויף איין אָרט מיט אויס־געגלאָצטע אויגען.

ביי נאַכט הערט איהר טייל מאָל ווי זי וויינט... „מ'דאַרף זי שלאָ־גען", מען זאָגט, אַז עס איז אַזאַ רפואה.

מען גיסט איהר קאַלט וואַסער אויפ'ן קאָפּ.

און זי ציטערט אַזוי.

מען דאַרף עס. עס איז אַזאַ רפואה.

מען מעג שלאָגען אַ מאַמע ? יאָ, מען מעג ?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַ מאָל ביי נאַכט, אין זעהר אַ פינסטערע נאַכט. די שדים מוזען שפּאַצירען אין די גאַסען אין אַזאַ נאַכט, און די מאַמע איז אַליין אין סוכה צווישען די שדים...

רבונו של עולם.

אויף דער סוכה איז קיין מזוזה ניטאָ, קיין קריאת־שמע האָט זי אויך ניט געלייענט, אוי, פיעל שדים מוזען דאָרט זיין...

ער האָט זיך צוגע׳גנב׳עט צו דער סוכה, און האָט געהערט ווי עס ברומט אַרוים פון דער סוכה...

עפּעס אַזוי שרעקליך...

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער דענסטמאָל ניט געקענט שלאָפען, פון דער סוכה ברומט עס אַרוים...

ווער ברומט, די מאַמע צו די שדים ברומען ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מאָל האָט מען איהם פון דער היים אַוועקגעפיהרט, איהם מיט זיינע צוויי שוועסטער, צו דער מומע נחה. און דער טאַטע איז ערגעץ־וואו געהאַט אַוועקגעפאָהרען.

די מאַמע איז עפּעס שוין ניט געווען. זי איז ניט געשטאָרבען, מען האָט זי ניט אויפ׳ן גוטען אָרט געפיהרט, נאָר זי איז שוין אויס מאַמע געוואָרען...

עפּעס לויפט זי אין גאַס אַרום. יונגען לויפען איהר נאָך. מען וואַרפט איהר שטיינער נאָך. און זי שטעהט אַ גאַנצען טאָג אַליין ביי דעם פּלומפּ...

זעהט ער זי — אַנטלויפט ער פלינק אַהיים, אַז ער זאָל זיך מיט דער מאַמע ניט צוזאַמען בעגעגענען.

עפּעס וואָלט ער יאָ געוואָלט זיך מיט דער מאַמע צוזאַמען טרעפען, נאָר ניט אויף דער גאַס. ערגעץ־וואו דאָרט, אין אַ בעהאַלטען אָרט, אַז עס זאָל קיינער, קיינער ניט זעהן...

דענסטמאָל וואָלט ער צוגעגאַנגען צו איהר אין דער שטיל, גאָר אין דער שטיל, ער וואָלט זי ביי דער האַנד אָנגענומען און וואָלט אַזוי געזאָגט :

— מאַמע... מאַמע...

און וואלט פלינק ענטלאפען.

— פאר וואס? עס איז דאך א מאמע, מיין מאמע!

ניין, ענטלאפען וואלט ער נישט. ער וואלט געשטאנען.

ער שטעלט זיך פאר, ווי ער וואלט געשטאנען — אט געה איך צו איהר, אט אזוי, נעהם זי אן ביי דער האנד.

א משוגענע האנד — — פלינק...

— פערמאכט די גמרות, נעהמט די סדורים — זאגט דער רבי. די קינדער שטעהען און דאווענען מעריב.

„והוא רחום יכפר עון..."

— פאר וואס וואלט איך ענטלאפען? — עס איז דאך מיין מאמע! מיין מאמע, מיין מאמע...

די קינדער האבען זיך שוין די קאפאטקעלעך אנגעטהון. די לאמטערען גענומען אין די הענד און זיינען אהיים געגאנגען.

א גרויסע לבנה וואנדעלט אין הימעל, די לבנה קוקט צו איהם אראב מיט אזוי פיעל רחמנות. איהם דאכט זיך, אז די לבנה האט אויך א משוגענע מאמע, דורך דעם חבר'ט זי זיך מיט איהם...

איז ער אנגעקומען אין קליינעם ליקעל אריין, פאר זייער הויז, איז ער פלוצלונג שטעהן געבליבען. ביי דער וואנד אנגעלעהנט הינטער די רינע איז זי געשטאנען, טרינה די משוגענע...

דעם קאפ האט זי ארויסגעשטארט פון דעם שווארצען צוריסענעם טוך און האט דאס ערגעץ־וואו געגלאצט מיט די אויגען...

צוגעהן, צו נישט צוגעהן?

זי קוקט אויף איהם. דער מאמעס בליק, זי שווייגט. נאר דאכט זיך זי שמייכעלט. וואס שמייכעלט זי?

— מאמע, מאמע, דו ביסט מיין מאמע? יא? האט דאס יונגעל געפרעגט און אומגעקוקט זיך, אויב קיינער הערט נישט, אויב קיינער זעהט נישט.

זי האט זיך גאר נישט אנגערופען.

ער איז נעהנטער צוגעגאנגען צו איהר, הארט נעבען איהר:

— דו ביסט מיין מאמע? יא? דו ביסט?

זי האט זיך גאר נישט אנגערופען, נאר מיט די אויגען ערגעץ־וואו געגלאצט...

— פאַר וואָס ביסט דו נישט אין דער היים? פאַר וואָס לויפסט דו אין די גאַסען אַרום?

זי האָט זיך גאָר נישט אָנגערופען...

— מאַמע, פאַר וואָס שווייגסט דו? פאַר וואָס?

און דאָס יונגעל איז אַרויסגעבראָכען מיט אַ געוויין.

נאָר זי האָט זיך גאָר נישט אָנגערופען...

— ווילסט עסען? יאָ, ווילסט עסען? זאָג, ווילסט עסען?

זי האָט זיך גאָר און גאָר נישט אָנגערופען.

ער איז אַריין פלינק אין דער שטוב און געזאָגט „גוטען אָבענד“.

אין שטוב איז אומעטיג געווען און טרויעריג. דער טאַטע איז געזעסען ביים טיש און האָט עפּעס גערעכענט. די עלטערע שוועסטער איז געשטאַנען ביי דער קיך, און האָט עפּעס געקאָכט.

— חיימ׳ל, ווילסט עסען? — האָט איהם די שוועסטער געפרעגט.

ער האָט זיך אומגעקוקט, אויב דער טאַטע הערט נישט, איז צו־געגאַנגען צו דער שוועסטער:

— לאָה, די מאַמע שטעהט אין דרויסען.

די שוועסטער האָט נאָר פערביסען די אויבערשטע ליפּ מיט די ציינער, און האָט געוויזען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן טאַטען...

חיימ׳ל האָט גענומען די צוויי שטיקלעך פּוטער מיט ברויט, וואָס די שוועסטער האָט איהם געהאַט אָנגעשניטען, און אַרויסגעטראָגען דער מאַמען.

ער האָט זיך אומגעקוקט, אויב קיינער זעהט נישט, איז ער צוגע־גאַנגען צו איהר, און דערלאַנגט איהר די שטיקלעך ברויט.

זי האָט זיך גאָר נישט אָבגערופען.

— עס, ביסט דאָך הונגעריג.

ער האָט איהר די שטיקלעך ברויט אויף די האַנד געלעגט: נעהם, ביסט דאָך הונגעריג.

זי האָט ערגעץ וואו ווייט געגלאָצט מיט די אויגען, ווי זי וואָלט געקוקט אין אַ פרעמד לאַנד.

# אַ בּרוגז

מיט אַ פערביטערט האַרץ בין איך פון דער היים אוועקגעלאָפען און געלאָזט זיך געהן נאָך ליענטשיץ צו מיין מוהמען נחת־פּערלען.

געוועזען איז עס איינער פון יענע טעג, וואָס נאָך דעם וועטער איז שווער צו וויסען, אויב עס איז אַ ווינטער אָדער אַ זומער־טאָג: דער הימעל איז גרוי בעוואָלקענט, די ערד פייכט און דער שטח איז מיט אַ שווערער לופט אָנגעפּילט.

דער וועג, וואָס איך געה אויף איהם, ציהט זיך שטום־טויט ווייט אוועק, און אין דעם ראַוו וואָס איז צווישען דעם וועג און די ווייטע בע־וואָלקענטע פעלדער, פּאַשען זיך קיה און פערד. נעבען זיי זיצען קליינע שקצים'לעך, איינגעקאָרטשעט אין ברייטע פּאַטערישע וועסטען, און קוקען אויף מיר נאַרעדיג ארוים פון אונטער די טיעפע היטלען, וועלכע זיינען אריבערגעצויגען איבער זייערע אויערען. עס גלוסט זיך זיי נישט, זעהט זיך אויס, אין אזא וועטער מיט מיר צו טשעפּען, און זיי לאָזען מיך רוהיג ווייטער געהן. באַלד איז אַ קאַרעטע דורכגע־פאָהרען, און איך האָב געוואָרפען אַ בליק אין די קאַרעטע אריין. איינ־וועניג ליגט עפּעס אַ הערר אויסגעצויגען אויפ'ן געזעס, און קוקט שטום אין אַ צייטונג אריין, וואָס איז איבער זיינע קניה אויסגעשפּרייט. באַלד איז די קאַרעטע מיט דעם הערר׳ען אויף דעם וועג ווייטער אוועק־געפאָהרען.

איך געדענק, אַז דענסמאָל, געהענדיג אויפ'ן וועג, האָב איך עפּעס פון אַ זאַך געקלערט, וואָס האָט מיך שטאַרק דערשראָקען און פער־שעמט; איך האָב ביי מיר געקלערט, אַז ווען איך וואָלט חלילה אַ יתום געוועזען, מיין מאַמע וואָלט, חלילה, אויפ'ן „גוטען אָרט“ געלעגען, וואָלט איך זי אַזוי ליעב געהאַט, אַזוי ליעב! באַלד אָבער, האָב איך מיך דער־מאָנט, אין וואָס פאַר אַ זאַך איך קלער, און איך האָב מיך אין זיך זעלבסט פערשעהמט: „שטיק גולם, נאַר — האָב איך צו מיר גע־טענה'ט, — ווער וויל דאָס האָבען, אַז אַ מאַמע זאָל שטאַרבען? ווער?“

באלד האָב איך מיך אליין געטרייסט, אז איך מיין חלילה נישט דאָס. וואָס הייסט א מאמע זאָל שטארבען! איך מיין עפּעס גאָר אנדערש; אז עס שטארבט חלילה ביי וועם א מאמע, איז דאָך אזוי נישט גוט, גאָט איינער!

און געדאכט האָט זיך מיר דענסמאָל, אזוי ווי מיין אייגענע מאמע וואָלט אויף מיר רחמנות געקריגען, און מיט גרויס ערבארימקייט נעהמט זי מיין קאָפּ ארום און גלעט מיך אזוי ווייך מיט איהר האנד אויף מיין באק, און זאָגט צו מיר מיט אַ גוט ערבארעמדיג געלעכטער'ל:

— נארעלע, ווער וויל דאָס האָבען, אז זיין מאמע זאָל שטארבען? ווער?....

---

די גרויע וואָלקען זיינען טינקלער און געדיכטער געוואָרען, און האָבען זיך הארטער צו דער ערד אראָבגערוקט. דער זאמד אויפ'ן וועג איז פייכטער און אָנקלעבענדיגער, און דאָרטען ווייט בעהאלטען זיך די פעלדער אין אַ געדיכטען טוי־נעפּעל. אַ גויה איינגעוויקעלט אין אַ גראָב טוך איז דורכגעלאָפען, זי האָט זיך געאיילט, ווייזט אויס, וואָס גיכער אהיים צו קומען. באלד איז א פוהר פון ווייט אָנגעקומען צו פאָהרען. די צוהיצטע, מאטע פערד זיינען מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ, פאמעליך, מיט קליינע טריט צו דער שטאָדט צוגעגאנגען. דער פויער, וואָס איז אויף דער פוהר געזעסען, איז געוועזן איינגעהילט אין אַ פייכטען זאק, און ער האָט מאָט געקוקט אויף די אָבגעארבעטע פערד. דער הוט איז ביי איהם ביז אין האלבען קאָפּ געוועזן ארויפגערוקט, די פייכטע האָר האָבען זיך איהם געקלעבט אין אָקסענדיגען, בעשמוצטען שטערן; אין זיינע קליינע שווארצע אויגען האָט עס געבלישטשעט: געלויבט צו גאָט, מיר זיינען שוין אין דער היים! אנטקעגען פון דער שטאָדט צו איז א צווייטע פוהר אָנגעקומען צו פאָהרען. די פערד האָבען נאָך זיכער געשטעלט זייערע הארטע טריט אין דער פייכטער ערד, און מיט אויסגעשטרעקטע העלזער האָבען זיי זיך ערגעץ וואו אין דער וועלט אריין געאיילט.... דער פויער, וואָס איז אויפ'ן וואָגען געזעסען, איז נאָך אין א טרוקענעם זאק געוועזן איינגעהילט. דעם הוט גוט, ביז אין די האלבע אויערען אראָבגערוקט, און ער האָט רוהיג פאר זיך געקוקט, אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגען איז עפּעס אומעטיגעס געוועזן: דער וועג הויבט זיך ערשט אָן...

באלד האָט זיך געוויזען א געלער קלאָץ מיט רויטע אָבגעפּארבטע פּאסען. ליגענדיג האלב אויסגעבויגען פון איין זייט וועג צו דער צווייטער זייט אריבער, — א גרענעץ צווישען דעם וועג און דער שטאָדט. פון איין זייט איז דער קלאָץ געהויבען העכער, און עס האָט זיך פון דער הויך א קייט אראָבגעצויגען, ביי א בודקעלע. איינגעוויקעלט אין א פוטער, זיצט מיין מוהמע נחה־פעריל. זי האָט אָבגעדונגען דעם שטאָדט „שלאבען“, און זי לאָזט נישט קיין פוהר פון דער שטאָדט ארויס און נישט קיינע אין דער שטאָדט אריין, וואו מען בעצאָהלט איהר נישט דערפאר. עס דאכט זיך, אז זי איז די שומר'טע פון דער שטאָדט, ווען זי וויל, גיט זי א ציה ביי דער קייט, לאָזט דעם קלאָץ פון דער הויך אראָב, און שניידט אָב ליענטשיץ פון דער גאנצער וועלט.

איך בין צו איהר צוגעגאנגען, נאָר איבער די בלאָטע אָבער, ווייל איך בין פאמעליך מיט מורא געגאנגען, האָט זי מיינע טריט נישט געהערט, און זי איז געזעסען איינגעוויקעלט אין איהר פוטער, און האלט דעם קאָפּ אראָבגעבויגען און דרימעלט.

— גוט נאָוועגד! — האָב איך שוואך ארויסגערעדט.

זי זיצט און הערט נישט.

— גוט נ'אָווענד! — האָב איך נאָך א מאָל, שוין א ביסעל העכער, מיט הארץ־קלאפּען געזאָגט.

מיין מוהמע זיצט. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז מיט צופלייס מאכט זי זיך אזוי, זי וויל מיך נישט זעהען.

איך בין געשטאנען און געוואָרט.

דאָך האָט זי זיך אומגעדרעהט, און דערזעהענדיג מיך, האָט זי מיט דעם רוקען א שוידער געטהון און געזאָגט: „שמואל“, באלד האָט זי ווייטער דעם קאָפּ אראָבגעבויגען, און איז ווידער שטיל געבליבען. געדאכט האָט זיך מיר דענסמאָל, אזוי ווי איך וואָלט ביי א קלאמקע פון א טהיר אָנגעהמען, פּראוועענדיג זיך צו עפענען. די טהיר איז פערשלאָסען.

באלד, נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט זי מיך געפרעגט:

— מיט וועם ביסטו געקומען?

געדאכט האָט זיך, אזוי ווי א פערשלאָפען קול וואָלט פון אונטער דער באנק אפּער גערעדט.

— מיט אַ פויער, ער האָט זיך דאָרט אין דאָרף אָבגעשטעלט — ווייז איך איהר מיט'ן פינגער.

און זי איז שטיל געוואָרען און האָט ווידער דעם קאָפּ אַראָבגע־האַלטען, צו דרימלען, אויב וואָס?

דערנאָך האָט זי פּאַמעליך דעם קאָפּ אויפגעהויבען, געוואָרפען אויף מיר אַ חשדי'גען בליק און האָט ביטער אָבגעזיפצט.

מיין מוהמעס קרעכץ האָט מיך בערוהיגט. געוועזען איז עס עפּעס ווי אַן אונטערשריפט אונטער זעהר אַ שווערען קאָנטראַקט.

שטיל בין איך נאָך איהר אין שטוב אריינגעגאַנגען.

— זעץ דיך. שרה דאָבריש וועט באַלד קומען, וועט זי פייער מאַכען. —

באַלד האָט זי די שטוב פערלאָזט.

אין שטוב האָט שוין אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען. די צוויי איבערגעבליבענע שויבען, וואָס דאָס פאַרהעננעל האָט זיי נישט פער־שטעלט, זיינען פערלאָפען געווען, און טריבע טרעהרען זיינען איבער זיי גערונען. פאַר די צוויי אויפגעבעטע בעטען איז מיין פעטער'ס, עליו־השלום, בילד געהאַנגען, און דעם טויטענס אויסגעבלייכטע גע־זיכט האָט שטרענג אויף מיר געקוקט און גוט אכטונג געגעבען אויף אַלץ, וואָס איך טהו. אויף דער צווייטער זייט וואַנד איז ביי דער שאַנק אַ קאָמאָד געשטאַנען, בעדעקט מיט אַ געשטריקטען טישטוך. אויף איהם זיינען געווען אויסגעשטעלט פערשיעדענע קאָלירטע טע־לער, צוזאַמען־געגלייסטע גלעזערנע קלאָשען, צווישען זיי איז אויך גע־שטאַנען אַ גלעזערנע צוקער־פּושקע. איך האָב עס אויפגעדעקט. אינ־ווענינ איז נאָך געלעגען וואַטע, אודאי נאָך פון מיין פעטער'ס אתרוג, עליו־השלום.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים טישעל, גענומען אַ ספר'ל אין האַנד אריין און האָב דערינען אריינגעקוקט.

אין האַרץ האָב איך מורא געהאַט, אַז עס זאָל מיר חלילה נישט איינפאַלען, צוצוגעהן און די צוקער־פּושקע צו צוברעכען, אָדער גלאַט אַזוי נאָהמען אַ טעלעריל פון קאָמאָד, און עס אויף דער ערד אַראָב־וואַרפען, נאָר איך האָב מיר די בייזע מחשבות פון קאָפּ פעריאָגט און אין ספר'ל זיך פערטראַכט.

באלד האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט, און אַ מיידעל איינגעוויקעלט אין אַ טוך איז אריינגעקומען.

זי האָט דאָס טוך פון איהר קאָפּ אראָבגערוקט, און עס האָבען זיך בעוויזען איהרע צוזאמענגעפּרעסטע האָר אויף איהרע שלייפען.

זי איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב און האָט געקוקט אויף מיר מיט איהרע צוויי גרויסע אויגען. מען האָט דערקענט אין איהר, אז זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגען, און וואָס צו טהון.

באלד האָט זי דאָס לעמפּעל אָנגעצונדען און זי האָט עס אויף דעם טישעל פאר מיר אנידערגעשטעלט.

איך האָב מיך טיעף אין ספר'ל פערטראַכט.

— דו ביסט דער מוהמע מלכה'לעס זוהן? — האָט זי מיך פּלוצלונג געפרעגט, אראָבבויגענדיג דעם קאָפּ, צוהאקענדיג האָלץ אויף דר'ערד.

— יאָ — ענטפער איך איהר. און דו ביסט דער מוהמע נחה פּעריל'ס טאָכטער?

— יאָ — זאָגט זי.

און איך האָב ווייטער אין ספר'ל אריינגעקוקט.

— לאנג וועסט דו פערבלייבען? — האָט זי מיך ווייטער געפרעגט.

— איך קלעהר דאָ, אין בית־המדרש צו לערנען. — זאָג איך איהר מיט זעהר אַ ערנסטען טאָן.

— טאַקי? — פרעגט זי.

— יאָ. — פרעה איך מיך אויף מיין איינפאל, — די צייט איז ביי אונז שלעכט, דער טאטע פערדיענט נישט, ער קאָן מלמדות־געלט נישט צאָהלען, בין איך געפאָהרען אין דער פרעמד לערנען.

— צייט דער טאטע, עליו־השלום, איז געשטאָרבען, — זאָגט זי מיט אַ טרויעריגען ניגון, און נעמט אָן מיט די פינגער דעם שווארצען סאמעט בענדיל, וואָס זי טראָגט אויפ'ן האלז, איז ביי אונז אויך די צייט שלעכט. דער „שלאבען" איז טייערער געוואָרען. מען איז וואָך גאנצע נעכט און מען פערדיענט גאָר נישט.

באלד זאָגט זי ווייטער:

— דאָ וועסט דו קענען לערנען, שלאָפען וועסט דו ביי אונז, שבת און יום־טובים וועסט דו אודאי אויך עסען ביי אונז. און מאָרגען וועד

לען מירביידע אריבערגעהן צו דער מוהמע רבקה'לע — א געשעפט, „טעג", ווערסט האבען וואו צו עסען.

איך קוק אויף איהר און שוויינ.

— וועש וועט דיר אויך נישט קאסטען, — זאגט זי ווייטער, — אין איינעם מיט די אונזערע וועט מען דיינע אויך אויסוואשען. נישט געזארגט, ווערסט דיר א עצה געבען.

איך האב מיך אין שטיבעל ארומגעקוקט, און אלץ האט מיר שוין אזוי פריינדליך, אזוי היימיש אויסגעוויזען.

— דא, זעהסט, — זאגט זי צו מיר, ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף דעם שטיקעל ליידיגען ארט, וואס איז צווישען דעם שענקעל און דעם קאמאד, — וועט מען קענען א בעטעל אנידערשטעלען, בעטגעוואנד איז אהן עין־הרע דא ביי אונז גענוג.

איך האב געווארפען א בליק אויף דעם ליידיגען שטיקעל ווינקעל, און א ווארימקייט איז דורך מיין הארץ דורכגעלאפען. דא וועט מיין „מקום מנוחה" זיין.

— גוט? — און איהרע צוויי גרויסע אויגען האבען ליעבליך גע־שמייכעלט צו מיר.

איך האב געשוויגען און געקוקט אויף איהר.

און קוקענדיג דערנאך אויפ'ן פענסטער — האב איך מיר גע־טראכט: דרויסען איז פינסטער, און איך בין אין דער היים...

זי האט מיר א גלאז טהיי דערלאנגט.

— טרינק, דערווארים דיך, באלד וועט די וויעטשערע פארטיג ווערען.

די טהיר האט זיך אויפגעעפענט, מיין מוהמע איז אריינגעקומען.

איך, האלטענדיג דאס גלאז טהיי אין דער האנד, האב איך עפעס ביי מיר געפיהלט. אז איך טהו א עולה.

— ווייסט, מאמע, שמואל דער מוהמע מלכה'לעס איז היע אהער געקומען לערנען. ער וועט עסען „טעג", ביי אונז וועט ער נעכטיגען, וואס נישט?

די מוהמע האט אויפגעעפענט דעם פוטער, און עס האט זיך גע־וויזען דאס שווארצע באנד, וואס זי טראגט אויף איהר האלז.

מיין מוהמע האט אבגעזיפצט און געשוויגען.

— זעהסט, מאמע, דא, צווישען דער שאנק און דעם קאמאד וועט

מען קענען א בעטעל אנידערשטעלען. דאכט זיך ביי דער מוהמע רבקה'לע איז דא א איבריג בעטעל, איך וועל מארגען צו איהר ארי־בערגעהען.

— מאך דיך נישט צו נאר! שמואל וועט מארגען אהיים פאהרען.

און אראב־בייגענדיג דעם קאפ האט זי אין דער שטיל געזיפצט.

— א קינד מאכט זיך צום נארען, האפט זיך אויף און לויפט פון דער היים אוועק. אוי, אוי, יונגע נארישע קינדער!

שרה דאבריש איז געשטאנען אין מיטען שטוב און געקוקט אויף מיר פערוואונדערט און רחמנות'דיג.

איך האב מיך פערשעמט אין ספר'ל פערטראכט.

אין שטוב איז שטיל געווארען.

באלד האט זיך געהערט א פוהר פאהרען, און מיין מוהמע איז פון שטוב ארויס.

שרה דאבריש האט שוין גאר נישט גערעדט, דאס פנים האט זי אין קוימען פערבארגען.

איך בין צום פענסטער צו און אויף דער גאס ארויסגעקוקט. דרויסען איז זעהר פינסטער געווען. באלד האט זיך א קלאפען פון רעדער געהערט, און א פוהר מיט א לאמטערן איז דורכגעפאהרען. די פוהר איז געפאהרען, און פון דער ווייטענס האט זיך א פונק ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש געטונקט...

*

* *

אויף מארגען אין דער פריה האט מיך מיין מוהמע מיט א פוי־ערישער פוהר אויפגעדונגען און מיך צוריק אהיים געשיקט.

שרה דאבריש, מיין מוהמעס מיידעל, איז געשטאנען ביים שלאבען און האט מיר נאכגעשריען:

— פאהר געזונדערהייט, גריס די מוהמע מלכה'לע.

די פוהר איז ווייטער געפאהרען.

דער הימעל איז געווען בעוואלקענט. א געדיכטער קאלטבלוטיגער רעגען האט אהן אנ'אויפהער פון דער הויך, פאמעליך, אויף דער ערד געגאסען, עס איז געווען איינער פון די רעגענס, וואס מען ווייסט נישט, ווען זיי הויבען זיך אן און ווען זיי לאזען זיך אויס. עס דאכט זיך, אז עס רעגענט שוין אזוי פון אייביג, די וועלט איז באלד אזוי בעשא־

פען געוואָרען מיט'ן רעגען, און עס וועט ווייטער רעגענען, ווייטער, אזוי לאנג ביז די וועלט וועט שטעהן...

און איך האָב מיך איינגענאָרעט אין א ווינקעלע וואָגען אריין, בעהאלטען מיך אונטער דעם נאסען געזעס, און מיינע הענד האָב איך אונטער מיין קאפאָטע ארונטערגעשטעקט, אָנגעטאפּט דאָס העמד אויף דער ברוסט, איך האָב ביי מיר געשפּירט, אז מיינע הענד זיינען ביי מיר אין דער היים, אין מיין אייגען ווינקעל בעהאלטען.

א קייטיל האָט זיך פון וואָגען אָבגעטשעפּעט און האָט אָהן אויפ־הער אין די ברעטער געקלאפּט, דער רעגען האָט געקאפּיעט, און די קיי־טיל האָט נאָכאנאנד געקלאפּט, און עס האָט זיך געדאכט, ווי א הונד וואָלט אונטער א נאסע באָדע געקלאָגט.

און די וואָלקענס ציהען זיך איבער מיין קאָפּ. אָט דאכט זיך מיר, אָט שטרעק איך די האנד אויס און טאפּ זיי אָן, נאָר אָט רוקען זיי זיך העכער ארויף, און דער רעגען קאפּיעט, א טראָפּ צו א טראָפּ, און די טראָפּענס פאלען אין די וואסערלעך, וואָס זיינען צווישען דעם וועג און צווישען די ווייטע, נאסע פעלדער, און די וואסערלעך רעדלען זיך, און די פייכטע ערד זאפּט אין זיך די טראָפּענס איין.

איך קוק אויפ'ן פויער. ער זיצט איינגעקאָרטשעט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, און זעהט אויס טיעף פער'חושב'ט. זיינע אויגען קוקען ווייט אוועק, ער האלט אָפען דאָס מויל־און שווייגט, נאָר זיין אויסגע־שטרעקטער רוקען, דאכט זיך, ווי ער וואָלט זאָגען, גלייכגילטיג איינ־זאָבענדיג אין זיך די טראָפּענס רעגען: וואָס געהט עס מיך אָן?

און די פערד געהען זיך פּאַוואָלע, מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ און שטעלען זיך זיכער זייערע הארטע טריט אין דער פייכטער ערד.

איך קוק אויפ'ן ראָד פון וואָגען, ווי עס דרעהט זיך אריין אין דער בלאָטע. אָט באלד פאַהרט א העלפט ראָד אין דער הויך ארויף, אריינ־ציהענדיג אונטער זיך דאָס אנדערע האלבע ראָד אין בלאָטע, און אזוי דרעהט עס זיך, אמאָל איז איין האלבע ראָד אין דער בלאָטע און די אנדערע העלפט אין דער הויך און דאָס צווייטע מאָל פערקעהרט.

איך קוק מיך אַרום—די פעלדער זיינען בעוואָלקענט און נאָס, דער הימעל איז גראָה; ער הענגט, דאכט זיך, נאָר אראָבצופאלען און אלעס צוצודעקען — און געדאכט האָט זיך מיר, אז די גאנצע וועלט, אָט דאָס אלץ, וואָס איז ארום איז ברוגז אויף דער וועלט'ס מאמען, זי אנטלויפט

פון חדר צו דער מוהמען נחה פעריל. און די וועלט האָט אויך א על־טערן ברודער, וואָס ער וועט זי פרעגען, ווען זי וועט אהיים קומען: וואו ביסט דו געווען?

אויפ׳ן פעלד אַקערט א פויער. דאָס פערד איינגעשפּאַנט אין דעם אַקעראייזען, ציהט זיך און שלעפּט זיך איבער דער פייכטער ערד, עס שטעקט דעם קאָפּ ארויס און ציהט ווייט אויס דעם האלז. דאָס אייזען שלעפּט זיך נאָכ׳ן פערד — און דער פויער געהט הינטער זיי, און שמייסט מיט דער ביימש.

און די פוהר פאָהרט ווייטער. אָט באַלד ווייזט זיך א לאַנג שטיק שוואַרץ אויסגעשניטען פעלד פון טאָרעב. באַלד ציהט זיך א שוואַרץ שטענגעל פון פעלד אין וועג אריין, ווי א חונ וואָס פיהרט צו א „בית־עולם" צו.

און ארום שוועבט א נעפּעל אין דער לופטען און שטיקט אלעס צו.

און געדאכט האָט זיך מיר, אז מיר אלע — איך, דער הימעל, די פעלדער, דער פויער מיט׳ן אַקעראייזען, אלעם ארום זיטצען אין חדר. עס איז דאָנערשטאג נאָכ׳ן אָנבייסען; די זון איז ערשט ביים שפּיטץ פענסטער, א סימן, אז עס איז ערשט האלב איינס, און מיר זאָגען אי־בער דעם שיעור פאר׳ן רבי, און מיר קענען נישט דורכקומען.

באַלד האָט זיך בעוויזען א הויכער פּאַלאַץ ארומגערינגעלט מיט א גאָרטען. פון דערהויך האָבען זיך געוויזען פיער גרויסע פענסטער, אין מיטען — א באַלקאָן. פון פּאַלאַץ ציהט זיך א לאַנגע אלעע ארום הויכע בוימער.

און איך האָב מיין פּנים טיעפער אין דער קאַפּאָטע בעהאלטען. די הענד האָב איך אונטער מיין וועסטעל ארונטערגערוקט, אָנגעטאַפּט מיין ברוסט און האָב מיך געפיהלט היימישער, איך בין ביי מיר...

און עס האָט זיך בעוויזען פאר מיינע אויגען מיין ברודער׳ס פּנים, ער שלאָגט מיך גאָר נישט, ער האלט דעם שטעקען אין האנד און קוקט אויף מיר, קוקט מיך גוט אָן, און ביי דער טהיר שטעהט דער פויער, ער פערלאַנגט די פערציג גראָשען, וואָס די מוהמע האָט איהם צו־געזאָגט....

און דאָ שטעהט דער פּאַלאַץ — און באַלד אָט עפענט זיך די טהיר פון דעם פּאַלאַץ אויף — און די פוהר פאָהרט מיט מיר אריין, מען גיט מיך ערגעץ א נעהם ארויף.... איך ליג אונטער א זיידען בעטגע־

וואַנד... מיר איז וואַרם... באַלד באַד איך מיך אין אַ וואַנע, און דאָ זיינען אָנגעגרייט פאַר מיר נייע קליידער פון קאָפּ ביז די פיס.... איך שפּיר ווי דאָס זיידענע העמד קנאַקט אויף מיין רוקען... און אַ אַטלעסען קאַפּאָטקעלע, מיט אַ גאַרטעלע... איך קוק, דורכגעהענדיג, אין שפּיגעל אַריין, איך זעה אויס ווי אַ בן־מלך... צוויי לאַנגע שוואַרצע פּאות׳ליך....

עפּעס אַ פוהר איז דורכגעפאָהרען, דער פויער איז פון וואָגען אַראָב, און עס דאַכט זיך, אז ער האָט ביי דעם צווייטען אַ פּאַפּיראָס פעררויכערט.

... און מען פיהרט מיך אין אַ גרויס צימער אַריין.... עס בלישטשען אַזוי פיעל ליכט אין זילבערנע רעהרען... ביי אַ לאַנג געדעקטען טיש זיצט אַן אַלטער יוד אויבען אָן.... מיט אַ ווייסע באָרד... אַ זילבערן טאַבאַק־פּושקעלע אין האַנד און קוקט אין אַ ספר אַריין... עפּעס אַ יו־דענע אין גרויסע בריליאַנטענע אויררינגען, אין אַ זיידענער הויב, גרייט צום טיש. איז עס מיין מאַמע? ניין... אַ פרעמדע... מען פרעהט זיך מיט מיר... שלום־עליכם... מען קושט מיך... די מחותנת׳טע וויינט...

עפּעס איז ווער דורכגעלאָפען איינגעווייקט אין רעגען. אויפ׳ן פעלד שטעהט אַ פוהר אָהן אַ פערד. נאָר דער דישעל איז אַזוי לאַנג.

... איך זיץ ביים טיש... שמועס אין לערנען... איך פערענטפער אַ האַרבען רמב״ם.... דער מחותן ווענדט מיך אָב מיט אַ מר״ל׳ס אַ קשיא.... איך ברענג איהם אַ ראיה פון אַ רא״ש.... אַלע קוקען אויף מיר... נאָר מיין מחותן שטעהט פערגאַפט... די מחותנת׳טע ווישט זיך די אויגען מיט אַ טיכעל... און דאָרט... פון אַ שפּאַלט פון דער טהיר.... אַ זיידען קליידעל... זי האָרכט... זי עפענט ברייטער אויף די טהיר, און קוקט.... איך מאַך מיך ווי גאָר נישט.... און רעד ווייטער, פערענטפער אַ „תבואת־שור״.

... מען פיהרט די כלה אַריין... זי איז שעהן ווי אַ בת־מלכה.... אין בלויז זייד און סאַמעט.... אין צוויי שוואַרצע צעפּ... אין אַ ווייס שער־ציל.... זי לאָזט אַראָב דעם קאָפּ... זי שעמט זיך... איך אויך... דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר.

... — ווי געפעלט דיר דיין כלה?... די קינדער שעמען זיך! זעהסט, זעהסט ווי רויט ער איז געוואָרען... און איך שטעק מיין פינגער אין גאַרטעל אַריין און דרעה מיר איבער׳ן שטוב...

... זיי וועלען זיך אַליין געוועהנען איינער צום צווייטען...

.... מ'גרייט צום טיש... א גרויסער הענגלייכטער הענגט פון באַלקען אַראָב מיט גרויסע בריליאַנטענע גלעזליך... איך מיט מיין מחותן זיי־צען אויף איין זייט טיש... זי מיט דער מחותנת'טע אויף דער צווייטער זייט טיש... דער הענגלייכטער פערשטעלט... זי קוקט אויף יענעם זייט הענגלייכטער, איך אויף דער זייט...

... איך זאָג ווייטער תורה... דאָס פשט'ל אויף „שחיטת־חוץ"... פערענטפער דעם רמב"ם.. דער מחותן ווענדט אָב... איך לאָז נישט... ברענג די גמרא פון חולין.... זי ווינקט.... קוקט אויף מיר: לאָז דיך נישט... אָט אזוי... פערענטפערט... ריכטיג... זי שמייכעלט... הא?!

מען פיהרט מיר מיין כלה צו... איך מאַך די אויגען צו... איך קוק נישט... מען גיט מיר א גאָלדענעם זייגער... זי געהט... נעהם, זאָגט זי, און קוקט מיך אָן.... איך מאַך די אויגען צו און נעהם... איך טראָג איהם אויף די אַטלעסענע וועסט...

... איך זיץ מיט איהר אליין... אין א גלעזערנער אַלטאַנקע.... זי קוקט נישט... איך אויך נישט... מען קוקט אין וואסער אריין.... ניין, אין א ספר'ל אריין... זי שמייכעלט... ניין... זי ויצט, האלט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען... ניין... זי זיצט און קוקט אויף מיר גלייך אין פנים אריין... איך אויך... גלייך איהר אין פנים אריין... זי וויינט... יאָ, עס רינען אַראָב די טרעהרען איבער די באַקען... איך האלט די צעפּ... ניין... מען מעג דען? ?... איך קוק אויף איהר... איך וויין אויך... זי האָט אויף מיר רחמנות, אזוי רחמנות...

איך נעהם זי אָן ביי דער האַנד...

„דו האָסט נישט דעם פויער צו בעצאָהלען? האָסט מורא פאר דיין עלטערן ברודער?..."

איך קוק מיך אום, דער פאַלאַץ איז שוין לאַנג פערבייגעפאָהרען, עס ציהען זיך נאַסע בעוואָלקענטע פעלדער.

עס בעוויזט זיך א קליין הייזיל, דער שטרוידאַך איז אין רעגען דורכגעווייקט, פון קוימען געהט א געדיכטער רויך ארויס און צולעגט זיך געדיכט איבער'ן וועג, פאר דער טהיר שטעהט א פוהר, דאָס אויס־געשפּאַנטע פערד האלט דעם קאָפּ אין וואָגען בעהאַלטען, און גיט אי־בער זיין רוקען א כפרה דעם רעגען. דער פוהרמאַן שטעהט אין דער טהיר ביי'ם הייזיל, איינגעקאָרטשעט אין זיין צעוויקטען מאַנטעל,

האַלט די בייטש אין אָרים, פערלעגט די הענד און קוקט גאָרעדיג פון מאַנטעל ארויס:

עס בעוויזט זיך דאָס וועלדיל, עס שטעהט אין רעגען און קען זיך נישט ריהרען, און די בוימער טוליען זיך איינער צום צווייטען.

נאָך דעם וואלד זעהט מען שוין דעם שפּיץ קירכע פון אונזער שטעדטיל ארויס, און מיין הארץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען: שוין אין דער היים!...

# גזלנים

(א בילד)

אז עס איז געקומען שבועות צייט און די אויבסט בוימער האבען אנגעהויבען צו בליהען, האט משה ליב קאמאשניק, דער שוסטער פון דער אונטערגאס, גענומען דעם שטעקען אין האנד אריין, א צוויי־פונטיג ברויט איינגעבונדען אין א טיכעל אויפ׳ן פלייצע און האט זיך געלאזט אין דארף אריין דינגען א סאד אויפ׳ן זומער. אין א פאר טעג ארום איז ער צוריקגעקומען מיט א זעקעל קארטאפליעס אויפ׳ן פלייצע, א פאר אייער אין קעשענע און מיט א הוהן אונטער׳ן ארעם. דאס ווייב מיט די קינדערלעך זיינען איהם אנטקעגען געגאנגען אין גאס אריין. די צוועלף יעהריגע פייגעלע האט איהם דעם זאק פון פלייצע אראבגענומען. חיים דער אינגעל האט די הוהן געשלעפט — און זיי האבען מיט פרייד אריינבעגלייט דעם פאטער אין שטוב אריין.

— גאט צו דאנקען גערונגען. — האט משה ליב קאמאשניק דעם שטערען זיך געווישט.

— ווי זעהט ער אוים?

— ווער קען וויסען? די עפעל בליהען שעהן, אהן עין הרע, בארנעס אויך א ביסעל — א ביסעל פלוימען, נאר אלץ שפעטיג אויבס, ראש־השנה׳דיגעס, א ביסעל אגרעס און שטענגעלעך. גאט זאל געבען, אז עס זאל קיין שטורם נישט קומען, וועט אפשר זיין א ביסעל פרנסה, ווער וויים?

— און די גוים?

— ווי פויערים — גערונגען זיך אויף א גילדען. געזעהן אז ארימען אידען, האבען זיי מיטגעגעבען א ביסעל קארטאפליעס, א פאר אייער — דאכט זיך גוטע גוים.

אז חנה האָט דערלאַנגט די אָנגערייטשע קאַרטאָפליעס אויפ׳ן טיש, האָט משה ליב קאַמאַשניק געקרעכצט:

— איין חסרון, ער שטעהט ביים וועג, די בוימער שטאַרק אויפ׳ן וועג אַרויס. ווער עס וועט וועלען וועט אַבריַיסען איידער עס וועט נאָך רייף ווערען.

— וועלען מיר די קינדער אַרויסזעצען ביז מיר וועלען אַרויס־קומען. — האָט איהם דאָס ווייב בערוהיגט.

נאָך שבת האָט טאַקע משה ליב גענומען זיין עלטסט מיידעל פייגעלע מיט זיין איינגעל חיים׳ל און אַרויסגעפיהרט אין דאָרף אַריין, און איבערגעלאָזט זיי אין סאַד, אין דעם הילצערןביידעל וואָס איז געשטאַנען צווישען די עפּעל בוימער. ער האָט זיי אַ קישען אָוועק־געלעגט צו שלאָפען, אַ פּאָר אַלטע קאָפּאָטעס צוצודעקען זיך אויף בייגאַכט, אָדער ווען עס רעגענט. קיין געלד צו לעבען האָבען זיי ניט בעדאַרפט, ער האָט זיך פערלאָזט אויף די פּויערישע גוטסקייט, אַז זיי וועלען ניט דערלאָזען קיין לעבעדיגע נפשות אונטערגעהן פאַר הונגער. אַ פּאָר פונט ברויט אויף די ערשטע פּאָר טעג האָט ער זיי געלאָזען. קאַרטאָפליעס קענען זיי דאָך פון די גוים קריגען. אויס־בעטלען, אָדער אויסקאָפּען פון דער ערד, ווען קיינער זעהט ניט. האָלץ אויף אַ פייער קענען זיי פון וואַלד ברענגען, און אַז באַלד וועט דאָך אויבסט רייף ווערען, קענען זיי זיך דערנעהרען מיט עפּעל און אוגערקעס.

קיין ריכטיגע היטערס זיינען זיי אייגענטליך נישט געווען. נאָר מען דאַרף אויך נישט האָבען אין אַ סאַד קיין היטער, מען בעדאַרף נאָר וויסען, אַז אַ לעבעדיגער מענש געפינט זיך דאָרט, און אַז עס וועט עפּעס געשעהן, קענען זיי שרייען, וועלען זיך די גוים צו־זאַמענלויפען.

די קינדער זיינען צוגעוויהנט דערצו. יעדעס יאָהר האָבען זיי געהיט אַ סאַד, ביז דאָס אויבסט איז רייף געוואָרען, און ווען מען האָט עס בעדאַרפט קלויבען, זיינען טאַטע־מאַמע אַרויסגעקומען. ביי טאָג איז גאָר געווען אַ פרייד. די זון האָט געשיינט. עס איז זיי וואַרים געווען. דאָס מיידעל איז אַרומגעגאַנגען אי דאָרף און אויס־געבעטען ביי די פּויערטעס אַ פּאָר קאַרטאָפלעס, חיים׳ל האָט פון וואַלד געבראַכט טרוקענע צווייגען, האָבען זיי זיך אַ פייער געמאַכט

און אָבגעבראָטען אין די אַשעם זייער אבענד־ברויט. אַז דאָס אויבסט האָט נאָר אָנגעהויבען עטוואס רייף צו ווערען, האָבען זיי צוזאַמענ־געקליבען די אראָבגעפאַלענע עפּעלעך. דערנעהרט זיך שוין מיט ס׳זייערינגע. ביי נאַכט האָבען זיך די קינדער בעהאַלטען אין ביידעל אריין. צוגעדעקט זיך מיט די קאָפּאָטעס. די נעכט זיינען געווען קורצע און ווארימע זומערדיגע נעכט, נאָר טהיילמאָל, ווען עס פלעגט אַ רעגען גיסען, האָבען זיי זיך איינגעקאָרטשעט, איינס דאָס אנדערע צוגעדעקט, און געוואָרימט זיך מיט זייערע יונגע לייבלעך.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט, אַז גזלנים געפינען זיך אין וואלד, ניט ווייט פון דאָרף. ביי נאַכט האָבען זיי אָבגעשטעלט אַ פוהר מיט סוחרים, גע׳הרג׳עט דעם בעל־עגלה און אוועקגענומען פון די סוחרים דאָס געלד. דאָס גאַנצע דאָרף איז צו מאָרגענס ארויס אויף אַן אָבלאַווע אויף די גזלנים אין וואלד. נאָר מען האָט קיינעם נישט געפונען. מען האָט אָנגעטראָפען צייכענס פון זייערע פוס־טריט און מען האָט אָבער ניט געקענט וויסען וואו זיי האַלטען זיך אויף. דער רויב ביי נאַכט אין וואלד האָט אַ שרעק געוואָרפען אויפ׳ן גאַנ־צען דאָרף און אויף די גאַנצע געגענד ארום. די גוים האָבען זייערע הייזער פאַרמאַכט מיט אייזערנע פּרענטען און אַליין זיינען זיי גע־שלאָפען ביי זייערע בהמות מיט שטעקענס און רעוואָלווערען בעוואַכט. די קינדער האָבען אויך געהערט פון די גזלנים, וואָס האַלטען זיך אויף אין וואלד. ביי נאַכט האָבען זיי מורא געהאַט צו שלאָפען אין סאָד. זיי האָבען אָבער איינס פון דאָס אנדערע בעהאַלטען די אימה און ניט געערעדט דערפון.

אַמאָל ביי נאַכט זיינען די קינדער געלעגען אין ביידעל. אין דרויסען איז זעהר פינסטער געווען. עס האָט זיך געקליבען אויף אַ רעגען. אַ ווינד האָט געבלאָזען און געקלאַפּט מיט אַן אָבגעריסענעם שינדעל אויפ׳ן דעכעל פון ביידעל, און זיי האָט זיך אָבגעדאכט, אַז עס געהט ווער... די צווייגען האָבען זיך געשאָקעלט און געבראָכען זיך הינטער׳ן ביידעל און געקרעכצט ווי לעבעדיגע מענשען. פייגעלע איז געלעגען און האָט מיט איהרע הענטלעך פעסט צו זיך צוגעדריקט איהר יונג ברודעריל. חיים האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיין שוועס־טערס לייב, ווי אַ יונג קעלבעל, מיט׳ן קאָפּ אין בויך אריין. פייגעלע האָט ארויסגעקוקט מיט איהרע גרויסע לעבעדיגע אויגען און אויפ־

געהערט אויב ווער געהט נישט. די קינדער האָבען געשוויגען א לאַנגע צייט און מורא געהאַט צו רעדען איינס מיט'ן צווייטען, כאָטש זיי זיינען נישט געשלאָפען.

— פייגעלע, דו שלאָפסט? — האָט דאָס ברודעריל געפרעגט.

— איך שלאָף. — האָט פייגעלע אָבגעענטפערט.

— איך שלאָף אויך. — האָט חיים'ל געזאָגט און איז פערשוויגען.

— פייגעלע.

— וואָס?

— גזלנים טויטען קינדער אויך?

— ניין. קינדער טויטען זיי ניט.

א לאַנגע מינוט האָבען זיי ווייעדער געשוויגען.

— פייגעלע.

— וואָס?

— עס איז ווער אין סאָד דאָ.

— ניין, חיים'ל, דאָס שאָקעלט דער ווינד די צווייגען.

א לאַנגע מינוט פויזע.

— פייגעלע.

— וואָס?

— עס געהט ווער אין סאָד אריין.

— שוויג, חיים, קיינער געהט נישט אין סאָד אריין. דאָס קלאַפּט דער ווינד אין דאַך.

א לאַנגע פויזע.

— פייגעלע.

— וואָס?

— וואָס איז א ווינד?

— שוויג, שלאָף.

עס האָט א גרויסער בליץ געטהאָן, נאָך איהם האָט זיך געהערט אַן אויסגעהענדער דונער.

די קינדער האָבען אויפגעציטערט.

— פייגעלע.

— וואָס?

— האָסט געלייענט קריאת שמע?

— ניין.

— לאָמיר לייענען קריאת שמע.

— איך קען נישט פון אויסוועניג.

— איך קען.

— זאָג, וועל איך דיר נאָכזאָגען.

— אל מלך נאמן...

— אל מלך נאמן...

די קינדער האָבען געזאָגט די ווערטער ווי די טראָפּענס רעגען וואָס האָבען אָנגעהויבען צו פאַלען אויף׳ן דאַך פון ביידעל.

— פייגעלע, עס רעגענט.

— עס רעגענט, חיים׳ל.

— שווייג, מען טאָר ניט מפסיק זיין.

— דער ווינד זאָל נאָר דאָס אויבסט פון די בוימער ניט אראָפּ־ווארפען.

— מען טאָר ניט מפסיק זיין, פייגעלע.

די טראָפּענס וואָסער האָבען באַלד אָנגעהויבען אריינצורינען אויף די קינדער דורך אַ שפּאַרע פון ביידעל. די קינדער האָבען זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקעלע פון ביידעל, וואו עס איז גענוג בעשיצט. זיי האָבען זיך איבערגעצויגען מיט די קאַפּאָטעס איבער די קעפּ, געהאַלטען זיך איינס אין אַנדערען. איינגעקאָרטשעט זיך און געוואָרימט זיך מיט די לייבלעך, און געלעגען און געשוויגען.

מיט אַמאָל האָט זיך די טהיר פון ביידעל געעפענען אַ פּראַל אויף, אַ צינד־העלצעל האָט זיך אָנגעצונדען און פערלאָשען, אין בליץ־שנעליגקייט האָט פייגעלע דערזעהן צוויי הויכע שווארצע גוים שטעהן פאַר איהר.

— ווער איז דאָרט? — האָט אַ שטאַרקע מענער שטימע גע־רופען.

— דאָס בין איך, דעם סעדער׳ס מיידעל מיט איהר ברודעריל, האָט פייגעלע אָפּגעענטפערט מיט אונטערטהעניגקייט, אָבער ניט מיט מורא.

— שווייג, זשידאָווקאַ.

די גוים האָבען אַראָפּגעצויגען פון די קינדער די קאַפּאָטעס

און אַליין זיך מיט זיי בעדעקט די קעפּ, וואָרום דער רעגען האָט שוין אָנגעהויבען אַריינצוגיסען דורך די שפּאַרעס פון דעכעל.

די קינדער זיינען געוועזן האַלב נאַקעט. יעצט האָבען זיי זיך נאָך מעהר איינס צום אַנדערען צוגעקאָרטשעט, איינגעגנאַרעט זיך אין אַ ווינקעל, און געלעגען ווי צוויי הינטלעך און געשוויגען. אין ביידעל איז געווען שוואַרץ. די גוים האָט מען נישט געזעהן. נאָר געפיהלט צוויי שוואַרצע שאָטענס, און איינער פון די שאָטענס פינקעלט מיט אַ פונק פון אַן אָנגערויכערטען ציגאַרעט, און אויפ'ן דאַך האָט זיך געהערט ווי די שווערע טראָפּענס רעגען פאַלען אויף די שינדלען.

פלוצים איז דער שאָטען, וואָס האָט גערויכערט דעם ציגאַרעט, צוגעגאַנגען צו די קינדער, בעלויכטען זיי מיט'ן ברענענדיגען ציגאַרעט, און אָנגערופען זיך צום צווייטען:

— דאַכט זיך, אַן ערוואַקסענע.

— דער צווייטער שאָטען האָט זיך שווער בעוואויגען. אויך צוגעגאַנגען און אָנגענומען פייגלען ביי דער האַנד, בעלויכטען זי אויך מיט דעם ציגאַרעט, געזוכט איהר צו קוקען אין די שווערע טונקעלקייט אין די אויגען אריין, און אָבגעלאָזט זי:

— אַ קליינע אידישקע.

די גוים האָבען עפּעס געשעפּטשעט צווישען זיך אין דער שטיל. פייגעלען איז פלוצים באַפאַלען אַ טויט־שרעק. זי האָט אָנגעהויבען צו פיהלען מיט אַמאָל די שרעק פאַר גזלנים. אַן ענגקייט האָט זי ארומגענומען. ניט די שרעק פאַר'ן לעבען, זי האָט גאָר ניט געטראַכט וועגען זיך — נאָר עפּעס ווי זי וואָלט מיט אַמאָל דערפיהלט אַן אונגאַטירליכע זאַך, ווי זי וואָלט אַ ניטרגוטען דערזעהן. מיט איין האַנד האָט זי ארומגעהאַלטען איהר קליינעם ברודעריל, און מיט דער צווייטער האַנד האָט זי זיך פאַר ווּעמען געוואָלט בעשיצען. און ווי זי וואָלט זיך דערמאָהנט, אַז זי איז נאָך אַ קינד, האָט זי פלוצים אָנגעהויבען צו וויינען: מאַמע.

— שווייגט, ממזרים, שווייגט. ששש...

די קינדער האָבען אָבער זיך מעהר דערשראָקען פאַר די שאָטענס, איידער פאַר רעדענדיגע מענשען און האָבען געוויינט.

— שווייגען, ווארום זאדושען, — האָט אַ שווערע האַנד זיך געלעגט אויף די קינדערס מיילער.

אַ לאַנגע ווײַלע האָבען די קינדער געשוויגען. געשלוכצט אין זיך.

— זעהסט, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט. די האָסט די קינדער דערשראָקען. די פויערים וועלען זייער געוויין דערהערען.

— זי איז אַן ערוואַקסענע מויד. — האָט אַ שטימע גערעדט.

— זעהסט דאָך, זי איז אַ קינד, וויינט ווי אַ קינד. — האָט אַ צווייטע שטימע אָפּגעענטפערט.

— זי איז שוין גרויס געננוג, זאָגט דער איינער שאָטען און דערנעהנטערט זיך צו פייגעלען.

פייגעלע האָט דערפיהלט די נאָהענטקייט פון שווארצען שאָטען, דעם ווארימען אָטהעם פון זיינע שטאַרענדע פייכטע וואָנסעס, האָט זי געהאַט אַזאַ שוידערליך געפיהל, ווי אַ וואָרים וואָלט זי אָנגע־ריהרט, אָן האָט געגעבען אַ געשריי אויס:

— מאַמאַ!

— וואָס טהוסטו? וואָס טשעפּעסט דו זיך צו די קינדער?

— אז איך זאָג דיר, אַז זי איז אַ דערוואַקסענע מויד.

— איך בין קיין קינדער מערדער נישט. דאָס פּאַסט פאַר אַ היהנער־גנב, אָבער נישט פאַר אַ גזלן.

דער הויכער שווארצער האָט ווי פערשעהמט דאָס קינד אָב־געלאָזט.

— שווייגט, קינדער, נאָט, דאָ האָט איהר די קאַפּאָטע, דעקט אייך צו, — האָט איינער פון זיי צוגעוואָרפען די קאַפּאָטע צו די קינדער.

דער צווייטער האָט נאָכגעטהאָן.

די קינדער האָבען נים געפיהלט די פייכטקייט פון רעגען. די שרעק פאַר די גזלנים האָט אַלעס פאַרטריבען. זיי האָבען נאָך אין דער שטיל געשלוכצט. אַ שטימע האָט זיך אָנגערופען:

— שווייגט, וואָס וויינט איהר? עס איז אייך קאַלט. יאָן, גיב זיי בראַנפען צו טרינקען.

דער גוי האָט צוגעטראָגען אַ פלאַש מיט בראַנפען און דער־לאַנגט די קינדער.

— טרינקט, וועט אייך ווארימער זיין.

פייגעלע האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין געשטאַלט. זי האָט געטהאָן, וואָס מען האָט איהר געהייסען.

— און יעצט גיב דעם ברודערל דיינעם. הער, קליינער זשי־דאָק, טרינק.

חיים׳ל האָט אויך צוגענויגט די ליפּען צום פלאַש.

— די קליינע ממזרים, עס איז אַ רחמנות אויף זיי, אין אַזאַ רעגען. יאַן, האָסט דאָרט אין קעשענע קאָלבאַסע, גיב זיי.

יאַן האָט דערלאַנגט די קאָלבאַסע.

די קינדער האָבען דערהערט דאָס וואָרט קאָלבאַסע, איז אַ גרויסער שרעק זיי בעפאַלען.

— עסט.

— מען טאָר נישט, — האָט פייגעלע געענטפערט.

— עסט, קליינע זשידעס.

— מיר טאָרען נישט, — האָבען ביידע קינדער אָנגעהויבען ווידער צו וויינען.

— לאָז זיי אָפּ. זעהסט דאָך, אז זיי ווילען נישט זייער „זאקאָן“ ברעכען.

— נאַט, דאָ האָט איהר ברויט.

דאָס ברויט האָבען די קינדער גענומען. נאָר געגעסען האָבען זיי נישט.

אַ לאַנגע ווײַלע איז שטיל געווען אין ביידעל. עס האָבען זיך נאָר געהערט די טראָפּענס רעגען, וואָס זיינען געפאַלען אויפ׳ן דעבעל, און דאָס שווערע אָטעמען פון די גוים. די קינדער זיינען געלעגען איינגעקאָרטשעט אין אַ גאָרע. ערשט יעצט איז זיי קלאָר געווען די שרעק, אז זיי געפינען זיך מיט גזלנים אינאיינעם. חיים׳ל האָט ערשט זיך דערמאָנט, וואָס אַ איד האָט צו טהאָן, ווען ער איז אין סכנה.

— פייגעלע, — רופט ער אָן אין דער שטיל.

— ש־ש, וואָס?

— לאָמיר זאָגען שמע ישראל.

— זאָג.

— שמע ישראל ה׳ אלהינו.

און די קינדער האָבען פלוצים אָנגעהויבען הויך קריאת שמע צו זאָגען.

— וואָס מורמלען זיי דאָרט?

— זעהסט דאָך, אַז זיי מאָדליען זיך.

— יעדער האָט זיין „זאַקאָן“, — רעדען די גוים צווישען זיך.

איןביידעל איז אַזוי נאָס געוואָרען, אַז עס האָט זיך נישט געפונען קיין איין שטיקעל ערד. דאָס איינציגע טרוקענע ווינקעל, וואָס איז געוועזען צוגעדעקט מיט די קאַפּאָטעס, האָבען יעצט די קינדער פאַרנומען. דער רעגען האָט די גוים געיאָגט פון איין ווינקעל אין אַנדערען, ביז ער האָט זיי אריינגעיאָגט אין דעם ווינקעל פון די קינדער. זיי האָבען זיך צוגעטוליעט צו די קינדער, באַהאַלטענדיג זיך נעבען זיי.

— לאָזט, ממזרים'לעך, לאָזט זיך אויך צודעקען מיט די קאַפּאָטעס, — האָבען זיך די גוים געבעטען.

און אַ וואונדערליכע זאַך, די קינדער האָבען זיך אויפגעהערט צו שרעקען פאַר די גזלנים. הינטער די פּייכטע קאַפּאָטעס האָבען זיך אַלע פיער לייבער צוזאַמענגעקנאַטען, און איינס האָט דאָס אַנדערע געוואָרימט.

— דעק זיי צו, דעק זיי, די ממזרים'לעך, — האָבען די גוים געזאָגט איינס צום אַנדערען און גענומען די קינדער אויף זייערע הענט און זיי וואַרים צוגעדעקט.

— יאַן, גיב זיי אַ ביסעל בראַנפען.

די קינדער האָבען געשליקט דעם בראַנפען, דערוואָרימט זייערע לייבלעך. עס האָבען פיער לעבעדיגע נפשות צוזאַמענגעקנאַטען זיך און באַשיצט איינס דאָס צווייטע פאַר'ן רעגען, פאַר'ן בליץ און שטורם.

# די ירושה

(ערצעהלונג)

איך ווייס ניט פאר וואס עס איז מיך געקומען אויפ׳ן געדאנק די אידענע חיה־לאה מיט איהר אלטען קאסטען, וועלכע איך געדענק ווי אין א חלום פון מיינע קינדערשע יאהרען. אפשר איז דא דערביי עפעס א זין, וואס לוינט זיך צו דערצעהלען. זאל דער לעזער משפט׳ן. איך מוז זיך אבער באפרייען פון דער ערינערונג, וועלכע איז זייט א געוויסע צייט אויפגעשטאנען אין מיר ווי א לעבעדיגע ערשיינונג און פאדערט מיך, אז איך זאל זי באשרייבען.

די אידענע חיה־לאה איז געווען די מוטער פון אונזער שכן, חיים׳שע דער פעלדשער, וועלכען מען האט אויך גערופען ביי אונז אין שטעדטעל מיט דעם פאר היינט ניט שעהנעם נאמען, חיים׳שע דער קאנע־מאכער. נאר פאר די דאמאלסדיגע צייטען, וואס מען האט ליעב געהאט אנצורופען זאכען ביי די ריכטיגע נעמען, האט דער נאמען ניט נאר ניט ארויסגערופען קיין שפאט, נאר פארקעהרט, ער איז געווען א טיטול, און האט געקלונגען ווי היינט, למשל, „דאקטאר מעדיצין”. און האט מען באגעגענט חיים׳שען געהן איבער דער גאס מיט דער גרויסער קאנע אונטער׳ן ארעם, אזוי האט דאס גאנצע שטעדטעל געוואוסט, אז ווער פון איהרע חשוב׳ע בעלי־בתים האט זיך איבערגעגעסען און מען דארף איהם געהן מבקר חולה זיין.

חיים׳שע דער קאנע־מאכער איז געווען א שטיק אלטערטום. פון זיין מעדיצינישער פראפעסיע האט ארויסגעוועהט דאס מיטעלאלטער: געהיילט האט ער מיט דעם אלטען, אויסגעפרואווטען מיטעל, מיט דער קאנע, פון אלע קראנקהייטען, און אז די קאנע האט ניט געהאלפען, האט ער באנוצט דאס ראדיקאלע מיטעל, געהאקטע באנקעס, וועלכע ער האט גענומען נאך א הייסער באד. נאר טאמער, חלילה,

איז עס אָנגעקומען צו באַנקעס, איז שוין ניט גוט געווען. האָט מען געזעהן חיים'שען מיט דער טאַרבע באַנקעס אונטער'ן אָרעם און מיט'ן וואַקסענעם ליכט אין דער האַנד געהן איבער'ן געסעל, האָט מען זיך שוין פון קראַנקען מיאש געווען, און קרובים זיינען געלאָפען אין שוהל אריין תהלים זאָגען. אַ חוץ די צוויי אויסגעפּרואווטע מיטלען — קאַנע און באַנקעס — האָט נאָך חיים'שע באַזעסען אַ גאַנצע צאָהל פלעשלעך מיט רפואות־וואַסער. צו יעדער חולאת האָט ער געהאַט אַ באַזונדער וואונדער־וואַסער: כאָלערא־וואַסער, נופל־חולים־וואַסער, יום־כפור־וואַסער און נאָך אַ סך אַנדערע וואַסערען, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרען לויט אַ געהיימען רעצעפּט, וואָס איז נאָר באַוואוסט געווען צו איהם אַליין.

געזאָגט האָט מען, אַז די אַלע געהיימע רפואות האָט ער איבערגענומען פון זיין אַלטער מוטער, וועלכע איז געווען אין די פריהעריגע יאָהרען אַ הייבאַמע און האָט אָפּגענומען מיט איהרע אייגענע הענד די אַלע בכבוד'ע בעלי־בתים, וועלכע זיינען היינט נגידים, דאַזאָרצעס, גבאים און גלאַט אַזוי שעהנע אידען. זי, די אַלטע אידענע, האָט דעם כבוד געהאַט די ערשטע פּעטש צו געבען אויף די געזעסלעך פון אַט די אַלע היינטיגע שעהנע בעלי־בתים. נאָר דאָס זאָגען האָט ניט פאַרקלענערט די אויטאָריטעט פון חיים'שען און האָט ניט אָפּגעשוואַכט זיין פּראָפעסיאָנעלען רוהם. פאַרקעהרט, דאָס האָט צוגעגעבען אַ גלאַנץ צו זיין רוהם, און זיין אויטאָריטעט איז באַפעסטיגטער געוואָרען.

איך אַליין געדענק שוין ניט די אַלטע חיה־לאה, אַז זי זאָל זיך האָבען באַשעפטיגט מיט איהר פּראָפעסיע. אין מיינע יאָהרען איז זי שוין געווען אַן אַלטע, אַלטע אידענע, וועלכע איז געלעגען אַ גאַנצע וואָך אין בעט. נאָר שבת און יום־טוב האָט זי דער זוהן אָנגעטהאָן אין איהרע אַלט־מאָדישע קליידער, מיט דער גרויסער הויב אויפ'ן קאָפּ, מיט דער גלאַנציגער שטערען־טיכעל אויפ'ן שטערען, מיט'ן האַרץ־ברעטעל, פון וועלכען עס האָבען אַראָפּגעשימערט אַ פּאָר צוויי־פּעלהאַפטע שטיינער אויף גרינעם סאַמעט. און ער האָט זי אַרויסגעזעצט אויפ'ן הילצערנעם גאַניקעל, און אַלע, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָבען זי בכבוד'יג געגריסט און געביטען איהר „גוט־שבת". ווייל ניט נאָר איז זי געווען די עלטסטע אידענע אין שטעדטעל, נאָר זי

איז אויך געווין די הייבאמע פון אלע מוטערס און פאטערס פון שטעדטעל, און אלע האבען זי גערופען „די באבע". און צווישען די שבת'דיגע אלט־מאדישע קליידער און ציערונג האט געבלישטשעט אין דער זון א גאלדען שליסעלע, וואס איז אראפגעהאנגען אויף א גאלדען קייטעל פון איבער איהר האלז אראפ. און אז די מענשען, וואס זיינען פארבייגעגאנגען, האבען געזעהן דעם גאלדענעם שליסעלע, איז געווארען א געשושקעריי אין די אויערען, און איינער האט דעם אנדערען געוויזען:

— דו זעהסט? דו זעהסט?

— דער גאלדענע שליסעלע פון קאסטען.

— ווער ווייסט וואס פאר א אוצרות זי האט דארט ליעגען אין קאסטען.

— נאפאלעאן'ס מתנה.

— ווערט דאס חיים'ל פאקען אן אפותיקא.

— איך גיב איהם שוין מיין שטוב פאר דער ירושה, מיט מיין קראם אין אלטען מארק.

— נאר איינער, יענער ריכט זיך אויף אן אוצר. א קלייניגקייט, נאפאלעאן'ס מתנה.

אונטער דעם בעט פון דער אלטער חיה־לאה איז געשטאנען אן אל־טער קאסטען אויף פיער רעדלעך. דער שליסעל פון אלטען קאסטען איז געווען א גאלדענער און איז געהאנגען אויף דער אידענע'ס הארץ. די אידענע האט געהיט דעם שליסעל ווי איהרע אויגען אין קאפ. שטענ־דיג איז זי געשלאפען מיט דעם שליסעל אונטער איהר קישען, און טאמער האט זי געהערט עפעס אן אונבאקאנטען דורכגעהן, פלעגט זי זיך באלד כאפען צום שליסעל. זי איז שוין געווען בלינד פון אלט־קייט, און ביי איהר בעט איז געשטאנען אן אלטער שטעקען מיט א ביינערנעם קעפעל. אז זי האט געהערט ווערען דורכגעהן, פלעגט זי מיט איהר שטעקען אנקלאפען אן קאסטען, אויב דער קאסטען שטעהט. מען זאגט אז אין דעם קלאנג פון קאסטען האט זי געהערט צי ער איז נאך אונבאריהרט. קיינער האט ניט געוואוסט וואס אין דעם קאסטען געפינט זיך... קיין קינד האט זי ניט פארטרויט דעם שליסעל, ניט דעם אינהאלט פון קאסטען, נאר זי פלעגט פון צייט צו צייט לאזען פאלען א ווארט, ווען אן אייניקעל איז צו איהר גוט געווען:

— מיין קינד, איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט. קיינעם ניט פאַרגעסען, קיינעם ניט.

— באָבע, פאַר וואָס האָט דער קאַסטען רעדלעך? — האָט זי אַן אייניקעל געפרעגט.

—פאַרצייטענס, מיין קינד, — פלעגט זי ענטפערען — האָט מען דאָך מורא געהאַט פאַר איבערפאַלען, פאַר גוים, האָט מען שטענדיג געהאַט שטעהן אַ קאַסטען אויף רעדלעך. אין דעם קאַסטען איז געווען באַהאַלטען דאָס ביסעל אָרימקייט, און אַז עס האָט זיך געמאַכט, באַהיט גאָט, אַ בהלה, אַזוי האָט מען זיך איינגעשפּאַנט אין קאַסטען און מ'איז מיט איהם אַנטלאָפען. דאַרום האָט דער קאַסטען רעדלעך.

מען ווייס ניט ווער האָט עס פאַרשפּרייט, נאָר עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג אין שטעדטעל, אַז אין דעם אייזערנעם קאַסטען, אונטער דער אידענע'ס בעט, געפינט זיך אַן אוצר. עס האָט זיך באַלד געפונען אַן אַלטער איד אין איהרע יאָהרען, וואָס האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה פון פאַרצייטענס: ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען אין שטעדטעל, איז זי, חיה־לאה, דאַמאָלסט געווען אַ יונגע פרוי, איז זי גערופען געוואָרען אין הויף צו נאַפּאָלעאָן — און פון דענסמאָל אָן האָט זי דעם קאַסטען. אַנדערע האָבען דערצעהלט, אַז דער אוצר נעהמט זיך פון אַ רייכער פּריצ'טע, וועלכע האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און דער מאַן האָט זי געוואָלט דערפאַר אַוועקוואַרפען און נעהמען אַן אַנדערע, האָט חיה־לאה דער פּריצ'טע איינגעגעבען צו טרינקען אַזעלכע טראָפּען, פון וועלכע זי איז טראָגענדיג געוואָרען און פאַר דאַנקבאַרקייט האָט זי איהר געשאָנקען אַן אוצר. ביי אַנדערע איז די פאַנטאַזיע געגאַנגען נאָך ווייטער און מען האָט זיך אין די אויערען געסוד'עט וועגען אַ געהיימען פאַרברעכען, וואָס די אידענע איז באַגאַנגען אין איהרע יונגע יאָהרען, ביי איהר פּראָפעסיאָן: אַז זי זאָל האָבען קינדער אומגעביטען, און טיעף אין דעם קאַסטען איז אינאיינעם מיט דעם אוצר באַהאַלטען עפּעס אַ טיעף געהיימניס. ווי עס זאָל ניט זיין, אין דעם אוצר האָט קיינער ניט געצווייפעלט. און ניט נאָר האָט די אידענע ניט אָפּגעלייקענט וועגען דעם אוצר אין דעם קאַסטען, נאָר זי פלעגט מיט איהרע פאַרבאָרגענע, צוויי־דייטיגע און גאַנץ מיסטישע באַמערקונגען נאָך מעהר צוגעבען גלויבען צו דער לעגענדע פון קאַסטען. אַזוי פלעגט זי אָפט דעם זוהן באַרוהיגען, ווען ער האָט

זיך געקלאָגט פאַר איהר, אַז ער דאַרף די טאָכטער חתונה מאַכען:

— מיין קינד, נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר. איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט, פאַר אַלע מיינע אייניקלעך.

זעלבסטפאַרשטענדליך האָט חיים׳שע אויסגעגעבען זיין טאָכטער, און אין דעם נדן האָט ער אייגעשאַצט דעם אַלטען קאַסטען.

— נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָט זי דאָך אַ טהייל אין דער ירושה, אין קאַסטען, — האָט ער איינגערעדט דעם מחותן.

דער קאַסטען האָט ניט נאָר בלויז חתונה געמאַכט חיים׳שעס דריי טעכטער, נאָר ער האָט אויך געשאַפען דעם פעלדשער געלד יעדעס מאָל ווען ער האָט באַדאַרפט. דער קאַסטען איז געוואָרען ווי אַ צויבער וואָרט פון אַ כשוף־מאַכער. דער פעלדשער האָט נאָר באַדאַרפט דערמאָנען דאָס וואָרט „קאַסטען" און די בייטלען פון די מלוות פון שטעדטעל האָבען זיך לייכטער געעפענט פאַר איהם ווי פאַר אַנדערע מיט גאָלדענע און זילבערנע משכנות.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט דער שם פון קאַסטען איבער דער וועלט און ער האָט אויסגעזוכט נאָהענטע און ווייטע קרובים און זיי געבראַכט צום ראַנד פון בעט פון דער אַלטער אידענע. צוויי טעכטער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ראַסיי (חתונה געהאַט מיט אידישע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אין שטעדטעל), זיינען געקומען אין שטעדטעל צופאָהרען, געהמען די מאַמע צו זיך אַהיים.

— וואָס, אַליין קומט דיר, די גאַנצע מאַמע, מיר זיינען ניט קיין קינדער? — האָבען זיי זיך געקריעגט מיט׳ן ברודער.

— וואו וועט זיך די מאַמע שלעפּען אויף איהרע אַלטע יאָהר אין ווייטע מדינות?

— טאַקע, מיינע קינדער, ווי קען איך מיר שלעפּען איבער דער וועלט מיט׳ן קאַסטען? האָט ניט קיין מורא, קינדער, איך האָב פאַר אַלע געזאָרגט. נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר — פאַר אַלע מיינע קינדער, פאַר אַלע מיינע אייניקלעך.

האָבען זיך די טעכטער באַזעצט אין שטעדטעל אָפּהיטען דעם קאַסטען... יעדע פאַר וואָכען האָט זיך אַן אַנדער משפחה אויפגעזוכט, און איז געקומען צופאָהרען מיט אַ יחוס־בריעף, אַז ער איז דער באָבע׳ס אַן אייניקעל, אַ קרוב. דער קאַסטען איז געוואָרען, ווי אַ פייערער שטיין, וואָס ניט נאָר ער צושיקט זיינע שטראַהלען פון זיך.

נאָר זאַמעלט אַלע אַרויסגעשיקטע שטראַהלען און ציהט זיי צו זיך צו. אַזוי האָבען זיך אַלע געקליבען און געזאַמעלט אַרום דעם קאַסטען און אַלעמען האָט די אידענע באַרוהיגט און פאַרזיכערט:

— איך האָב קיינעם ניט פאַרזעהן, מיינע קינדער, איך האָב פאַר אַלעמען געזאָרגט. אַלע זיינט עטץ מיינע קינדער, מיינע אייניקלעך.

זעלבסט־פאַרשטענדליך האָט די אידענע געהאַט אַ בכבוד׳ע עלטער און אַ עהרונג און אַכטונג פון איהרע קינדער און איהרע אייניקלעך, וואָס ניט איין בעל־הבית׳טע האָט זי מקנא געווען און געוואונשען זיך צו האָבען אַזאַ עלטער, ווי זי האָט. די קינדער, דער זוהן און די טעכטער, און די אייניקלעך, און גלאַט אַזוי משפחה, וואָס זיינען זיך געקומען צוזאַמענצוציהען פון איבעראַל, האָבען אַרויסגעוויזען איהר איבע[illegible]עטריבענע ליעבשאַפט און געטריישאַפט. יעדער איינער האָט געוואָלט זיך אויספיינען אין די בלינדע אויגען פון דער אידענע און צוגע׳חנפ׳עט זיך צו איהר. ווען מען איז געבליבען מיט איהר אַליין, האָט מען אַריינגעוואָרפען אַ שלעכט וואָרט אויפ׳ן אַנדערען.

— באָבעשי, האָב איך די באָבעשי ליעב. איך בעט גאָט טאָג און נאַכט, אַז די באָבעשי זאָל לעבען, זאָל אונז אַלעמען איבערלעבען — ניט אַזוי ווי יענע — וואָס זאָל איך זאָגען...

— מיין קינד, איך האָב פאַר דיר אויך געזאָרגט — איך האָב קיינעם ניט פאַרזעהן, נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר — האָט די באָבע איבערגעריסען יענעמס חניפה.

און ניט נאָר די קינדער, נאָר גלאַט אַזוי פרעמדע, בעל־הבתים פון שטאָדט. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז געווען די הייבאַמע און מען איז אַריינגעקומען איהר גוט־שבת און גוט־יום־טוב ביטען; האָט מען אין אַ בעל־הבית׳יש שטוב געקאָכט אַ פריש יאַיכעל, האָט מען דער „באָבעשי" אַרונטערגעשיקט אַ טעפּעל דאָס האַרץ זיך צו דער־כאַפּען. פון יעדען גוטען קוגעל און פון יעדען געראָטענעם פוטער־קוכען האָט די „באָבעשי" געמוזט פאַרזוכען. וואָרום יעדער איינער אין שטעדטעל האָט זיך גערעכט אויף עפּעס. — „מען קען קיינמאָל ניט וויסען, וואָס אַזאַ אידענע האָט אין זינען..."

אַז ס׳איז געקומען די צייט, אַז די אידענע זאָל אַוועקגעהן פון דער וועלט, האָט זי געלאָזט רופען דעם זוהן צו זיך, געהייסען אַלעמען אַרויסגעהן. און בלייבענדיג מיט דעם זוהן אַליין, האָט זי איהם

איבערגעגעבען דעם גאָלדענעם שליסעלע, און האָט דעם זוהן באַשוואָרען אַז ער זאָל עהרליך אויספיהרען די צואה, וואָס זי האָט ליעגען אין קאַסטען אינאיינעם מיט דער ירושה, און יעדען איינטהיילען זיין חלק, אַזוי ווי זי האָט פאַרשריבען אין דער ירושה, אויף וואָס דער זוהן האָט איהר מיט טרעהרען אין די אויגען הייליג געשוואָרען.

אַרום איהר בעט זיינען ווי ביי אַ גרויסען צדיק געשטאַנען אַלע איהרע קינדער און אייניקלעך, די גאַנצע משפחה פון ווייט און נאָהענט — און שעהנע אידען פון שטעדטעל האָבען תהלים געזאָגט. מען האָט זי פאַרגליכען מיט שפרה און פועה, די הייבאַמען פון די אידען אין מצרים. און אויסגעטייטשט דעם כבוד, וואָס זי האָט געהאַט ביי איהר לעבען, ווייל זי האָט אַזוי פיעל אידישע קינדער געהאָלפען קומען אויף דער וועלט — און די באָבע איז איינגעשלאָפען מיט אַ זאַנפטען שמייכעל אויפ'ן פנים, ווי די אַלטע גוטסקייט, וואָס האָט זיך איינגעקנעטען אין די קנייטשען פון איהר פנים, וואָלטען פאַרשטיינערט געוואָרען אין איהר פנים אויף שטענדיג.

נאָך דער מוטער'ס טויט האָט דער זוהן חיים'שע צונויפגעזאַמעלט די משפחה אין דער צווייטער שטוב, און געטריי צו דער שבועה, וואָס ער האָט צו דער מוטער געשוואוירען אויפ'ן טויטען־בעט, האָט ער זיי איבערגעגעבען דער מוטער'ס רייד. צוויי פון דער משפחה האָבען גאַנץ זאַכט און פאָרזיכטיג אַפּירגענומען דעם קאַסטען פון אונטער'ן בעט און אַריינגעטראָגען איהם אין דער צווייטער שטוב, אַרויפגעשטעלט איהם אויפ'ן טיש. מען האָט צוגעמאַכט די לאָדען איבער די פענסטער און אָנגעצונדען די לאָמפּ — כאָטש עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג, כדי קיינער זאָל פון דרויסען ניט אַריינקוקען און זעהן וואָס אין קאַסטען טהוט זיך. נאָר דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געוואוסט, אַז יעצט עפענט מען דעם קאַסטען און זיי האָבען זיך געדרעהט אַרום דעם פעלדשער'ס הייזעל, אויסגעהענדיג פון נייגיעריגקייט, און פרור־בירענדיג אין פאָראויס צו טרעפען, וואָס אין קאַסטען געפינט זיך. מיט הארצקלאַפּען און ציטערענדיגע הענד האָט דער פעלדשער אריינ־געשטעקט דאָס גאָלדענע שליסעלע אין שלאָס פון קאַסטען. דער קאַסטען איז געווען אַן אַלטער, און אַרומגעקאָוועט מיט אייזערנע פּרענטען און צוימען, און דער שלאָס אַן אַלט־מאָדישער. בחנם האָט חיים'שע געפּרואווט דרעהען דעם שליסעל אין שלאָס. דער שלאָס

איז געווען פארראסטעט און ניט געוואלט אזוי גיך נאכלאזען. דער־ווייל זיינען אלעמען די הערצער אויסגעגאנגען פאר נייגעריגקייט און ערוואַרטונג. צוויי שטארקע אידען פון דער משפחה, די זעלבע, וואס האבען אריינגעטראגען דעם קאסטען, האבען מיט זייער גאנצען כח געדרעהט דעם שליסעל אין שלאס, אבער דער שלאס האט ניט געוואלט נאכגעבען, ביז מען האט איהם ניט געגעבען זיך אנצוטרינקען מיט א פלעשעלע שמיר־אויל. דערנאך האט ער אנגעהויבען צו כארכלען, ווי א געקוילעטע הוהן. באלד האט עפעס דארט געפלאצט און עס האט זיך פונאנדערגעשפיעלט א שפרינג. ענדליך האט ער נאכגעגעבען. עס איז מיט אמאל אויפגעשפרונגען איין שלאס נאכ׳ן אנדערען, און די דריי פרענטען האבען זיך געעפענט און זיינען געבליבען שטעהן פאר דעם אפענעם קאסטען.

צוערשט איז געלעגען פון אויבען־אויף אן אלט־מאדיש שטיקעל בראקאט, וואס האט פארדעקט דעם אינהאלט פון קאסטען. חיים׳שע האט פארזיכטיג אנגענומען מיט דער האנד דאס שטיקעל בראקאט, און עס האבען זיך געלאזט הערען שטימען:

— ניט ריהרען, ניט ריהרען!

און פּופּצעהן קעפּ האבען זיך אריבערגעבויגען איבער דעם אפענעם קאסטען.

— זאכט, זאכט, — האט ווער פון דער משפחה געווארענט.

חיים׳שע האט אוועקגערוקט דאס זיידענע שטיקעל בראקאט, און א פייכטע דומפּקייט פון אלטקייט און פרוכנע האט זיך געלאזט הערען פון קאסטען.

— צוערשט די צואה לעזען; די צואה! — האבען קולות געשריען.

באלד האט חיים׳שע געפונען די צואה ליעגען פון אויבען־אויף. א רוה א גרויסען בויגען פאפיער איז געווען אנגעשריבען מיט א ווייבער־שע, אונזיכערע שריפט א לאנגע מגילה.

— לעזען! לעזען! — האבען זיך שטימען געהערט.

,,צו אלע מיינע קינדערלעך און אייניקלעך, וואס שטעהען ארום מיין בעט, טהו איך זיך ווענדען, איך, די דיענסט־מויד חיה־לאה בת יענטע, מיט אן אויפריכטיג געבעט צום האר פון דער וועלט...

— ווייטער, ווייטער! — האָבען זיך געלאָזט הערען אונגעדול־דיגע שטימען.

חיים׳שע האָט איבערגעהיפּט און אָנגעהויבען פון אַ נייער שורה:

„איך טהו בעטען גאָט, אַז ער זאָל אַריינגעבען אין אייערע הערצער דעם גייסט פון שלום, אַז איר זאָלט אַלע לעבען בשלום ובמנוחה. אַזוי ווי איך האָב געזאָרגט איבער אייך, מיינע קינדערלעך, און קיינעם נים פאַרזעהן, אַזוי זאָל דער האַר פון דער וועלט זאָרגען איבער אייך.

— ווייטער, ווייטער! — האָבען די שטימען שוין העכער געשריען.

חיים׳שע האָט ווידער איבערגעהיפּט און אָנגעהויבען:

— איך טייל איין צווישען אייך מיין ביסעל אָרימקייט, סיי די, וואָס איך האָב געקראָגען בירושה פון מיינע עלטערען, און סיי די, וואָס איך האָב מיר אַליין עהרליך ערוואָרבען מיט מיין שווערע אַרבייט

— יעדען פון אייך אַ חלק, אַזוי ווי איך טהו דאָ אויסרעכענען.

— שווייגען! שווייגען! — האָבען שטימען גערופען.

נאָר דאָ איז חיים׳שע געבליבען שטעהן אין מיטען. עס האָט איהם אָנגעהויבען אין די אויגען צו שווינדלען. ער האָט גענומען ווייטער לעזען, נאָר ער האָט נים פאַרשטאַנען, וואָס ער לעזט.

— גיט אַהער! גיט אַהער! איך וועל לעזען! — האָט גענומען פון איהם די צוואה פון עלטערען איד, אַ משפחה, וואָס איז געווען אַ למדן.

ביי אַלעמען זיינען די הערצער געוואָרען פאַרכאַפּט.

„...דעם ביינערנעם צאָהן פון העלפאַנט, וואָס איז אַ רפואה פאַר קינדער־צייהנדלעך, לאָז איך איבער מיין עלטסטע אייניקעל גיטע־יענטע, אַז זי זאָל עס באַנוצען געזונטערהייט פאַר איהרע קינדערלעך, אם ירצה השם.

— ווייטער, ווייטער! — זיינען די קולות געוואָרען אונגעדול־דיג.

„דעם ספר עזריאל, וואָס איז אַ רפואה פאַר געווינערינס, אַז זיי זאָלען לייכט געבוירען, לאָז איך איבער מיין טאָכטער מרת פעריל, אַז זי זאָל די זכיה האָבען...

— ווייטער, ווייטער! — האָבען שוין אַלע געשריען.

— די קמיעה, וואָס איך האָב געקראָגען בירושה פון מיין מאַמען, עליה השלום, וואָס איז זעהר גוט אָפּצושפּרעכען אן עין הרע, לאָז איך איבער מיין זוהן.

די משפּחה איז געוואָרען אונגעדולדיג און געוואָרמען זיך אויפ'ן קאַסטען. דער קאַסטען איז געווען פול מיט קמיעות, רפואות, וואַסער־פלעשלעך, העלפאַנט־צייהנער, אַלטע קוויטלעך און נאָך אַזעל־כע זאַכען.

די משפּחה איז צוריק אַריינגעקומען אין דער צווייטער שטוב, וואו די טויטע איז געלעגען. אויף דער טויטער'ס פּנים איז געווען אויסגעגאָסען יענער אונשולדיגער, קינדיש־אונבאַהאָלפענער שמייכע־לע, וועלכער איז פאַרגליווערט געוואָרען צוזאַמען מיט די אַלטע איינ־געדאַרטע הויט פון פּנים. און זיי האָבען ניט געוואוסט, צי די טויטע לאַכט אויס זיי, צי זי בעט, ווי אַ הילפלאָז קינד, זיים מוחל...

# אין דאָרף.

און קענסטו די פעלדער אין וואהלין? שעה'ן לאנג קאנסטו פאה־רען, איינגעטאפיעט צווישען הויכע זאנגען. קיין הייזעל, קיין ביימעל וועט זיך דיר אין די אויגען נישט ווארפען, נאר א פאליע בייטען בע־וואקסען מיט תבואה, איין אונענדליכע חוואליע וואסער גיט זיך א לאז ארויף אין דער הויך — באלד גיסט זיך א צווייטע פאליע הויכע, פולע זאנגען אויף די וויארסטען לאנג אראב אין טאל. פון טאל זעהסטו א שנור וועגעל ציהט זיך אוועק און פערבלאנדזשעט זיך ערגעץ אין א וואלד אריין. שעה'ן לאנג געה איך צווישען די זאנגען — און די פעל־דער ציהען זיך פאר מיינע אויגען אוועק און איך בעגעגען נישט קיין לעבעדיגען נפש. אזוי, אז עס דאכט זיך מיר, אז איך איינער אליין לעב ערגעץ אין א בעוואקסענע וויסטע...

דאך געגען פארנאכט ווייזען זיך ארויס פון מיטען די זאנגען איי־ניגע רויטע דעכער; איך קום אן אויפ'ן וועג, וואס פיהרט לינקס אין דארף אריין. אויף די פעלדער, ביים וועג, וואלגערען זיך פגרים פון פערד ארום, א סקעלעט פון א פערד'ס א קאפ קוקט ערנסט, תמ'וואטע, אזוי ווי עס וואלט וועלען דערציילען פון אמאליגען לעבעדיגען פערד. באלד אבער קום איך אן, ביים „ערב דארף", דער ערשטער מענש, וואס איך בעגעגען אויפ'ן וועג איז א איד, אנ'אלטער, מיט א שיטערע, לאנגע, ווייסע בארד — שטעהט זיך אונטער א בוים און דאווענט מנחה. דאס פעקעל וואס ער האט ערשט געהאט אבגעלייגט פון זיין רוקען, ליגט איהם צו פוסען און ער שטעהט זיך איינער אליין, עס גערט איהם גאר נישט אן קיינער, און ער דאווענט מנחה...

און ארום און ארום איז גאט'ס וועלט שטיל און ערנסט געווען, ווי זי וואלט זיך וועלען איינהאָרכען צו דעם איד'ס מנחה.

און עפּעם אזוי „מנחה'דיג" איז די גאנצע וועלט געווען. די זון איז אונטערגעגאנגען. אבער איהר ווייסט ווי אזוי, א פייערדיגער געגליווערטער ים האט זיך ערנסט פון הימעל אראבגעקייקעלט און איז פערפאלען געווארען, ווייט אוועק אויף יענער זייט וואלד. פון דעם וואלד האבען ארויסגעשטארט איינציגע הויכע ביימער, און פון דער־ווייטענס האט זיך געדאכט, אז די בוימער שטייגען אויף און גרייכען אין א פייערדיגען ים אריין — און פון צווישען איין בוים און דעם צווייטען, קוקט גאט'ס אן אויג ארויס...

א לאנגער שמאלער וועג פון ביידע זייטען מיט קליינע הייזלאך בעשטעלט. פענסטערלאך קוקען ארויס פון צווישען צווייגען און בלע־טער; פאר דער טהיר אויף די טרעפּלאך זיצען די בעל־הבית'עס און שמועסען צווישען זיך. איינע מיט א רויט טיכעל אויפ'ן קאפּ, שטעהט און קוקט ווייט אין פעלד אריין; פערשטעלענדיג זיך מיט דער האנד פאר די זון, קוקט זי ווען וועמען אוים אין פעלד. און אין וועג, אין זאמד, שפּיעלען זיך די קינדערלאך קליינע — איינגעברודיגטע. און פון פעלד א היים, דארטען פון דעם רויט־ליכטיגען ים, לאזט זיך איבער'ן וועג א גאלאפּ — א סטאדע אויסגעמישט: פויערשע שעפּסען, מיט די נארישע תמ'וואטע אויגען, ציגען, קיה און פערד צוזאמען, און זייערע פאסטוכער, די קינדער מיט די בייטשלאך, איינגלאך מיט בארפיסע פיס, אין די טאטעס' וועסטען, הענדעם פענדעם אין איין גאלאפּ, אזוי אז עס האט זיך געדאכט, אז דאס אלעס איז איין סטאדע. אלץ איז אויסגעמישט און לעבט אינאיינעם, שעפעלעך מיט מענשליכע קינדער, ציגען, חזירים מיט הינט — אלץ לעבט אין שלום. יעדערער טהוט דאס וואס ער דארף צו טהאן, און „מען בילדעט די געזעלשאפט". די חברה האבען מיר געגעבען א נעהם אריין אין מיטען און איך בין צווישען זיי פערטרונקען געווארען... פאר יעדען הויז איז געשטאנען די „בעל־הבית'טע" און האט אבגעשיידט איהר סטאדע, איהרע צוויי, דריי שע־פעלאך מיט די ציגען און חזרים, און האט זיי אריינגענומען אין איהר הויף אריין. טייל געהען מיט גוטען, עס הייסט, געהן זיך פלוצלינג ארויס פון די סטאדע און לאזען זיך אין הויף אריין; א טייל אבער גרויסע קונדסים, לאזען זיך נאך דער סטאדע, און די „בעלי־הבית'טעס" לויפען זיי נאך, זיי אבצושניידען פון די איבריגע און אריינברענגען אין הויף.

פאר א קליין הייזעל, וואס די שוועל פון די טהיר איז באלד שוין אזוי הויך ווי דאס פענסטער, איז געשטאנען א הויכע, דארע אידענע אין א „וויס־טיכעל" איינגעהילט דעם קאפּ — און זי האט אויך אב־געוואָרט איהר טשערעדע. נור איהר טשערעדע — איין ארימע מאגערע קוה, איז זיך געגאנגען אן א זייט, פאמעליך מיט רוהיגע טריט, אזוי ווי זי וואלט פערשטאנען, מיין שרה'טע, אז זי איז א אידישע בהמה, און פאר א אידישע בהמה פּאסט נישט צו לויפען. און אזוי ווי איהר „בעל־הבית", איז זי מיט דרך ארץ אריין אין הויפעל און אויסגע־שטעלט איהר אייטער פאר דער אידענע מיט דעם קריגעל, וואס איז גע־קומען אבנעהמען פון די קוה דאס איהריגע מיט א יראת־שמים־פּנים'ל, אזוי ווי זי וואלט וויסען, די נארישע אידישע בהמה, אז זי טהוט א מצוה דערמיט, וואס זי גיט אב איהר מילך א אידיש שוואך קינד, וואס די מוטער קען עס נעבאך נישט זייגען.

דערזעהענדיג א איד זיצט פאר דער טהיר פון זיין הויז און קוקט זיך צו אלעם מיט א שטיל שוויגעניש, וואס דאס אלעם געהט איהם גאר נישט אן, בין איך צו איהם צוגעגאנגען. ער האט מיך אויפגענע־נומען מיט „אונטערטעניגקייט" — און מיר זיינען ביידע געזעסען און געהנטער בעקאנט געווארען.

איך האב געמוזט זאגען ווער איך בין, און וואו איך בין געווען, און וואו איך געה, און צו וואס איך געה. איצט הארך איך איהם אויס. איז'ען איז ער, לא עלינו, א גרויסער ארימאן, און האבען האט ער, לא עלינו, דערוואקסענע טעכטער, און וואס דארפט איהר נאך מעהר? ער דארף נישט מעהר נאר איינציגע חאטש טויזענד רובל. 5 טעכטער האט ער, צו 200 רובל אויף א קאפּ: הונדערט רובל חתונה הוצאות, א קלייניגקייט נור. אין דארף זיצט איבער צוויי טעמים. ערשטענס ווייל ער „מעג" וואהנען אין דארף, ער איז דא געבוירען געווארען, און צווייטענס, ווייל ער האט זיך נישט מיט וואס ארויסצוציהען...

אזוי ווי מיר זיצען און ריידען זיך אוים איינער פאר דעם אנדערען די אידישע צרות, הערען מיר פון דערווייטענס א געזאנג. עס איז שוין געווארען ווי כלומר'שט טונקעל, עפּעס יענע שטיק וועלט, דארטען ביי וואלד, האט זיך וואס אמאל מעהר אין וואלד בעהאלטען, איבער דעם ליכטיגען רויט־זודיגען ים איז אריבער א טונקעלער רויך — און פון דארטען האט זיך געהערט דאס געזאנג. עס האט זיך גערדאכט, אז דער

וואלד זינגט דאס ארויס. באלד האט זיך פון דערווייטענס געלאזט הערען א וואגען סקריפען. פאר אונז איז דורכגעפאהרען א פוהר פול אנגעפאקט מיט זאנגען, און בעל־הבית׳ישע טעכטער מיט די קאסעס אין די הענד זיינען נאכגעגאנגען, און האבען בעגלייט די אבגעשניטענע זאנגען פון פעלד א היים, אין שפייכלער אריין, מיט געזאנג, אזוי איינע, אזוי צוויי און אזוי דריי. און דער „בעל־בית", א נגיד פון אנ׳אכט פאזשען ערד מיט פערד, קיה, אקסען, שעפסען און רינדער געהט זיך נאכ׳ן וואגען בארפוס — און פיהרט זיך אב זיין פראצע אין שטאל אריין, רוהיג, אסור ער זאל ס׳מאל א שמייכעל געבען. דער איד מיינער קוקט איהם נאך, און גיט א קרעכץ: עשו! א צווייטע פוהר פאהרט פערביי, מיין איד קרעכצט: עשו, און אזוי א דריטע, און אזוי א פיערטע.

און יעדען טאג זיצט יעקב פאר דער טהיר, פאר זיין איינגעפאלען הייזעל און זעהט ווי עשו פיהרט א היים זיין תבואה פון זיין פעלד, רוהיג און גלייכגילטיג. און יעקב קרעכצט אלץ: עשו....

געגען אונז איז געוועז דער ברונען פון דארף. באלד זיינען זיך אנ־געקומען „די טעכטער פון לאנד", מיט „די פעטערס טשערעדעס", און זיי האבען אנגעהויבען אנצוטרינקען זייערע שאף מיט דעם וואסער פון דעם ברונען. זיינען דארט אויך אהין געקומען „די זיהן פון לאנד" גאנץ הויכע בחורים מיט קורצע „שעהנע העמדלאך", כדי צו בעזעהן די „טעכטער פון לאנד" און זיך פון זיי אויסצוקלייבען כלות און א לעב צו טהאן... די טעכטער פון לאנד האבען זיך ביי דער ברונען אביסעל פערזאמט מיט די בחורים, ביז עס האבען זיך פון דארף געלאזט הערען די מאמעס קולות: א—שא, א—שא, וואו זייט איהר? האט מען זיך געזעגענט מיט די בחורים, דורך חנ׳ווודיגע וואונקען מיט די אויגען און א היים געלאזט זיך. די בחורים אבער אין די שעהנע רויטע העמדלאך זיינען געשטאנען און געווארט, זיי האבען זיך געריכט אויף עפעס און באלד טאקע פון דארט, פון וואנען די זון געהט אונטער אזוי רויט־העליש, אונטער׳ן וואלד, געהט אויף א ראפטים פענדזיען. מען לאזט זיך און ווי א דונער געהט עס פאראוים, אנזאגענדיג עפעס און באלד בעווייזט זיך א יונגע בעל־הבית׳טע טאכטער רייטענדיג אויף א פערד, און נאך איהר האט זיך נאכגעלאזט איהר פאטערס טשערעדע. איהרע שווארצע ברויטע האאר האבען זיך פון לויפען אויף איהר איידעלען

געזונטען נאקען אראבגעלאזט. און די געדיכטע שווארצע צעפ האבען זיך פון רויטען טיכעל ארויסגע׳גנב׳עט און זיך איבער׳ן געזיכט פאר־שפרייט. און א פאר גרויסע, חיטרע, שווארצע אויגען מיט א פאר רויטע פרישע ליפען האבען חיטרע פון פנים ארויסגעשמייכעלט, פראנק און פריי אויסגעלאכט דאס גאנצע וועלט... און דאס יונגע בלוט האט גע־קאכט אין איהר רונדע חנ׳רציטערנדיגע האנד און האט עפעס ווי ארויס־געבעטען זיך, און געוואונקען אין דער שטיל... און די אויפגעדעקטע נאקעטע פיס האבען געלאכט אין דער וועלט אריין, אבער זי אליין האט גאר נישט געוואוסט פון דעם אלעם — וואס איהרע אויגען און איהרע נאקעטע הענד זאגען אויס אהן איהר ווילען... קוקענדיג אויף די בחורים מיט גלייכגילטיגקייט, אזוי ווי זי וואלט גארנישט געוואוסט פון דעם אלעם, איז זי אראב פון פערד, און האט זיך אבגעטהאן דאס איהריגע (און אנטרינקענדיג די פערד, האט זי אויסגעזעהן פון דער־ווייטענס, ווי אונזער באבע רבקה עליה השלום, ווען אליעזר האט זי מיט קעמלען ביים ברונען געטראפען). און די בחורים מיט די „רויטע העמדלאך״ זיינען געשטאנען און האבען געקוקט אויף איהר פון דער־ווייטענס און די הערצער האבען געקלאפט... איהרע אויגען האבען צו־געצויגען און אין דערזעלביגער צייט אויך אבגעשטויסען פון זיך... און חיטרעדיג איז זי ווייטער אויפ׳ן פערד ארויף און עפעס לאכענדיג מיט די גאנצע וועלט האט זי זיך אין די וועלט געלאזט.

די בחורים אין די „רויטע העמדלאך״ שטעהען, קוקען און גאפען און עס דאכט זיך, אז די טריט פון דעם פערד, וואס הערט זיך אויפ׳ן וועג מאכען ס׳געלעכטער אויס זיי...

און דארטען ווייט איז די זון איינגעזונקען אויף יענער זייט וואלד און מען האט נישט באמערקט, ווי די נאכט האט זיך אריינגע׳גנב׳עט. נאר מיין איד ציהט מיך ביי׳ם ארבעל: קומט, פעטער, מעריב דאוונען.

# דער אורח

(א מעשה)

אין אן אלטען בית־המדרש, אין א קליין, אידיש שטעדטעל אין פוילען, האט זיך ארומגעדרעהט א איד, וועלכען די בית־המדרש בחורים און די אינגלעך האבען א נאמען געגעבען: „דער אורח". דעם אידען'ס עובדא איז געווען, אויפצוקלייבען די שטיקלעך שמות וואס האבען זיך ארומגעוואלגערט. זיין עובדא איז אויך געווען תהלים צו זאגען. האט ער א פרייע מינוט צייט געהאט, איז ער געזעסען אין ווינקעל, ביי א סטענדער און געזאגט תהלים. און אזוי ווי צייט האט ער געהאט, פלעגט ער דעם גאנצען טאג תהלים זאגען. קיין אייגענע און קיין היים האט דער איד ניט געהאט. קיינער האט אייגענטליך ניט געוואוסט, ווער ער איז. אמאל, שוין מיט יאהרען, איז ער געקומען אין דעם שטעדטעל אריין, א פרייטאג נאכמיטאג, איז ער געבליבען איבער שבת אין שטעדטעל. נאר קיינער ווייסט ניט דעם טעם טערפון, פארוואס דער איד איז געבליבען אין שטאדט. זונטאג אין דער פריה האט איהם דער שמש דערזעהן אין בית־המדרש. דער שמש, וועלכער איז געווען בלינד אויף איין אויג, א כהן און א כעסן, און האט בטבע פיינד געהאט אורחים, ניט געקענט ליידען, אז אן אורח זאל פערבלייבען א טאג לענגער אין שטאדט, האט זיך געטשעפעט צו איהם:

— נו, נו, וואס טהוט איהר נאך אין שטאדט? ווען קלייבט איהר זיך שוין אין וועג אריין?

— געמיינט זיך דא אבשטעלען ביי אייך.

— וואס? נו, יא... ביי אונז אן אורח... א שבת, און זונטאג היידא אין וועג אריין — האט דער שמש געיאגט מיט'ן שטעקען.

דער איד האט געשמייכעלט, גענומען דאס פעקעל אויף די פליי־

צעם און איז ארוים פון בית־המדרש. אוועק פון שטעדטעל איז ער אָבער דאָך ניט. האָט זיך ערגעץ־וואו פארקליבען צו א אידען, וועלכער איז געווען א גרויסער מכנים אורח און ביי איהם אויפ'ן פיעקעליק האָבען זיך שטענדיג אויפגעהאַלטען אורחים. א פּאָר טעג האָט ער געוואָהנט ביי דעם בעקער, געקומען מיט דעם בעקער דאַוונען מנחה ומעריב אין בית־המדרש אריין. און דער שמש האָט געזעהן ווי דער אורח פערבלייבט אין שטעדטעל איבער זיינע כחות, האָט ער געמאַכט מיט'ן שטעקען:

— מעהר קיין שבת ניט. אויף שבת היידא אין אַן אַנדער שטעדטעל.

נאָר ביז שבת האָט זיך דער איד פּארקליבען צו א שוסטער, גע־קענט א ביסעל שוסטעריי. און אזוי ווי דער אורח איז שוין געקומען מיט זיין בעל־הבית אויף שבת אין בית־המדרש אריין, האָט איהם דער שמש גאָר ניט געקענט טהאָן.

באַלד האָט מען פארגעסען אָן דעם פרעמדען אידען. א איד איז ער געווען ווי אַלע אַנדערע אידען. א קורץ אָבער געדיכט ווייס בערדעל, בעוואַקסענע אויערען מיט האָר און ווייסע, שטאַרקע ברעמען, מיט טרערען־טאָרבעלעך אונטער די אויגען. דאָס שטעדטעל איז באַלד צו־געוואָהנט געוואָרען צום פרעמדען פּנים און נעהאַט האָט מען צו טהאָן מיט אַנדערע קהל'שע זאַכען, און יעדער איז געווען פאַריאָגט מיט אייגענע צרות, דאגות פרנסה. האָט מען קיין צייט ניט געהאַט צו קלעהרען, אז א פרעמדער איז צוגעקומען אין שטעדטעל, און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז מען שוין אזוי צוגעוואָהנט געוואָרען צו איהם, אז עס האָט זיך געדאַכט, אז ער איז א היימיש געבוירענער, נאָר קיין נאָמען האָט מען ניט געדענקט. פון פריהער איז איהם פערבלי־בען דער נאָמען „אורח" — און דאָך געהאַלטען איהם פאַר אַן אייגענעם. ער האָט זיך געפיהרט זיין אייגענעם סאָרט לעבען. געפעדערט זיך גאַנץ פריה אין בית־המדרש אריין, געזאָגט תהלים, געדאַוונט לאַנג. מען האָט זיך צו דעם אזוי צוגעוועהנט, אז קיינער האָט ניט ארומגעקוקט וואָס א איד טראָגט אזוי לאַנג דעם טלית און תפלין, און קיינער האָט ניט באַ־מערקט ווי דער איד דרעהט זיך ארום פון איין ווינקעל צום צווייטען, קלייבט אויף די שמות, קושט יעדע בלעטעל. און לייגט אריין אין קאַס־טען אריין.

קיין אויסטערלישעס האָט מען ניט געזעהן אין איהם. קיין אָנ־געזעהענער איז ער אויך ניט געווען. געשטאַנען מיט די אָרימע לייט און בעלי־מלאכות ביי דער טהיר אין בית־המדרש. קיינמאָל קיין עליה ניט געקראָגען. צום ספר אויפגערופען פון איין שמחת תורה צום צווייטען. קיינער האָט איהם ניט געקענט און ניט גערעדט מיט איהם, א חוץ די אָרימע־לייט און בעלי־מלאכות, וואָס האָבען איהם געקענט און גערעדט מיט איהם. געאַרבייט ביים שוסטער, גענומען וויפיעל מען האָט איהם געגעבען; געהאַט נאָר אַ מינוט צייט — תהלים געזאָגט, און איז ער פריהער אין בית־המדרש אריינגעקומען פאַר׳ן דאַווענען, האָט מען איהם נאָר געזעהן ווי ער קריכט אונטער בענק און טישען, קלייבט אויף שטיקלעך שמות, קושט די בלעטלעך און לייגט אריין אין קאַסטען אריין.

טהיילמאָל פלעגט ער זיצען פאַרנאַכט, צווישען מנחה און מעריב, אין אַ ווינקעל אין בית־המדרש ביים קאַסטען שמות און איינהערען זיך צו די מעשיות פון די אידען בעלי־מלאכות און דאָרפס־געהער, וועלכע פלעגען דערצעהלען פון די יאַהרמערק, פון די נסיעות; מעשיות פון שכור׳ע גוים וואָס שלאָגען אידען אויפ׳ן וועג; מעשיות פון גזלנים וואָס בעפאַלען אידישע סוחרים און נעהמען אַוועק דאָס געלד — פלעגט דער פרעמדער איד קרעכצען אין דער שטיל:

— עס איז קיין חדוש ניט; זיי האָבען די אמונה פאַרלאָרען, די גוים.

קיינער האָט ניט געזעהן קיין אויסטערלישעס אין זיינע רייד, און זיינע רייד פלעגען באַלד פאַרגעסען ווערען דורך אַן אנדער מעשה.

זונטאַג, אַז די גוים פלעגען אָנקומען מיט די פוהרען פון די דערפער אין שטעדטעל אריין, פלעגט דער פרעמדער איד שטעהן און אָבוואַרטען, וואוהין זיי וועלען געהן. האָט ער געהערט דעם קלונג פון קירכע און ווי גוים געהען אין קירכע אריין — איז ער רוהיג געוואָרען, געגאַנגען אין בית־המדרש אריין, זיך גענומען מיט התלהבות דאַווענען. אין בית־המדרש האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון דער קירכע, האָט ער געזאָגט צו אַ איד, אַ שכן, אַ וואָרט:

— יעדער דיענט גאָט אויף זיין שטייגער.

אוי איז פאַרשטומט געוואָרען.

דער שכן האָט ניט געוואוסט וואָס ער מיינט, האָט ער גע־

שאָקעלט מיט די אַקסלען און אָפּגערוקט זיך פון איהם, געוויזען אַז ער טאָר ניט מפסיק זיין.

די לעצטע צייט איז אָבער דער פרעמדער איד זעהר טרויעריג געוואָרען. קיינער האָט ניט באמערקט זיין טרויער און ניט געוואוסט דעם טעם דערפון. אַז עס איז געקומען זונטאג, האָט ער געזעהן ווי די גוים פון דאָרף קומען מיט זייערע פערד און וועגען פון די דערפער אין שטעדטעל אריין. די וועגען האָבען זיי פאר דער קירכע איבער־געלאָזט און אליין אין די שטאָדט־קרעטשמעס געגאַנגען, וואָס זיי־נען געווען ביי דער פאָסט פון איין זייט מארק, און ביי דעם איד דעם שענקער פון דער צווייטער זייט מארק. זיי פילען אָן די קרעטשמעס און טרינקען. עס קלינגט דער גלאָק פון דער קירכע, אָבער די גוים טרינקען אין די שענקען און הערען ניט. איז ער אין בית־המדרש אריינגעקומען, גענומען דעם תהלים אין האנד אריין, און געזאָגט צום שכן:

— אַ גרויס אומגליק וועט געשעהען. די גוים האָבען די אמונה פארלוירען.

דער שכן האָט ניט פארשטאַנען. געצויגען מיט די אַקסלען און געוויזען מיט דער האנד אויף די ליפען, אַז ער קען ניט מפסיק זיין. און דער „פרעמדער איד“ האָט זיך אין זיין תהלים פארטיפט, גע־קרעכצט און געוויינט, און געזאָגט מיט אַ געבראָכענע שטימע:

— טאטע, טאטע, דערבארעם דיך איבער די פעלקער פון דער ערד, און נעהם דיין פנים ניט אוועק פון זיי...

און דער פרעמדער איד האָט רעכט געהאט. באלד האָט מען גע־הערט שלעכטע בשורות אין שטעדטעל אויף די וועגען האָבען זיך געוויזען באנדעס גזלנים, זיינען אידען־סוחרים באפאלען, וואָס זיינען פון מארק אהיים געפאָהרען, די פערד אויסגעשפאַנט און דאָס געלד אוועקגענומען. אַ איד, אַ דאָרפס־געהער, געפונען אין פעלד אַ דערשלאָ־גענעם. האָט עס אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויפ׳ן שטעדטעל. אידען האָבען מורא געהאט דאָס יאָהר סעדער צו דינגען, איז אַ האלב שטעדטעל אָהן פרנסה געבליבען. באלד האָט זיך געהערט נאָך אַן ערגערע בשורה, אויפ׳ן פערדס־מארק האָט זיך אַ איד, אַ קצב, מיט אַ גוי געשלאָגען. געהען זיך זונטאג די גוים צוזאַמענגעהמען, און דאָס שטעדטעל אידען באפאלען. אידען ציטערען און פאלען איין פאר שרעק. דער

רב האָט גוזר תענית געווען אויף דאָנערשטאָג, און אַ גאַנצען טאָג זענען אידען געשטאַנען אין טליתים און געוויינט אין דעם בית־המדרש, יום כפור קטן געזאָגט און גאָט געבעטען, אַז ער זאָל רחמנות האָבען, און דער פרעמדער איז ארומגעגאַנגען צווישען די דאָרפס־נעהער און די בעלי־מלאכות אַ בלייכער און אַ ציטערנדער און גע־שאָקעלט זיך פאַר אַנגסטען, און די אויגען ארויסגעזעצט פאַר גרויס שרעק:

— די וועלט קען, חלילה, אונטערגעהן. די גוים האָבען די אמונה פארלאָרען...

— עס איז לית דין ולית דיין. אַ קליינינקייט, די וועלט נעב־טיגט אָהן גאָט.

קיינער האָט ניט געהערט זיינע ווערטער; קיינער האָט ניט גע־הערט, ווי דער איד האָט געקלאָגט אין זיין סידור, אין אַ ווינקעל פון בית־המדרש, ביים קאַסטען שמות:

— פאָטער, פאָטער, לאָז רוהען דיין כבוד איבער דער גאַנצער וועלט. מאַך וויסען דיין נאָמען צו די פעלקער פון דער ערד...

פון די שרעקענדע אויגען האָבען זיך געגאָסען טרעהרען. ער האָט געזעהן ווי די גאַנצע וועלט גוים האָבען פארלאָרען זייער גאָט, בלאָנ־דזשען ארום אין דער וועלט. טרינקען בראָנפען און לאַכען און וואקלען זיך פאר שכרות — און די וועלט איז אָהן אַ גאָט...

און קיינער האָט ניט געזעהן, ווי דער פרעמדער איד האָט זיך ארויסגע'גנב'עט פון בית־המדרש, ערגעץ־וואו פארשוואונדען היני־טער דעם קאַטוילישען געסעל און איז ערגעץ־וואו אריין.

און באַלד איז באַקאַנט געוואָרען אין שטעדטעל, אַז אַ גרויסער ראַבין געהט אָננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען, אין דעם גרינעם דאָנערשטאָג וועט די פראָצעסיע זיין פון דעם גרויסען ראַבינ'ס שמד. צוויי ביסקאָפּס קומען צופאָהרען, זיי ווילען איהם אונטער דער חופה פיהרען צום שמד.

דאָס שטעדטעל אידען האָבען ניט געוואוסט, ווער דער גרויסער ראַבין איז. זייער רב איז חלילה ניט ארונטער פון דעת. קיין אָנגע־זעהענער איד פון שטעדטעל איז חלילה ניט אַרונטער פון וועג. קיי־נער פעהלט ניט אין שטעדטעל. דעם גרינעם דאָנערשטאָג איז טאַקע געווען אַ גרויסע קאַטוילישע פראָצעסיע. ביסקאָפּס זיינען געקומען,

גלחים זעהר פיעל פון דעם געגענד און אַ סך, אַ סך גויים פון די דערפער און שטעדטלעך אַרום. פון פריהמאָרגען אָ האָבען די גלאָקען פון די קלויסטערס געקלונגען. די גויים האָבען דעם מאַרק אָנגעפילט, יום־טוב׳דיג געקליידעט, מיט די ברענענדע ליכט אין די הענד. צוערשט זיינען די גלחים אין ווייסען געגאַנגען, געהאַלטען קלומבערס אין די הענד. אַנדערע האָבען פון רויכערדיגע פלאַקאָנען פאַרשפּרייט וויהרויך איבער׳ן געסעל. און נאָך זיי זיינען די בישאָפס אונטער די חופות געגאַנגען. די קליינע גלחים אין ווייסען אָנגעטהאָן האָבען געזונגען, און די קליינע מיידלעך, ווי כלות אָנגעטהאָן, האָבען געהאַלטען די שטענגעס פון די קריסטליכע פעהנער. פעהנער און הייליגע בילדער און וויהרויך און ליכט — און די גויים קניהען אויף דער ערד און זינגען. און אין מיטען דער פּראָצעסיע, מיט ווייסע גלחים אַרומגערינגעלט, האָבען די אידען פון שטעדטעל דערזעהן דעם „אורח“, ווי אַ רב, אָנגעטהאָן אין אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע, מיט אַ שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ, און לאַנגע פאות, האַלט אַ גרויסען זילבערנעם צלם אין דער האַנד, געהט צווישען די גלחים און פאַרגלאָצט די אויגען צום הימעל.

דאָס שטעדטעל אידען האָבען זיך פאַרוואונדערט, וואָס די גויים האָבען אויס דעם אומבאַקאַנטען שוסטערל אַ גרויסען רבי געמאַכט, און געלאַכט אין דער שטיל פון דער מציאה וואָס די גויים האָבען געכאַפּט, און געזאָגט איינס צו דאָס אַנדערע:

— וויל אודאי פון זיי געלד אויסנאַרען!

אָבער באַלד האָט זיך געהערט, אַז דער אורח איז ביי די גויים בישאָפ געוואָרען. ער האַלט דרשות יעדען זונטאָג אין דער קירכע, און צו זיינע דרשות פאָהרען די גויים פון דעם גאַנצען געגענד זיך צונויף. מען ווייסט ניט פון וואַנען ער קען אַזוי גוט זייער לשון, נאָר יעדען זונטאָג שטעהט דאָס שוסטערל אויפ׳ן קלעצעל אין דער קירכע, מיט אַ צלם אין דער האַנד, און פּרעדיגט פאַר די גויים וועגען זייער אמונה, וועגען יעזוס׳ן און וועגען צלם. און ווען ער רעדט אַזוי, הויבען די גויים אַן באַלד צו וויינען, פאַלען צו דער ערד און קושען דעם צלם און וואַרפען זיך פאַר דער „מאַטקע באָסקא“, און וויינען און דאַוונען מיט אַזאַ געבראָכען האַרץ און מיט אַזאַ חרטה און ודוי.

און דאָס שטעדטעל גוים איז טאַקע פרום געוואָרען, און איז געקומען אַ זונטאג, האָט מען באַמערקט ווי עס ציהען זיך פון די דערפער לאַנגע רייהען מיט פויערשע פוהרען, און באַלאַגערען דאָס קאַטוילישע געסעל, פילען אָן די קירכע און שפּאַרען אַזש אָן אין דרויסען, אין גאַס אַריין. און ווען זיי דערזעהען דעם רבי'ן אויפ'ן בעלע־מער, מיט'ן צלם אין דער האַנד, אַזוי פאַלען זיי באַלד צו דער ערד, און וויינען און קלאָגען און קושען דעם צלם און מאָליען זיך.

און ניט נאָר זונטאַג, יעדען אין דער פריה און פאַרנאַכט געהן די פרומע גוים פון שטעדטעל אין קירכע אַריין. די שענקען ווערען לעער, און די גוים ווען זיי זעהן אַ אידען אויפ'ן וועג, שלאָגען זיי איהם ניט מעהר, פערקעהרט, זיי נעהמען איהם נאָך אַרויף אויף דער פוהר. אַ דאָרפס־געהער גיבען זיי ברויט מיט וואַסער און לאָזען איהם איבערנעכטיגען אויפ'ן פּיעקעליק, גיבען איהם אַ זעקעל קאַרטאָפּליעס אַהיים פאַר דער ווייב און קינדער. און איין גוי האָט אַליין גע־בראַכט צום רב אַ בייטעלע מיט געלד, וואָס ער האָט געהאַט אוועק־גענומען פון אַ אידען אויפ'ן וועג, און געבעטען דעם רבי'ן מוחל צו זיין. און ווען גוים זעהן ווי אידען געהן אין שוהל אַריין דאַווענען, לאַכען זיי שוין ניט מעהר, נאָר זיי זאָגען:

— יעדער איינער האָט זיך זיין גאָט. מיר — אונזערען, זיי — זייערען.

אַזוי האָבען אין שטעדטעל אידען און גוים אָבגעלעבט אַ לאַנ־גע צייט אין שלום.

אין אַ צייט אַרום, איז איינמאָל, אין אַן ערב יום־כפור צו כל נדרי, אין בית המדרש אַריינגעפאַלען אַ פרעמדער גוי, אָנגעטהאָן ווי אַ גלח. אידען אין די טליתים און קיטלען האָבען זיך דערשראָקען, האָבען געמיינט אַז אַן אומגליק וועט געשעהען. דער גוי איז אָבער צוגעלאָפען צום בעלעמער, אויסגעשפּרייט צום הימעל זיינע בלייכע הענד, און האָט אויסגעשריען מיט אַ גרויס געוויין:

— שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד! — און איז אַנידערגעפאַ־לען טויט אויף די טרעפּלעך פון בעלעמער.

אידען האָבען אויפגעהויבען דעם פּאַפּ, האָבען זיי דערקענט אין די טרערען טאַרבעלעך אונטער די אויגען, אַז עס איז אַ איד. און אַז זיי האָבען זיך גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים, האָבען זיי

דערקענט אין איהם, אז עס איז דער „אורח“, וואָס פּלעגט אויפקלייבען די שמות פון בית־המדרש. אידען האָבען זיך געשראָקען, ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט'ן בר־מינן. דער רב האָט גע'פּסק'ענט אז ער איז א איד און אז עס איז א מצוה איהם צו ברייגגען צו קבר ישראל. האָבען זיי באהאַלטען דעם בר־מינן איבער יום־כפור. מוצאי יום־כפור האָבען זיך געפונען צוויי אידען, א פישער און א קצב, וואָס האָבען זיך געוואָלט קויפען חלק לעולם הבא, און איינגעשטעלט זיך דאָס לעבען, ארויסגענומען דעם בר־מינן פון דעם באהאַלטענעם אָרט און איהם ביי־נאַכט געבראַכט צו קבר־ישראל, ביים פּלויט פון'ם גוטען אָרט.

זיין נאָמען האָט מען ניט געוואוסט ווי אויפצושרייבען אויף זיין מצבה, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז, און פון וואַנען ער איז געקומען. האָט מען אויפגעשריבען אויף דער מצבה דעם נאָמען פון א איד, א גר, אברהם בן אברהם, און זיין מצבה געפינט זיך נאָך אויפ'ן גוטען אָרט ביי אונז אין שטעדטעל, ביז'ן היינטיגען טאָג.

# דער רייכער און דער אָרימער

(אַ מעשה)

אין ירושלים, די הייליגע שטאָדט, האָט פאַרציימענס געלעבט אַ איד, אַ גרויסער עושר און אַ גרויסער בעל־צדקה. זיין צדקות האָט געקלונגען אין דער גאַנצער געגענד ארום. פלעגען אָרימע לייט און נויטבאדערפטיגע פון צפת און טבריה, פון דמשק און חברון און פון נאָך אַנדערע מקומות, וואו אחינו בני ישראל זיינען געזעסען, ציהען זיך צו דעם נגיד נאָך הילף. און דער נגיד האָט אויפגעעפענט זיין ברייטע האַנד און צוטהיילט זיינע אוצרות צו אַלע וואָס האָבען באדאַרפט. וואָרים ער האָט זיך געהאַלטען פאַר גאָט׳ס שליח, אַז ער צאָהלט נאָר אוים וואָס גאָט האָט איהם איבערגעגעבען פאַר די אָרימע לייט און אַלע נויטבאדערפטיגע. און דערפאַר וואָס דער נגיד איז געווען אַ גרויסער חכם און אַ גרויסער ירא־שמים אויך, פלעגען קומען צו איהם די אַלע וואָס האָבען געהאַט אַ קראַנק הארץ, אָדער שלעכטע מחשבות האָבען זיי געפּייניגט, אָדער דאָס געוויסען האָט זיי ניט געלאָזט רוהען, ווי עס טרעפט זיך מיט מענשען וואָס זיינען באַגאַנגען זינד — פלעגען זיי אַלע קומען צו איהם, פרעגען איהם עצות הן אין ענינים וואָס איז נוגע די נשמה, הן אין ענינים וואָס איז נוגע אין גוף, ווי, למשל, דאגת פרנסה און נאָך אַנדערע אַזעלכע זאָרגען. פלעגט דער נגיד זיי אַלע אויסהערען מיט גרוים ליעבע און געטרייזשאַפט, און איינעם האָט ער געגעבען אַ גוטע עצה מיט זיין גרויסען שכל, און אַנדערען האָט ער געהיילט מיט אַ גוט וואָרט פון זיין גוט הארץ.

און עס איז געווען דער מנהג פון דעם נגיד פון קדמונים אָן, יעדען אָוועגד, בעפאָר דער טאָג האָט זיך געשלאָסען, צו זיצען איי־נער אליין אין זיין שעהנע בית־דין שטוב און מאַכען אַ חשבון הנפש מיט זיך, אָבצוגעבען זיך דין וחשבון פאַר אַ גאַנצען טאָג מעשים.

פאַר די גוטע האָט ער גאָט געלויבט, פאַר די שלעכטע האָט ער חרטה געהאַט און תשובה געטהאָן. די גוטע האָט ער באַלד פאַרגעסען און ניט געדענקט אָן זיי, די שלעכטע האָט ער מיט אַ שאַרפע פעדער אין ספר פאַרשריבען, דאָס ספר שטונדען־לאַנג געלאָזט ליגען פאַר זיך, כדי ער זאָל זיי זעהן און קיינמאָל מעהר שוין אַזוי ניט טהאָן.

איז ער איינמאָל אין אָבענד געזעסען ביי זיך אין בית־דין־שטוב און, ווי זיין געוואָהנהייט איז געווען, דין וחשבון זיך אָבגעגעבען פון אַ גאַנצען טאָג מעשים. די בית־דין־שטוב איז געווען ארומגעשטעלט מיט טהייערע ספרים־שרענק, פול אָנגעשטעלט מיט טהייערע ספרים און זעלטענע כתבי יד, צונויפגעקליבען פון דער גאַנצער וועלט, וואו חכמים און למדנים זיינען נאָר געווען פאַרשפּרייט. וואָרים אין די אַלע ווייטע מקומות האָט דער נגיד געהאַט זיינע שלוחים. און וואו עס האָט זיך נאָר געפונען אַ גרויסער למדן אָדער חכם אין אַ ווייטען אָרט, אין מצרים אָדער אין מדינת תוגר, וואו די מושלמנים זיינען געזעסען, און דער למדן אָדער דער חכם האָט עפּעס מחדש געווען הן אין דברי תורה אָדער אין חכמה, אַזוי האָט מען געלאָזט באַלד מעתיק זיין און צוגעשיקט אַ כתב יד צום נגיד אין ירושלים. און די ספרים זיינען געווען פאַרשטעלט מיט טהייערע פּרוכת׳ן, וואָס זיינען געווען זעהר עדעל געוועבט מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדים מיט די זעלטענסטע פרוכט, וואָס וואַקסען. די פּרוכת׳ן זיינען געוועבט געוואָרען אין דער ווייטער מדינת הודו, און זיי זיינען געוואָרען עקסטראַ באַשטעלט פון נגיד, אַז עס זאָל אין זיי ניט זיין קיין ציור פון חיות און עופות, וואָס דאָס איז אָסור על פּי דין. און אויפ׳ן טיש פאַר דעם נגיד איז געשטאַנען אַ טהייערע בשמים־ביקס, וואָס איז געווען אויסגעהאַמערט פון איין שטיק זילבער, אין געשטאַלט פון אַ זעלטענע פּרי — וואָס וואַקסט אין די ווייטע מקומות פון מדינת כתים. אין דער פּרי אַליין איז געווען אויסגעהאַקט אַנדערע פּירות: ציטראָנען, אתרוגים און הענגלעך וויינטרויבען און מילגרוימען, נאָר ניט קיין ציור פון מענש אָדער חיה, וואָס דאָס איז אָסור על פּי דין. און יעדע פּרי איז געווען אויסגעמאָהלט אין דער זעלבער פאַרב און ליכט ווי די פּרי זעהט אויס בשעת זי וואַקסט אויפ׳ן בוים. ווי עס איז באַקאַנט, זיינען די בני כתים געווען גרויסע מומחים נאָכצומאַכען די פאַרבען און די ליכט פון די נאַטור. למשל, די הענגלעך וויינטרויבען זיינען געווען אַזוי פריש רויטליך באַגאָסען

מיט ווײן, אויסגעגאָסען פון דעם טהייערען שטיין, וועלכער הייסט רובין, וואָכ היינט ווייסען מיר שוין ניט דעם סוד ווי אזוי דעם שטיין צו שמעלצען און די בני כתים האָבען עס פארצייכענט און געוואוסט. אזוי איז יעדע פּרי געווען אויסגעמאָהלט מיט איגער אייגענע פארב, כדי זיי זאָלען דעם נגיד דערמאָנען אָן גאָט'ס באַשעפעניש, און ער זאָל שטענדיג געדענקען אָן גאָט'ס מעשים. און די פּרי איז געווען אָנגעפילט מיט די טהייערסטע בשמים וואָס די הודים האָבען געבראכט צו פארקויפען פון זייערע ווייטע לענדער. און אליין איז ער געווען אָנגעטהאָן אין בגדי משי, וואָס זיינען געווען געוועבט מיט שירה, כדי זיי זאָלען פרעהליך מאכען דאָס הארץ פון דעם נגיד, וואָס וועט זיי טראָגען, מיט זייער ליכטיגען, זילבערנעם גלאַנץ, און ווייל עס האָט אין זיך אַ פרעהליכען געזאַנג.

דער נגיד איז געווען גאַנץ צופרידען פון זיך און פון דעם רבונו של עולם, זיין באַשעפער. אַ טאָג האָט ער געהאט אַ פולען מיט מעשים טובים און צדקה, מיט לערנען און תפלה, און אין ספר פון זינד האָט ער גאָר ניט געהאט צו פארשרייבען. ער האָט געדאנקט גאָט אין הארצען, וואָס ער האָט איהם אויסגעקליבען פאר זיין שליח, און ער איז דער געבער און ניט דער נעהמער. נאָר נאָך מעהר איז דער נגיד היינט געווען מעהר אויפגעלייגט ווי אַן אנדערס מאָל — ער האָט מקיים געווען אַ גרויסע מצוה, וואָס קומט זעלטען אויס, דהיינו: דער בעל החשבון זיינער, וואָס איז ערשט געווען צוריקגעקומען פון דער נסיעה, מיט די קאַראַוואַנען וואָס האָבען געפיהרט די בשמים פון הודו קיין תוגר, האָט איהם מודיע געווען, אז זייענדיג אין איזמיר האָט ער מקיים געווען פאר זיינעטוועגען די מצוה פון פדיון שבויים, און אויסגעלייזט יהודים פון די טערקען, וועלכע האָבען זיי געבראכט שבויים פון די לענדער פון די סלאַווען. דער נגיד איז געווען זעהר גרויס מיט דער מצוה, און ער האָט געהערט אז די קאַראַוואַנען זיינע זיינען אָנגעקומען בשלום צום באָרטען פון ים און געוואָרען אויסגעלאָדען אויף די שיפען. דאָס ווייב זיינס וועלכע איז געווען אַ גרויסע יפת תואר און אַ גרויסע צדקת האָט שוין געוואָרט הינטער דער טהיר מיט איהרע צוויי קינדער, אז זיי זאָלען איהם אָבגעבען כבוד בעפאר זיי געהען שלאָפען.

אין דעם האָט זיך די טהיר געעפענט און עס איז אריינגעקומען

אַן אָרימאַן, נדחה ונעזב. דער שלעכטער ריח, וואָס איז פאַראויסגע־גאַנגען פאַר דעם אָרימאַן, האָט איינגעשטילט די גוטע ריחות פון די בשמים, און דער נגיד האָט זיך געפיהלט שוואַך, ווייל ער איז געוועזן אַ מפונק און האָט ניט געקענט פאַרטראָגען קיין שלעכטען ריח. אָבער דער אָרימאַן שטעלט זיך ניט אָב ביי דער טהיר, ער געהט וויי־טער, גלייך צו צום נגיד, איהם מיט די אויסגעשטרעקטע האַנד ברייט שלום עליכם אָבצוגעבען. און די האַנד איז פול מיט טנופת געוועזן און מיט אַנדערע מיאוסע זאַכען, וואָס איז ניט שעהן אויסצורעדען, און בפרט נאָך אויסצושרייבען. און דער גאַנצער גוף זיינער איז גע־וועזן איינגעהילט אין פאַרפוילטע קליידער, פון וועלכע עס ווייזט זיך ארויס שטיקער נאַקעטער גוף, איינגעריכט מיט טנופת, און פון קאָפּ קריכען ארויס קאָלטענעס אויפ׳ן פּנים ארויף — און דאָס פּנים איז ניט קיין פּנים פון קיין מענש, נור פון אַ מיאוס׳ע חיה, רחמנא לצלן, מיט געשוואָלענע ליפּען און אויסגעהאַקטע ציין, און געשוואָלענע אויגען. און וואָס נעהנטער ער קומט, שטאַרקט זיך אַלץ דער שלעכטער ריח, וואָס געהט ארויס פון איהם, ווי דער ריח פון אַ נבלה און אַ פּגר, רחמנא לצלן, און דער נגיד האַלט עס שוין ניט אויס, וואָרים, ווי ידוע, אַ מפונק קען אַלעם איבערטראָגען נאָר ניט קיין שלעכטען ריח. נעהמט דער נגיד אַוועק דאָס פּנים פון דעם אָרימאַן און דרעהט זיך אָב פון איהם, און רופט אריין דעם שמש זיינעם, אַז מען זאָל איהם ארויסציהען פון בית־דין־שטוב און ברענגען איהם אין קיך אריין, אָבוואַשען איהם און אָנטהאָן איהם אַנדערע קליידער, און עסען איהם געבען, ווי עס איז דער מנהג געוועזן אין זיין הויז מיט אַלע אָרימע לייט.

און דער נגיד איז פלינק געגאַנגען אין זיין מקוה אריין, טובל געוועזן זיך אליין, און געטוישט די קליידער, און געהייסען אַז מען זאָל אויסרויכערען זיין בית־דין־שטוב מיט כל־ערליי מינים גוטע קרייטעכער און בשמים, כדי זיי זאָלען פאַרטרייבען דעם שלעכטען ריח וואָס דער אָרימאַן האָט איבערגעלאָזט, און אליין האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין זיין טהייערע שלאָף־קאַמער, וואָס איז געוועזן בע־האַנגען מיט זיידענע און זילבערנע פּרוכת׳ן און איז געוועזן באַלויכטען מיט אַ טהייערע אויל־מנורה פון זיבען רעהרען, וואָס איז געהאַנגען איבער זיין שלאָף־געלעגער. דער נגיד האָט ניט געקענט שלאָפען אַ

גאַנצע נאַכט, און געהאַט תרעומות אויפ'ן רבונו של עולם טיעף אין האַרצען דערפאַר, וואָס ער האָט באַשאַפען אַזעלכע נבזים ונדכאים, און געטראַכט זיך, ווי דער דרך עולם פון אַ מענש, ווען ער וואָלט געווען כביכול, וואָלט ער באַשאַפען נאָר שעהנע און רייגע מענשען, און אַזעלכע נדכאים ונבזים ניט געלאָזען אויף דער וועלט.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקעל צייט, האָט זיך געהערט דאָס די שיפען, וועלכע האָבען געפיהרט דעם נגיד'ס געווירצען אויפ'ן ים פון איזמיר נאָך ווענעציע, זיינען באַפאַלען געוואָרען פון ים־רויבערס און מען האָט זיי צוגענומען. האָט זיך דער נגיד געטראַכט, אולי מקרה הוא — טאָמער איז עס נאָר אַ טרעפעניש. און ער האָט גאָט געדאַנקט פאַר'ן שלעכטען אַזוי ווי פאַר'ן גוטען.

איז ווידער דורכגעגאַנגען אַ שטיקעל צייט, האָט זיך ווידער גע־הערט, דאָס די קאַראַוואַנען, וועלכע האָבען געפיהרט זיינע סחורות פון מצרים איבער'ן מדבר זיינען פאַרשאָטען געוואָרען פון אַ זאַמד־שטורעם וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון מדבר. האָט ער שוין איינ־געזעהן, אַז עס איז ניט קיין מקרה, האָט ער אָנגעהויבען מפשפש צו זיין במעשיו, אויפגעעפענט דאָס ספר אין וועלכען ער האָט פאַר־שריבען זיינע זינד, אָבער ער האָט גאָר ניט געזעהן אין זיין לעבען אַזעלכעס, וואָס ער פאַרדיענט די שטראָף. האָט ער זיך געטראַכט, אַז דער רבונו של עולם וויל איהם אוים קאַסירער מאַכען איבער זיין עשירות, האָט ער רעכט. גאָט צו דאַנקען, וואָס עס געהט נאָר אוים צו געלד.

אָבער באַלד איז דער גוף אויך אָנגעריהרט געוואָרען: ער איז געוואָרען געשלאָגען מיט שלעכטע מכות, פון וועלכע ער האָט גרויסע יסורים געהאַט און משקץ געווען זיין לעבען, וואָרים ער איז געווען אַ מפונק. האָט ער ווידער מפשפש געווען במעשיו, ווידער נאָכגעזוכט נאָך זיינע מעשים און גאָר ניט געפונען, האָט ער זיך געטראַכט, גאָט לאָזט נאָר אוים צו דעם גוף, די נשמה דערהאַלט ער. געלויבט איז גאָט דערפאַר.

אָבער ווען זיין קליינע טאָכטער, וועלכע זיין נשמה איז געווע אָנגעבונדען אָן איהר נשמה, און ער האָט זי ליעב געהאַט מעהר פון צעהן זיהן, איז פלוצים אַוועקגענומען געוואָרען פון איהם. איז אַ גרויסע שרעק איהם באַפאַלען פאַר דעם משפט פון גאָט, צו וועל־

כען ער איז גערופען געוואָרען, און ווייסט ניט אין וואָס עס באשטעהט זיין זינד. האָט ער אָנגעהובען חוקר ודורש צו זיין מיט זיך אַליין, און ער האָט אַליין ניט געקענט דערגעהן דעם טעם פון גאָט'ס שטראָף, ער האָט ניט געוואוסט קיין דרך, און די יסורים פון דער אונבאוואוסט־קייט זיינען גרעסער געוואָרען ווי די יסורים פון די צרות.

איינמאָל ביינאַכט, ווי ער איז אַזוי געלעגען און נאָכגעקלעהרט דעם טעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", איז איהם איינגעפאַלען, אַז ער זאָל זיך לאָזען איבער דער וועלט וואַנדערען נע־ונד, אפשר וועט גאָט אויף איהם רחמנות האָבען, און ער וועט איהם לאָזען וויסען דעם טעם דערפון. און די מחשבה איז טאַקע געוועזען פון גאָט, וואָרים דאָס רחמנות אויף איהם איז שוין ניט געוועזען איבערצוטראָגען.

אַזוי האָט דער נגיד פאַרקויפט זיינע טייערע חפצים, און דאָס געלד אוועקגעגעבען דער ווייב מיט די קינדער, אַז זיי זאָלען זיך ווייטער אַזוי פיהרען ווי זיי האָבען זיך געפיהרט, צדקה טהאָן און מכנים אורחים זיין. אַליין האָט ער אויסגעטהאָן זיינע טהייערע גע־וועבטע קליידער, און אָנגעטהאָן זיך אין אַ זאַק, ווי דער מנהג איז פון די אָרימע לייט, און האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט וואַנדערען.

ער איז געגאַנגען מיט אַ חברה אורחים, וועלכע ער האָט אָנגע־טראָפען אויפ'ן וועג. בייטאָג האָט ער געוואַנדערט מיט די אָרימע לייט, געגעסען וואָס גוטעלייט האָבען געשאָנקען, און ביינאַכט גע־נעכטיגט אין די הקדשים. וואו ער האָט גענעכטיגט איין נאַכט האָט ער ניט גענעכטיגט די צווייטע. אַ גאַנצען טאָג אָפּגעקומען מיט טרוקענס, וואָס גוטע לייט האָבען געשאָנקען, נאָר פרייטאָג צו־נאַכטס האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין אַ שטאָדט, וואו עס איז געווען אַ אידישע קהלה, געגאַנגען אין בית־המדרש אריין און אוועקגעשטעלט זיך מיט די אורחים ביי דער טהיר, ביז אַ איד האָט געוואָלט אַ מצוה פארדיענען און רחמנות געקראָגען און אהיים גענומען אַן אורח אויף שבת. וואו ער איז געקומען, האָט ער געהערט פון זיך דערצעהלען — פון דעם גרויסען נגיד פון ירושלים. די מוטערס האָבען געבענשט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלען זיין אַזעלכע צדיקים, נגידים און עשירים, ווי דער נגיד פון ירושלים. ער האָט געהערט ווי מען דער־צעהלט פון איהם מעשים נפלאים, פון זיין עשירות און נגידות, פון זיין חכמה און צדקות. די אָרימע לייט, מיט וועלכע ער האָט גע־

וואַנדערט, האָבען געשפּעט אויס איהם, פאַרשעהמט איהם, צוליעב זיין מפונקות, וואָס ער איז ניט געוועהנט געווען צו די דרכים אין וועלכע זיי האָבען זיך געפיהרט, צו זייער אַרט עסען, שלאָפען און גראָבע ווערטער, און האָבען איהם גערופען מיט שפּאָט: „וואָס ביזטו, דער נגיד פון ירושלים?" און זיי האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען, ווי זייער געוואָהנהייט איז געווען, אין לצנות: „דער נגיד פון ירושלים".

און אזוי האָט ער ווייטער געהייסען.

פון דעם ארומוואַלגערען זיך פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען איז זיין לייב זעהר ברודיג געוואָרען, און ווי דער דרך איז פון די אורחים וואָס געהן אַנגעטהאָן אין צוריסענע קליידער, כדי צו ערוועקען מעהר רחמנות, האָט ער אויך ניט בודק געווען אין זיינע קליידער, און מיט דער צייט האָבען זיך שטיקער פון זיין גוף ארויסגעוויזען פון די צוריסענע בגדים און זיינען אויך זעהר שמוציג געוואָרען, ווי דער גוף פון יענעם אָרימאַן וואָס איז אַריינגעקומען צו איהם. און פון די שמוציגקייט האָט זיין גוף אויך אָנגעהויבען ארויסצוגעבען אַ מיאוס'ען ריח. נאָר ער האָט שוין ניט געהערט און ניט געפיהלט — ווייל דאָס איז געווען פון זיין גוף און ניט פון אַ פרעמדען.

נאָר ביסלעכווייז האָט זיך זיין שם אויסגעלאָשען, ווי דער דרך עולם איז, מען פאַרגעסט באַלד דאָס וואָס איז געווען — האָט מען איהם אויך פאַרגעסען. מען האָט מעהר ניט גערעדט וועגען דעם נגיד און בעל-צדקה פון ירושלים, נאָר מען האָט אַלץ דערצעהלט וועגען דעם נייעם נגיד וואָס איז אויפגעשטאַנען אין דמשק. מען האָט דער־צעהלט פון זיינע גבירות און עשירות, ווי אַמאָל פונ'ם נגיד פון ירושלים. און פון אַלע מקומות האָבען אידען זיך געצויגען צו פרעגען עצות צום נגיד פון דמשק.

איז ער אויך געגאַנגען נאָך דמשק. ער האָט געהערט, אַז ער איז אַ גרויסער חכם און נדיב לב, האָט ער געוואָלט פרעגען ביי איהם אַן עצה, אפשר וועט ער איהם זאָגען דעם טעם דערפון, פאַר וואָס גאָט האָט אָוועקגענומען דאָס עשירות פון איהם און איבערגעגעבען צו יענעם, צום נגיד פון דמשק. איז ער געגאַנגען פון איין שטאָדט צו דער אַנדערער ביז ער איז אָנגעקומען נאָך דמשק.

זיינע האָר זיינען געוואָרען פאַרקאָלטעוועט פון דעם פיעל שטויב

און זאמד וואס איז געפאלען אויף זיי. און זיין לייב האט ארויסגע־געבען פון זיך א שלעכטען ריח ווי דאס לייב פון א נבלה, רחמנה לצלן, און זיין פנים איז געשוואלען געווארען, און פול מיט טנופת — אזוי ווי דאס פנים פון דעם ארימאן וואס איז צו איהם געקומען, ווען ער איז געווען דער נגיד פון ירושלים. נאר ער האט ניט געהערט און ניט געפיהלט, ווייל עס איז געווען זיין אייגען לייב און ניט קיין פרעמדס.

אז ער איז אנגעקומען צום נגיד פון דמשק, האט ער אויך געטראַ־פען דעם נגיד זיצען אין בגדי משי, ווי ער אמאל אין זיין גרויסע בית־דין שטוב, און די שטוב האט געפינקעלט און געשטראהלט ווי די לבנה מיט די שטערען וואלט אין איהר נעשיינט, צוליעב די אבנים טובות וואס האבען זיך געלויכטען אויף די פרוכת׳ן און די עטרות וואס האבען ארויסגעהאנגען איבער די גרויסע שרענק, און א ריח ניחוח איז געווען אין שטוב פון די טהייערע געווירצען, בשמים און כלי׳ערליי שמעקענדע קרייטעכער, וואס די בשמים ביקסען האבען פון זיך ארויסגעגעבען פון אלע ווינקלען פון שטוב. האט ער געמיינט, אז ער קומט צוריק אין זיין עשירות אריין, וועלכע ער האט נאר וואס פארלאזט — איז ער געגאנגען מיט אן אויסגעשטרעקטע האנד שלום־עליכם אבגעבען צו דעם נגיד פון דמשק, זיין ידיד.

נאר דער נגיד פון דמשק האט אוועקגעבויגען זיין קאפ און גערופען דעם שמש:

— נעהמט דעם ארימאן אין קיך אריין. די שטוב איז פול מיט א ריח רע.

האט דער נגיד פון ירושלים אן עפעס זיך דערמאנט, און פאר־שטאנען דעם טעם — און א גרויסע פרייד האט איהם ארומגענומען: גאט און זיין משפט איז גערעכט.

# קדוש השם

(א לעגענדע)

ווייס בעשנעעט איז דער וועג. די לבנה שפיעגעלט זיך אב, אין די ברייטע ווייסע פעלד־שנעען ווי אין א ים; און די שטערען רייבען זיך איינם אן צווייטען... אזוי געדיכט זיינען זיי איבער'ן הימעל בעזייעט. פון דער ווייטענס הערט זיך א אידיש זמר'ל, אויסגעמישט מיט דעם כֿאל פון א בעל־עגלה'ס בייטש:

הע, הע, אן א זייט,
אידעלעך פאהרען, אידעלעך פאהרען!
לכה דודי, לכה דודי
לקראת כלה!

פון וואנען פאהרען דאס אידעלעך אזוי פרעהליך? פון א חתונה פאהרען אידעלעך. אנגעשטאפט איז די בויד מיט מחותנים, אויף'ן סאמע קארזשעל זיצט דער בעל־עגלה שכור'לעך. דאס היטעל שפרינגט פון קאפ, און מיט דער בייטש קנאלט ער אונטער: הע, הע אן א זייט, אן א זייט! זייט וויסען, די פערדלעך, אז אייער בעל הבית איז שכור, מען פאהרט פון א חתונה — און זיי האבען פערגעסען דעם טעגליכען יאך, לאזען זיי זיך מיט אימפעט און טרייבען אלעם פון וועג אראב.

און די מחותנים האלטען איינער דעם צווייטען מיט די הענד ארומגעארעמט, די שטריימלעך רוקען זיך אן א זייט. די פערד פערפלאנטערען זיך, און אלע אינאיינעם שאקלען זיך צוזאמען מיט דער פוהר, ווי ביי דער גמרא, און זינגען הויך אויפ'ן קול:

אמר אביי, אמר ר' פפא,
די מוזינקע אויסגעגעבען,
די מוזינקע אויסגעגעבען,
לכה דודי, לכה דודי
לקראת—כ—לה!

דער וועג לייכט אין שנעע־און לבנה־ליכט, און אין דער ווייסער לבנה־נאכט טראגט זיך די אידען'ס זמר:

לכה דודי, לכה דודי
לקראת —כ—לה!

עס זעהען ניט די אידעלאך ווי דער פריץ פון שטעדטעל קומט זיי אנטקעגען מיט דריי פערד נאשפיץ (אין דער לענג). עס הערען ניט די אידעלעך ווי דער פריץ רופט: „העי, זשידי, פארכי, דאיטשע דראגי" (העי, אידען, פארכעס, לאזט דעם וועג). פרעהליך זיינען אידען, א טאכטער אויסגעגעבען. נאך א אידיש פאר ביי אידען צוגעקומען. א נייע הויז אין אידיש פאלק, און יעדעס אידישע הויז איז ווי יעקב אבינו'ס הויז. און ווער הערט היינט דעם פריץ מיט זיינע משרתים. „דייטשע דראגי, זשידי, פארכי", שרייט דער פריץ. די אידעלעך ענט־פערען איהם: „מיר אידען האבען א משיח, און וואס האסט דו? מיר דינען דעם איינציגען לעבעדיגען בורא. און דו וועמען? דער רבי איז אונזער מליץ יושר. און דיינער ווער?" און זיי גיבען ניט דעם פריץ דעם וועג. זיי נעהמען פאר'ן פריץ דאס היטעל ניט אראב. זיי זאגען ניט דעם פריץ: „דזשען דאברי" (גוט מארגען). שכור זיינען אידען און פאהרען פון א חתונה און זינגען אין די ווייסע נאכט אריין:

„לכה דודי, לכה דודי
לקראת כלה!"

אויפ'ן צווייטען טאג האט מען פון פריץ רייטערס ארויסגעשיקט נאכשפירען פון וואנען זיינען אידעלעך געפאהרען, און וואס האבען אידעלעך שכור אבגעטהאן. און מען האט געפונען א טויטען פויער ליגען אין דער פוסטער קרעטשמע, וואס שטעהט אן א זייט פון וועג.

און די צייט איז געווען פאר פסח.

האט מען סטראזשניקעס איבער'ן שמערטעל ארויסגעשיקט נאכ־פרעגען, ווער איז איבער'ן וועג געפאהרען. האט מען די מחותנים מיט דעם בעל־עגלה אין קייטען געשמידט און אין די תפסה געווארפען.

די מחותנים זיינען געווען די פיער שעהנסטע בעלי־הבתים פון שטאדט.

---

פערזאמעלט זיינען אלע אידען אין דער שוהל. די ליכט אנגע־צונדען ווי צו יום כפור. פון די ווייבערשע שוהל פערנעהמט זיך א שטיל ערנסט געוויין. עס וויינען איינצעלנע שטימען און מען ווייסט, אז דאס וויינען די ווייבער און די מוטערס פון די געפייניגטע. דער אלטער רב אין קיטעל און טלית שטעהט פאר'ן ארון און זאגט תהילים: „למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק..."

און די עדה אין קיטלען און טליתים זאגען נאכ'ן רב מיט ציטריגע שטימען:

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק".

און שטיל איז אין דער קליינער שוהל. מען הערט דעם גאנג פון די נשמות פון אלע קדושים פון אלע דורות, וואס געהען דורך די לופט פון דער שוהל. ווארים מען זאגט תהילים פאר געפייניגטע.

דארט אין דער תפיסה פייניגט מען די געפאנגענע מיט כל עינויים קשים, אז זיי זאלען זיך מודה זיין. און דאס זאגט מען דא תהילים פאר זיי, אז גאט זאל זיי שטארקען, זיי זאלען אויסהאלטען די עינויים און ניט פערשוועכען זיין הייליגען נאמען ווארים דער נסיון איז א שווע־רער. דער וואס וועט זיך מודה זיין און אבזאגען זיך חלילה פון אידישען גלויבען, האט מען אויסגעפויקט אין שטאדט, וועט מען איהם שענקען דאס לעבען, און מאכען איהם פאר דעם אויפ.זעהער פון אלע צינזען וואס די אידען האבען צו בעצאהלען דעם פריץ, און אבגעבען איהם אלע פראפענאציעס פון אלע שיינקען, און ער וועט ווערען א ראש איבער די אידען

און די וואס וועלען זיך ניט מודה זיין, וועט מען זיי צופערטלען און ניט לאזען קומען צו קבר ישראל.

און דא אין שוהלכעל, דאכט זיך, הערען זיך די קרעכצען און די געשרייען פון די געפייניגטע. וואס מישען זיך אוים אינאיינעם מים די אידען'ס תהילים זאגען און רייסען זיך אין הימעל ארויף.

נור זיכער זיינען אידען אין זייערע קדושים, אז זיי וועלען אויס־האלטען דעם נסיון און וועלען ניט פערשוועכען חלילה גאט'ס נאמען פאר די נארישקייטען פון דער וועלט. און שטאלץ רייסט זיך ארויס דער בליק אויס די פערוויינטע אויגען פון די מוטערס און די ווייבער פון די געפייניגטע איבער זייערע קדושים. און מיט קנאה און כבוד קוקען אלע ווייבער אויף זיי, אויף די מוטערס און פרויען פון די קדושים, וואס זיינען מקדש את השם.

נאר אין איינעם איז מען ניט זיכער, אין דעם בעל־ענלה. א פראַ־סטער יונג פון דער גאס, און נישט איינמאל האט מען איהם שוין גע־טראפען מחלל שבת זיין בפרהסיא. ער היט ניט אב קיין מנחה ומעריב און שבת נעהמט ער מיט זיין פערד איבער דער גאס שפאציערען. עסט אומגעוואשען און נעהמט דעם סדור אין האנד ניט אריין. גע'מוסר'ט האט איהם שוין דער רב איינינע מאל און געוואלט איהם אין פאליש איינזעצען, האט ער געסטראשעט מיט שמד'ן זיך — האט מען איהם צורוה געלאזט.

אין א ווינקעל ווייבער־שוהל שטעהט זיין מוטער מיט'ן טיכעל איבער'ן קאפ אריבערגעצויגען, שעמט זיך די ווייבער אין פנים אריינ־צוקוקען. אלע קוקען אויף איהר מיט רחמנות און פערדראס: „אזא זוהן ערצויגען!" — ווארים געהערט האט מען שוין אין שטאדט, אז דער בעל־ענלה איז זיך מודה... אבגערוקט האבען זיך אלע פון איהר און זי ווייגט און שטעהט מיט דעם טיכעל איבער די אויגען. קיין תהילים זאגט זי ניט — זי קען נים; קיין סדור האלט זי ניט אין דער האנד, נור איהרע ליפען מורמלען א תפילה, און זי בעט צו גאט: „טאטע אין הימעל, שטעה איהם ביי! טאטע אין הימעל, שטעה איהם ביי!"

און די טרערען גיסען זיך פון די אויגען אין טיכעל אריין. קיינער זעהט זיי ניט, קיינער הערט איהר תפילה נים, ווארים אבגערוקט שטעהט זי אליין, און אלע קוקען מיט רחמנות און פערדראס אויף איהר: „אזא זוהן ערצויגען! אזא זוהן ערצויגען!"

ווידער זיינען אלע אידען אין דער שוהל פערזאמעלט. קיין תהילים זאגט מען ניט היינט. אויסגעזעצט זיינען זיי אלע אויף דער ערד. די שטענדערס פערדרעהט. די ליכט ברענען זיך אויף דער ערד. דער רב אין די זאקען זאגט „איכה" און דער עולם אין דער שטיל זאגט נאך איהם. מען זיצט שבעה נאך די קדושים. תליות האט מען אין מארק אויסגעשטעלט, און יעצט ווערט געטהאן זייער רעכט אין מיטען מארק. פיער יאהרצייט־ליכט ברענען זיך אין א קאס־טען זאמד אויף דר'ערד, און ארום די ליכט זיצען שבעה די משפחות פון די קדושים און זאגען איכה. אין א ווינקעל שוהל, הארט ביי דער טהיר שטעהט אויך דאס פינפטע ליכט. זי איז ניט אנגעצונדען, און נעבען דעם זיצט די מוטער פון דעם בעל־עגלה איינע אליין, מען ווייסט נים. צי האט איהר זוהן אויסגעהאלטען דעם נסיון און ער געהערט אויך צו די קדושים. און אלע קוקען אויף איהר מיט רחמנות און פער־דראס: „אזא זוהן ערצויגען! אזא זוהן ערצויגען!"

אין דעם הערען זיך טריט צורייטענע פון דרויסען. א רייטער קומט אן צו דער שוהל, ווארפט עפעס ארונטער הינטער דער טהיר און קלאפט אן אין טהיר פון שוהל — איינס, צוויי, דריי, פיער... פינף. פינף קלעפ האט ער געגעבען. און ווי עס האט זיך דערהערט דער פינפטער קלאפ אין דער טהיר, רייסט אויף די מוטער פון דעם בעל־עגלה די טהיר פון שוהל — און הינטער דער טהיר פון דער שוהל ליגען פינף אבגעהאקטע קעפ.

אויסגעזוכט האט זי דעם קאפ פון איהר זוהן און אויף די הענד גענומען און איז אריינגעגאנגען מיט איהם אין שוהל אריין. הויך האט זי געהאלטען דעם קאפ פון איהר זוהן אויף די הענד, ווי זי וואלט איהם דער גאנצער עדה געוואלט צייגען. א שטאלצער בליק האט זיך פון איהרע אויגען ארויסגעריסען. אראבגערוקט האט זי שוין דאס טיכעל פון איהר קאפ און שטאלץ אלעמען אין די אויגען געקוקט. אבגערוקט מיט כבוד האבען זיך אלע פאר איהר און די מאמע, מיט דעם זוהן'ס קאפ אין דער האנד, האט אין מיטען שוהל צו טאנצען אנגעהויבען.

לייכט און שטיל האבען זיך איהרע פיס בעוואויגען, און גע־טאנצט האט זי מיט איהר זוהן'ס קאפ פאר'ן ארון — קיין איין ווארט

ניט גערעדט. איהרע ליפּען זיינען שטום געווען, נור מיט איהרע אויגען האט זי אויף אלעמען מיט שטאלץ געקוקט.

און אלע האבען זיך אבגערוקט פון איהר און מיט קנאה און כבוד געקוקט אויף איהר:

די מוטער טאנצט מיט איהר זוהן, די מוטער טאנצט מיט איהר זוהן...

און אוועקגעלעגט האט זי איהר זוהן'ס קאפּ צווישען די קעפּ פון די קדושים, און אנגעצונדען מיט איהרע הענד דאס יאהרצייט־ליכט פאר איהר זוהן און אוועקגעשטעלט עס פאר דעם ארון צווישען די ליכט פון די קדושים.

# אידישע יום טובים

# אידישע יום טובים

## א בית-המדרש׳ל.

דאָס שטעדטעל האָט זיך זיין „עיר מקלט׳ל“, דאָס בית־המדרש׳ל. אין מיטען נאָס שטעהט עס, פיער שווארצע, פיער פערפוילטע, ביז צו דער ערד איינגעזונקענע ווענט; דאָס אלטע שינדעל־דעכעל פערפוילט פון רעגען — עס גלאנצט שוין מעך אראָב פון דער הויך. און אויף די צוויי שפּין־בעוועבטע פענסטערלאך ווייזען זיך נאָך די אבגעריבענע מגן־דוד׳לאך ארוים.

די טרעפּלאך איינגעזונקען, די טהירען שווארץ, גלענצענדיג פון די קושען פון פרומע ווייבער, וואָס לייגען די ליפּען צו דורכגעהענדיג, און פון נישט פרומע וואס לאזען זיך בענוגענען מיט א בלויזער האנד־אנריהרונג.

קיינער ווייס נישט ווער עס האָט דאָס בית־המדרש׳ל אויפגעשטעלט; די אלטע בעלי־בתים, ווען זיי זיינען נאָך קינדער געווען געדענקען דאָס בית־המדרש׳ל ווי עס איז זיך אזוי שעהן געשטאנען ווי איצטער: דענסטמאָל אין שמחת־תורה, ווען זיי האָבען מיט די פענער אויף זיינע פענסטער געטאנצט.

און דאָס בית־המדרש׳ל קעהר זיך כלל ישראל אן. יעדער איד האָט דערינען א חלק, יעדער זיידע האָט א ציגעל אין איהם איינגעמויערט, א בעהעלטעניש פאר די שפּעטערדיגע דורות... און פאר נאכט, ווען עס ווערט טונקעל, צינדט זיך דער שמש די זעקס ליכטלאך פאר׳ן עמוד אן. אין דרויסען איז קאלט, אין דער שטוב זיצען ווייב און קינדער און הונגערען, אין בית־המדרש׳ל בעהאלטען זיך די בעלי־

בתים, יעדר זיצט אויף זיין ארט. כ'לעבען עס פערגעסט זיך דאך אין בית־המדרש'ל פון דעם הונגער...

א הויז איז דאס בית־המדרש פאר אלע אידישע קינדערלאך, א נאכטלעגער פאר אלעמען, וואס האבען נישט וואו דעם קאפ אנידער־צולעגען; א דאך פאר אלע אהן־הײמיגע. עס מאכט נישט, קיין אונ־טערשיעד, יא א היגער, נישט קיין היגער... וואס איז דער חלוק? היינט נעכטיגען קינדער פון א פרעמדען בית־המדרש ביי איהם, מאר־גען וועט דערפאר יענס בית־המדרש אונטער זיין דעכעל זיין'ס א קינד ארונטערנעהמען, ווען עס וועט זיך פערבלאנדזשען ווייט...

אפען איז דאס בית־המדרש פאר אלעמען, ווער עס וויל קומט אריין.

עס דערשרעקט נישט מיט זיין רייכקייט און הערליכקייט; זיינע ארימע שווארצע פיער ווענט זיינען דיר זעהר היימיש, זיין שווארצער פערדרויכענטער באלקען זעהט דיר אויס ווי דער באלקען פון דיין מאמע'ס שטיבעל, דארט וואו דו ביזט געבארען געווארען... די ווינ־קעלאך מיט שפין־וועבעכעס, די פענסטער פערשטויבט, ביי דער מזרח־וואנד שטעהט אן ארון קודש א אלטס, מיט אלטע צוויי לייבען; אי־בער דעם ארון — א פרוכת'ל אן אויסגעריבענעס, מיט אן אבגעריסענעם שעכטין מגן־דוד'ל; ביים ארון שטעהט א הויכער עמוד מיט אן אלט פערפעצטע מנורה, אויף דעם אלטען עמוד זיינען מיט קרייד אנגעשריבען די קראנקע פון דער שטאדט. און פון די ארומיגע פאלי־צעס מיט די ספרים געהט א שטויב ארויס און לעגט זיך אין דער לופט פון דעם בית־המדרש'ל...

און אז דער בעל־הבית קומט אין דעם בית־המדרש'ל אריין פער־געסט ער אן דעם הונגער, וואס ער האט אין דער היים איבערגעלאזט, זיינע „צרות" די ביטערע, די וואכענדיגע פרנסה...

און יאהרען לאנג און טעג לאנג שטעהט דאס בית־המדרש'ל און לעבט זיך מיט אין דער שטיל מיט זיין עדה אידען. א חדר־אינגעל אנטלויפט פון חדר קומט ער אין בית־המדרש אריין, בעהאלט זיך אונטער זיין קאסטען „שמות", א טאטע לויפט אוועק פון דער הונ־געריגער ווייב, פון די הונגעריגע קינדער, בעהאלט ער זיך אין בית־המדרש'ל. עס דאכט זיך איהם, אז זיינע שווארצע ווענט טרייסטען איהם: נישט קשה, דיין טאטע האט אויך אמאל אזוי געטהאן... וועל־

וועל, דער שטאָדט גנב, וואָס סטראַשעט אַ גאַנץ יאָהר דעם רב, אַז ער וועט צום גלח געהן שמד'ען זיך, בעהאַלט זיך אויך אַמאָל, אין אַ שלעכטע צייט, אין בית־המדרש'ל... און דאָס בית־המדרש נעהמט אַלעמען שעהן צו, נישט קשה, אויך איהרס אַ קינד... און עס לעבט זיך ווייטער מיט זיין עדה. שטאַרבט דאָס דור — קומט אויף אַ נייער דור און עס לעבט זיך ווייטער דאָס אַלטער בית־המדרש'ל מיט דעם נייעם דור. און אַזוי ווייטער, און ווייטער... עס דאַכט זיך, אַז אַן אַלטע באָבע איז דאָס בית־המדרש'ל פון אַ סך אייניקלאַך, מיט אַ ברייטע שערץ, וואָס בעהאַלט אַלע איהרע אייניקלאַך אונטער איהר שערץ אַרונטער.

און עפּעס אַן אייגענשאַפט האָט דאָס בית־המדרש'ל: קוים קומט מען אין זיינע טויערען פערגעסט מען זיך באַלד אַן דעם הונגער, וואָס מען האָט אין דער היים איבערגעלאָזט, אַלץ פערגעסט זיך דאָרט...

און יאָהרען לאַנג, און טעג לאַנג שטעהט זיך דאָס בית־המדרש'ל, און אַ דור נאָך אַ דור קומט אַריין, בעהאַלט זיך אין איהם און געהט אוועק... יעדעס דור לאָזט אַ צייכען פון זיינע צרות אין איהם איבער: אַ יד פערזעצט, די מנורה פערקלאַפּט... יעדעס דור דערצעהלט פאַר איהם זיינע ליידען, גיסט אויס זיינע טרעהרען אונטער זיין פּרוכת, און דאָס בית־המדרש'ל, אַזוי ווי אַ ערבאַרמדיגע מאַמע שטעהט און ווישט אָב די טרעהרען פון די קינדער'ס געזיכטער.

— ווייגט נישט — אייערע עלטערען האָט זיך אויך אַמאָל אַזוינס געטראָפען.

עס דאַכט זיך, אַז די טרעהרען פון יעדען דור זיינען מיט זיינע ציגעל געוואָרען צוזאַמענגעקנאָטען. דורך דעם שטעהט עס אַזוי לאַנג...

טהייל מאָל דאַכט זיך, אַז דאָס בית־המדרש'ל, שטעהענדיג אַזוי צווישען די קליינע, אָרימע, איינגעפאַלענע הייזלאַך, אין דער קליינער שטאָדט, איז עפּעס ווי אַ „מאור הגולה“, אַ ליכט אין גלות — אַ איד, מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, און אַ לולקע אין מויל... אַלע הייזלאַך פערלאָזען זיך אויף איהם... און ביי־נאַכט, שטיל איז אַרום, די לבנה אין דער הויך באָדט זיך צווישען די וואָלקענס, און קוקט זיך אין געסעל אַראָב. און דאָס בית־המדרש'ל, ווי אַן אַלטער העלד, שטעהט און דערצעהלט פאַר די אַרומיגע הייזער מעשות פון לאַנג...

אין א ווינקעלע אין בית־המדרש ברענט זיך א לעמפעלע, א נר תמיד'ל. שטענדיג ברענט עס זיך, דאס לעמפעלע, ביי טאג און ביי נאכט, סיי זומער, סיי ווינטער. ווער ווייסט וואו עס זיינען איצט די הענר, וואס האבען עס אנגעצונדען?... און ווער ווייסט, וועלבע הענד וועלען עס אויסלעשען.

ביינאכט. טויט שטיל איז ארום, אין דער פינסטערער נאכט, און דער שטראהל, וואס דרינגט פון א שייבעל פון דעם בית־המדרש'ל זעהט אויס, ווי א פינקעלדיג אויג וואלט אין א שווארצען שטערן געווען איינגעזעצט — און דאס אויג דערצעהלט מעשיות פון לאנג... פון גאר לאנג...

---

יעדען אין דער פריה, יעדען פאר נאכט, ווען די קינדער געהען אין חדר אריין, און געהען פון דעם חדר אהיים, שטעלען זיי זיך א מינוט פאר דעם בית־המדרש'ל אב.

— העכער געוואקסען מיט אן ארבעס — זאגט איין אינגעל צום צווייטען.

— יא, העכער געוואקסען מיט אן ארבעס — ענטפערט איין אינגעל דעם צווייטען.

די קינדער זיינען אלטע אידען געווארען, די אלטע אידען זיינען געשטארבען, און אן אנדער דור איז אויפגעשטאנען; און ביי יעדען דור, און יעדען פריה־מארגען, יעדען פארנאכט, ווען די חדר־קינדער געהען אין חדר און געהען פון דעם חדר, שטעלען זיי זיך פאר דעם בית־המדרש'ל אב, און איינער זאגט צום צווייטען:

— העכער געוואקסען מיט אן ארבעס.

— יא, העכער געוואקסען מיט אן ארבעס — ענטפערט איהם זיין חבר אב.

און דאס בית־המדרש'ל שטעהט איינגעזונקען ביז צו די פענסטער אין דער ערד, און הערט אויס יעדען פריה־מארגען און יעדען פאר־נאכט, וואס די חדר־אינגלאך רעדען איינס צום צווייטען און עס דאכט זיך, אז דאס אלטע בית־המדרש'ל שאקעלט צו מיט זיין אלטען, שווארצען, איינגעפאלענעם דאך: יא, העכער געוואקסען מיט אן ארבעס.

א נאכט פריהער האט נאך דאס בית־המדרש׳ל אויסגעהערט, וואס די חדר־אינגלאך האבען גערעדט איינער צום צווייטען און נאך זיי מיט זיין אלטען דאך אבגעשאקעלט.

א ווינט האט ביי נאכט געבלאזען.

פאר טאג, ווען דער שמש איז צו חצות געגאנגען דעם עולם וועקען, האט ער בעמערקט, אז דער שטראהל וואס דרינגט תמיד פון דעם בית־המדרש׳ס פענסטעריל ארויס, איז אויסגעלאשען, און געדאכט האט זיך איהם, אז דאס אויג אין דעם שווארצען שטערן פון שטעדטעל איז אויסגעשטאכען געווארען...

— אידען צו חצות! — האט דער שמש גערופען...

דער עולם איז זיך צוזאמענגעקומען און האבען אנגעהויבען צו טאפען מיט די הענד דאס טהירעל פון בית־המדרש׳ל...

ביי די ערשטע שטראהלען פון דער זון האבען זיי דערזעהן, אז דאס אלטע פערפוילטע דעכעל ליגט אויף די פיער שווארצע איינגעפאלענע ווענט — א האלב ספר תורה׳לע מיט אן עץ־חיים׳ל וואלגערט זיך אויף א פערפוילט ברעט.

דאס לעמפעל, דאס אויג אין שטערן איז אויסגעלאשען.

דאס „עיר מקלט" צופיהרט...

---

# תשעה־באב.

... און די כנסת ישראל האט זיך מיט׳ן הקדוש־ברוך־הוא א ברוגז׳ל געמאכט, ווי א שעהנע כלה, וואס ווארפט צוריק דעם חתן די כלה־מתנות׳לאך: נעה דיר, נעה. אזוי האט די כנסת ישראל אויך צוריק־געווארפען די תורה דעם בורא עולם: נעה דיר אוים מחותנים־שאפט! יונגע איידימלאך, וואס זיינען אויף קעסט, און בחורים דרעהען זיך ארום פוסט און פאס. חדר אינגלאך, ווי עס וואלט שוין קיין קאנטשיג, קיין חדר, קיין רבי אויף דער וועלט נישט געוועז, לויפען פראנק און פריי אין מיטען מארק ארום, און אין דעם אלטען בית־המדרש זיצט זיך די תורה איינע אליין אין א ווינקעלע און טרויערט, און האט פרעטענזיעס צו דער שכינה: אלע האבען מיך פערלאזט!

די זון האט נאך געווארפען אנ׳אבגלאנץ אויף די דעכער פון שטעדטיל אויפ׳ן האלבען קלאץ, וואס שטעהט אין מיטען מארק (א שריד ופליט פון א צולעגטען צירק), נאך בעגילדט די שויבען פון דעם גרויסען איינפאהרהויז, וואס שטעהט אין אנהויב שטעדטעל; אין מעריב־זייט אבער האט שוין די רויט־גאלדענע זון גע׳גוסעט. און א שווערער וואלקען, וואס האט זיך קאלטבלוטיג געטראגען פון יענער זייט שטאדט, האט איהר פלאמעדיג אויג בעצויגען ווי מיט א גרויער הויט. די פיעלע ליכטיגע שטראהלען, וואס בלאנדזשען נאך אין מארק, זיינען שוין ווי דאס ליכטיגקייט פון א לאמפ, וואס מען האט איהר קנויט אראבגעדרעהט...

אין העלען טאג הויבען זיך אן אין דער גאס די געוועלבער צו פערמאכען, איינציגווייז, איינציגווייז... און יעדעס געוועלב, יעדעס געוועלב, ווי עס פערהאקען זיך נאר די טהירען, ווי עס ווערען פערשוואונדען די פערשיעדען־פארביגע שילדען און אויף זייער ארט בעוויזט זיך א שווארצער פלעק אויף דער לעדיגער מויער, — זעהט עס אויס ווי א ליכטעל, וואס ווערט פלוצים אין א ליכטיג, העל־בעלויכטענע שטוב אויסגעלאשען... און באלד נאך א ליכטעל און נאך א ליכטעל, און פינסטער ווערט עפעס ווי א גאסט, וואס פערלאזט דעם חתונה־זאל; באלד נאך א גאסט, און נאך איינער... און עס גנב׳עט זיך אן אומעט אריין...

ערגעץ פאר א טהיר שטעהט א הויכער דארער איד, אנגעטהאן אין א צוריסענער קאפאטע, די לענדען פעסט מיט א גארטעל ארומגענארטעלט; ער פערגלאצט די אויגען און קוקט אין הימעל אריין. די דארע באקען בעוועגען זיך, ווי א ווינטעל וואלט צווישען צוויי היילע בלעמער געפייפט. באלד נעהמט ער די אויגען פון הימעל אוועק, און ער קוקט פרום אין מארק אריין, מיט א מינע ווי איינער זאגט: רבונו של עולם, איך ווארט אויף דיין בעפעהל... דערווייל זיינען נאך די כנסת ישראל אין די שטיבער פערזאמעלט, כאפען אריין דעם לעצטען ביסען און מאכען זיך גרייט, מיט א טרויעריג פנים, זיך צו נעהמען צו דער „איכה״. אין דער גאס איז שטיל, די הייזלאך שטעהען ארום דעם מארק און שווייגען, ווארטענדיג אויף עפעס.

באלד טרעט ארויס פון ערגעץ א הויז א דארער, הויכער, געלער איד. זיין איינגעטריקענטער גוף טראגט זיך אין א ברייטען, ווייסען

כאלאט, אויף וועלכען עס בעוועגט זיך א לאנג אויסגעצויגען פנים,
מיט געלע האהר, א געלע בארד און א לאנגער בלייכער נאז. פונ
אונטער די פאלעס זעהען זיך צוויי לאנגע פיס ארויס, אנגעטהאן אין
ווייסע זאקען אהן פאנטאפעל. און דער איד אין די זאקען געהט, אונ־
טערשפרינגענדיג אלע ווייל, בשעת ער טרעפט אויף א שפיציגען
שטיין. ער טראגט אין דער האנד א ספר'ל אהן טאוולען, געהט אי־
בערן מארק און מאכט אן איינדרוק פון א טויט־שוהל קלאפער, וואס
רופט מתים אין שוהל אריין...

באלד בעוויזט זיך נאך א איד, און נאך א איד, פון יעדער הויז לא־
זען זיך ארויס קופקעס אידעלאך אנגעטהאן אין צוריסענע קאפאטעס,
אין ווייסע זאקען ווי די אבלים. און אלע לאזען זיך צום ראג צום
שוהל־געסעל.

אין גאס ווערט שטיל. וואכענדיג איז אלץ. לאנגע, בלייכע, וואַ־
בענדיגע אידען, נידריגע איינגעפאלענע וואכענדיגע הייזלאך און
דער קאלטער וואכענדיגער פאר־נאכט פון נעכטען, פון אייער־נעכטען
ציהט זיך ווייטער איבער'ן שטעדטעל, און דאך זיינען די געוועלבער
פונקט ווי פרייטאג פארנאכט, פערמאכט, עפעס ווי אין מיטען לעבען
אבגעהאקט געווארען.

און וואס אמאל ווערט עס שטילער און טונקעלער: אט, דאכט
זיך, וועט א לויה פון זעהר א גרויסען רב דורך דעם מארק דורכגעהן...

אין מיטען מארק ביים ברונען שטעהען נאך א קופקעלע יונגע
בעלי־בתים, טהייל בחורים, און כאפען דעם לעצטען טרונק פאר'ן
טענית: די עלטערע בעלי־בתים וואַרפען, נעהמענדיג די שעפערס צו
צו די ליפען, א בליק דערווייל אין הימעל אריין, צי האט א שטערן זיך
נישט חלילה, פלוצים, שוין בעוויזען.

און פון דער צווייטער זייט געסעל, דארט פון אונטער דעם ראטה־
הויז, פון דעם וועג, וואס פיהרט צום בית־עולם, קומט צו לויפען א
חברה קונדסים: זיי האלטען בערעלאך אין די הענד און שיסען איינער
דעם צווייטען. פאראויס לויפט א קונדס, מיט אן אבגעריסענער
קלאפע פון אויבער־מאנטעל: ער קומט אן פאר די בית־מדרש־טרעפ־
לאך און ווינקט מיט פרייד צו די אידען וואס שטעהען דארט, ווייזענדיג
מיט דער האנד אויף די אנגעפילטע קעשענעס: פולע קעשענעס, אוי
א לעבען!

עפּעס אַ נידריג אידעל מיט זעהר אַ ברייטער באָרד, וואָס זעהט זיס ווי צוגעקלעפּט צו זיין ווייס געזיכט, כדי די דאָרע, בלייבע באַזען צו פערשטעלען, שטעהט אויף די טרעפּלאַך און בעטראַכט טרויעריג דעם קונדס און עס דאַכט זיך אויס, אַז פון זיינע טרוקענע ליפּען זערט זיך אַ ברום: אַ שוואַרץ וואוילטאָג איז אויף איהם!

און שטיל ווערט אויך אין שוהל־געסעל. די זון איז שוין לאַנג גרונטער אונטער דעם ראַט־הויז, אויף דעם וועג וואָס פיהרט צום בית־עולם. אידען האָבען זיך אַלע פערזאַמעלט אין שוהל, אין בית המדרש. צייטענווייז בעווייזט זיך אַ אידענע, וואַכענדיג געקליידעט, האַלט אַ גראָב ספר אונטער אָרעם, און אַ ליכטעל אין דער האַנד, און געהט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען. די נידריגע הייזלאַך אין געסיל, אַזוי ווי זיי וואָלטען מורא האָבען אַליין, אָהן אידען, אָהן אַ תורה אין גלות צו שטעהן — קאָרטשען זיך עפּעס איין און עס דאַכט זיך: זיי האָבען זיך צום רבינ׳ס ניעדריג הייזעל צוגעבויגען: אַן עצה זיך צו האַלטען ווי צו טהאָן אין אַזאַ שלעכטע צייט?

פון דעם רבינ׳ס פענסטער שיינט עפּעס אַ שוואַרץ טרויעריגקייט אַרויס, און עס פינקעלט אַ קליין ליכטעל אין דער פינסטערניש; עס דאַכט זיך, אַז אינוועניג מוז ליעגען אַ מת אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרץ ליילאַך, און אַ גראָשענדיג ליכטעל צו קאָפּענס, און דער רבי פערלאָזט זיין מת; ער איז אַנגעטהאָן אין אַן אַלט שטריימעל. אין אַנ׳אַלטער צוריסענער קאַפּאָטע, מיט אַ בעטריבט פּנים, אַראָבבויגענדיג דעם קאָפּ צו דער ערד, געהט ער אַליין אין זאָקען אויף די שפּיציגע שטיינער, און ער לאָזט זיך אין בית המדרש אַריבער. אפשר וועט ער דאָרט ביי דער עדה אידען קענען אַ טרייסט געפינען.

אין דעם געסעל געהט זיך מאַטשעק פון דער פּאַשע אַהיים. די קיה מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ לאָזען זיך פּאַראַוים. און ער מיט זיין בעהעלפער דעם הונד פון הינטען, שפּיעלט זיך אויף זיין פייפעל ווי געכטען, ווי אייערנעכטען...

---

נאַכט. שטיל איז דער שוהל־גאַס, די לאָדענס זיינען פערמאַכט. די טהירען פערשלאָסען, די לבנה איינע אַליין, בלאַנזשעט אַרום אויבען אין דער הויך אויפ׳ן הימעל, איבער אונזערע קעפּ, און זי קוקט אַראָב

אין שוהל=געסעל און שווייגט. הינטען ערגעץ=וואו, פון אַ שפּאַלט פון
אַ לאַדען, לאָזט זיך הערען אַ וויינענדיגער ניגון. וואָס גיסט זיך שטיל
אַריין אין געסעל, עפּעס ווי פאַר זיך, גלאַט אַזוי — אַ ניגון אהן אַ
פּרעטענזיע, אהן אַ שום זאַך — און ער שוועבט דורך די גאַס, שווימט
אַוועק, און ער ווערט פערטונקט ווייט — ערגעץ אין געסיל, דאָרט נאָך
דעם ראַטהויז, אויף דעם וועג, וואָס פיהרט צום בית=עולם. פון אַ
שפּאַלט פון דעם רבי'נס לאַדען שיינט נאָך אַרויס דאָס שטילע יאָהר=
צייט=ליכט, פאַר אַ הייליגע נשמה'ס וועגען. און אינווייניג ביי'ם רבי'ן
שווייגט מען. די לבנה וואַרפט אַ קאַלטען שטראַהל און בעשיינט קאַלט
די גרויסע שויבען פון בית=המדרש; אינווייניג איז פינסטער און עס
רוהדערט זיך עפּעס אין דער שטיל. אויף די טרעפּלאַך פון בית=המדרש,
ליעגען עפּעס, מענשען, צי מתים, די קעפּ פערגרוערט, די הענד פערלעגט
איינע אויף די אַנדערע. זיי ליגען שטיל; די לבנה שווימט פערביי,
וואַרפט אַ קאַלטען שטראַהל אויף די ליגענדע. די שוהל איז פערמאַכט,
מיט דער שווערער טהיר פערהאַקט, אַזוי ווי מען וואָלט אינווייניג עפּעס
וואָס אַריינגעכאַפּט און מען לאָזט נישט אַרויס... נאָר פון אַ קליין פענ=
סטערל ערגעץ אין אַ ווינקעלע ביי דער טהיר, וואו די חברה=תהלים איז,
שטראַהלט אַרויס אַ שוואַך ליכטיגקייט. דער שיין שפּיגעלט זיך אָב.
ווי פערטרונקען אין דער פינסטערניש אויף דעם געמויערטען קלאָץ,
וואָס שטעהט פאַר דער שוהל, אונטערשפּאַרענדיג דעם גאַניק פון דער
ווייבער=שוהל. אינווייניג, אין דער חברה=תהלים זיצט עפּעס אַ מענש
אויף דער ערד און ביי דער שיין פון אַ קליין ליכטעל קוקט ער אין אַן
אָפּען ספר אַריין, און ער שווייגט...

ביי דער רביצין אין עס=צימער, האָבען זיך די „כלי=קודש“ ווייבער
פערזאַמעלט. טונקעל איז אין שטוב, בעלעכט פון שאָטען, און אויף דער
ערד, אויסגעבעט מיט קישענס, זיצען אַרום די ווייבער, האַלטענדיג אין
די אָרעמס די שלאָפענדיגע קינדער, און האָרכען זיך איין צו דער כשר'=
ער, פרומער, רביצינ'ס קול. וואָס זיצט אין מיטען דעם קרענציל. אויף
אַ שטוהל איז אויסגעשפּרייט דער „צאינה וראינה“ בעלויכטען פון דעם
פערדוכערטען קיך=לעמפּעל, און די רביצין מיט אַ וויינענדיגער שטימע
דערצעהלט די מעשה פון חנה'ן מיט איהרע זיעבען זיהן.

אין בית=דין=שטוב ביים רב, איז די אייגענע האַלבע פינסטערקייט.
אויף דעם טיש ברענט זיך אַ יאָהרצייט=ליכט, אַריינגעשטעקט אין אַ

שעפּ פול מיט זאַמד, און פון דעם ליכט טריפט דער חלב אין זאַמד אַריין. אויף דער ערד: אין אַ ווינקעל, בעהאַלטען דאס געזיכט צווישען צוויי פּאַליצעס. וואס זיינען אָנגעשטעלט מיט ספרים, זיצט דער רב. טייל מאל בלאָזט אַ ווינטעל, אימיצער שפּאַצירט דורך די שטוב, ווי אַ שווערער שאָטען. און דער רב בעהאַלט דאס פּנים צווישען די! פּאַליצעס ספרים, און ער שווייגט...

אין גאַס הערשט אַלץ די פריהערדיגע שטילקייט, די לבנה בלאָנזשעט אַרום אין הימעל און קוקט מיט קאַלטע אויגען אויף דעם פינסטערען געסיל. אַלץ איז ווי עפּעס פערטרונקען אין זיך אַליין. צו זיינען שוין דען אַראָבגעפאַלען נאַכ'ס צוויי גרויסע טרעהרען און האָבען אַלץ, אַלץ פערטרונקען?... און עס דוכט זיך אויס, אַז אויפ'ן וועג צום בית=עלמין צו שפּאַנט ירמיהו הנביא איינער אַליין, ער געהט צו די אבות, ער געהט זיי וועקען פון די קברים און באַלד וועט זיך אָנהייבען דאָ אין געסעל דער גרויסער ויכוח.

---

# ביי אַ פרעמדען טייך.

שבת נאָכ'ן עסען. אין שטעדטעל איז שטיל ווי איינגעוויעגט צום שלאָף. אויף די בענק פאַר די טהירען זיצען שניידער=געזעלען אין שבת'דיגע ווייסע קראַגעלאך און ווינקען מיט די אויגען צו די דיענסט=מיידלאך, וואס שפּאַצירען אָנגעטהאָן אין די שבת'דיגע קליידלאך, מיט דרך=ארץ, איבער דער גאַס.

ר' אַנשיל וויינבוים, דער חשוב פון שטעדטעל, שפּאַצירט זיך מיט זיין אייניקעל יודעלע איבער דער גאַס, אַרויס צום וואַסער. די ווייסע האָר ציטערט אויף דעם רויטען שנופּ=טיכעל, וואס ר' אַנשיל טראָגט אויף זיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, און די ווייסע שיטערע, לאַנגע באָרד, וואס בעוועגט זיך אויף זיין ברוסט, זעהט אויס, ווי זי וואָלט רחמים בעטען, אַז מען זאָל איהר מיט אַ רויך נישט אַוועקבלאָזען.

ר' אַנשיל איז געגאַנגען פּאַמעליך, נישט אַזוי איבער דער עלטער, ווי איבער די שבת'דיגע מנוחה. און ער האָט זיין אַלטען קאָפּ איינגעבויגען, אויפהאָרכענדיג, וואס דער אייניקעל דערצעהלט.

דאס אייניקעל יודעלע,איז אַ הויכער יונגער מאַן, אנגעטהאָן אין אַ שבת'דיגען שניט־ראָק, אבגעוואקסטע שטיוועל און אַ בעל־הבתיש געפרעסט קראַגענדעל. און דער יונגער מענש האט זיך געפלייסט צו צופאַסען זיינע אייל־ענדיגע טריט צו דעם זיידענס מנוחה'דיגען גאַנג. זיין שטילער טאָן און זיינע שטילע פאַמעליכדיגע בעוועגונגען מיט די הענד האָבען זעהר ערנסט זיין שמועס געמאַכט.

טיילמאָל האט אַ דורכגעהער אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ געגעבען און דער „גוט שבת" האָט דעם שמועס איבערגעהאַקט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען דאָס געסיל, באַלד אנגעקומען צו דעם וואַסער, וואָס פליסט אונטער דעם שטעדטעל.

אַ ברייט אויסגעטראטען פעלד לאָזט זיך צו אַ וואַסער אַראב, דער ברעג איז מיט בעלקען, מיט זעקלאך מעהל, מיט טינטלאך נאַפט בעלעגט. אַ וואָגען אהן אַ פערד שטעהט, האַרט ביים וואַסער; אונטען אין וואַסער, אַ הויכע בערלינקע און פון דער בערלינקע ציהט זיך אַ לאַנגע שטעגעל ביז צום וואגען אַרויף. דאס וויזט אַז נעכטען איז לכבוד שבת די ארבייט אבגעהאקט געוואָרען.

אידען שפּאַצירען זיך מנוחה'דיג נאָכ'ן עסען ביים ברעג און קוקען אין וואַסער אַריין מיט אַ מינע פון רוהיגע בעלי־בתים. דאָרט אויף אַ לאַדקע שטעהען פויערען און ציהען זאַמד פון וואַסער, דערביי געהען נייבער שבת'דיג געקליידעט, אין גאָלדענע איר־ינגלאך, אויבע דער־צעהלט עפּעס, און איהר וויינענדיג קול שלאגט אב פון דערווייטען, ווי א חתונה־געוויין. היינטען, הארט ביים וואסער וואויעווען חדר־אינגלאך ארום — און ווארפען איינס דאס צווייטע די היטלען אין וואסער.

ר' אַנשעל און זיין אייניקעל האבען זיך ביידע אויף אַ בעלקע ביים ברעג געזעצט.

ארום און ארום האט גערוהט די מנוחה פון שבת. דאס וואסער זיכערדיג זיין אין ברייטען ראם, איינגעפאַסט אין ביידע זייטען ברעג, האט זיך מנוחה'דיג געוויעגט און געקיצעלט דעם בעגראזטען ברעג, זיין שכן. שטיל איז געווען אויפ'ן וואסער; די בערלינקעס און די לאד־קעס האבען זיך פון די ברעגען נישט גערירט, און דאס וואסער האט זיך געוויעגט מנוחה'דיג. איין וואל האט זיך לייכט אין די צווייטע וואס שטעהט אין חומש. אט געהט זיך אַ וועג אַוועק, מיט שפּיינדעלאך פסיעה נישט מאַכען, און דאס וואסער האט אויסגעזעהן ווי א אידי־

שער, וואסערדיגער בעל-הבית: פערהארעוועט א גאנצע וואך, שבת נאכ'ן עסען מאכט ער זיך א געלעכטעריל, קיצעלט דעם בריג, לכבוד שבת, מנוחה'דיג אויגצושלאפען...

און דער יונגער מאן האט ווייטער דערציעהלט.

„פאר אכצעהן יאהר צוריק, זיידע, איז דאס געווען. אידען פון פערשיעדענע פארטייען, דאקטוירים, אדוואקאטען זיינען קיין ארץ ישראל אראבגעפאהרען. אונטער זיי איז אויך געוועזען ר' שמואל מוהילעווער, און אזוי ווי זיי זיינען הינטען אראב געקומען, האבען זיי אויף די ערד געקניעט, איינגעגראבען אין איהר דאס געזיכט, איהר שטויב געקושט. און האבען אנגעהויבען צו וויינען, אויפ'ן פעלד, און חערנאך האבען זיי אויפ'ן פעלד מנחה געדאווענט, די ערשטע אייל ערד געקויפט, און די ערשטע קאלאניע געגריגדעט".

— א וואו — וואונדערט זיך דער אלטער און שאקעלט מיט'ן קאפ און קוקט אין וואסער אריין.

„ציון", אונזער ציון, „ציון" וואס שטעהט אין חומש, דארט גאנץ ווייט איז עס, א לאנד, דארט האבען אידען געוואהנט, די בני ישראל וואס שטעהט אין חומש, אט געהט זיך א וועג אוועק, מיט שטיינדעלאך בעשאטען, מיט טענענביימער בעזעצט, דאס איז דער וועג קיין בית לחם". אט שטעהט א קבר, די מאמע רחל'ס קבר, „קבר רחל". וואס שטעהט אין חומש. יעקב אבינו האט עס געמאכט, זיינע הענד האבען דעם שטיין געלעגט, יעקב אבינו'ס הענד... און אט איז די „מערת המכפלה". א אייל אויף א אייל, וואס אברהם האט פון די בני חת אבגעקויפט, אזוי ווי עס שטעהט אין חומש פאר פיער הונדערט טאלער, דארט ליעגט אברהם, יצחק, יעקב, אונזערע אבות בעגראבען. מיט די אמהות. די הייליגע. „אוי, אוי, ווי טראגט מען זיך די אלטע ביינער אהין"...

— ציון, אונזער ציון, וואס שטעהט אין חומש — קרעכצט דער אלטער — און קוקט אין וואסער אריין.

אט גיסט זיך דאס וואסער אזוי ווייט אוים, אונזער וואסער.

...איינגעלוויז. זומער לעב... דער רבי לאזט פריהער פון חדר ארויס... פארנאכט מען לאזט זיך צום וואסער אראב. אט שטעהט א לאדקע. ער כאפט זיך ארויף. מען שטופט זיך אב... דערנאך א יונגער מאן איז ער, ער עסט קעסט — אט געהט ער ביים בריג שפאצירען. יעשען צייט, אלץ איז אזוי טרויעריג, די בלעטער פאלען פון די בוימער

אראַב. דער ברעג איז נאָס... דאָס וואַסער לויפֿט מיט אַ געבייזער: ברומט אונטער שרעקליך, ער גערט ביים ברעג — ער קלערט וועגן אַ תכלית, אויף פּרנסה... דאָס וואַסער קלאַפּט צו אויפ'ן ברעג... און דאָרט ווייט לויפֿט אַ וואַל, שווימט ווייט אַוועק...

„האָרט איז געווען דאָס ערד — דערצעהלט ווייטער דער אייניקעל — אַכטצעהן הונדערט יאָהר האָט מען זי ניט געאַרבייט. אַכטצעהן הונדערט יאָהר האָט אונזער מוטער אויף איהרע קינדערלאַך געוואַרט אויף איהרע קינדער אין גלות... אַנדערע פֿעלקער האָבען זי געוואָלט צו נעהמען, בעאַרבייטען איהר ערד, זי האָט איהרע פֿרוכטען, איהר בלוט פֿאַר פֿרעמדע ניט געוואָלט געבען... ווייסט האָט זי געוואָלט זיין ביז איהרע קינדער וועלען צו איהר צוריק קומען... און עס זיינען צו איהר איהרע קינדער צוריק געקומען; און מיט דעם שוויים פֿון זייערע הערצער האָבען זיי די ערד נאַס געמאַכט, און היינט איין און צוואַנציג דערפֿער האָבען מיר שוין אין ציון. אונזערע ברידער בעאַרבייטען שוין די ערד דאָרט“...

און דער אַלטער זיצט און הערט.

... ציון, וואָס שטעהט אין חומש. אַט שטעהט דאָרט אַ איד מיט אַן אַקער־אייזען און בעאַרבייט איהר ערד — און דאָרט אין ירושלים שטעהט דאָס בית־המקדש, אונזער בית־המקדש שטעהט נאָך, איין וואַנט איבערגעבליבען, די כותל מערבי... מיט בוימער... אַט דאָ איז חער הר הבית. דאָס אָרט, וואָס אויף איהם האָט יעקב אבינו געשלאָפֿען. אַזוי ווי עס שטעהט אין חומש, און גאָט האָט זיך צו איהם בעוויזען... דאָ זיינען אידען געשטאַנען און האָבען קרבנות מקריב געווען... עולה רגל געווען... אַזוי פֿיעל אידען פֿון גאַנץ ווייט קומען מיט פֿערשיעדענע זאַכען, אַזאַ שטויב ווערט אין די גאַסען פֿון ירושלים... און אַט שטעהט אַ וואַנט, נאָך אַ וואַנט. אַט זעה איך זי מיט די אויגען, אַט שטעהען אידען און וויינען און בעטען דאָרט צו הקדוש ברוך הוא...“

אוי, אוי... כאָטש ארץ ישראל ערד אין קבר מיטצונעהמען...

און דער אַלטער זיצט אויף דעם קלאָץ און קוקט אין וואַסער אַריין. דאָ גיסט עס זיך, דאָרט זעהט זיך די הילצערנע בריק, וואָס ליגט איבערן וואַסער... און דאָרט לאָזט זיך ווייט אַוועק דער וועג, וואָס פֿיהרט אין דעם דאָרף לאַנקעשין, צו דעם אַלטען פּריץ דאָרט, וואו

ער קויפט יעדעס יאהר די שעפסען־וואל — דארט, אז מען פאהרט אויפ'ן וועג זעהט מען דאס גאנצע שטעדטעל ארויס, עס שטעהט אויפ'ן בארג און קוקט אריבער איבער'ן וואסער...

און ער הערט ווי דער אייניקעל דערצעהלט ווייטער מיט א שטי־לען טאן:

— אונזער הייליגע ערד, זעהסט זיידע, אויפבליהען וועט זי ווי־טער, אונזערע ברידער בעארבייטען זי מיט זייער שווייס און בלוט.

און דער אלטער קוקט אויפ'ן ברעג — א וואל קלאפט אויף די שטיינער.

דעם שטעדטעל'ס וואסער... פון שטענדיג און גיסט עס זיך אזוי... דארט ביים ראוו איז זיין לייבישעל דעמאלט דערטרונקען געווארען. לייבישעלס גוף איז מיט דעם וואסער געווארען אויסגעמישט, זיין קבר איז דא, א שטיק וואסער איז לייבישעל געווארען, א כוואליע... און עס דאכט זיך, אז יעדע כוואליע וואס קלאפט אויפ'ן ברעג איז ליי־בישעל... לייבישעל מיט זיינע חברים שווימען דארט ווייט... ווייט... מהיילמאל ברומט עס אזוי. עס דאכט זיך, אז לייבישעל'ס וויינענדיגער קול... אט קלאפט א וואל, זי פאלט אויפ'ן ברעג, לייבישעל גרייסט און ער שווימט שוין אוועק... ווייט... דארט רייזט עס...

דער אלטערווארפט א בליק אויף דעם אייניקעל — עס ברענט א פלעמעל אין זיינע אויגען — דאס הארץ קלאפט אין איהם, זיין קול ציטערט... און ער דערצעהלט שטיל ווי א יונגער העלד, וואס וואלט ערשט פון דער מלחמה צוריק געקומען:

„אויף די פעלדער דארט אין ציון שטעהען אונזערע ברידער — עס הערען זיך שוין אונזערע געזאנגען“.

— און ווי זעהן אויס דארט די פעלדער — פרעגט דער אלטער — אזעלכע ווי דא ארום? די אייגענע תבואות?

— ווי אט דא ארום, הזר'ט איבער דער אייניקעל, אונזערע פעל־דער, רעדט ער מיט היץ. דארט בעארבייטען אונזערע ברידער די פעל־דער, די זאנגען וואס וואקסען — די גרעזער, די געוויקסען האבען אידען בעארבייט — זייער ארבייט, זייערע תבואות...

— און א טייך, דאכט זיך, איז אויך הינטען דא, וואס פליסט אין לאנד, ווי הייסט ער?

— אַ טייך הײַנטיגן האָבן מיר אונזער ירדן, אונזערן ליבן ירדן. דאָס פליסט אין מיטן לאַנד. דאָרט... בײַ זײַנע ברעגן האָבן אידען די ערד באַאַרבייט און געקוקט אין זײַן וואַסער, ווי עס פליסט זיך ווייט...

— ווי עס פליסט זיך ווייט, אַזוי ווי אונזער וואַסער דאָ...

— אונזער וואַסער, רעדט דער אייניקל, פרעמד איז עס, זייער וואַסער. דאָ האָט אידיש בלוט גערונען — הײַנטיגן, ווייט אין ארץ־ישראל האָבן מיר אונזער אָרט, מיר בענקען דערנאָך.

— ווייט אין ארץ־ישראל, — ברומט דער אַלטער, שאָקלט מיט'ן קאָפּ און קוקט ווייט.

דאָרט אַביסל ווייטער, איז'ם זייט פון דאָס שטעדטעל, בײַם ברעג, וויזט זיך דאָס „בית־עלמין" אַרויס. דאָס צווימעל איז אין דער ערד אײַנגעזונקען. עס ווײַזען זיך נאָר אייניגע מצבות מיט אָנגעגע בוימער, וואָס שטעהען אויפ'ן באַרג. אין מיטען דער דאַך פון אוהל, דער הייליגער רבי ליגט דאָרט בעגראָבען. און אַט נאָכ'ן אוהל ווייזט זיך אַ שפּיץ מצבה אַרויס, און קוקט זיך שטום צו, ווי דאָס וואַסער רינט — דעם פאָטער'ס מצבה, דאָרט בײַ דעם קבר איז אַ שטיקעל אָרט אײַנגעצוימט, אַ קבר שוין פאַר זיך. בײַם פאָטער'ס קבר אָנגעגרייט...

דער אַלטער וואַרפט אַ בליק ווייט, דאָס וואַסער אײַלט אַוועק.

דאָ בײַם ברעג וועט ער ליגען, אין דער ערד בעגראָבען, שטענדיג... זײַן מצבה וועט שטעהן, צו קוקען זיך צום וואַסער, אַ שטומער שכן, און דאָס וואַסער וועט ווייט, תמיד אַוועקשווימען...

— מײַן קינד, — זאָגט דער אַלטער אויפהויבענדיג זיך פון אָרט — דו ביזט יונג, קענסט נאָך אַלץ מיט דײַנע אייגענע אויגען זעהן... איך, מײַן קינד, בין צו אַלט שוין, עס וואַרט דאָס קבר צו מיר... פערפאַלען, זיך מוזען נאָך בעגראָבען לאָזען מיט גלגול מחילות...

— אַלטע, פרומע נשמות, אין דער מדבר וועט איהר פאַלען, גלות־קנעכט, דער יונגער דור וועט קיין ארץ־ישראל קומען, ברומט דער יונגער אונטער פאַר זיך.

דער אַלטער האָט מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקלט, ווי ער וואָלט מסכים געווען; אַזוי, מײַן קינד, אַזוי...

# אַ משורר'ל.

אין גאַנצען שטעדטעל האָט געקלונגען יאָסעלע פּייגעלע. דער פאָטער איז אַ מאַלאַרזש, אַ איד אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגע, קאַלטענעוואַטע באָרד, וואָס קוקענדיג דאַרויף איז מען זיך פון עפּעס מיאש: בחנם אַ קאַם אין די האָהר אַריינצושטעקען, בחנם... אַ מאַלאַרזש איז ער, פון די העלע הויט איז ער אַ מאַלאַרזש געוואָרען, און אַזוי איז ער שוין פון לאַנג. פאַר יעדע שטוב האָט ער אַ בעזונדערען חעסען; די דעסענס לאָזט ער זיך נישט ברענגען פון וואַרשע, ניין, זיינע אייגענע מעשי ידיו. אַליין שניידט ער זיך זיי אויס. זיצט ער ביי־נאַכט, אייגער ביים טישעל, דאָס לעמפּעל דריכערט זיך פאַר איהם, און אַרום איהם איז פינסטער און טרויעריג און עפּעס אַ ווערימקייט געהט אויף אין די אַרומיגע פינסטערניש. און ער זיצט זיך, לייזער אַדלער מאַלאַרזש, און שניידט זיך אויס מיט זיין מעסער'ל אַ דעסען מיט פליגלען פון פויגעלאַך און מגן־דוד'לאַך אַרום. ער זיצט און שניידט, דאָס לעמפּעל צאַנקט, דאָס ביסעל ליכט ווערט פערלאָרען אין די אַרומיגע פינסטערניש, און אַזוי זיצט ער און שניידט נאָך. מיט אַמאָל ווערט ער געוואָהר, אַז עס איז פינסטער אין שטוב, כאַפּט ער זיך אויף און וואונדערט זיך עפּעס; דער וועג פון טישעל צום געלעגער איז איהם גוט בעקאַנט, וועט ער אין אַ מינוט שפּעטער אין דער פינסטערניש פערהוילען.

אַ זוהן'דעל האָט ער, יאָסעלע הייסט ער. אַ קליינס איז ער, אַ מאָגערער און אַ דאַרער. די דינע האַלז הענגט נאָר אַזוי זיך אויף אַ געלעכטער'ל... און, כ'לעבען, עס איז אַן אימה, אַז מען זאָל נישט צוגעהן און עס אַוועקשנעלען. הינטען אַ האָרב אַ שפּיציגען, וואָס דאַכט זיך, אַז עס האָט אין זיך אַריינגענומען דעם גאַנצען אינגעל'ס קערפּער'ל און אַ פּנים'ל מיט צוויי דאַרע ביינדעלאַך, און די שוואַרצע גרויסע פולע אויגען, דאַכט זיך, סקאַליטשען זיך צווישען די צוויי שפּיציגע ביינער. און אַ הויכען שטערן, און די האָהר ווי ביי אַן אַלטען אויסגעקראַכען. און דאָס אינגעל האָט אין זיך אַן אייגענשאַפט, אַז עס גיט אַ קוויטש, דאַכט זיך, אַז עס האָט ווער זיין דאַר העלזעל צווישען

אַ טהיר איינגעקוועטשט, און עס פעלט דענסטמאל אַן אַזאַ רחמנות
און אַזאַ אימה, אַז מען האָט מורא מאַקע, אַז דאָס העלזעל זאָל נישט
צווישען דער טהיר בלייבען אָבגעוואָרגען...
אַ גאַנץ יאָהר איז אָט דאָס איינגעל גאָר קיין גרויסער מורנו נישט.
ער וואַלגערט זיך אין געסעל אַרום, ווייל עס איז אַ לעבעדיג נפש'ל,
און קאָן זיך קריכען. מען צוטרעט עס נישט מיט די פיס, ווייל עס איז
העכער פון אַ וואָרים און קאָן קוויטשען, ווען מען טרעט איהם אָן...
זיצט ער זיך, פאַר נאַכט למשל, אויף דער ערד, ווען ער האָט שוין פון
דער מאַמע'ס קיך אַ שטיקעל ברויט אָוועקגעגנב'עט און האָט מורא
אַהיים צו קומען, און זינגט זיך אַ מעשה „ווי דער גראַף איז אין וואַלד
געגאַנגען". אין געסעל זיינען נאָר בלויז ווייבער דאָ, און פאַר ווייבער
האָט אפילו אַזאַ גוסעלע נישט קיין מורא.
גיט מען אָבער דעם ערשטען בלאָז מיט'ן שופר און דאָס שטעד=
טעל ציטערט, ווערט אַזאַ מין יוסעלע מיט איין מאָל פון אַ ווערימעל
אַ מענש, דאָס איז זיין צייט. דער חזן פון דער שוהל קומט זיך בע=
טען און סוד'עט זיך מיט'ן טאַטען. און יוסעל שפּרינגט דאַמאָלס
אונטער אין דער גאַס פרעהליכער און קוויטשעט אויס אַ טרויעריגען
„מי לחיים ומי למות".
און נאָר אַ גאַנצער „מאַכער" איז יוסעל ראש השנה ביי ונתנה
תוקף. דער חזן וויינט אָב די ווערטער, די משוררים האַלטען מיט.
לייבעל בעמנער, דער באַס, גיט אַ „קלאַפּ" מיט דעם אָנגעצויגענעם
גאָרגעל, און די גאַמבע ווערט טאָפּעלט, און דער באַס גיט אַ קלאַפּ
באַ=אַ=אַ=ם, דאָס אַלץ הויבט זיך גאָר נישט אָן. דער חזן גיט אַ וואונק
צו קראַפּלען, אַ ניעדריגער יונג מיט אַ געשוואָלענער באַק, אין אַ ווײַ=
סען גומענעם קראַגען, פון פופצעהן יאָהר אַ יונג! וואו האַלטען זיי די
חברה? זינגענדיג: טראַ=אַ=אַ, לאַ=לאַ=לאַ=אַ. קראַפּעל גיט איהם
אַן ענטפער אָב זינגענדיג. דעמאָלס גיט דער חזן אַ וואונק יוסלען און
יוסעלע גיט אַ קוויטש: „וקול דממה דקה ישמע" און ס'דאַכט זיך דענסט=
מאָל, אַז אָט איז דאָס מלאך'ל פון הימעל אַראָבגעפאַלען מיט'ן קוויטשענ=
דיגען קול און באַלד הערט זיך דערנאָך אַ כליפּען פון דער ווייבער=
שוהל. „נעהם זיי" — ווינקט ער צום בעמנער, און יוסעלע גיט זיך אַ
רוף אַן אַזוי, אַז דאָס הויקערעל גיט זיך אַ קאָרטשע איין „ומלאַ=אַ=אַ=
כים יאַ=חאַ=פאַ=אַ=ז=זון". דאַמאָלס איז די מעשה ריכטיג — די ווייבער

ווייגען מיט א קול. און יוסעלע צולאזט זיך מיט א קווימש. ער שטעהט אויף די הויכע טרעפלאך, וואס פיהרען צום ארון=קודש, ביי איהם ר' ישראל קוביל דער דאזאר, וואס האט געהאט „פתיחה“ און גלייך איז ער דערנאכמאל צו איהם און ער זינגט זיך און צוגיסט זיך אויפ'ן קול. ארום איהם, די בעל=הבית'שע אידישע איינגעלאך, מיט נייע יום=טוב'דיגע קאפאטקעלאך, וואס דער שמש האט ניט די העזה זיי פון אויבען=אן אראב=צו=יאגען. און זיי קוקען מיט קנאה אויף יוסעל'ם הויקער, און יוסעלע שטעהט און ווינקט אראב צו זיי מיט גאוה, זינגענדיג „וחיל ורעדה יאחזון“. און דאס קול'כעל צוגיסט זיך און קווימשעט און קווימשעט וואס אמאל ווייגענדיגער און הארץ=רייסענדיגער, אזוי, אז עס דאכט זיך, אז דאס העלזעל ווערט וואס אמאל מעהר איינגעצויגען און איינגעצויגען...

---

נאר קוים איז נאך ימים נוראים, ווען יוסעלע וואלגערט זיך ווייטער ארום אין דער גאס ווי א זעררימעל און קווימשעט זיך פאר זיך און קיינער הערט איהם נישט, דאמאלס וואונדערט זיך נישט איין דורכגעהער: עס איז דאך נאר יוסעלע געוועזען, דער יוסעלע מיט דעם קווימשענדיגען קול'כעל און פארוואס ווייגט מען אזוי, פארוואס?

יוסעלע שפרינגט אונטער, דאס הויקערעל טאנצט מיט; עס ווינקט: „מי לחיים ומי למות“.

---

# די ערשטע סדר נאכט.

מען רופט איהם מאטע. ער איז א פוהרמאן.

און מאטע האט נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט קיינעם, אויסער די צוויי ווייסע שימלען, וואס ער טרייבט זיי אן.

זיין היים איז דער שטאהל, זיין גאנצע פאמיליע זיינען די שימלען.

ווער ער איז, פון וואנען קומט ער ארויס, נישט ער, נישט פרעמדע ווייסען דאס. דארט אין שטאהל, אין א ווינקעלע אויף א בינטעל היי

פערשטעלט מיט צוויי ברעטער. האָרט, האָט זיך איהם, איז ער געבאָרען געוואָרען און דאָרט וועט ער שטאַרבען.

דעם פאָטער געדענקט ער להלוטין נישט, נאָר די מוטער'ס בילד שוועבט איהם אָפטמאָל פאַר די אויגען ווי אַ שיין פון אַ קליין גראָשענדיג ליכטעל. וועלכע ווערט באַלד פערלאָשען: איהר אַלט פערקנייטשט און פערזאָרגט פנים זעהט ער, ווי אין אַ חלום, מיט דעם הייבעל, וואָס איז פעסט איבערגעצויגען ביז איהרע האַלבע אויערען.

און זייט ער געדענקט, געדענקט ער נאָר דעם שטאַהל און די שימלען.

דאָס זיינען זיינע בעסטע פריינד. איז איהם עפּעס אַמאָל שווער אויפ'ן האַרצען, נעהמט ער אַרום דעם שימעל'ס האַלז און קוקט אין דעם פערד'ס גרויסע פערגלעזערטע אויגען. און איהם דאַכט זיך, אַז דאָס פערד פערשטעהט איהם און עס בעדויערט איהם, קוקט אויף איהם מיט אַ מינע ווי עס וואָלט זאָגען: אַ רחמנות אויף דיר, מאָטע, ביזט אַ גוטער ברודער.

און אויך מאָטע פערשטעהט גוט די פערד. מיט אַ קוק אויף זיי ווייס ער, וואָס עס פעהלט זיי. „אָהאָ, מיינע קינדערלאַך זיינען מיר שוין הונגעריג, נאַ, נאַ, פּיעשטשעט אייך נישט“.

וויפיעל יאָהר מאָטע איז אַלט ווייסט קיינער נישט, אויך ער אַליין ווייסט נישט. ער האָט קיינמאָל וועגען דעם גאָר נישט געקלערט, און אַלע, וואָס קענען איהם, מיינען, אַז מאָטע איז שטענדיג געווען אין דעם עלטער, תמיד געווען אַזוי הויך, תמיד געהאַט אַ געשטופּעלטען פערבורעטען פנים ווי אַ לעדער. דאָס פנים מיט די הענד זיינע האָבען איין קאָליר. אָנגעטהאָן געהט ער סיי זומער, סיי ווינטער אין דער אייגענער סערמיאַנקע, וואָס מען קאָן נישט בעצייכענען וואָס פאַר אַ קאָליר זי האָט, נאָר אין שטיוועל קאָכעט ער זיך. איבער די גאַנצע פיס ביז אויבען אַרויף מוזען די כאָליאַוועס דערגרייכען. און אייזערנע פּאָדקאָוועס מוזען זיי האָבען, עס זאָל קלאַפּען איבער די שטיינער.

אַלע האָבען מורא פאַר מאָטען'ן, אפילו דער דאָזאָר מיט'ן גאַנצען כלי קודש. און ווען מאָטע שטעהט ביי דער טהיר אין שוהל און זעהט דעם דאָזאָר, גיט ער אַ ווינק מיט די אויגען, מאַכט ער מיט'ן מויל „פּסס“, ווי ער וואָלט זאָגען: „קוקט נאָר אַז דעם, איהר זאָלט מיר לעבען“.

און מאמע גויט, אַז אַלע יונגען און מיידען, וואס געפינען זיך אין שטעדטעל, זאלען איהם צאהלען חודש=געלד, אַז נישט וועט ער דעם בלייענעם קנאַפּ, וואס איז אויף זיין זעלנערישען פּאַשעק.

דאַרף זיך אַ יונג שלאָגען מיט'ן צווייטען, קומט מען צו מאַטען און מאַטע גלייכט אויס; מען מאַכט אַ סעודה און עס ווערט ווייטער גוט, מיט איין פּיף איז די אויגען פיהרט ער אַלעם אויס.

און מאַטע געהט שפּאַציערען שבת נאָכ'ן עסען אין די גאַסען פון שטעדטעל. ער קוקט אויף אַלעם, אויף די הייזער, אויף די געוועלבער, מיט גאווה, ווי עס וואלט הייסען: אַלעם איז מיין. איך האָב זיי אַלעם איינגעטהיילט. דעם אַ הויז, דעם אַ געוועלב, און זיך זעלבסט האָב איך מיר גענומען דעם שטאַהל.

פון איין זאַך האָט מאַטע פערדרוס — פון די מיידלאך אין שטעד=טעל. אַלע רעדען מיט איהם. אַלע פרעהען זיך מיט איהם, נאָר ער ווייס, אַז דאס איז געמאַכט, נישט אמת. מען האָט נאָר מורא פאַר איהם. אַלץ איז נאָר אויף מורא, ווייטער גאָר נישט.

און אַמאָל שבת נאָכ'ן עסען, ווען דאס גאַנצע שטעדטעל איז געווען פערשלאָפען ווי אין אַ שבת'דיגע נאַכט, האָבען זיך אַלע מיידלאך מיט די שניידער=יונגען צוזאַמענגענומען ביי שרה ביילע'ן די אויבם=הענדלערין און האָבען געמאַכט אַ טענצעל. מן הסתם איז דער ערשטער געווען מאַטע, וואָרים אַז נישט ער, וואלט דער שמש נישט געלאזט. הכלל עס וואלט גאָר אָהן איהם זיך נישט אָנגעהויבען.

נאָר אין מיטען בעסטען טאַנצען פאַלט מאַטען איין און ער יאָגט זיך אַרום די יונגען און די מיידען. ער פערטיאָגט אַלעמען און לאָזט זיי נישט טאַנצען, און דוד'קען, דעם קאַמאַשען=מאַכער האָט ער צו'הרג'עט. פאַרוואס — ווייס קיינער נישט. דאַכט זיך, ער האָט דאָך פּונקט געטאַנצט ווי אַלע.

נאָר ער האָט זיך געפיהלט עפּעס נישט היימיש. ער איז דא פרעמד אין גאַנצען. טאַקע אַלע מיידלאך לאַכען צו איהם פריינדליך, אַלע רעדען מיט איהם ליעבליך, אבער עס איז ניט ווי צו דוד'ן: צו דוד'ן עפּעס זיינען זיי פריינדליכער און צו איהם איז בלויז מורא: מען וואַרפט דעם הונד אַ ביינדעל, ער זאָל נישט בילען. אַזוי האָט עס אויסגע=זעהן ביי איהם.

— — — — — — — — — — —

ווער ווייס צי מאַמע וואָלט חתונה געהאַט, ווען עס וואָלט זיך נישט פּלוצלונג געמאַכט אַזאַ מין מעשׂה.

יאַנטע פיינע, „דער קרעמערקע'ס טאָכטער, איז אַ כּלה געווען פאַר אַ שוסטער־יונג. נאָר 2 טעג פאַר דער חתונה האָט דער חתן צוגענומען די 400 גילדען, וואָס מען האָט איהם געגעבן נדן, און דער כּלה'ס גאָל־דענע אוירינגלאַך און האָט געמאַכט ויברח. אַלע איז שוין געווען אָנ־געגרייט, די גאַנצע חתונה פאַרטיג, און דאָ מאַכט זיך אַזאַ מעשׂה. האָט לייזערקע שדכן דערצו זיך גענומען און דורך די צוויי טאָג איז מאַמע געוואָרען חתן און מען האָט מאַמען געפיהרט צו דער חופּה.

און זיצענדיג אויף דער נאַכט נאָך דער חופּה אויבען־אָן, אָנגעט־מהאָן אין אַ שעהנע קאַפּאָטע, קוקט זיך מאַמע אַרום און לאַכט אין זיך: „ווי הייסט דאָס, ווי קום איך דאָ אַהער? בין איך טאַקע מאַמע, אָדער איך, מאַמע, בין גאָר אַן אַנדערער?"

און מאַמע האָט חתונה געהאַט.

נאָך דער חתונה איז מאַמע געוואָרען גאָר אַן אַנדערער מענש. ווי מען וואָלט איהם גענומען און גאָר אין גאַנצען איבערגעמאַכט מיט דער האַנד.

מאַמע זיצט אַ גאַנצען שבת אין דער היים און זינגט „ברכי נפשי".

אין דער וואָכענס אַרבייט מאַמע עפּעס מיט מעהר פליים, מיט מעהר לוסט. עס קומט אויף דער נאַכט, פיהלט ער עפּעס אַ בענקעניש אַהיים צו קומען, און גיט נאָך אַ שמיץ די פערדלאַך, אַז זיי זאָלען פלינקער געהן.

שבת, פרייטאָג צו־נאַכט, ווען מאַמע זיצט ביי זיין ווייס געדעקטען טישעל, קוקט ער זיך אַרום אויב עס איז נישט ווער דאָ אין שטוב אַ העכערער פון איהם, און ער קאָן דאָס גאָר נישט פערשטעהן, אַז דאָס איז אַלץ זיין, אַז דאָס זיצט ער ביי אַ געדעקטען טיש און ער אַליין איז דאָ בעל־הבית. און ער זיצט ווי אַ פרעמדער, ער האָט זיך מורא אַ ריהר צו געבען.

מאַמע האָט שוין אַוועקגעוואָרפען אַלע שטותים, ער מישט זיך שוין נישט אַריין אין די חברה „וואָהלע יונגען", עס געהען איהם די גאַ־דישקייטען נישט אָן. און ווען ער זעהט איינעם פון די הייבטיגע חברה, קוקט ער אויף איהם מיט אַ שמייכעל, ווי ער וואָלט זאָגען: ער איז מיד אויך אַ „וואָהלער יונג".

עס איז ערב פסח, דער ערשטער פסח, וועלכען מאטע פראוועט אליין ווי א בעל־הבית.

מאטע האט זיך שוין אנגעגרייט מצות, זיי זיינען שוין אין קארב אויף'ן בוידעם, אפילו מיט זעקס מצה־שמורה צו די צוויי סדר־נעכט. דאס פעטע בארשט שטעהט ביים אויווען, עס איז בעדעקט מיט א ריינעם שירץ, דאס בעט שטעהט שוין ביים טיש, חרוסת האט דאס ווייב אויך שוין געמאכט, אלעס איז שוין גרייט.

דער שניידער האט איהם שוין אבגעבראכט דאס קאלאטעל, וואס ער האט זיך געמאכט אויף יום־טוב, אויך דער ווייב האט ער געקויפט א פאר נייע שיך, א נייען שייטעל, — א קלייד האט זי נאך פון דער חתונה.

מאטע האט זיך געלאזט אבשערען, געווען אין מקוה, געקויפט זיך א ניי קאשקעטיל און א נייע הגדה, ווי א בעל־הבית.

נאר איין זאך האט ער: ער ווייסט נישט וואס צו טהאן.

אלע יאהרען איז עפעס אנדערש. אן אנדער זאך. ער וויל עס פערגעסען.

קיין גרויסער בריה אין די קליינע אותיות'לאך איז ער נישט. וואס טהוט מען מיט'ן סדר אבריכטען?

ארייננעהמען א בחור ווילט זיך איהם נישט. איינס, ער וויל אליין זיין בעל־הבית, אליין זיצען אויף'ן הסב־בעט, און ער וויל אויפהויבען מיט'ן ווייב די קערה, און ער קאן נישט ליידען, אז פרעמדע קוקען איהם אין שיסעל אריין.

ער האט זיך שוין געלאזט געהן אין בית־המדרש אריין נאך א בחור, אבער ער קאן נישט.

אבער וואס טהוט מען מיט'ן סדר?

ניין, וואס עס וועט זיין, דאס זאל זיין, מען וועט זיך אן עצה געבען.

---

פסח אויף דער נאכט.

א קליין אויסגעווייסט שטיבעל, די פיער ווענט זעהען אויס, ווי זיי וואלטען זיך פריינדליך צוזאמען בעהעפטען צו שיצען דאס קליינע חדר'ל; אין מיטען שטוב שטעהט א קליין ווייס בעדעקטער טיש.

אויף איהם פינקלען זיך די צוויי אויסגעפוצטע מעשענע לייכטערלאך. וואס זיי האבען געקראגען „דרשה־געשאנק“, דריי מצות צוגעדעקט מיט א ווייס טישטיכעל, אויף זיי א טעלער מיט שאר־ירקות; מאמע זיצט אויפ'ן בעט אנגעטהאן אין זיין ניי כאלאטעל, אין א ווייכען קיטעל. זיין דיק געזיכט זעהט אויס עדעלער און פייגער. יענטע, זיין ווייבעל, זיצט ביי זיין זייט. א שעהן יונג ווייבעל, רויטע פלאמענדיגע באקען, אייניגע שווארצע האהר קוקען ארויס פון דעם ווייסען הייבעל. וואס בע'חן'ט איהר פנים. זיי ביידע זיצען עפעס מיט שרעק. זיי שפירען ביי זיך, אז זיי געהען טהאן א זאך, וואס זיי זיינען נישט ראוי דערצו. פון דערווייטענס זעהט מען די ווייסע נייע פארהאנגען, וואס בעהענגען דאס פענסטער, און די צוויי רויטע פאפירענע בלומען, וואס זיינען ארייננעשטעקט אין זיי, אייניגע אבגעפוצטע בלעכליך מיט פאפירענע בלומעלאך הענגען אויף די ווענט. דאס שענקעל קוקט ארויס, זעהט אויס ווי עס וואלט דא געווען א היימישער וואס פוהלט און לעבט מיט מענשען. די נייע אויסגעפוצטע גלעזלאך, וואס שטעהען אויפ'ן קאמאד און פינקלען זיך צום שיין פון די צוויי ליכטלאך, וועלכע ברענען אין דעם פאפירענעם לייכטערעל אויף דער וואנט, זעהען אויס יום־טוב'דיג. אלץ איבערגעצויגען מיט א יום־טוב'דיגען גייסט.

פאר מאמען שטעהט אן אנגעגאסענער כוס, אין דער האנד האלט ער די נייע הגדה.

ער ווארפט א בליק אמאל אין דער הגדה, אמאל אויף יענטען, ווי ער וואלט פרעגען איהר אן עצה, וואס מען טהוט, ווי הויבט מען אן, ווי לאזט מען אויס.

מאמע ווייס, אזוי געדענקט ער נאך, אז מען דארף דעם כוס אויסטרינקען, אבער ער שעהמט זיך, ער קאן נישט.

— מאמע, מאך קידוש — רופט זיך יענטע אן דערשראקען און ווערט רויט, וואס זי, א פראסטע אידענע, זאגט א דעה אין אזעלכע הויכע ענינים.

מאמע האט אראבגעלאזט זיינע אויגען אין דער הגדה אריין, געמורמעלט עפעס מיט די ליפען, און צוגעהמענדיג דעם כוס צום מויל האט ער נאך אמאל געווארפען א בליק אויף יענטען, ווי ער וואלט זי דערמיט געפרעגט, אויב עס איז גוט אזוי.

ער האט אויסגעטרונקען און געגעבען דערפון יענטע'ן.

הערנאך האט ער זיך ווייטער צוריק אנידערגעזעצט, אריינגעקוקט אין דער הגדה.

— יענטע, בויג זיך אויך אריין, יענטע, — זאגט ער צו איהר — רוק זיך א ביסעל צו.

זי האט זיך צוגערוקט צו איהם.

— איצט ווילען מיר, יענטע, ביידע אויפהויבען דעם טעלער. יענטע האט אויסגעשטרעקט איהר האנד, זי איז רויט געווארען — און קלעהרט ביי זיך: „ווי קום איך צו דעם?"

— א קשיא, ווער וועט פרעגען די פיער קשיות, זאגט ער צו איהר.

יענטע שווייגט.

— אבער היינט א יאהר, גיט מאטע א ווינק צו איהר, און נעהמט זי אן ביי דער האנד. אהא יענטע — ער ווינקט צו איהר און לאכט.

— א חורבן נאך דיין פנים, ווי דו ריכטסט אב דעם סדר — זאגט צו איהם יענטע.

— האסט דו א זארג — זאגט ער צו איהר, — האסט א געשעפט מיט דעם. מצות איז דא, קניידלאך אויך, אריין מיט דער גדולה.

— און די הגדה?

— מען זאגט דאך דאס שפעטער, נאכ'ן עסען. ווייסט דען ניט?

יענטע שטעהט א ווייל קלעהריענדיג, וואס מען טהוט: צי דער־לאנגען דאס עסען אדער ניין. זי צווייפעלט, זי זאל פאלגען דעם מאן אדער ניט.

— נו, וואס שטעהסטו? — גיט אויף איהר מאטע א געשריי.

יענטע האט איהם געפאלגט און זיי זיצען ביידע און עסען.

— און איצט — זאגט מאטע — ווארט נאר, ווארט נאר, כוסות דען טרינקט מען די כוסות?

— וואס פרעגסטו מיך — רופט זיך יענטע אן דערשראקען.

מאטע גיסט אן צוויי כוסות.

— טרינק, יענטע, — זאגט ער, — טרינק, אזא יאהר אויף מיר זי א ווייבעל דו ביזט.

ער נעהמט זי ארום.

— די הגדה, די הגדה, — שרייט יענטע.

— אט שוין, אט שוין — זאגט מאמע — ווארט, זאג איך. „עבדים היינו". און מאמע הויבט אן צו זאגן. ער בענטשט, ער הויבט אן צו דרעמלען. יענטע גיט איהם א רים — מאמע גיט א קוק אויף איהר און זאגט ווייטער.

ער גיסט ווידער אן א כוס און זאגט:

— טרינק, יענטע, טרינק.

— און אפיקומן? — רופט יענטע.

— אפיקומן, אפיקומן — ברומט מאטע — ווארט נאר, יענטע, היינט א יאהר, ווארט וו! וועט מען איהם א נאמען געבען, איין נאמען זאל זיין נאך מיין טאטען, איין נאמען נאך דיין מאמען. יא, יענטע, יא. — ער נעהמט זי ארום און זאגט ווייטער: יענטע, ער וועט אוועק-געבען דעם אפיקומן, כא, כא, כא, הערסטו, יענטע?

ער קושט זי.

— אבער דער סדר, א חורבן. א איד זאל אזוי דעם סדר אבריכטען, ביישערט זיך ליעבליך יענטע.

מאטע זאגט ווייטער די הגדה, טרינקט נאך א כוס און הויבט אן צו דרעמלען. יענטע וועקט איהם יעדעס מאל אויף — דער קאפ זיינער פאלט ווידער אראב. זי הויבט אויך אן צו דרעמלען.

צו דער צווייטער סדר-נאכט האט יענטע שוין נישט געלאזט — זי אליין האט אריינגעבראכט דעם שאכאמשאוועך בחור, געגעבען איהם צו עסען, ער זאל דעם סדר אבריכטען.

אבער מאטע האט דערפון פערדרוס געהאט.

---

# אונזער חברה'לע.

מיר זיינען אריטע חברה-ליים, מיר ווילען זיך נישט שעמען, וואסער-טרעגער פשוט'ע, אונזער חברה'לע איז ארים, און אונזער ספר-תורה'לע איז ארים. נישט געפוצט, נישט געשמוקט, א פשוט'ע.

א גאנצע וואך זענען מיר דאך פערנומען. ארבייטס-מענשען... צרות איבער'ן קאפ. אבער שבת, זעהט איהר, דארט אין די חברה... אונזער חברה'לע, אונזער ספר-תורה.

גאָט'ס אַ פאָלק, נישט קיין רייכ'ס, אָבער ווי ווייט מ'קען, טהוט מען דאָך איהם צוליעב.

ר' טוביה דער צווייטער שוחט, אַ שעהנער איד, וואָס נייז? — אונזער חזן. ר' גבריאל מלמד — אונזער רבי. צעהן גילדען אַ חודש און יעדען שבת נאָכ'ן דאַווענען — מיר זיינען הונגעריג — דאָך שטעהען מיר, און מיר הערען אויס, וואָס דער רבי לערנט מיט אונז.

אונזער'ס אַ חברה־מאַן. פיהלט זיך גוט אין דער חברה. אין שטאָדט־זאַכען, אַ חזן אויפצונעהמען, למשל, אָדער אַ שוחט, וועט מען דאָך אַ גאַש־בראַט קיין דעה נישט פרעגען. קיין עטוואָס צעהלט ער נישט און קיין דעה האָט ער נישט; כאָטש די שוהל קעהר זיך מיט אונז אַן פונקט אַזוי ווי מיט זיי; אונזערע טאַטעס האָבען פונקט אַזוי די צונגעל גע־בראָכט ווי זייערע טאַטעס. און אַ ווייב און קינד האָבען מיר אויך. און אויף אַ שטיקעל פרנסה דאַרף אַ גאַש־בראַט אויך בעטען, וואָס נייז? איז דאָך גאָט פונקט אונזערער ווי זייערער... נור געה שריי חי וקים, אַז דו האָסט קיין געלד נישט, פאַר דעם האָבען מיר אונזער שוהל'כל, אונזער ספר־תורה'לע און אונזער חזן.

יעדער חברה־מאַן צאָהלט צעהן גראָשען אַ וואָך, געלד איז דאָ, און קיין פרעמדע בעל־דעות דאַרפען מיר נישט.

און אונזער איינער איז זיך דאָרט פאַר זיין געלד אַ שעהנער בעל־הבית. אין גאַס, למשל, אונזער'ס איינער, וואָס איז מישטיינס־געזאַגט? שלעפ זעק מעהל און ווייטער פטור, איינער רייסט דעם צווייטען אָב דעם נאַז ביי אַ זעקעל מעהל, וואָס קען מען מאַכען? פרנסה, ברודער! אין דער היים איז אודאי צרות; דער קעלער קאַלט און ווילגאָטש. די קינדער: איינס וויינט ברויט, דאָס צווייטע איז קראַנק, און די אי־דענע, גאָט איינער, די אידענע! אָבער פאַר דעם, אַז עס קומט שבת, יום־טוב, טוט זיך אַ גאַש־בראַט די קאַפאָטע אָן, שמירט די שטיוועל מיט אויל אויס און האַלאַ אין דער חברה.

פיער לאַנגע טישען, דריי לייכטער אויף דעם טיש, איך זאָל אַזוי לעבען. און מיט'ן חברה האָסטו דיר איין „אַלמעמער“, זאָג איך דיר אַ גייעם, אַ צאַצקע. אליעזר דער סמאָלאַר האָט איהם געמאַכט, 5 קאַרבאָנעס קאָסט ער, הלעבען. מאַקע דאָס ארון קודש'ל הינקט אַביסעל צו, מילא, וואָס קען מען מאַכען, ברודער, אַז גאָט גיט אונז, גיט מען איהם... וועט מען זיך אם ירצה השם פאַר'ן „אַלמעמער“ אויסצאָהלען.

זעם מען אַן ארון־קודש'ל שטעלען, אָבער דאָס ספר־תורה'לע האָט מען עץ־החיים געקויפט, און אַ נײַ העמדעל, אויף יום־טוב האָט מען די זילבערנע יד אויסגעליזט, וואָס זי איז געווען פון גרויסען אומגליק אַן פער'ישב'ט ביים אַפּרים קינדער־האָבען. און דער גאַסטיניגער בחור האָט אונז אַ „מזרח'ל" אויסגעמאָהלט, אין בית־המדרש צו שטעלען. וואָס מען קאָן — מאַכען מיר.

און די גבאים, ביי אונז איז נישטאָ קיין מחלוקות, כאָטש אָרימע „וויסאָבניקעס" — דאָך פאַריאַדעק איז. אין דער חברה „תמימי דרך" — פּריצים זיינען אַלע, ווילען זיי גבאים ווערען. מיר, האָבען זיך אונ־זער קלפּי, און יעדען סוכות, אסרו־חג אויף דער נאַכט, קומט מען זיך צוזאַמען אין חברה, דער רבי שרייבט אויס קוויטלאַך, יעדען חברה־מאַן'ס נאָמען, מעג ער זיין ווער ער איז, יעדענס. די קוויטלאַך לעגט מען אין אַ קאַפּיל אַריין, און אין אַ צווייט קאַפּיל לעגט מען ווייטער לעדיגע קוויטלאַך אַריין, מיט דריי אויפגעשריבענע: מז"ט „גבאי ראשון", מז"ט „גבאי שני", מז"ט „גבאי שלישי". און אויף וועמען דער גורל פאַלט, וועמען גאָט בעגליקט, דער זאָל זיך זיין גבאי געזונטערהייט, קיין האַהן וועט נישט קריהען.

און דעם גבאי הערט מען. ווער עס הערט נישט — אויס חברה־מאַן. אויף דער וואַנד העגנט למשל אַ צעטעל: „מען זאָל זיך נישט דערוועגען צו ריהרען צום „ברעטעל", אַז דער גבאי וועט נישט הייסען" און דו שטעה דיר, דאָס האַרץ געהט דיר אויס פאַר אַ מנחה'לע, פאַר אַ קדושה'לע, אָבער אַז דער גבאי הייסט נישט — איז „פערפעל", ברודער, פערפעל! זעהט איהר, למשל, אויף סוכות, דאַרף מען אַן אתרוג'ל. יעדען ערב יום־כפור געהט דער גבאי אַרום און נעהמט צוזאַמען אויף אתרוג־געלד, און יעדער גיט, וויפיעל ער קאָן. און איהר מוזט וויסען, אַז דער עיקר איז אַ שעהנער אתרוג, וואָרום, ברודער, האָסטו אַ שעהנעם אתרוג — איז דיר אַ גאַנץ יאָהר שעהן. איז אָבער נישט... דעמאָלט ברודער... און ווידער, גוטער ברודער, מיט וואָס קענען מיר גאָט דיענען, מיט אַ פּרק משניות, וואָס מיר קענען נישט, אַז נישט מיט אַ שעהנעם אתרוג? און פאַר וואָס נישט? וואָס מען טאָר נישט? אונזער געלד איז אפשר קיין געלד נישט? האַ?

באַלד נאָך יום־כפור געהן מיר מיט אונזער רבי צו ר' חיים דוד דיין אויסקלויבען אַן אתרוג'ל. ר' חיים דוד דיין איז זיך אוודאי אַן עהרלי־

כער איד. — ער האַנדעלט מיט אתרוגים — דאַך, ברידער, יעדער קוקט פאַר זיך, ער בעהאַלט זיך די „ממתקים'לאַך“ פאַר די נגידים. מיר חברה „יגיע כפים“ — אַ', עס שאַט נישט, אָרימע לייט, וועלען מיט אַזאַ אתרוג אויך יוצא זיין.

און דער גבאי בעט איהם:

— ר' חיים דוד, מיר זיינען פראָסטע אידען, מיר פערשטעהען זיך נישט אויף די זאַכען מיר גיבען דיר אַזוי פיעל און אַזוי פיעל און גיב אונז אַן אתרוג'ל, אַזעלכעס, ברודער לעבען, וואָס מיר זאָלען ניט האָבען מיט וואָס זיך צו שעמען.

געהמט מן הסתם, אַזאַ חיים דוד, און גיט אונז אַן אתרוג'ל. מיר גיבען אַ קוק — „נישט קיין סחורה“, עפּעס אַ ביסעל „גרינדלאַך“ און „הויקערט“ צו; ווייזט אונז אַ צווייטען „בחור“ — קיין לייט נישט.

דער גבאי בעט זיך:

— חיים דוד לעבען, קרוין, מיר וועלען דיר בעצאָהלען וויפיעל דו ווילסט, גיב אונז עפּעס רעכטס!

און ער ענטפערט זיך:

— גיט נור אַ קוק! איהר וועט מיט אַזאַ אתרוג אויך יוצא זיין. נישט קשה, נישט קשה.

דער גבאי קומט צו לויפען: קומט ברידער!

און וואָס קלערט איהר? מיר גיבען אַ קום אַריין אַלע פון קליין ביז גרויס צו ר' חיים דוד, מיר גיבען זיך אַ לאָז זוכען! ר' חיים דוד שרייט, שעלט — נור דער קאַסטער הערט איהם, מיר צוואַרפען די קאַסטענס, מען קלייבט אויס, און מען גיט אונזער רבי דורכצוקוקען. וואָס קלערט איהר? דעם בעסטען „העכט“ האָבען מיר געפּאַקט. אויף מיינע נאמנות — דאָס שענסטע, פאַר'ן רב האָט ער געהאַט בעהאַלטען.

מיר האָבען איהם גוט בעצאָהלט, 3 רובל מזומנים, מיר דאַרפען דען חלילה, אַז עס זאָל ווער אונז געבען בחנם?

# חול=המועד.

צווי שטעדטלאך האט גאט בעשאַפען איינס הארט נאהנט נעבען דעם צווייטען, זיינען געקומען די משודדים און האבען פערשטאַנען גאט'ס מיין, און האבען זיי אַ נאמען געגעבען איינס „פּיאַנטעק“, דאס צווייטע — „סאבאטע“.

און די שטעדטלאך זיינען נאר בעשאַפען געוואָרען, כדי איינס זאל זיך קענען מיט דעם צווייטען משדך זיין, כדי פּיאַנטקער אידען זאלען זיין מחותנים פון „סאבאטע“, און די סאבאטער אידען זאלען זיין מחותנים פון „פּיאַנטעק“.

און געמאַכט האט עס דער בורא העולם דירעקט כדי סאבאטער אינגלאך זאלען האבען זיידעס אין „פּיאַנטעק“, און פּיאַנטקער אינגלאך זאלען האבען זיידעס אין „סאבאטע“, און דער עיקר נאר איבער חול=המועד.

גליקליכע טעג זיינען די חול=המועד טעג. קיין יום=טוב איז עס דאך נישט, אט דרעהט מען זיך אין גאַס ארום, מען רויכערט, די צוקערדיגע געוועלבער זיינען אפען, און אין דעוואַבענס איז עס אויך נישט. אלע גיהען האַלב יום=טוב'דיג אנגעטהאן, דאס שטעדטעל דרעהט זיך פוסט און פּאַס ארום; דער שניידער האט אוועקגעוואָרפען די שער, דער שוסטער די נאָל, אזוי ווי גאט וואלט אויפ'ס=ניי דעם מן פון הימעל אנגעהויבען אַראָבצווואַרפען. כ'לעבען, אידען האבען אויפגעהערט קלערען וועגען פּרנסה, מען טהוט גאר נישט, דאס גאַנצע שטעדטעל — ליידיג=געהער, און מען הויבט אן קלערען וועגען שידוכים . . .

נאר דער עיקר האט גאט ברוך הוא בעשאַפען חול המועד פאַר אינגלאך. אוי, דאס איז אַ יום=טוב פאַר אינגלאך, אַ בעצאהלונג פאַר'ן לאַנגען ווינטער, פאַר די לאַנגע פינסטערע נעכט אין חדר.

אין אזא וואכענדיגען יום=טוב טהוען די חדר=אינגלאך פון איין שטעדטעל אין צווייטען צו גאַסט צום זיידען פאָהרען. אַ גאַנצען פינסטערען ווינטער זיצט דער אינגעל אין חדר און פאַנטאַזירט: ווען חול=המועד קומען וועט ער צום פעטער קיין „סאבאטע“, דארט

וועט ער זיך דערקוויקען מיט נייע חברים, און אפשר, ווען ער וועט איבער די צוויי טעג האַרט איבערבלייבען, איז אַ סברה, אַז ער וועט האַרט איבער'ן ווינטער אין בית=המדרש לערנען.

און אַ גאַנץ שווערען ווינטער זיצט דער אינגעל אין חדר, אין דעם ווינטערדיגען וואַטענדיגען קאַפּאַטקעלע, און זאַמעלט די צווייערס, וואָס די מאַמע גיט, און קניפּט זיי איין אין ציצה=כנפות'ל און מאַכט זיך אַ „קעשעל", „די קאַסע" האָט עס געהייסען. דאָ האָט ער... וועט קומען חול=המועד... נו, נו וועט ער שוין וויסען...

און נישט איינמאָל געהט דורך פאַר פייגעלע'ס „שטעל", דאָס עפּעלע, דאָס באַרנעלע ווינקט צו דיר אַראָב פון דער מולטער: קום. אינגעלע, האַרט אין ציצה=כנפות'ל... וועקט דאָס באַרנעלע פון מולטער. און אַט שטעקסט דו שוין אַ האַנד צום קניפּעל אויס... נאָר באַלד קומט דער חול=המועד, דו דערמאַנסט זיך: פאַרהיט מיט נעמ סאַבאַטער קיין „סאַבאַטע" און דו אַנטלויפסט פון דער מולטער, וואו דער פעפער וואַקסט.

אונטער דער באַנק וואָס איז פאַר'ן הויז איז אַ גריבעל אויסגע=גראָבען. שבת טאָר מען דאָך נישט טראָגען, נעהמט מען פרייטאָג פאַר=נאַכט דאָס קניפּעל און מען בעגראָבט עס אונטער דער באַנק. און דו שטעהסט שבת פאַר דער טהיר, זעהסט ווי מענשען געהען הודר, אַהין און צוריק פאַר דיין קניפּעל און דו וואונדערסט זיך: צו ווייסט מאַקע קיינער נישט, אַז דיין „קניפּעל" איז דאָרט אַריינגעגראָבען?

זייגען חול=המועד=טעג גליקליכע טעג פאַר אינגלאַך, ווי נאָך גליק=ליכער, ווי פרעהליכער זייגען זיי פאַר גוזעלען און גוזעלענטעס.

אויף וואָס צרבייט אַ גוזעלען אַ גאַנצען זמן, אַז נישט אויף דעם נייעם אַנצוג וואָס ער מאַכט זיך אויף פסח?

אויף וואָס צרבייט אַ מיידעל אַ גאַנצען זמן און נעהמט זיך די אויגען אַרויס ביי דער ווינטער=לאָמפּ, אַז נישט אויף דאָס נייע קלייד, וואָס זי מאַכט זיך אויף פסח?

אין אמת'ן נישט אַזוי אויף יום=טוב ווי אויף חול=המועד. אין יום=טוב שפּילט מען אין נים ביי אַ שכנ'טע. אַדער מען פערוויילט זיך אַזוי אַבּיסעל אונטער דער שטאָדט, וואו מען כאַפּט אַ טענצעל אויפ'ן סאַבאַטער שאָסע... נאָר די נייע קליידעלאַך און די נייע אַנצוגען זעגען געמאַכט אויף חול=המועד.

און נישט אַזוי פאַר דער איינציגער שטאָדט, ווי פאַר דער צווייטער שטאָדט.

גאָלד, וואָס מען גראָבט עס, האָט עס נישט קיין ווערטה; אַ יונגער געזעלען אין זיין שטעדטעל, אַ יונג מיידעל אין איהר שטעדטעל האָט קיין ווערטה נישט — ניט ווייס מען ערגיץ ווי אַבצושאַצען אין צווייטען שטעדטעל.

און קומט אַזאַ חול־המועד, בעהמט זיך אַ יונגער געזעלען זיין חול־המועד־שטעקען אין האַנד אַריין, בעהמט זיך אַ יונגע מיידעל איהר שירם אין דער האַנד אַריין, און די נייע קליידער, און די נייע אָנצוגען. און היינדאַ אין דער צווייטער שטאָדט אַריין.

אַזעלכע יונגע לייטלאַך הייסען: „חול־המועד'ניקעס“, אַזעלכע יונגע מיידלאַך הייסען „חול־המועד'ניצעס“.

און „סאַבאָטע“ איז אין „פּיאַנטעק“, און „פּיאַנטעק“ איז אין „סאַבאָטע“.

איין פערדעל, איין בעל־עגלה איז דאָ און די צוויי שטעדטלאַך: איין האַלבען טאָג איז דאָס פערדעל אין „סאַבאָטע“, איין האַלבען טאָג אין „פּיאַנטעק“... דאָס פערדעל פיהרט אויף זיך די סאַבאָטער קיין „פּיאַנטעק“, און די פּיאַנטעקער קיין „סאַבאָטע“... נאָר אַ גאַנץ יאָהר געהען די סאַבאָטער קיין „פּיאַנטעק“ צום פוס, און דאָס פערדעל מיט'ן בעל־עגלה זיינען געמאַכט געוואָרען, ווייל אין אַ שטעדטעל מוז אַ בעל־עגלה זיין, מוז אַ וועגעלע זיין און אַ פערדעל איבערצופיהרען, אַזוי ווי עס מוז אַ שטאָדט'ס משוגע'נער, אַ שטאָדט'ס גנב, אַ שטאָדט'ס מסור זיין: אַז עס קומט חול־המועד, איז אַ מצוה צו פאָהרען. — צו פאָהרען צו גאַסט... קומען צו געהן די יונגע געזעלען מיט די שטעקעלאַך, קומען צו געהן די מיידלאַך מיט די שירמלאַך, קומען צו געהן די חדר־איינגלאַך און אַלע מיט אייער (חול־המועד דיהרט מען זיך נישט אָהן אייער). און אַ גאַנץ „פּיאַנטעק“ וויל אַרויף אויף דער פוהר, און איבער אויף דעם צווייטען'ס קאָפּ, און די אייער צוריבען זיך און צוגיסען זיך איבער די נייע קליידער, איבער די נייע אָנצוגען, ווערט דאָרט אַ לעבען! — און ר' אהרן פיהרט דאָס פערד ביים צוים...

און גאָט האָט געמאַכט אויסטריקענען די בלאָטע, וואָס איז אַ גאַנץ יאָהר אויף דעם וועג צווישען די ביידע קליינע שטעדטלאַך, און עס איז שביה שבעות, און ער האָט געמאַכט שיינען די חול־המועד־זון

אויפ'ן הימעל, און די פעלדער וואס פערשפרייטען זיך איבער ליידיגע ווייטען וועג זייטען פריש. ערשט אראבגעווארפען פון זיך דעם ווינטער=יאך, דאס ווינטערדיגע וואטען=קאפאטקעלע... און פריש איז די ערד, ווי א פרישער געזונטער בחור, וואס ווארט אויף דער כלה. און איהר פערשלאפענער פריהלינג רייסט זיך ארויס פון דער ערד און טראגט זיך אין לופט און ערוועקט יעדעס הארץ און גרייט עס אן צום זומער. און די זון בעגריסט אלץ מיט ליכט און מאכט עס יום=טוב'דיג. און צווי יונגע מענשען, א יונגער שניידער=געזעלען מיט א חול=המועד=שטעקען, און א יונגע שניידערין מיט א חול=המועד=שירמעל פיהלען עפעס אין הארצען, און איינער גיט א ווינק צום צווייטען. און אזוי ווי מען זיצט אויפ'ן וואגען צוזאמענגעקוועטשט, דריקט מען זיך הינטען ביי די הענד, און די הערצער פיהלען עפוואס...

און דער וועג איז א חול=המועד=וועג. ווארים אין אמת'ן איז גוד פון איין שטאדט ארויס, אין דער צווייטער שטאדט אריין; כאפט מען זיך ארויף אויף דער פוהר כדי מען זאל זעהן, אז מען פאהרט אויף חול=המועד, און אז מען קומט אויף חול=המועד. אבער אזוי ווי מען קומט נור הינטער דער שטאדט ארונטער, כאפט מען זיך פון וואגען אראב, און מען געהט אויפ'ן וועג נאך דער פוהר, לוסטיג און פרעהליך, און מען זינגט לידער... יונגע שניידער=געזעלען כאפען זיך צו צו די יונגע שניידער=מיידלאך... און מען כאפט א וואונק אויפ'ן וועג... און זיי בעגלייטען נאך א חברה חדר=אינגלאך, אנגעזאמעלטע מיט מצה און איינגעריכטע פנים'ער מיט אייער...

אין מיטען, וואו די וועג צושיידעט זיך, שטעהט א הייזעל. דארט וואהנט א איד א מילכיגער (א חלבן); דארט שטייגט מען אב. דער בעל=עגלה פיהרט זיין פערדעל אנצוטרינקען צו דעם ברונען. און די חול=המועד'ניקעס געהען אריין צו ר' אברהם מילכיגער נאך אייער — עס איז פערפאלען, אברהם מילכיגער מוז געבען אייער (אזוי איז שוין דער מנהג פון קדמונים אן. אזוי האט זיך זיין פאטער, זיין זיידע, און זיין עלטער=זיידע געפיהרט)...

פון „פיאנטעק" דערווייל קומט אן א צווייטע פוהר (אויף חול=המועד איז דא א בעזונדערער פוהרמאן אין „פיאנטעק", וואס פיהרט אב די חול=המועד'ניקעס קיין „סאבאטע". ווארים דער סאבאטער מוז דאך זיינע חול=המועד'ניקעס אבפיהרען קיין „פיאנטעק"). בעידע

פֿרהרען שטעלען זיך אב פֿאר ר' אברהם מילכיגער'ס טהיר, און דארט טרעפֿען זיך און קושען זיך צוויי ק"קים במדינת פּוילען...

די חול=המועד'ניקעס קריכען אראב פֿון די וועגען און טהיילען זיך איין אין צוויי מחנות: אויף איין זייט „פּיאנטעק" מיט איהר פֿערד און וואגען, אויף דער צווייטער זייט „סאבאטע" מיט איהר פֿערד און וואגען. און איין שטארט קוקט דער צווייטער אריבער. אין איין האָ=רייזאנט ליגען דאך די צוויי שטעדטלאך, אבער ווי ווייט זיינען זיי אבגעשיידט איינער פֿון צווייטען. עפּעס די חול=המועד=שטעקלאך זיי=נען אנדערש — דא זיינען פּיאנטעקדיגע שטעקלאך, דארטען האלטען זיי סאבאטעדיגע שטעקלאך. און די היטעלאך מיט די דאַשעקלאך זיינען גאר אנדערע: די פּיאנטעקער גיט קליינע דעקעלאך, דארט — סאבאטער מיט ברייטע דעקעלאך... און די קליידלאך! סאבאטער קליידלאך מיט קנעפּלאך פֿון הינטען און פּיאנטעקדיגע קליידלאך מיט הארץ=והעמטעלאך פֿון אויבען...

צוויי שטעדטלאך — „סאבאטע" און „פּיאנטעק".

---

# שמחת תורה אין דער קצב'ישער חברה.

דער עולם האט זיך נאך מיטאג שמיני=עצרת אין דער קצב'ישער חברה צוזאמענגעקליבען. מיט מגחה האט מען ר' ברוך פֿישער מכבד געווען; און ר' ברוך, דעם טלית אויף איין אקסעל פֿערלעגט און אוים'ן קאפּ א קאפּעלושעל מיט ווייסע שלייפֿערלאך און ווייסע פֿע=דערלאך אריינגעשטאכען, שטעהט פֿאר'ן עמוד און זינגט די יום=טוב'=דיגע שמונה=עשרה. אונטער זיינע פֿיס איז אוועקגעשטעלט א באַנק, כדי ר' ברוך זאל אומפֿאלען ווען ער וועט די שמונה=עשרה אויסגעהן. מען איז עפּעס דורך די „ימים=נוראים=צייט" מיט גאט גאהנטע מחו=תנים געווארען. — „אויף דיר"...

ר' ברוך האט שוין שמונה=עשרה אבגעזאגט, דער עולם איז ארויס מיט א פֿרעהליכען קדיש, אזוי ווי דאס מאל וואלטען די געשטארבענע מוחל געווען, אז מען זאל פֿאר זיי בעטען... און ר' ברוך איז שוין אומגעפֿאלען, ווי מען האט געווארט, מען האט איהם מיט געזאנג

אויפגעהויבען און מיט גרויס פאראר געפיהרט צום טיש, אנידערגע=זעצט איהם אויבען=אן, ביים „רבי'ן“ און מכבד געווען מיט צוויי שמי=קער לעקיך.

דער עולם איז געזעסען ארום ביי די טישען. און די גבאים האבען דערלאנגט.

און לעקיך האט מען געטהיילט אומגעוואויגען. און בראנפען האט מען געגאסען אומגעמאסטען.

ביי דער טהיר זיינען געזעסען זעקס בחורים'לאך אויף איין זייט, זעקס בחורים'לאך אויף דעם צווייטען זייט: בעהעלטער פון הדרים, אתרוג=ארומטראגערס, הושענה=מאכערס, לולב=בינדערס. די צוועלף בחורים'לאך האבען געדיענט אלס מוזיק אויפצונעהמען יעדען חברה=מאן, וואס קומט אריין, מיט א פרעהליכען „ברוך הבא“ און אבצוזא=לען א „גוט יום=טוב“ ביי א טרונק בראנפען.

דער עולם האט נור ביער געטרונקען, דעם לעקיך האט יעדער פא=טער צוטהיילט די קינדער, וואס זיינען מיט אין דער חברה געווען, און די עפעל, און די ניס האט מען בעהאלטען פאר די ווייבער אין די קע=שענעס.

די גבאים, אנגעטהאן אין ברייטע פארטיכער, האבען דערלאנגט, דער עולם האט געטרונקען. דער חברה=חזן מיט די משוררים האבען א פרעהליכען נגון געזונגען, און דאס איגגעל, דאס קונסטשטיקל, האט אין חעם נגון א טרויעריגען „ונתנה=תוקף'דיגען“ טאן אריינגעכאפט. און דער באס האט א בעמעלע געגעבען: אוי,—אוי,—אוי,—און דער עולם האט מיטגעהאלפען: אוי,—אוי,—אוי,—האט עס אויסגעזעהן עפעס, ווי א פרעהליכער יום=כפור.

און וואס אמאל האט זיך דער „אוי=אוי“ אלץ מעהר פערגרעסערט, אלץ שטארקער געהילכט. און האט א איד א בליק אין פענסטער גע=ווארפען און די פערלאפענע שויבען געזעהן, האט ער מיטגעברומט: אוי=אוי, אוי=אוי, דער ווינטער קומט. דער ווינטער קומט!

א צווייטער איד האט מיטגעזונגען: „דער אויווען איז צובראָ=כען“, און א דריטער איד האט מיטגעזונגען: „און דער פעלץ איז אויסגעקראכען“. און דער איבעריגער עולם האט א ברום געגעבען: „און קיין געלד איז נישטא“ —

— „אוי=אוי, אוי=אוי“.

און אַזוי האָט דער עולם אונטערגעהאַלפּן, ביז עס איז טרויעריג פרעהליך געוואָרען. און ר' ברוך פישער האָט דער ערשטער זיך פון אָרט אויפגעהויבען און האָט זיך אַלאַז געטהאָן טאַנצען.

— שישו ושמחו בשמחת תורה!... היידאַ, עולם! היידאַ! היידאַ!

— צוויי גילדען אַ פונט פישלאַך — האָט אונטערגעבראָכען זינגענדיג אַנטשיל קצב און איז צו צו ר' ברוך'ן און איהם אַנגענומען פאַר'ן לאַטין.

— פערציג גראָשען אַ פונט פלייש — האָט ר' ברוך געזונגען האַלטענדיג ר' אַנטשלען פאַר דער האַנד, און דער עולם איז אַרוים מיט אַ הילך:

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

באַלד האָט זיך דער עולם איינגעשטילט. דער רבי פון דער חברה האָט דעם גרויסען מדרש אין האַנד גענומען, פון וועלכען ער פלעגט יעדען שבת לערנען, אויפגעעפענט עס און אנגעהויבען:

— נו, רבותי!

— רבי, אַ שטיקעל, אַ פרעהליכעס.

— אַ יום־טוב'דיגעס, רבי, — האָט דער עולם געזאָגט.

— זיי ווילען אַן אגדתא, רבי, נישט קיין „הלכה“, — האָט ר' מרדכי קצב זיין בקיאות פאַר'ן עולם אַרויסגעוויזען.

דער רבי האָט אַ שמעק טאַבאַק געגאָסען און אנגעהויבען זאָגען:

— מיר וועלען מקיים זיין אין מדרש.

— אַז עס איז געקומען די צייט, ווען משה רבינו זאָל נפטר ווערען, האָט ער ביי גאָט געבעטען: „רבונו של עולם. פערציג טעג. פערציג נאַכט בין איך ביי דיר געווען, בעט איך דיך, זאָלסט מיך נישט איבערגעבען דעם מלאך המות“...

— רבי, אַ פרעהליכעס — שרייט דער עולם.

— ניין, רבי, טאַקע דאָס, — שרייט ר' ברוך און טרעהרען באַווייזען זיך איהם אין די אויגען, — אָט אַזוי ווייטער.

דער רבי זאָגט ווייטער:

— דעמאָלט האָט זיך משה געהייליגט ווי אַ מלאך, און גאָט אַליין האָט אַראָבגעניִדערט צו איהם, צוצונעהמען זיין נשמה, און דריי מלאכים זיינען מיט הקדוש ברוך הוא: מיכאל, גבריאל און זנזגאל.

— אַ רוח זאָל... אַט... — כליפּעט ר׳ ברוך און קלאַפּט אין טיש אַריין. — ביער! גבאים, וואָס שלאָפט איהר? אונזער משה רבינו געבער. אונזערער.

און טרעהרען בעווייזען זיך איהם אין די אויגען.

— אונזער הייליגער משה רבינו, — און ר׳ ברוך פישער איז צו צום ארון, אויפגעעפענט דאָס פּרוכת, און ער האָט דער חברה׳ס ספר=תורה אַרויסגענומען. אנגעקליידעט איז עס געווען מיט דעם בייעט ווייס=אַטלאַסען מאַנטעלע. און פון זילבער אַ מגן=דוד אויסגענייהט. און ר׳ ברוך האָט מיט דער ספר=תורה אַ טענצעל אַרום „שלחן" געמאַכט.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו...

און ער האָט געוואַרט ביז דער עולם וועט איהם אונטערהעלפען...

און דער עולם איז אַרויס פון טיש.

— גוט יום=טוב! גוט יום=טוב!

— אין שוהל אַריין, אין שוהל אַריין! — און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין שוהל.

צו ערשט זיינען געגאַנגען די בחורים מיט אַ פריעהליכען נגון. דערנאָך די קינדער מיט די ברענענדיגע פאַהנעס. און ר׳ ברוך פישער איז הויזען מיט אַ שפּענצער. מיט דעם קאַפּעלושעל. מיט די ווייסע פעדערן אויפ׳ן קאָפּ. ער האַלט אין האַנד דאָס ספר=תורה און טאַנצט דערמיט אין גאַס, און זינגט הויך אויפ׳ן קול:

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו!

און דער עולם מיט׳ן „רבי" געהען נאָך ר׳ ברוך׳ן. און דערנאָך געהען די ווייבער פון די חברה=לייט, יום=טוב׳דיג געקליידעט. פון פאָרנט שפּרינגע, ר׳ ברוך פישער׳ס ווייב, פיהרט דעם פאָראַד.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טונקלען. און פאַר יעדן פענסטער האָבען ליכטלאָך געפינקעלט. און ווייבער, און מיידלאָך זיינען מיט לייכטער און לאָמפּען פאַר דער טהיר אַרויס צו מאַכען אַן איללומינאַציע פאַר דער הייליגער תורה.

און ווייבער מיט ברענענדיגע ליכט זיינען דער הייליגער תורה נאָכגעפאָלגען.

און טונקעל ווערט. די הערבסט=נאַכט פאַלט שווער איבער דער שטעדטעל צו, און אידען געהען דאָרט... וויט... עס פינקלען נאָך

די ליכטלאַך. און עס הערט זיך נאָך פון דערווייטענס ר' ברוך פישער'ס קול.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו... אונזער משה רבינו...

---

די אידען האבען געכאַפּט גאַט אין קרענצעל אַריין, און געמאַכט מחילה, מיט איהם אַ טענצעל. דאס ארון קודש איז אָפען און אַ ליכט ברענט זיך דאָרט, די קינדער האַלטען פאָהנעס אין די הענד. אויף די שטעקלאַך פון די פאָהנעס זיינען רויטע עפּעלאַך און אין זיי זיינען אַריינגעשטעקט ברענענדיגע ליכטלאַך. די קינדער שטעהען אויף די בענק און שרייען: „גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!“ אויסגעמישט איז דער עולם; נישטאָ היינט קיין אונטערשיעד, היינט זיינען אַלע גלייך. סיי רייך, סיי אָרים — אַלע זיינען „מורנו'ס“. יעקל וואַסערטרעגער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויבען־אָן, אויף מתתיהו גאָלדמאַן'ס שטעל, באַלד ביים רב, אין דער מזרח־וואַנד, און ר' יעקל וואַסערטרעגער רייבט זיך צו צום קרענצעל נגידים, וואָס שטעהען ביים רב, און ר' יעקל וואַסערטרעגער גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ און זאָגט הויך: „גוט יום־טוב, רבי“ און שאָקעלט זיך פרום.

די חברה־לייט קומען זיך צוזאַמען אין שוהל אַריין, יעדער פאָלק מיט זיין שטאַב און זיינע פאָלקאָווניקעס. יעדע חברה מיט איהר הייליגע ספר־תורה, פאָראויס, און מיט איהרע גבאים, מיט לעקיך און בראַנפען, מיט איהרע חברה־לייט, חברה־ווייבער און חברה־קינדער. יעדע חברה קלייבט אויס איהר דעלעגירטען און שיקט איהם מיט דער ספר־תורה אַרויף אויף בעלעמער. און דאָ, אויפ'ן בעלעמער קען מען איהר דערקענען יעדע חברה מיט איהרע סימנים. אָט זעהט איהר אונזער בעקאַנטען ר' ברוך פישער (דעלעגירט פון דער חברה קצבים). אָט שטעהט ער מיט דעם קאַפּעלושעל אויפ'ן קאָפּ, אין די הויזען מיט'ן שפּענצער, און האַלט דער חברה'ס ספר־תורה און די חברה־לייט קוקען אויף ברוך'ן און קוועלען פאַר נחת. נעבען איהם שטעהט דער דעלעגירטער פון דער חברה „פועלי צדק“. (שניידערס און שוסטערס).

ר' געצעל, דער טאג=חזן פון בית המדרש, וואס זיין רעדען איז עמעג=
דיג מיט דעם נגון פון „וישתבח". די חברה „פועלי צדק" האבען זיך
געלאזט בעגוגען דערמיט, וואס זייער דעלעגירטער, ר' געצעל, טראגט
א פערקעהרטע קאפאטע מיט א פערקעהרטער הוט. און דאס ספר=
תורה פון דער הברה „פועלי צדק" האט א שעהן סאמעט מאנטעלע
מיט אויסגעהעפטע לייבען. פון דער חברה „תמימי דרך" (בעלי בתים,
סוחרים, ארענטליכע שניידערס) איז דעלעגירט ר' אפרים עקר, א איד,
וואס האט קיין קינדער ניט און וואס האט פאר זיין אייגען געלד א
ספר=תורה געלאזט שרייבען.

דער דעלעגירטער פון דער הברה „תמימי דרך" טראגט א פארטאך
אויפ'ן קאפ. און דאס ספר=תורה — א זילבערנע „עטרה", מיט א זיל=
בערנעם „יד". פון דער חברה „נקי כפים" (טרעגערס און וואסער=
פיהרערס) איז דעלעגירט עפעס א הויכער יונג וואס האט תמיד א
פערבונדענע אויג. אז מען מיינט, דאס ער איז געבארען מיט'ן טיכעל
אויפ'ן אויג, און דאס טיכעל איז אין דער וואכען שמוציג, שבת —
האלב ריין, און יום=טוב קלאהר. ער האלט אין דער האנד דער חברה'ס
ספר=תורה, א נאקעטעס, געבעך, און א קליינס — אז עופ'עלע פשוט,
און טראגט, ווי איהרע בעלי=בתים, א צייגען מאנטעלע און די עטרה
מיט'ן יד זיינען געבעך פעך'ישב'ט.

באלד איז מען מכבד דעם רב פון דער שטאדט מיט דער שטאדט'ס
ספר=תורה, א גרויסעס, מיט א גאלדענער „עטרה" און מיט א גרויסען
גילדענעם יד.

און דער „חזן" מיט די „משוררים" דארט ביים „עמוד" האבען
דעם סיגנאל געגעבען, און ער איז ארויס מיט א געזאנג, דער רב מיט'ן
ספר=תורה פון פאראנט, און נאך איהם ר' אפרים, דער דעלעגירטער פון
דער חברה „תמימי דרך" מיט זיינע חברה=לייט און גבאים און חברה=
ווייבער און חברה=קינדער. דערנאך דער דעלעגירטער פון דער חברה
קצבים, ר' ברוך פישער מיט דער חברה'ס ספר=תורה, און חברה=לייט,
און מיט די גבאים, און מיט חברה=ווייבער, און חברה=קינדער, און דער=
נאך ר' געצעל, דער דעלעגירטער פון דער חברה „פועלי צדק" מיט זיינע
חברה=לייט, און דערנאך דער הויכער יונג מיט דער פערבונדענער
אויג, מיט דער נאקעטער ספר=תורה אין האנד.

און דער אַרומיגער עולם האָט אַוועג געמאַכט פאַר דעם עולם מיט דעם „עוזר דלים“.

---

פינסטער איז שוין געווען. און גאַס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער האַרבסט=ווינד. פון הימעל האָבען די שווערן קאַלטע טראָפּ=נשיינט. דאַכט זיך, זיי שריען עפּעס...

# דער אידישער קאזאק

(א שמחת־תורה בילד)

דער איד, וואס האט זיך פערדינט דעם נאמען „דער אידישער קאזאק“, איז דוקא געווען א קליינטשינקער, א נידעריגער, אונטערגעהויקט א ביסעל. האט געטראגען אויף זיינע באקען צוויי רויטע פלאמען, וואס מען האט זיי גערופען סוכאטע רויזען. א גאנץ יאהר איז ער געווען א שטילינקער, אויסגעמידען א גוי און, להבדיל, א הונד פון „מיקלען“ וועגט. געזעהען זיי פון אויז זייט געטיל, איז ער געגאנגען אויף דער צווייטער זייט. און אפילו צווישען אידען איז ער אויך געווען א שטילינקער, שטענדיג א שוויגענדער.

גערופען האט מען איהם מיט זיין אידישען נאמען שמחה אהרן דער „אוידעם“. ווארים זיין פרנסה איז בעשטאנען פון דעם. וואס ער איז געווען אן „איידעם“. אליין ארויסגעקומען פון א שטיקעל יחוס, האט איהם, דער שווער, דער קצב, וואס האט איהם גענומען פאר יחוס, צוגעזאגט אייביגע קעסט. א פאר יאהר נאך דער חתונה, אז דער יונגער מאן האט געהאט א פאר קינדערליך, האט איהם דער שווער באנקראטירט דעם קעסט. און ניט געגעבען דעם גאנצען נדן וואס ער האט איהם צוגעזאגט. האט ער געהאט שטענדיגע פרעטענזיעס צום שווער.

דער שווער איז שוין געווארען אן אלטער מאן, און דער איידעם האט שוין אליין געהאט איידעמס, וואס ער האט זיי צוגעזאגט נדן'ס און אויך נישט געהאלטען דעם צוזאג. דאך האט ער אלץ ניט געקענט מוחל זיין זיין שווער. — עד פלעגט מיט איהם א גאנץ יאהר ברוגז זיין.

אַלע ערב יום כּפּור איז ער אַריינגעקומען צום שווער מחילה בעטען און דער שווער האט איהם געבענטשט אינאיינעם מיט אַלע זיינע קינדער, און געמיינט שוין, אַז ער האט זיך שוין איבערגעבעטען מיט איהם. איז אבער געקומען די ערשטע נאַכט סוכּות, האט דער איידעם ניט געוואָלט אַריינגעהן אין סוכּה אַריין, ווען דער שווער איז דעריגען, כּדי ער זאָל איהם ניט דאַרפען זאָגען „גוט יום-טוב“. און האט געוואַרט ביז דער שווער איז אַרוים פון סוכּה. — האט מען געוואוסט, אַז דער „איידעם“ איז ווייטער ברוגז, און אַזוי איז געווען כּסדר אַלע יאָהרען.

נאָר די גרויסע מחלוקה האט זיך אנגעהויבען הושענה רבה איבער דעם, וועלכע שנור זאָל היי-יאָהר אפּבייסען דעם „פּיטום“ פונ'ם משפּחה-אתרוג. דער שווער האט געקויפט אַן אתרוג פאַר דער גאַנצער משפּחה, פאַר די זיהן מיט די איידעמס, און נאָכ'ן דאַוונען פלעגען איהם די אייניקלעך אין די זילבערנע פושקע אַרומטראָגען פון איין מוהמע צו די אַנדערע צו בענשען אתרוג.

הושענה רבה נאָכ'ן דאַוונען האט זיך אנגעהויבען אַ קאָנקורענציע, וועלכע מוהמע עס זאָל היי-יאָהר אפּבייסען דעם „פּיטום“ פון אתרוג, וואס עס איז אַ סגולה פאַר טראָגעדיגע, וואָרים געטראָגען האָבען זיי אַלע. נאָר יעדעם יאָהר האט דער „איידעם“ אַזוי געמאַכט, אַז זיין ווייב זאָל אפּבייסען דעם „פּיטום“. נאָכ'ן דאַוונען האט ער דעם אתרוג שוין ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנד, אַהיים געטראָגען און געגנוויט זיין אידענע, צי זי טראָגט יאָ, צי נישט, אַז זי זאָל אפּבייסען דעם „פּיטום“, ווייל ער האט ניט פערגונען די אַנדערע. האט זיך אנגעהויבען די גרויסע מחלוקה צווישען דעם „איידעם“ מיט'ן שווער מיט אַלע זיהן און טעכטער, און זי האט אנגעהאַלטען ביז איבער-אַ-יאָהר ערב יום-כּפּור.

פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ איד, וואס האט סוכאַטע און וואס מיידט אוים אַ גוי און אַ הונד, להבדיל, און זיין פרנסה איז אַ „איידעם“, איז דאָך ניט זעהר מסוגל צו טראָגען דעם נאָמען קאַזאַק. דאָך האט ער דעם נאָמען זיך כּשר פערדינט, ניט דוקא פון אידען, נור אפילו אויך פון גוים און דער גוי, וואס האט איהם בעעהרט מיט דעם טיטעל האט ריכטיג אבגעשאַצט זיינע גבורות בעפאָר ער האט עס איהם געגעבען.

דעם נאמען האט זיך שמחה אהרן דער „איידעם" פערדינט צו־ליעב שמחת תורה.

יעדען שמחת תורה האט זיך שמחה אהרן אנגע'שכור'ט, נור ניט חלילה מיט בראנפען. נאר מיט א שטיקעל מדרש ועגען משה רבינו'ס טויט. וואס דער רבי האט געלערנט יעדען שמחת תורה אין דער פריה מיט'ן עולם פון דער חברה דריי „פ'ען".

דער „איידעם", כאטש אליין א שטיקעל חסיד און איז געפאהרען אמאל קיין גער אויף צום רבי'ן, האט אבער געדאווענט אויס חזקה מיט'ן שוסטער אין דער חברה — וואו עס האבען געדאווענט קצבים, פישער און בעלי עגלות. דער „רבי", אן אלטער דיין, האט יעדען שבת פאר'ן עולם, נאכ'ן דאווענען, פערטייטשט א שטיקעל מדרש, און שמחת תורה האט ער זיי פערטייטשט דעם מדרש פון משה רבינו'ס טויט. דער עולם איז געזעסען א איינגענומענער און האט אויסגע־הערט מיט הארץ־קלאפען ועגען משה רבינו'ס טויט. אז עס איז גע־קומען די צייט, אז משה רבינו זאל שטארבען, האט זיי דער רבי דער־צעהלט פון מדרש, אזוי האט גאט געשיקט גבריאל המלאך, אז ער זאל געהן נעהמען משה רבינו'ס נשמה, און גבריאל המלאך האט אבגע־ענטפערט דעם רבונו של עולם: „איך קען ניט". אזוי האט גאט גע־שיקט סמאל דעם שטן מיט א פייערדיגע שווערד: „געה, דו נעהם צו משה רבינו'ס נשמה!" אזוי איז געגאנגען דער שטן און האט זיך געשטעלט פאר משה רבינו. האט משה געגעבען א קוק אויף'ן שטן און געזאגט: „דו קומסט צו נעהמען מיין נשמה?" ווייסטו דען ניט ווער איך בין? איך בין אזעלכער און אזעלכער. סמאל, געה ארויס פון מיר!" און ער האט געכאפט דעם שטעקען, מיט וועל־כען ער האט געשפאלטען דעם ים, און פערטריבען דעם שטן פון זיך.

— אודאי אזוי, ער נעהמט זיך אונטערשטעלען צוצונעהמען משה רבינו'ס נשמה! — האט א איד, א פישער, געזאגט און צוויי שווערע טראפען האבען איהם געגעבען א קאפע ארויס פון די אלטע אויגען.

נור ווי עס איז געקומען, אז דער רבי האט אנגעהויבען צו שיל־דערען פון מדרש, ווי גאט אליין איז אראבגעקומען פון די הימלען

מיט די מלאכים צו נעהמען משה רבינו'ס נשמה. און ווי די מלאכים האבען איהם געבעט דאס בעט, און נאט האט איהם געזאגט: „לייג דיך אוועק, מאך צו דיינע אויגען, משה; צוזה אוים דיינע פּנים משה. לייג אַרויף דיינע הענד אויף דיין ברוסט, משה“ און משה האט דאס אַלצדינג געטאן, און גאט האט איהם געקושט אויף די ליפּען און האט ביי איהם צוגענומען די נשמה מיט אַ קוש. — און ווי די אידען האבען דאס דערהערט, אַזוי האבען זיי שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען; שווערע אַנגסטען האבען אנגעהויבען אַרויסצושלאַגען אויף די שטערן און שווערע טרעהרען האבען אנגעהויבען צו קאַפּען פון די אויגען. דאַ און דאַרט האבען זיך געהערט קרעכצען פון פרייד און פון לייד; שווערע הענד האבען אנגעהויבען צו קלאַפּען אַז די טישען:

— אונזער משה רבינו!

— אונזער יעקב אבינו!

— אונזער טאַטע אברהם!

אין אַ ווינקעל צווישען עולם איז געזעסען דער „אידעם“, אַ בלייבער, די גאַנצע צייט, ווען דער רבי האט געלערנט פון מדרש. ער האט גאָר ניט געזאגט, ער האט ניט געוויינט. נור פּלוצלונג האט ער זיך געגעבען אַ הויב פון עולם, מיט אימפּעט אבגעשטופּט פון זיך און איז אַרויף אויף אַ באַנק און אנגעהויבען זיך צו דרעהען אויף אַ אבסאַס, פערמאַכט די אויגען, און העם קאָפּ און די הענד פאַרריסען צום באַלקען — און האט אנגעהויבען צו שרייען מיט אַ הויך קול:

— דוד מלך ישראל חי וקיים!

און דער עולם נאָך איהם:

— דוד מלך ישראל חי וקיים!

— בעריל, העם בראַנפען. לחיים, לחיים!

און באַלד האט מען געשטעלט דעם בראַנפען מיט'ן געשניטענעם לעקעד אויפ'ן טיש. וואס די גבאים האבען אנגעגרייט אויף קידוש. אידען האבען געטרונקען פון די כוסות לחיים, געטיילט די קינדער לע=קעך, און אנגעהויבען צו טאַנצען אַרום די ביינק מיט די ספרי תורה'לעך:

— אונזער משה רבינו!

— אונזער יעקב אבינו!

— אונזער מאמע אברהם !

נור הערבער פון אלע האט זיך געהערט שמחה אהרן'ס קול. ער איז געשטאנען און געדרעהט זיך אלץ אויף איין אבסאצ :

— דוד מלך ישראל חי וקיים !

קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען עס האט זיך צו דעם אידעל גענומען אזא כח. מיט אמאל האט ער אלעמען אוועקגעשטופט, אראב פון די באנק, און געלאזט זיך אין געסעל ארויס מיט אַ געשריי :

— דוד מלך ישראל חי וקיים !

געגענאיבער דער שוהלכעל איז דאס פלומפעל ; אן אלטער גוי אויף אַ הילצערנעם פוס, סטעפאן דער הינקענדיגער, וועלכער האט וואסער געטראגען אין אידישע הייזער, איז געשטאנען ביים פלומפעל און אנגעשעפט זיך וואסער אין די עמערס. ביים פלומפעל האבען געווארט אַ פאר שיקסלער, גויה'טעס, מיט מעערס, און פריעדליך געשמועסט צווישען זיך ביים פלומפעל.

פון שוהלכעל קומט אנצולויפען אַ קליין דאר אידעל, דעם ספאדעק פארדרעהט אויף אַ זייט, די פאלעס פון די לאנגע אטלעסענע קאפאטע אריינגעשטעקט אין גארטעל, און מיט געוואלט לאזט ער זיך אריין צווישען די גויה'טעס און די שיקסעס, געהמט די עמערס וואסער און גיסט אויס, פערטרייבט דעם אלטען סטעפאן פון פלומפעל :

— דוד מלך ישראל חי וקיים !

די גוי'טעס זיינען דערשראקען געווארען פאר איהם, אנטלאפען פון פלומפעל, או זדער אלטער סטעפאן, אוועקהינקענדיג אויפ'ן הילצערנעם פוס, שרייט אין געסעל :

— מענשען, אנטלויפט, אַ אידישער קאזאק !

שמחה אהרן בענוגענט זיך ניט בלויז, וואס ער האט דעם לאמען וואסער-טרעגער פערטריבען פון פלומפ מיט „דוד מלך ישראל חי וקיים“. נור ער געהט ווייטער ארויף אין געסעל אריין, טרעפט ער אן זשענזשע דעם סטראזשניק.

זשענזשע דער סטראזשניק איז היינט אין גוטען הומאר. ווען עס איז דא אַ יום-טוב און שטאדט ביי איינע פון די דריי אמונות : אידען, קאטויליען און פראוואסלאווען, וואס וואהנען אין זיין מלוכה — האלט זשענזשע סטראזשניק מיט. און היינט איז שמחת תורה. און זשענזשע סטראזשניק דער ערשטער פון די אידען שכור. ער קומט יעצט צו=

ריק פון „גוט־יום־טוב“ בעטען אין אידישע שטיבער, וואו מען האט איהם אומעטום מכבד געווען מיט א טרונק בראנפען און פיש.

שמחה אהרן געהט צו צו איהם אהן מורא, און זאגט איהם:

— גוי, איך האב גישט קיין מורא פאר דיר, דוד מלך ישראל חי וקיים.

זשענזשע לאכט גוטמוטיג, ווייזענדיג זיינע ווייסע ציין:

— נו, שמא, יעווריסקי קאזאק וועסעלא?

— דוד מלך ישראל חי וקיים! — שרייט איהם שמחה אהרן אין פנים אריין.

— זנאיו! — ענטפערט איהם אפ זשענזשע.

באלד קומען אן די קינדער, וואס זייבען שוין געווען נאכ'ן טאטען אין געסעל. געזעהן אז דער טאטע טשעפעט זיך צום סטראזשניק, געהט זיי דאס חיות אויס, האבען מורא, אז עס זאל קיין אונגליק ניט זיין. דער זוהן לויפט צו צום סטראזשניק איהם איבערבעטען:

— יעווריסקי פראזדניק סעוואדניע, — פערענטפערט זיך דער זוהן, ווייזענדיג אויפ'ן טאטען.

— זנאיו — שמייכעלט זשענזשע — א פרעהליכער יום טוב — אליין אויך א ביסעל שכור, שמייכעלט זשענזשע. איך אליין ליעב אויך דעם יום טוב. א גוטער יום־טוב אט דער „שימקאט טאריעק“, לאכט זשענזשע סטראזשניק.

די קינדער נעהמען דעם טאטען אהיים, לעגען איהם קאלטע האנד־טיכער צום שטערען, און חיים'שע דער פעלדשער קומט מיט'ן שמעק־פלעשעלע, און גיט איהם צו שמעקען, אז „דאס הארץ זאל איהם צו־ריקקומען“. און דער איד טרייבט זיי אוועק פון זיך.

— געהט אוועק פון מיר, געהט אוועק, איך בין שכור!

---

אין א פאר שעה שפעטער, ווען שמחה־אהרן שלאפט זיך גוט אי־בער, ווערט ער אויס קאזאק, און פערוואנדעלט זיך צוריק אין א איד מיט אלע אידען צוגלייך. האט מורא פאר א גוי און פאר א הונד, להבדיל; מיידט זיי אויס פון מיילען ווייט. און אז ער זעהט זיי פון

איין זייט געסעל געהט ער איבער אויפ'ן אנדערען. און ער נעהמט זיך צוריק צו זיין פרנסה, צו זיין דער „איידעם“.

נאר אז דער לאמער גוי סטעפאן מיט'ן הילצערנעם פוס דערזעהט איהם, מיידט ער איהם אויס, און האט א ביסעל מורא פאר דעם אידען, און זאגט :

— אט געהט דער אידישער קאזאק !

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| אַלטע לייט | 7 |
| מענשען און געטער | 17 |
| אַהיים | 26 |
| דער זעלנער | 38 |
| אויף אַ מאַמע | 42 |
| מאַמעלע | 56 |
| אַ דאָרפס צדיק | 67 |
| דער זינגדיגער | 73 |
| אַ מעשה מיט אַ ספר | 84 |
| שבת אין וועג | 93 |
| אויף דעם וועג קיין שעמענעץ | 99 |
| מחלוקת אין קאָרטשעוו | 107 |
| צו וואָס ? | 113 |
| דער גובערנאַטאָר קומט | 120 |
| באַנקראָט | 126 |
| אַ פערשטעלטער חתן | 135 |
| אַ אידישער מגיד | 143 |
| די מאַמע מיט דער טאָכטער | 152 |
| אַ גע'גט פאַר=פאָלק | 158 |
| אַ זווג | 163 |
| דער חזן מיט די משוררים | 167 |
| אַ אידיש קינד | 181 |
| אידישע אויגען | 189 |
| אָפּגענאַרט | 194 |
| די אַלמנה | 202 |

| | |
|---|---|
| | זייט |
| א גט — — — — — — — — — — | 208 |
| די משוגענע מאַמע — — — — — — — | 214 |
| א ברוגז — — — — — — — — — | 222 |
| גזלנים — — — — — — — — — — | 234 |
| די ירושה — — — — — — — — — | 243 |
| אין דאָרף — — — — — — — — — | 253 |
| דער אורח — — — — — — — — — | 258 |
| דער רייכער און דער אָרימער — — — — — | 266 |
| קדוש השם — — — — — — — — — | 274 |
| אידישע יום־טובים — — — — — — — | 283 |
| דער אידישער קאָזאַק — — — — — — | 322 |